STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09977

BRILIANTN

Ester Kreytman

*Permanent preservation of this book was made possible
by The National Yiddish Book Center
in honor of the 60th Wedding Anniversary
of Samuel and Miriam Rotrosen*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר קרייטמאַן

בריליאנטן

ראמאן

אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג פֿויעלס,

„היברו דעפּאַרטמענט“,

לאָנדאָן, 1944

MADE IN

First published in 1944
by **Messrs. W. & G. FOYLE, Ltd.,**
Hebrew Department,
Manette Street, Charing Cross Road.
London, W.C.2.

פֿונעם זעלבן מחבר:

„דער שדים טאַנץ",

ראָמאַן

„רעליקוויע"

און אַנדערע דערציילונגען.

„בריליאַנטן", געשריבן — 1936-1939
אַלע כאַראַקטערן אינעם דאָזיקן ראָמאַן, זיינען דורכאויס פּיקציע.
אסתר קרייטמאַן.

Copyright by
ESTHER KREITMAN
London, 1944.

SUPERIOR PRINTERS LTD. (T.U.), 11/13, NEW ROAD, LONDON, E.1.

קאַפּיטל .1

בערמאַנ׳ס מענטשן זענען זיך היינט נישט צונויפֿגעקומען אין דער ביוראָאַריין צו אים אויף דער פּעליקאַן־שטראַסע מיט קיין געשניטענע און געשליפֿענע „פּאַרטיקעס״ בריליאַנטן. ס׳האָט היינט קיינער נישט אָנגעשטעלט קיין תּחנונים׳דיקע שמייכעלעך לגבי דער פֿראָסטיק־גלעזערנער טיר, וואָס פֿירט פֿון לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר גלייך אין בערמאַנ׳ס קדשי־קדשים אַריין. די ביוראָ איז געווען געשלאָסן.

אין די היימען ביי די דימענטן־שניידערס זענען די מאַשינען געשטאַנען שטילע און איבערגעדעקטע, ווי מתים. די ווייבער האָבן היינט גערן אַ פּאָרהאַנגל, אָדער אַ פֿאַרטוך פֿאַרוואָרפֿן, נישט געוואָלט קוקן אויף דער קאַלטער וואָכעדיקער מאַשין, וואָס אין גוטע צייטן ציט זי אַרויס דעם דם התמצית ביי אַ מאַן אָדער אַ זון און אין שלעכטע — רייצט זי די געמיטער פֿון דעם הויזגעזינט, דראָט מיט הונגער און נויט.

בערמאַן אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט אַ צערודערטער ביי זיך אין דער היים און געוואָרטשעט. תּמיד ס׳אייגענע—קומט עפּעס אַ יום טוב אינדערוואָכן, באַפֿאַלט אים אַ מרה־שחורה און אַ רציחה, אַזאַ, וואָס ער קאָן נישט גובר זיין. ער האָט פֿיינט ימים־טובים, בערמאַן, בפֿרט, אַז זיי האָבן מיט אים קיין שום שייכות נישט. ער איז שוין אַזוי געוווינט, אַז אין די פֿרימאָרגנס זאָל אים אַנעקע, דאָס דינסט־מיידל, אַריינטראָגן די רויטע, פֿעטלעכע מעדריציִן, ער זאָל זי נעמען, באַלעקן זיך, ווי פֿון אַ גוט גלעזל וויין און נאָכדעם, וואָס ר׳עט האָבן פֿרום אָפּגעבענטשט, זאָל ער זיך אַ שטעל־אויף טון, אויסציִען זיך אין דער גאַנצער הויך, אויסקנאַקן די ווייכע, ברוינע פֿינגער און זיך דערזען אינעם לאַנגען, געשליפֿענעם שפּיגל, וואָס צווישן די פֿענצטער, אַן אויסגעגלייכטן, אַ פֿיינעם מאַנספּאַרשוין, מיט אַ פֿיין צוגעקעמטער, פֿונאַנדערגעטיילטער באָרד, מיט אַ פּאָר געדיכטע, פֿיינע וואָנסעס און אַ פּאָר קלוגע,

שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן שאַרף, ווי מעסערס. דערנאָך זאָל אים אַנעקע אָפּוואַרטן אין קאָרידאָר מיט אַ בערשטל אין האַנט, כדי אָפּצופּוצן אים די פּעדערלעך, וואָס זענען נישטאָ, אויף זיין גוטן, שוואַרצן אויבער־בגד מיטן פיינעם סאַמעטענעם קאָלנער. ער זאָל כאַפּן אַ לעצטן בליק אינעם שפּיגל פון מלבושים־האַלטער אין גלאַנציקן, רחבותדיקן קאָרידאָר און אַזוי זאָל ער זיך אַרויסשפּאַצירן דורך דער ברייטער, ווייס־פּאָלירטער טיר, וואָס אַנעקע וועט פאַר זיינעטוועגן אָפּן־האַלטן און אַוועקשפּאַצירן זיך צו דער אַרבעט.

— איז נאַדיר גאָר אַ יום טוב אינמיטן דערינען. מנא...

ר'איז שוין אַזוי געוווינט, בערמאַן, אַז יעדן פרימאָרגן, אַבי נאָר ער עפנט די טיר פונעם פאָדערשטיבל אין ביורא, זאָלן זיך אַ הויב־טון אפשר אַ צוויי טוץ „אויך־מיר־מאַנספּאַרשוינען”, נעמען נאַרישעוואַטע און הכנעה'דיק אונ־טערשמייכלען, אונטערשפּרינגען, זוכן אַרויסצורייסן איינער ביים אַנדערן דעם „גוט־מאָרגן” פון מויל אַרויס, כדי דער ערשטער אונטערצוטראָגן אים בערמאַנען.

בערמאַן ווייסט, אַז אַלע האָבן זיי אים פיינט ווי חזיר. פונדעסטוועגן גיט ער תמיד אַוועק די בעסטע אַרבעט די, וואָס קענען צומבעסטן שמייכלען.

— גאווה איז נישט קיין ענין פאַר קיין קבצנים — זאָגט זיך בערמאַן און פילט פונדעסטוועגן אַ חרטה אין האַרצן, מחמת ער האָט פיינט גאַליציאַנער און עס פאַרדריסט אים הלמאי ער גיט אַוועק די בעסטע שטיינער דווקא זיי, די גאַליציאַנער, און ער פּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין:

— כ'האָב פיינט אַ דל גאה! — קוועטשט ער דעם „דל” מיט דער צונג און נעמט זיך שאַרן מיטן צווענגעלע צווישן די אָפּגעבערענגטע בערגעלעך דימענטן, וואָס זעען שוין איצט אויס, ווי קייקעלעך פאַרטרוקנטע בלאָטע.

שאַרט ער, בערמאַן, שאַרט, שאַרט, ביז ביי די מענטשן פאַלן די הער־צער איין, ביז ס'הויבן ביי זיי אָן אַרויסקומען רויטע פלעקן אויף די באַקן־ביינער. דערנאָך קוקט ער, קוקט, קוקט און אַז ער געפינט פאָרט נישט קיין חסרון, די שטיינדלעך זענען נישט פאַרשניטן, זיי האָבן די אמתע פאָרם, נעמט ער זיי וועגן אויפן „באַלאַנסל”. צופיל פאַרלוירן האָבן זיי אויך נישט. רוקט ער זיי אָפּ אָן אַ זייט. טיילמאָל מאַכט ער פון אַלע בערגעלעך איין באַרג. טיילמאָל האַלט ער זיי אָפּגעזונדערט איינס פון ס'אַנדערע, ווי זיך פון די אַרבעטער. לסוף וויקעלט ער שוין איין די „רויע וואַרע”, וואָס זעט אויס ווי שטיקלעך וואַש־סאָדע, אין „בריוועקעס” (אַזעלכע ווייסע פּאַפּירעלעך),

זאָגט אָן פֿון יוצא־וועגן מ׳זאָל זען אַכטונג געבן, זיי זאָלן נישט צופֿיל פֿאַר־לירן, די שטיינדלעך בעת׳ן שניידן, און שטעקט אויס אַ „ברייוועקע״ סתּם אין דער וועלט אַריין. טוען די מענטשן אַ פֿלי־אונטער, אַזוי ווי הינער בשעת דער באַלעבאָס שיט אויס ברעקלעך פֿאַר זייערטוועגן, נאָר בערמאַן לאָזט נישט כאַפּן. ער טוט אַ גיכן בליק מיט אַ שוואַרץ־לאַכנדיק אויג און רופֿט אויס אַ נאָמען:

— פֿרידמאַן!

לויפֿט פֿרידמאַן אונטער אַזוי פֿלינק, אַז ער פֿאַלט שיעור נישט אַרויף צו בערמאַנען אויפֿן ביוראָ־טיש מיטן קליינעם גופֿ׳לע. די איבעריקע בלייבן שטיין מיט די הענט אין דער לופֿט. ביסלעכווייז פֿאַלן אַרויס אפשר צוויי טוץ „אויך־מיר־מענטשן״ פֿונעם קאָרידאָרל און ס׳פֿאַלן שטיינער פֿון הערצער.

— געלויבט דער אויבערשטער, איבערגעקומען! — פֿרייען זיי זיך, הגם זיי ווייסן גאַנץ גוט, די אַרבעטער, אַז מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועט זיך אַלצדינג איבערחזרן. נאָר מילא, מ׳איז שוין געוווינט.

אָפּגעפּטרט די מענטשן, גרייט זיך בערמאַן אויפֿצונעמען די מעקלער, וואָס ר׳האָט אַרויסגעשיקט מיט זיין סחורה, מיט זיינע בלישטשענדיקע ברי־ליאַנטן. און ער רייבט זיך די הענט פֿון הנאה.

באַווייזט זיך איינער, באַווייזט זיך נאָך איינער. בערמאַן נעמט זיי אויף איינציקווייז, האָט פֿאַר יעדן אַן אַנדער וואָרט:

— זיצן זי הער ראָזנבאום! נו, וואָס הערט זיך, הער ראָזנבאום?

אָדער:

— נו, עפּעס געמאַכט? ניין? ווידער גאָרנישט? כ׳בעט אייך, האַצקע־לעוויטש, פֿאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ! טאַקע? אַ גדולה אויף אייער באָ־בען! דערווייל נאָכנישט!

בערמאַן האָט ליב צו זען ווי די מעקלערס גרייטן צו דעם ים רייד, מיט וואָס איינצושמועסן אים, אַז ער זאָל אַראָפּלאָזן פֿונעם פּרייז, ווען זיי קענען פֿאַרקויפֿן. קוקט ער אַזוי, מיט אַ גלאַנץ אויף דער לאַנגער, ברוין־הויטיקער נאָז, שמייכלט מיט די שוואַרצע אויגן און קעמט זיך די באָרד מיט די פֿינגער. אַז די שלימזלניקעס האָבן שוין אָפּגעשווירן ביי ווייב און קינד, ביי באָרד און פּיאות, ביי גאָט אַליין, טוט ער זיי געבן אַ האַק אָפּ, אַז עס הויבט זיך גאָרנישט אָן און רופֿט צוריק אַריין דעם הער ראָזנבאום.

— זאַגען זי, זי האַבן פֿאַרקאַופֿט. דאָס איסט פֿיין! אונד מיט אַ גוטען

מקח, זאָגען זי? זייער פֿיין. איך האָבע ניקס דאַגעגן. וואָס? דאָס נעינען זי איין גוטען מקח?

— הערן זי, הער בערמאַן, ווען זי וואָלען ניכט, נעם איך צוריק די וואָרע. מען האָט זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק געריסן איבער איר.

בערמאַן דערשרעקט זיך, טוט זיך אַ באַהאַלט צווישן דעם שמייכל אויף די רויטע ליפּן אין די טונקעלע וואָנסעס און רעדט געלאַסן:

— דאָס זענען „באַמצעס", הער ראָזנבאום! מיט מיין וואָרע האָב איך מיך, חלילה, נישט וואָס צו בעטן.

און ער טוט אָן דאָס אויבער־בגד, אַ רמז, אַז ער דאַרף שוין אַוועקגיין אין בערזע אַריין און ער האָט נישט קיין איבעריקע צייט צו פֿאַרלירן צוליב „באַמצעס"... ראָזנבוים באַגלייט אים. אויפֿן וועג צו דער בערזע ווייזט ער אויף בערמאַנען, מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל, דאָס אויב ער באַשטייט נישט אויפֿן אָנגעבאָטענעם מקח, וועט ער שוין קיינמאָל אינעם גאַנצן לויף פֿון דימאַנטן־האַנדל קיין זאַ פּרייז נישט באַקומען.

— עט!...

אין בערזע הויבט זיך אָן אַ נייער יריד.

— הער בערמאַן, אַ פּאַרטיקעלע „בלוי־ווייס"?

— האָב עך פֿאַר אינען עטלעכע קאַראַט, הער בערמאַן, האָבען זי זאַ וואָס נאָכנישט געזען. דאָס הייסט וואָרע, נישט? זאָל עך מיר שוין האָבן אַזאַ מזל!

— הער בערמאַן!

נאָר בערמאַן הויבט אפילו די אויגן נישט אויף. ער זיצט און שאַרט מיטן צווענגל, איז אַזוי אַריינגעטון אין דער אַרבעט, אַז עס דאַכט זיך דער מענטש וואָלט נויטיק, ווי ס'לעבן, געדאַפֿרט האָבן כאָטש זעקס און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, כדי זיך צו קענען אָפּפֿאַרטיקן מיט זיינע קופּקעלעך דימענטן.

— איז נאָדיר אַ יום־טוב אינמיטן דערינען! און נאָך וואָס פֿאַראַ יום־טוב? — אוי־אוי!

די פֿלעמער האָבן זיך, ווי אַלע יאָר אין דער צייט, אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן, כדי דאָרטן אונטערן פֿרייען הימל, צו פֿייערן זייער יערלעכן „קערמעס" (אַזאַ קאַרנאַוואַל). יעדע שטאָט, יעדעס ווייטלעך דערפֿל אפילו האָט אָפּגעהיטן אויפֿצוהאַלטן דעם־אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב. נאָר אין אַנטווערפּן איז די

שמחה געווען גרעסער ווי אומעטום. האָבן זיך די דאָרפֿס־לייט און בעיקר די פֿון די שכנותדיקע ישובים געצויגן איבער די פֿלאַכע, ליכטיקע פֿעלדער, אויסגעפּוצטע, הייטערע, פֿריילעכע, געצויגן זיך שורות־ווייז און צעשיטע איבער וועג און שטעג. אויף שמעקעדיק פֿאַרשניטן גראָז, אונטער העלער זון, פֿאַרביי גאָלדענע סנאָפּעס קאָרן, נאָכנייטט קיין פֿאַרטריקנטע סטויגעס היי. ס'האָבן זיך געהוידעט אויף קליינע וועגעלעך אַלטע באָבעס, מיט זון־באַגאָסענע, געדונצלטע פּנימער. אין יעדער קנייטש — אַ שמייכל. יינגוואַרג האָט פּשוט אַריינגעטאַנצט אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט איז, אַחוץ גאָר אַלטע און קראַנקע, כמעט קיינער אין דער היים נישט געבליבן. און האָט אַ פֿאַרשפּעטיקטע פֿלעמערקע נאָכנישט געהאַט באַוויזן אָפּצושייערן, די גרויע שטיינער פֿונעם האַלבן הויז, וואָס פֿירט אין גאָס אַריין, האָט זי האַסטיק געפּירט מיט דער האַרטער באַרשט איבער דער לויזער מידלינע, מיט אימפּעט געגאָסן די לעצטע עמערס וואַסער, אונטערגעקלאַפּט צום ריטם מיט אירע הילצערנע שיך, וואָס האָבן זיך געטאָפּטשעט אין דער נעץ, ווי לאָטקעס, און איז אַ האַלבע שעה שפּעטער אויך שוין געווען אַן אויסגעפּוצטע אין גאַס, געפּראַוועט יום־טוב.

אינדרויסן, אַרום די קאַפֿעען, זענען געזעסן מיטליעריקע און עלטערע, רויט־פּנימדיקע, קורץ־פֿיסיקע פֿלעמער און פֿלעמערקים: אויף שטרוי־געפֿלאָכטענע שטולן, אַרום גרין־געפֿאַרבטע טישלעך און האָבן זיך ווויל־געטון ביי אַ גלעזל שוימיק ביר, אָנגעשטעקט זיך פֿון דער רוישנדיקער יוגנט און מיט־געזונגען דאָס דעמאָלט־פּאָפּולערע פֿלעמישע לידל:

אולאַלאַ,
אין פּאַריק פֿאָן דער נאַכטיגאַל!
אולאַלאַ.

מיידלעך האָבן ממש געבלענדט די אויגן מיט קאָלירן, גערייצט מיט זייער העל געלעכטער. מיט שטיפֿערישער הפקרות, אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אַ חן־גריבל אַ בליק. קונציק אויפֿגעכאַפּט אַ בחוריש אויג און געפֿונען אַן ענט־פֿער... יינגען האָבן געטאַנצט, געשפּילט אויף האַרמאָניקעס, געפּלאָנטערט זיך צווישן פֿאַרפּוצטע אויטאָמאָבילן, אַלע ווײַלע אַרומגעכאַפּט אַן אַנדער מיידל און געקושט. פֿענער האָבן געפֿלאַטערט, סטענגעס האָבן זיך געגאָסן, רויט, שוואַרץ, געל.

אפילו די דימענטן־בערזע און דער קלוב זענען היינט געווען געשלאָסן

צוליבן יום־טוב. רייכע יידישע דימענטן־הענדלער זענען זיך צעפאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער־אַריין. דער מיטל־קלאַס איז געפאָרן קיין ספּאַ און קליינטשינקע סוחרימלעך און מעקלערלעך, וואָס האַנדלען מיט „פויער" און „באַקפּאַליעס", האָבן געהאָלפן פייערן דעם בעלגישן יום־טוב אין שטאָט.

איין בערמאַן האָט זיך נישט געוואָלט אָננעמען מיטן יום־טוב. ווי אַ זשורמען פון אַ זלידנער פליג האָט אים גערייצט דאָס זינגען אין גאַס, געגרילצט אים אין די אויערן. האָט ער זיך פאַרשטעלט די אויערן מיט די הענט, האָט אַ טעמפּער זשומען מער נאָך געראַצט די נערוון. ער האָט זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק איבערן טונקל־בלויען טעפּיך, וואָס האָט איינגעזאַפּט די טריט אין זיך אַריין און גאָרנישט נישט דערציילט. נאָר ס'פּנים בערמאַנס האָט גערעדט. יעדער קנייטש האָט דערציילט אַ מעשה. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן ס'מעבל, ווי ער וואָלט עס היינט דאָס ערשטע מאָל געזען. די שווערע שטיקער זילבער אויף דער דעמבענער קרעדענץ האָבן אים העל אָקעגנגעלאַכט. דער שטיי־זייגער אין ווינקל האָט רואיק און רעגלמעסיק געטוקט. די לעדער־געבעטע שטולן זענען זיך געשטאַנען סאָליד און מנוחה'דיק אַרום שווערן טיש. אַ דין שטויבעלע, אַזאַ, וואָס אַנטפּלעקט זיך נאָר אין גאָר העלע, זוניקע טעג, ביי אַזאַ ריינקייט, האָט זיך געצויגן פון פענצטער צום שפּיגל, איבערן ווייסן, מאַרמאַרנעם קאַמין. אַלץ האָט אויסגעזען נגידיש, רואיק, ציכטיק און גוט.

— מנאַ! אויסגעברענגט זיך אויף דער נבלה! בחינם געלאָזט אים לערנען. געדענקט זאָל ער ענדיקן אַ שול. זאָל ער קענען. ס'קומט צונויף. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? — אַ בוידעם. בנים ומשחיתים זענען געוואָקסן און איך האָב זיי געלאָזט, נישט באַגראָבן זיי קליינערהייט? — האָט בערמאַן, רעדנדיק צו זיך אַליין מכוח דעם זון זיינעם דוד, פאַרגעסן, אַז דוד איז נאָר איין משחית און נישט קיין משחיתים. — געמיינט, כ'על עם מיטנעמען אין בערזע אַריין. ווי דען? מאַכן אים פאַר אַ מיטגליד. באַקענען אים מיט סוחרים, ער וועט האַנדלען, אַרויפאַרבעטן זיך, דערנאָך וועט ער טון אַ רייכן שידוך און טאַקע—ס'קומט אים נישט? אַ שיינער איז ער דאָך, דוד, אַ געלערנטער אויך. היינט מיט בערמאַנען זיך משדך זיין האָט דאָך אויך עפּעס צו זאָגן! נו, און מיטן פעטן נדן וואָלט מען צוזאַמען געהאַנדלט, פאַרגרעסערט ס'געשעפט, אַליין קען מען קיין יינגל נישט אָנטרויען אַזאַ „הון רב" — האָט זיך בערמאַן אַזש צעשמייכלט, ער האָט אַ שפּרייט־אויס געטון די

הענט, כדי צו דערזען געני וויי גרויס ס׳וואָלט געווען דער שטח, וואָס דער נדן וואָלט פֿאַרנומען.

זיי וואָלטן געקויפֿט די גרעסטע פֿאַרטיען, די בעסטע סחורה, די גרעבסטע שטיינער וועלן אַרייַנפֿאַלן צו זיי אין די הענט אַריין. די גרעסטע סוחרים וועלן עס האַלטן פֿאַר אַ זכיה, אַז בערמאַן וועט זיי ציִיגן אַ פֿאַרטיקעלע בלוי־ווייס. מיט קיין קליינע וועט ער קיין מגע־ומשא נישט האָבן...

פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער חלומט. ער האָט זיך אַ האַסטיקן שטעל אָפּ געטון, ר׳איז אַזש פֿינצטער געוואָרן, פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין, וואָס לאָזט ער זיך עפּעס אַריין אין דמיונות? אום׳ממשותדיקע מחשבות?

— עוקר מן השורש זיין וועל איך אים, דעם ליידאַק! אַרויסיאָגן, ווי אַ הונט! אַרויס!

דער געדאַנק, אַז ער וועט אים אַרויסיאָגן, דעם זון, האָט אים אַביסל באַרואיקט, בערמאַנען. אַ מידער, איז ער איצט געגאַנגען אַהין און צוריק, שטילער, געלאַסענער, געהיטן זיך נישט אויפֿצוּוועקן צוריק דעם כעס, וואָס מאַטערט אַזוי אויס, נעמט אַרויס דעם דם־התמצית.

— מנאַ.

קאַפּיטל 2.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אָפּגעריסן בערמאַנען פֿון די שווערע מחשבות. ער האָט גענומען גלייכשטעלן די שטולן אַרום טיש, הגם זיי זענען סיי ווי געשטאַנען גלייך. צערעכט געמאַכט זיך די פּיר־קאַנטיקע, זיידענע יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ, דורכגעקעמט זיך מיט די פֿינגער די באָרד, האָט ער אויסגערופֿן אויף פֿראַנצויזיש:

— אַנטרעע!

— אַה, הער שאַפּירא, אַ גאַסט! — האָט בערמאַן אַרויסגערוקט אַ שווערע, לעדערנע שטול, געבעטן שאַפּיראָן זיצן און אַליין זיך געזעצט אויבנאָן.

— וואָס מאַכן זי הער שאַפּירא? ווי גייט עס אינען? אַ גאַסט!

שאַפּירא, אַ קיילעכיק יידל, מיט אַ שוואַרץ, קיילעכיק, פֿאַרשוירן בערדל, וואָס האָט אויסגעזען שוואַרצער נאָך אויף זיין פֿולן ווייסן פּנים, האָט זיך געזעצט, אַרויסגענומען די ברילן, אויסגעפּוצט זיי מיטן שטיקעלע געלן זאַמש, אָפּגערוקט זיי פֿון זיך, חוקר ודורש געווען צו זיי זענען טאַקע באמת

ריין. דערנאָך ארויפגעזעצט זיי אויף דער נאָז מיטן קליינעם, ווייסן פּוכיקן הענטל. די ליפּיקע אויגעלעך זיינע האָבן, אַחוץ אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב אויך באַלד דערזען, אַז בערמאַן איז עפּעס נישט אויפגעלייגט. „אהאַ, שוין ווידער מסתמא געהאַט אַ סצענע מיטן זונדל. ער מיינט די וועלט שלאָפּט. מען דאַרף אים דערציילן די נייעס. זאָל אים הנאה טון.״

ער האָט זיך גלייכגעמאַכט די ברילן, באַפּעסטיקט זיי אויפן סאַמעטענעם קישעלע און געוואַרט בערמאַן זאָל אָנהויבן.

— נו, ווי געיטס, הער שאַפּירא?

— זאָ. דאַנקע שעין. מען לעבט ברוך השם! אונד ווי געיט עס אינען, הער בערמאַן. עפּעס געמאַכט געשעפט?

בערמאַן האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף שאַפּיראַן. ער האָט אַ לייכט זיפצל געטון.

— ניין, ליידער קיינע געשעפטע נישט געמאַכט! אַלע זענען זיך צעפאַרן, וויזאָ קען מען מאַכן געשעפט. מנאַ. אַ יום־טוב אויף זייערע קעפּ.

— זי האַבן רעכט! — האָט זיך שאַפּירא נישט געוואָלט איינרייסן.

— האַבן זי שאָן געהערט די לעצטע נויעס, הער בערמאַן? — האָט שאַפּירא געגעבן אַ גנביש שמייכעלע.

— נויעס? ניין איך האַבע ניכטס געהערט, קיינע נויעס!

— האַבן זי נישט געהערט, דאַס דער צווייגענבוים האַט שאָן פאַרקנסט דעם זאָן?

בערמאַן האָט אַ לייכטן ציטער געטון. ער איז בלאַס געוואָרן. שאַפּירא האָט פון אונטער די ברילן אַפּער בגנבה געקוקט אויף בערמאַנען און הנאה געהאַט.

— טאַקע מיט ליבערמאַנס טאָכטער?—האָט בערמאַן אַזש פאַרגעסן צו רעדן דייטש.

— יאַ. אונד מען זאַגט, דאַס די כלה האַט נישט מער אונד נישט ווייניקער פון אַ האַלבן מיליאָן פראַנק. אַבער איך גלויב עס נישט — האָט שאַפּירא געטרייסט...

בערמאַן האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געטראַכט, אַז ווען דוד קומט אים איצט אונטער, וואָלט ער אים פאַר׳שרפה׳ט. ער וואָלט אים הענט און פיס צעבראָכן. ער האָט גענומען רייסן די פראַנדזן פון דעם רויטן פּליושענעם טישטוך, פּויקן דערויף מיטן ווייז־פינגער. און אַז דאָס טישטוך

אסתר קרייטמאן

האט פארשלונגען דעם עכא אין זיך אריין, האט ער זיך ווידער גענומען צו די פראנדזן.

— זא, זא! דאס הייסט מזל! דער צווייגנבוים וועט שוין יעצט נישט דארפן זארגן ווי נעמט מען געלט צו קאפן א „פארטיקע". העהעהע — האט שאפירא דראבנע געלאכט.

בערמאן האט געפילט דאס געלעכטערל, שטארק געפילט. עס גרילצט אין די אויערן, עס מאכט נערוועז. ער וואלט א בעלן געוועו אנצונעמען דעם קיילעכיקן שאפיראן און אים אראפווארפן פון אלע טרעפ.

— מען זאגט, אבער, דאס די כלה... — האט בערמאן געוואלט דער־מאנען שאפיראן אז די כלה האט א מום. נאר שאפירא האט אים נישט גע־לאזט קומען צוםווארט.

— אך, וואס מען זאגט. מען פארגינט נישט, רעדט מען! ס'איזט אימער זא.

בערמאן האט געפילט, אז נאך איין רגע אזא און ער וועט אפטון א נא־רישקייט. האט ער, כדי צו דערשטיקן דעם צארן, וואס ר'האט איצט געפילט לגבי שאפיראן, מער נאך ווי לגבי דודן, א רוף־געטון דאס ווייב:

— ראזא, זע מען זאל אריינברענגען עטוואס צום געניסן.

זיין ווייב, וואס האט אחוץ אין דער אנוועזנהייט פון גאר וואזשנע געסט, געהייסן רחל און נישט ראזא, האט פון זיך אראפגעווארפן דאס פאר־טוכל, קלענער געמאכט דאס פלעמל אין גאז־אויוון, ווו ס'האט זיך געבראטן אפשר א האלב קעלבערן זייטל און איז אן אנגערויטיקטע אריין אין עס־חדר.

— די שיקסע איז אוועק, א יום־טוב אויף זייערע קעפ! — האט זיך רחל פארענטפערט פאר שאפיראן, וואס זי און נישט די שיקסע טראגט אריין כיבוד. שאפירא איז ווי א גאלאנטער קאוואליער, אויפגעשטאנען און זיך א קאמישן נויג געטון:

— גוטען טאג, מאדאם בערמאן!

— א גוטן טאג, א גוט־יאר! — האט זיך רחל לגמרי פארגעסן און גע־רעדט פראסט פשוט יידיש. זי האט זיך צוגעזעצט צום טיש, געגלעט זיך ביים יום־טובדיקן אנגעקארבירטן שייטל און נישט געוווסט וואס מיט זיך צו טון. זי האט געזען, אז דער מאן זעט אויס ווי א קעסל, שטיקט אין זיך א כעס אזא, וואס איז איר גוט באקאנט און ס'הארץ האט אין איר געציטערט. זי האט שטילערהייט תפילה געטון, געבעטן דעם רבונו של עולם, ער זאל

זעען, אַז בערמאַן זאָל זיך כאָטש קענען איינהאַלטן ביז שאַפּירא וועט אַוועק־גיין, נישט פֿאַרשוואַרצן איר ס'פּנים, חלילה.

— געניסן זי עטוואָס, הער שאַפּירא!

— אַך, ס'וואַר גאַרנישט נויטיק! באַמיען זי זיך נור נישט. — האָט שאַפּירא געזאָגט און האָט מיט די שוואַרצע, לויפּיקע אויגעלעך זיינע אויס־געקליבן דאָס שענסטע בינטאַלע וויינטרויבן, שוואַרצע, זאַפּטיקע וויינטרויבן. ער האָט געציפּט: פֿון די טרויבן און איר איבערדערציילט די נייעס מיטן שידוך.

רחל איז בלאַס געוואָרן. זי האָט אַ קוק געטון אויפֿן מאַן און ס'האַרץ איז איר איינגעפֿאַלן. שאַפּירא האָט געבליצט מיט די שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן אים בלוי געמאַכט די ווייסלען. ער האָט געברענט מיט זיי בערמאַנען. בערמאַן איז געזעסן ווי פֿאַרגליווערט, געקוקט אין חלל אַריין מיט אַ פּאָר אַרויסשטאַרצנדיקע אַפּלען. די געדיכטע, שוואַרצע ברעמען האָבן אים גורם געווען אַן אויסזען פֿון אַ ווילדן מענטשן, וואָס אַן אויסטערלישער אימפּעט איז אין אים געהאַמעוועט געוואָרן און ער איז צוליב דעם פֿאַרשטיינערט געוואָרן מיטן ברען אין די אויגן נאָך, מיט דער גרויסער, ברוינער האַנט איינגעקלאַמערט אינעם אייגענעם פֿלייש פֿונעם נאַקן.

שאַפּירא האָט זיך לסוף אויפֿגעשטעלט:

— אַלזאָ, פֿאַרגעסן זי נישט, הער בערמאַן, דאָס איסט יאַ וואַרע!

דאָס האָט בערמאַנען אויפֿגעוועקט. ר'איז אויפֿגעשטאַנען, אפילו גע־פּרוווט שמייכלען, געפֿרעגט שאַפּיראַן וואָס ער איילט זיך אַזוי און געטראַכט, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז אָט דער אונגאַרישער גנב, דער שאַפּירא, זאָל אויפֿן וועג הענט און פֿיס צעברעכן.

שאַפּיראָס חוצפּהדיקע האַלטן זיך, די נייעס מיטן שידוך, קנאה, חרפּה פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר זיין אייגענער שוואַכקייט, וואָס ער האָט געלאָזט שאַפּיראַן זעען גאַנץ אָפֿן, שאַפּיראָס הנאה — מיט יסורים האָט דאָס בערמאַן איצט אַלץ געזעען, און ער האָט געזוכט אויסצולאָזן דעם כעס צו עמיצן, ער האָט געזוכט רחלען מיט די אויגן. נאָר רחל איז מיט שאַפּיראַן אינאיינעם אַראָפּ די טרעפּ און איז אַרויס פֿון הויז. זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין קעגנאיבער־דיקן געוועלבל, איינגעקויפֿט זאַכן, וואָס זי האָט גאַרנישט געדאַרפֿט. איינגע־זען, אַז קיין שטורעם וועט זי שוין היינט סיי־ווי נישט אויסמיידן, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט מיט ווייכע, קעציש׳ע טריט אַריינגעשאַרט זיך אין קאָרידאָר. זי האָט אַריינגעקוקט דורכן שליסל־לאָך. ס'האַרץ האָט

אין איר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. נאָר ס'איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: אויף אַזאַ הצלחה האָט זי זיך אַליין נישט גערעכנט. בערמאַן איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש, ביידע הענט אונטער דער באָרד, די באָרד אויפֿן טיש און געכראָפּעט.

— געלויבט צו גאָט דערפֿאַר! — איז רחל אַ דערלייכטערטע אַריין אין קיך. זי האָט אַן עפּן־אויף געטון דאָס שווערע, אייזערנע טירל פֿון אויוון. אַ היץ צוזאַמען מיט אַ געשמאַקן ריח פֿון געבראָטנס, האָבן איר אַ זעץ געטון אין דער נאָז אַריין, אַ פֿלאַם געטון ס'פּנים. אין איין זייט נאָר האָט דאָס פֿלייש אָנגעהויבן ברענען, די רעשט האָט אויסגעזען ברוין, זאַפּטיק און געשמאַק. „באַ לייטנס מענטשן האָבן נחת פֿון אַ קינד" — האָט זי איבערגעווישט די טעלערס, געגרייט מיטאָג, דערמאָנט זיך, אַז דער מאַן וועט זיך מסתמא באַלד אויפֿכאַפּן און אַז נישט, מוז זי דאָך אים סיי־ווי אויפֿוועקן צום עסן. „אַן אומגליק דאָס איז, אַריינגענומען זיך אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין, דוד זאָל נעמען דאָס פּאַרזעניש. דודל! אַ גאָלדן קינד און יענץ איז אַ קאַליקע, משטיינס־געזאָגט. און ער, דער אונגאַרישער ווייבערניק, געהער איר שוין גאָר צו אירע צרות. ביי אים איז נישט קיין חילוק, אַלטע, יונגע. אַלטע? ס'זענען נאָך דאָ אַזעלכע מיידלעך, כ'לעבן."

אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג.

אולאַלאַ!
אין פּאַריק פֿאָן די נאַכטיגאַל,
אולאַלאַ!

זשאַנעט, די טאָכטער בערמאַנס, איז אַרויף דריי טרעפּ מיטאַמאָל.

— דאָס משוגעת גייט שוין! זי וועט נאָך אויפֿוועקן דעם טאַטן. — האָט רחל געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל האַלטן אין איין שלאָפֿן.

און זי האָט אים טאַקע אויפֿגעוועקט. בערמאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זיך הויך צעגענעצט, גענומען רייבן זיך דעם רעכטן פֿוס, וואָס איז אים אין שלאָף שטייף געוואָרן, אויסגעצייגן זיך, אַוועקגעשטעלט זיך אויף דער שוועל אין קיך אַריין, האָט ער אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע. ער איז געבליבן שטיין עטלעכע מינוט אין דער גאַנצער ברייט און הויך. דערנאָך האָט ער זיך מישב געווען, איז אַריבער די גרעניץ, געוואַשן זיך די הענט, ס'פּנים, איינגעריבן זיך מיטן בריטן, ווייסן האַנטוך און געקוקט אינעם שפּיגעלע איבערן זליוו. רחל האָט

אים נאָכגעקוקט יעדן טריט, זי האָט זיך איינגעשטעלט ס'לעבן און אים אַ פֿרעג געטון :

— ס'גיין עסן, גדליהו ?

ער ענטפֿערט נישט. הייסט עס, אַז מען מעג שוין גרייטן צום טיש.

— זשאַנעטקעלע, טו אַ טאַנץ אַריין אין עס־שטוב, אין דריטן שופֿלאָד ליגן די לעפֿל מיט די גאָפּל, טו מיר אַ טובה.

זשאַנעט האָט זיך פֿאַרקרימט. דערנאָך האָט זי זיך מישב געווען, אָנגענומען אַ ברעג קלייד צווישן די פֿינגער, אויפֿגעהויבן עס אינדערהויך און האָט אויף אַן אמת אַריינגעטאַנצט אין עס־חדר.

אַ געקלאַטער פֿון זילבער, צוזאַמען מיט אַ הילכיק מיידלש געלעכטער האָט אַריינגעבראַנגט לעבן אין שטוב אַריין. זשאַנעט האָט זיך אַ וואָרף־געטון אויף דער אויסגעזעסענער לעדער־שטול אין קיך און זיך צעשיט פֿון געלעכטער. דאָס זילבער האָט געגלאַנצט אויף דער פּאָדלאָגע. רחל האָט זיך אַליין אַראָפּגעבויגן, צונויפֿגעקליבן די זאַכן און געזיפֿצט.

ביים טיש זענען געזעסן דריי מענטשן און זיך געפּאַרעט מיט גאָפּל־מעסער, מיט לעפֿל. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זשאַנעט האָט געוווּסט, דער פֿאָטער האָט פֿיינט אַז מען רעדט ביים עסן. ווי אַזוי זאָגט ער עפּעס ? „אין מסיקן בסיידע" (אין משיחין בסעודה).

אָפּגעגעסן, איז זי אויפֿגעשטאַנען, איז צו צום פֿאָטער, אַריינגענומען זיין לאַנגן קאָפּ אין אירע ביידע קליינע אַליוור־קאָלירטע הענטלעך. בערמאַן האָט אַ ציטער געטון. די ווייכע וואַרעמקייט פֿון אירע יינגע הענטלעך האָבן אים וויל־געטון. זי האָט אים געקושט אין דער סאַמע באָרד אַריין, אויף די האַריקע באַקן, אין די וואָנסעס אַריין.

— אמת פּאַפּאַקעלע, וועסט נישט זיין אין כעס, אַז די מאַמע וועט אַרויסגיין מיט מיר אויף דער קייזערליי ? איך גיי סיי־ווי צוריק אַרויס. זאָל די מאַמע אויך גיין. וואָס אַרט דיך ? דו אַליין וואָלסט אויך געמעגט אַרויסגיין, ס'אַזוי קאָמיש, די גרעסטע חסידים זענען היינט אינדרויסן און זיי ווינקען צו די שיקסעס — האָסט שוין, געדאַרפֿט זעען.

— אַז נישט געראַכט זאָל זי ווערן, די מויד ! זי ווייסט שוין אַליין נישט וואָס זי רעדט. די גרעסטע חסידים ווינקען צו שיקסעס ! ס'מוזן זיין יענע חסידים.

אסתר קרייטמאן

— וואס ווייסט זי? אז מ'האט א בארד, איז מען ביי איר א חסיד!

— האט זיך רחל ארויסגעכאפט מיט א ווארט.

— ווער זענען עס דיינע חסידים? — האט בערמאן געפרעגט סתם אזוי...

— זעסט שוין, מאמא, כ'האב דיר געזאגט, פאפא עט לאזן. ר'איז דאך אזא גוטער. עי, פאפאקעלע — האט זשאנעט אנגעשטעלט א גלענצל אויפן פאטער ווי זי טוט עס מיט די יונגעלייט אירע.

— וואס זאגסטו, זאל איך גיין גדליהו?

— אויף דער אלטער בהמה איז אויך א יום־טוב!

רחל האט שוין פארשטאנען, אז זי מעג גיין.

זשאנעט איז שוין געפלויגן פון די טרעפ. די מוטער האט איר אנהאלטנ־דיק זיך אין פארענטש, פאמעלעך און שווער נאכגעפאלגט. זי האט געכאפט א בליק אין שפיגעלע פון מלבושים־האלטער און זי האט זיך דערמאנט מיט א ווארעמקייט ביים אלטן הארץ אינעם אונגארישן ווייבערניק.

זשאק, דער יונגסטער אין דער משפחה, בסך־הכל צוועלף יאר אלט, איז גראד אנגעקומען, ווען די מוטער מיט דער שוועסטער זענען ארויס פון הויז.

— זשאק, זאלסט עסן אין קיך, הערסט? ווייז זיך נישט פארן טאטן, ער איז אויפגערעגט. האלט דיך שטיל. למען־השם, נאר שטיל. הערסט?

— כ'הער, כ'הער! — איז זשאק ארויף די טרעפ מיט א גיכקייט פון א האז.

אויף דער קייזערליי איז נאך אלץ געווען לעבעדיק. ביי די קאפעע־טיש־לעך האט מען שוין איצט פאר קיין שום געלט קיין שטיקל ליידיק ארט נישט געפונען. די זון האט שוין איצט ממש געבראטן. דעקאלטן זענען אינעם משך פון עטלעכע שעה רויט געווארן. די לופט האט געשטונקען פון חזיר, ביר און געבאקענע קארטאפל. גאנצע ימים ביר האט מען איצט געגאסן אין די דורשטיקע העלדזער אריין. יינגען האבן געזונגען אויסגעלאסענע לידער, מיידן האבן זיך זיי געווארפן אין די ארעמס אריין. מ'האט געטאנצט אויף טראטוארן, אין מיט גאס. דאס אלטווארג ארום די טישלעך האט צוגעקלאפט מיט די אויסגעליידיקטע ביר־גלעזער אויף בלעכערנע טאצן, צוגעגעבן שיכורן מוט, הייזעריק מיטגעזונגען.

אולאלא!

יידישע ווייבער, אויסגעפוצטע, אין יום־טובדיקע שייטלעך, אין עסיג און אין האניק, האבן ניכטערע, מיטגעפרייט זיך מיטן המון, געחוזקט פון די

שיכורים. יידישע בחורים און מיידלעך האָבן שפּאַצירט געאָרעמט, פרייַ פאַר אַלע אַנטוועריפעניער נגידיות׳טעס אין די אויגן, אַ האָר נישט מורא געהאַט באַרערט צו ווערן.

רחל האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּשטעלן מיט באַקאַנטע.

— וואָס זאָגן זי עפּעס צו די שנאָרערס! נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן פאַר די רייד! די צווייגנבוים׳ס מיט ליבערמאַנס טאָכטער! זאָ וואָס האָט נאָך נימאַלס פּאַסירט! זאָ איין גליק! — האָבן די ווייבער צוגעשמאָלצן רחלען דעם פרימאָרגן און איר אינ־איינוועגס דערמאָנט, אַז דערווייל זעט מען נישט דורן פאַר די אויגן. און צוליב אים איז זי דאָך בסך־הכל אַרויס־געקומען. ווען נישט,וואָלט זי זיך ליבערשט אַריינגעפּאַקט אין בעט אַריין. שוין אַ האַלבע וואָך פאַרביי, און נישט מען הערט און נישט מען זעט. ווו האָט זי אים שוין נישט אויסגעזוכט? אַ קינד איז שוין דריי טאָג נישט אַהיימ־געקומען. גאָט ווייסט, וואָס ס׳איז חלילה געשען. און אין שטוב איז ערגער ווי אין אַ גיהנום.

— יאָ, פרוי בערמאַן, מיט זאָ איין גליק וואָלטן זיך וואַזשנערע מענטשן פון די צווייגנבוימס נישט געהאַט וואָס צו שעמען.

— יאָ־יאָ — האָבן מאַמעס פון דערוואַקסענע זין געקרעכצט — מזל זאָל מען האָבן, נאָר מזל!—האָבן זיי געשאָקלט מיט די אָנגעקאָרבירטע שייט־לעך, פאַרגעסן אינעם יום־טוב, אין גאַס און אַריינגעכאַפּט סטוסאַקעס פון שיכורע שקצים, וואָס האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן זיי און זיי צעשיט ווי הינער.

עפּעס אַ ברודיקער יינג האָט אַרומגעכאַפּט רחלען, אַ קוש געטון איר אין סאַמע מויל אַריין. רחל איז שיעור נישט אומגעפאַלן פון שרעק.

— טפו, טפו! — האָט זי נישט אויפגעהערט אויסשפייען דעם ריח פון ביר און חזיר, וואָס דער גוי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

— ברר... — האָט זיך רחל אָפּגעטרייסלט און נישט געוווסט פונוואַנען עס האָט זיך צו איר גראָד איצט דערנומען דער אונגאַרישער גנב, דער שאַפּיראַ אין דער מחשבה אַריין.

קאַפּיטל 3

אין דער זאָמער־שטראַסע, איבער אַ קרעמל פון אַלטע ביסיקלעטן, ווו אַ גויה אין אַ בלאָנד שייטל האָט זיך גאַנצע טעג געקראַצט מיט אַ שפּיזל אינעם

אויסגעקראַכענעם קאָפּ און געשאָלטן די „יאָרן״ אויפֿן צווייטן שטאָק מיט טויטע קללות, האָט געווינט אַ יידיש פּאָר־פֿאָלק.

דאָס פּאָר־פֿאָלק זענען געוועזן בערמאַנס און במילא רחלס „לאַנדסלייט״. געקומען זענען זיי קיין אַנטווערפּן נישט צוזאַמען און נישט קיין פּאָר־פֿאָלק. און ווייט נישט צוליב די אייגענע סיבות.

דער יונגערמאַן, לייביש ברוקנער, פֿון דער היים אַ בערשטל־מאַכער, אַ געזונטער, אַ הויכער, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, און אַ קאָפּ צעשיטע, פֿלאַקסענע האָר, ווי ביי אַ שגץ—האָבן אים די שטעטלדיקע יידן נישט איבריק ליב געהאַט. ווי גוטמוטיק ער האָט נישט געשמייכלט צו זיי מיט זיינע העלע, גרוי־בלויע אויגן, מיטן קלייען־באַדעקטן, העלן פּנים, איז תמיד אַ ייד, אָדער אַ יידינע אַריבערגעגאַנגען די אַנדערע זייט גאַס, כדי אים אויסצומיידן. קיינמאָל נישט געענטפֿערט אים אויף קיין גוט־מאָרגן, מחמת זיי האָבן געוווסט, אַז פּאָליציי האָט אַן אויג אויף אים. פֿאַרוואָס—האָבן זיי אפילו נישט אַזוי אינגאַנצן געוווסט. נאָר אַז ס'איז גלייכער נישט צו האָבן מיט אים קיין מחזוקות, האָבן זיי יאָ געוווסט.

— צ'האָט געזען, ווי מ'האָט נעכטן אַוועקגעפֿירט דעם „ראש ישיבה״ מיט כבוד?—פֿלעגן זיך פֿרומע יידן חכמענען—דאָס הייסט אַ בן סורר ומורה און אַ שלים־מזל דערצו!

— געזען, וואָדען? — האָבן יידן געענטפֿערט און באַדויערט:

— אַ רחמנות אויף דער מאַמען, נעבאַך! אַן אלמנה. שטייט אָפּ גאַנצע טעג אויף די געשוואָלענע פֿיס, ברענט זיך ס'פּנים ביים אויוון, שלעפּט זיך אַרום מיט די פּלעצלעך איבערן מאַרק, כדי דער תכשיט אירער זאָל אויפֿעסן דעם פֿאַרהאָרעוועטן גראָשן, נעבעך. טיילמאָל דאַכט זיך, אַז ס'איז דעם אַלטן מאיר־אהרנען בעסער פֿונעם ווייב, איר צו לאַנגע יאָר!

— עט! ער איז אַליין אויך נישט קיין סך בעסער געוועזן, ער זאָל עס מיר מוחל זיין, געלאָזט ס'ווייב האָרעווען און אַליין האָט ער, זאָגט מען, געלייענט ספרים חיצונים. און דעם זון האָט ער געמאַכט פֿאַר אַ באַלמעלאָבע און אַנשטאָט גמרא, האָט ער געלערנט מיט אים תנ״ך. נו, האָט ער זיך טאַקע אָנגעגרייט אַ קדיש. וואָס פֿרעגט איר?

— און די מאַמע, די פֿייגע־צירל, נעבאַך, קלאָגט נאָך אים, ווי נאָך אַ מת יעדעס מאָל, וואָס מען פֿירט אים אַוועק אין חד־גדיא אַריין. אַ מאַמע, מילא.

— עס שאַדט איר גענבער ווי עים! ער קומט נאָך אַהיים געזונטער, עפּעס אַ רוח זיצט אין אים.

— פֿונדעסטוועגן זאָלען אונזערע קינדער באַהיט און באַשירעמט ווערן — האָבן זיך מאַמעס און טאַטעס געוואונטשן און נישט געוווסט, אַז זייערע אייגענע קינדער זענען שוין אויך אויף אַ „דרך", לייבעשעס תלמידים שוין.

נאָר ערנסטער פֿון אַלע האָט די זאַך גענומען דער גרעסטער נגיד פֿון שטעטל, ר' אליהו קאָרנהענדלער.

— געדענקסט מאַנע רייד — האָט ער געוואָרנט מיטן שמאָלציקן ווייז־פֿינגער און פֿון די איבעריקע פֿיר געמאַכט אַ פֿויסט — עץ זאָלט האָבן אַ כלל, אַז דער שטן שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ בלויז ביי יענעמס טיר. ר'עט אויסשפּרייטן זאַן כוח רחמנא לצלן, דער שמד'ניק, ס'איז אים אַ מצוה צו מסרן. זאָל מען אים איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרשיקן קאַן סיביר. אַז נישט, יידן, זענען מיר אַלע אַנגעשטעלט מיטן לעבן. יעדן אַליין על עם מסרן. און אַז יעדן על איבעררעדן מיט פּאָליציע, עט עם זאַן גוט, ס'אַרט אַך! אַז עס איז אַ מצוה!

— טאָמער פֿעלן צרות ביי יידן — האָט מען אין בית־המדרש מסכים געווען. פֿונדעסטוועגן איז יעדער ביי זיך געווען צופֿרידן, וואָס נישט ער, נאָר ר' אליהו קאָרנהענדלער וועט גיין מסרן.

און ר' אליהו האָט זיך טאַקע זיין אַרבעט דורכגעפֿירט בשלמות, נאָר ער האָט קיין מזל נישט געהאַט. זיין אייגענע טאָכטער, גיטעלע, אַ כלה־מיידל און אַ יפת תואר, האָט זיך שוין אויך געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל סאָציאַ־ליסטקע, הגם זי האָט בשום־אופן נישט געקענט צעקייען קאַרל מאַרקס"ן — ער איז איר נישט געקראָכן אין קאָפּ אריין, חאָטש קיין שלעכטן קאָפּ האָט זי גראָד נישט געהאַט. עס זענען איר אויך געבליבן פֿרעמד די אַלערליי אויפֿרופֿן, וואָס זי פֿלעגט דאַרפֿן לייענען ביינאַכט אויפֿן געלעגער און זי פֿלעגט זיי מערסטנס צוריקגעבן לייבישן נישט־געלייענטערהייט. נאָר אַן איינגייערין אין פֿייגע־צירלס קעבל, איז זי שוין געווען אַן אָפּטע. עפּעס האָט זי יאָ געוווסט, אַז דאָס קעבל איז טריפֿה, אַז קריכנדיק אַהין, קען מען אריינפֿאַלן. נאָר ווער אריינפֿאַלן, ווי אַריינפֿאַלן, איז איר נישט אינגאַנצן קלאָר געווען. ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט געהערט דעם פֿאָטער ביי דער וועטשערע דערציילן דער מוטער, אַז מיטן אויבערשטנס הילף וועט מען מאָרגן ביינאַכט פּטור ווערן פֿונעם „שמד'ניק", (ווער דער „שמד'ניק" איז, האָט זי גוט געוווסט), ערשט דע־

מאָלט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז די זאַך שמעקט מיט סכנות. און זי האָט גראָד דאָס קעכל ליב געהאַט. ס׳איז איר גראָד געפֿעלן געוואָרן דאָס ווינ־קעלע, די פֿרייע האַלטונג צווישן די חברים, די לידלעך, וואָס מען פֿלעגט דאָרטן זינגען ביי אַ גלעזל בלאַסן טיי. ווי די בחורים מיט די מיידלעך האָבן זיך „גע־דוצט" און מ׳איז געווען ווי איין גרויסע משפחה. די חברישע נאָענטקייט. ווי מען האָט זיך געטיילט מיט אַ ביכל און נישט נאָר מיט אַ ביכל, נאָר מיט אַ שטיקל פּאַפּיראָס, מיט אַ ביסן און בעיקר — מיט דער וואַרעמקייט פֿונעם האַרצן. פֿייגע־צירל, הגם זי האָט זיך אין די אַלע זאַכן נישט געמישט, האָט זי אָבער אויך נישט געשטערט. נאָר זי האָט אָפּט געגעבן אָנצוהערנישן דער נגידישער טאָכטער, אַז ס׳וואָלט פֿאַר איר גלייכער געווען נישט צו קומען אַהער.

— ס׳פּאַסט נישט פֿאַר אינען — פֿלעגט זי זאָגן, פֿייגע־צירל — מילא, זיי, אָרעמע קינדער, זאָלן זיי זיך נאַריש מאַכן. אָבער ווי קומען זי דאַ אַהער? דער טאַטע אינענס וועט געוויר ווערן, וועט עס אויסגיין צו מיין קאָפּ. ב׳דאַנק אַזוי אויך גאָט, אַז מען לאָזט מיך לעבן.

גיטעלע האָט זיך דעמאָלט אינמיטן דער וועטשערע אַרויסגעכאַפּט פֿון שטוב; אַריינגעכאַפּט זיך צו לייבישן און איבערדערציילט דעם פֿאָטערס רייד, וואָרט־ביי־וואָרט.

— מ׳לאַכט פֿון זיין טאַטן — האָט זיך לייביש געחכמעט און האָט זיך פֿונדעסטוועגן דעם אייגענעם אָוונט אַרויסגעכאַפּט דורכן קיך־פֿענצטערל, וואָס איז יעדן פֿאַרנאַכט פֿאַרשטופּט געוואָרן מיט אַן אַלטער, צעריסענער וואַטאָווער קאָלדרע, כדי צו פֿאַרשטיקן די רייד און בעיקר די לידער, וואָס חברה האָט געזונגען, און איז אַוועק קיין וואַרשע און פֿון דאָרט — קיין אַנטווערפּן.

דערווייל האָט אין שטעטל געטראָפֿן אַן „אומגליק". ר׳ אליהו קאָרנהענדלערס ווייב, גיטעלעס מאַמע, איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און איי־דער וואָס ווען, איז זי „פֿאַרכאַפּט געוואָרן". (אַזוי האָבן וועגן איר געזאָגט די יידענעס, וואָס האָבן איר צוגעשטעלט הינער און פֿיש). גיטעלע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די נגידישע חדרים, ווו ס׳האָט אויף טריט און שריט געפֿעלט די מאַמע און ס׳האָט געקילט די ליידיקע נגידישקייט. זי האָט אָנ־געהויבן בענקען נאָך די וואַרעמע אָוונטן, צווישן חברה, אין אָרעמען קיכל, זי האָט זיך אָנגעהויבן איינרעדן, אַז זי איז פֿאַרליבט אין לייבישן. ווען זי האָט זיך ביינאַכט אויפֿן געלעגער פּלוצלונג צעוויינט נאָך דער געשטאָרבענער מאַ־

מען, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס בענקט זי אַזוי נאָך לייבישן. דאָס קילע זייד פֿון דער נגידישער פּוכענער קאָלדרע, די פֿיינע, גלאַטיקע לייוונט פֿון די ליילעכער און קישנס, האָבן איר געפּרעסטלט. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן דוכטן, אַז דאָס שוואַרצע קיכל מיט די שוואַרצע, אָפּגעפּליקטע ווענט, מיט די העלע, ליכטיקע פּנימער פֿון די יינגע חברים און חברטעס, ביי וועמען די אַרבעט פֿאַר אַ בעסער לעבן איז געווען אַ מין רעליגיע, אָנגעפּילט זיי מיט אָן אַ שיעור וואַרעמקייט און אַ ליבשאַפֿט אַזאַ, וואָס האָט געקענט אַ קיזלשטיין דערוואַרעמען, ביי וועמען קאַרל מאַרקס איז געווען גאָט און לייביש, דער פּשוטער לייביש, זייער נאַאיווער רבי, אויך אַ שטיקל גאָט — איז פֿאַר איר דאָס איינציקע אָרט.

און דער נאָמען „ראש ישיבה" איז איר געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. (אַזוי האָט זיך איר געדוכט). און געפּאַסט האָט ער זיך טאַקע פֿאַר לייבישן, אָט דער נאָמען. מחמת דער בערשטל־מאַכער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַרבעט. נישט ר'האָט געהאַט אַרבעט, נישט ר'האָט געהאַט דעם קאָפּ דערצו. איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען ליידיק, געהאַט אַ פּאָר ווייסע הענט, טאַקע ווי ביי אַ ראש־ישיבה.

גיטעלען איז איצט געווען טאָפּעלט שלעכט. ס'האָט איר קודם כל געפֿעלט די מוטער, וואָס האָט מיט איר ברייטן, נגידישן, פֿאַרטוך און נאָך ברייטערער באַפֿעלערישער שטימע אויסגעפּילט אַלע שטיבן. איצט האָט אַ נגידיש קעלטל געווייעט איבערן הויז. זי האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפֿינען. דערצו האָט זיך נאָך דער פֿאָטער, ר' אליהו קאָרנהענדלער, מישב געווען, אַז אַ ייד טאָר נישט זיצן אָן קיין ווייב. ער האָט איינגעזען, אַז דער יצר־הרע איז גרויס, לויערט אויף טריט און שריט, די שטוב איז פּוסט, די טאָכטער דרייט זיך אַרום איבער די חדרים ווי אַ פֿרעמדע, געלט גייט אַוועק מער נאָך ווי בשעת זי עליה השלום האָט געלעבט, און ביינאַכט אויפֿן געלעגער, ליגט ער אויף שעהן־לאַנג. מחשבות זרות קריכן און לאָזן זיך נישט פֿאַרטרייבן. עס שלאָפֿט זיך נישט. איז ער אַוועק צום רבין. דער רבי האָט מסכים געווען, אַ ייד טאָר טאַקע נישט זיין אָן אַ ווייב. און ער האָט אים געהייסן חתונה האָבן.

גיטעלע האָט פֿיינט געהאַט די שטיף־מוטער בתחלית השנאה. זי האָט איר בשום אופן נישט געקענט פֿאַרגינען דאָס, וואָס זי פֿאַרנעמט אין הויז

איר מוטערס אָרט. יעדעס מאָל, ווען זי פֿלעגט דערהערן אַ קצב, אָדער אַ פּישערקע אַ רוף־טון די שטיף־מוטער:

— מאַדאַם קאָרנהענדלער!

פֿלעגט זי זיך פֿאַרשטעלן מיט די הענט די אויערן. ס'האָט איר גע־ריסן ביים האַרץ, ווען זי האָט געזען די שטיף־מוטער אָנטון איר מאַמעס צירונג. די פּערל אויף דער שטיף־מוטערס האַלדז האָבן ווי הייסע טראָפּנס טרערן אין אירע אויגן אויסגעזען. פֿאַר אַ צולאָג האָט דער פֿאָטער איר נאָך צוגע־קויפֿט נייע צאַצקעס, רינגעלעך, בראָסלעטלעך, געצערטלט זי, זיך געטשעטש־קעט מיט איר.

האָבן זיך אין שטוב אָנגעהויבן קריגערייען, ביז איינמאָל, נאָך אַ העפֿ־טיקער מחלוקה מיט דער שטיף־מוטער, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף, גיטעלע. זי האָט עס פּשוט נישט געקענט מער אויסהאַלטן. דער פֿאָטער האָט אויך באַשלאָסן דאָס אייגענע. ער האָט אויסגעהערט די טענות פֿונעם נייעם ווייב, צוגעהערט זיך, ווי זי האָט אים צווישן אַ ים רייד און טרערן, דערציילט, אַז די טאָכטער פֿאַרגינט איר נישט דאָס לעבן, רופֿט אַלע מינוט אויס: „מאַמע, פֿאַרוואָס האָסטו עס געטון? פֿאַרוואָס האָסטו דערלאָזט, אַז אַ פֿרעמדער שונא זאָל באַלעבאַטעווען אין דיין הויז?" כ'גיי אַוועק—האָט די יידענע געבליפּעט—כ'האָב מורא פֿאַר דער טויטער. איך'ל דאָ נישט זיין— האָט זי געקייכט, געשאָקלט מיט אויערינגן אין די אויערן, געבלישטשעט מיט די בריליאַנטן אויף די דיקע פֿינגער, געשפּילט זיך מיט די פּערל אויפֿן דיקן, ווייסן האַלדז און געהעשעט.

— אליהו, כ'האָב מורא.

און כדי צו מאַכן דעם רושם אויפֿן מאַן שטאַרקער נאָך, האָט זי גענומען אויסטון דאָס צירונג. ר' אליהו קאָרנהענדלער האָט זיך דערשראָקן. ער איז אַזש בלאַס געוואָרן פֿון רציחה. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס ווייב בייביידע הענט.

— ניטע, — האָט ער הייזעריק געשריגן — ס'איז דיין צירונג, איך האָב עס דיר געגעבן, טראָג עס געזונטערהייט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

און צו דער טאָכטער האָט ער שטיל אַ זאָג געטון:

— אַז ס'געפֿעלט דיר נישט, קענסטו דיר גיין געזונטערהייט.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט וויינען, האָט גיטעלע איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע גוטס אין דער שטיף־מוטערס הענט און פֿאַרטאָג, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפֿן,

אפילו די דינסטן, איז זי אויפֿגעשטאַנען, איינגעפּאַקט אין אַ רענצל איר אייגן ביסל צירונג, די אַלערליי קייטעלעך און בראַשקעלעך און פֿינגערלעך, וואָס סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע, סיי אַלערליי מומעס און פֿעטערס פֿלעגן איר ביי יעדן געבורטס־טאָג אָנקויפֿן, און עטלעכע און צוואַנציק רובל, וואָס זי האָט געהאַט אייגענע, און זיך אַוועקגעלאָזט צום „געליבטן" קיין אַנטווערפּן.

די פֿון דער מאַמען צעפּיעשטשעטע גיטעלע האָט זיך אינעם האָטעל געלאָזט פֿיין באַדינען און גאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט שוין כמעט פֿאַרזעצט דאָס לעצטע ביסל צירונג. ווען זי, גיטעלע, האָט דער־ציילט לייבישן, אַז זי האָט פֿיינט די רייכע, אַז זי האָט געשווירן ביי דער טויטער מאַמען, מיטן פֿאָטער מער קיין מגע ומשא נישט צו האָבן און אַז לייביש איז איר „סימפּאַטיש", איז לייבישן פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. וואָס וועט ער דאָ טון מיט איר? ער שטאַרבט אַליין פֿון הונגער. ער האָט אויך נישט שטאַרק געגלייבט אין איר שנאה צו די רייכע. נאָר זי איז דאָך דאָ. האָט ער זיך אַליין אויסגעבעטן אויף דר'ערד, אָפּגעגעבן גיטעלען זיין געלעגער. ביסלעכווייז האָט ער צוזאַמען מיט איר איינגעקויפֿט אַביסל אָרעם מעבל און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי ס'איז געשען, זענען זיי געוואָרן מאַן און ווייב.

קאַפּיטל 4

לייביש האָט קיינמאָל קיין אַרבעט נישט געהאַט. פּונקט ווי פֿריער אין שטעטל, אַרומגעדרייט זיך גאַנצע טעג ליידיק. תמיד האָט „עפּעס געפֿעלט". אַמאָל איז געווען צופֿיל פֿאַרשניטן, אַמאָל צופֿיל פֿאַרלוירן, אַן אַנדערש מאָל האָט זיך דער באַלעבאָס סתם געטשעפּעט... פֿונדעסטוועגן האָבן זיך גרע־סערע „קאַליקעס" פֿון אים דערשלאָגן צו אַ „פּאַטראָן", נאָר לייבישן האָבן די באַלעבאַטים פֿיינט געהאַט. עפּעס איז ער זיי נישט געווען צום האַרצן. עפּעס האָבן זיי געזאַגט, אַז לייביש איז זיי נישט קיין גוטער פֿריינט. דערצו האָט ער געהאַט נאָך אַ מעלה. ער האָט נישט געחנפֿעט, נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם באַלעבאָס, ווען יענער האָט זיך סתם געטשעפּעט — דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז דאָסמאָל איז די אַרבעט יאָ אַרויסגעקומען גוט. האָט דער באַ־לעבאָס לסוף נאָכגעגעבן לייבישן און אים אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה, אַז ליי־דער האָט ער איצט נישט קיין אַרבעט, אפשר אַן אַנדערש מאָל. און אַן

אַנדערש מאָל האָט ער אויך נישט געהאַט. האָט לייביש געשלונגען די סלינע.

אָבער אים האָט עס נישט אַזוי שטאַרק געאַרט. ער איז שוין דערצו געוווינט געוועזן. אַ טאָג נישט עסן איז ביי אים געוועזן פון די געוויינטלעכע זאַכן. פאַרקערט, ער האָט זיך געחידושט, אַז ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז ער האָט יאָ געגעסן צו דער זעט, נישט געפילט דאָס באַקאַנטע נאַגעניש ביים האַרצן.

ישלעכט איז אים נאָר געוועזן זינט „זי" איז אַריבערגעקומען.

ווען די בערמאַנס זענען געוואָר געוואָרן, אַז ר' אליהו קאַרנהענדלערס טאָכטער איז אין אַנטלאָפן, האָט זיך בערמאַן אַליין גענומען נאָכפרעגן וועגן איר אין בערזע, אין קלוב. רחל האָט זי געזוכט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אין די וואַרן־הייזער, ביז זי האָט זי אַמאָל געפּאַקט אויף דער סאַמע פּעליקאַן־שטראַסע און די שמחה איז געוועזן גרויס.

— פּונקט ווי די מאַמע! — האָט רחל געזאָגט.

— עליה השלום! — האָט גיטעלע געזאָגט.

רחל האָט זיך דערשראָקן, פאַרשטייט זיך, אויסגעפרעגט גיטעלען ווען און ווי אַזוי, און איינגעלאַדן זי צו זיך.

פון אָט דער באַקאַנטשאַפט איז דערוווייל דוד, דער זון בערמאַנס, גע־וואָרן אַ גאַנצער בן־בית ביי די ברוקנערס אין הויז. ער האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום חושך דאָרטן. אַ מאַלצייט ביים הינקענדיקן טישל מיט דער אָפּגעשיילטער צעראַטע האָט געהאַט טויזנט טעם. ער האָט אויפגעהערט קוקן אַלע ווייַלע ארום זיך, זוכן דאָס סערוועטל, דערנאָך כאַפּן זיך, אַז אין גיטעלעס גאַנצער באַלעבאַטישקייט איז אַזאַ זאַך גאָרנישט בנמצא. ער האָט אויפגעהערט קייען געלאַסן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט סוף כל סוף אַראָפּשלינגען אַן אומריינע זאַך. דער כיבוד האָט אים אויפגעהערט שטיקן אין האַלדז. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז באמת איז ביי גיטעלען גאָר אַלצדינג זייער זויבער, ס'איז נאָר די אָפּגעקראָכנקייט, די אַלטקייט פונעם ביסל ווירטשאַפט, וואָס איז באַלד אַריינגעשטעלט געוואָרן אַלטערהייט, וואָס זעט אויס אַזוי גרוי. ס'איז אים ביסלעכווייז ליב געוואָרן דאָס אָרעמע ווינקל. אַ וואַרעמקייט האָט אים אָקעגנגעווייעט, ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון דער דאָזיקער שטוב. אַ וואַרעמקייט וואָס האָט געגלעט און וויל געטון. איז ער געקומען.

גאַנצע טעג האָט ער אָנגעהויבן אָפּזיצן אין אָט דעם אָרעמען שטיבל,

צוגעקוקט זיך ווי גיטעלע פּאָרעט זיך, נאָכגעקוקט איר זשעדנע, יעדע באַוועגונג. האָט זיך געמאַכט, גיטעלע פּלעגט פאַרשאַרצן די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס, זיך גענומען אויסוואַשן אַביסל וועש, איז דוד געוואָרן אַ צערודערטער. עס האָבן אים גערייצט אירע דינע, גרויע אָרעמס, וואָס האָבן זיך שיעור נישט צעבראָכן פון אויסגעדאַרטקייט. וויפל פרויען דוד האָט נישט געזען האַלב נאַקעטע, זומער אויף די פּליאַזשעס, ווינטער אויף בעלער, מיט ווייסע אָרעמס, פולע, אָנגעפּודערטע, געטאָקטע, האָט אים נאָך קיין איינציקע אַזוי נישט גערייצט, ווי גראָד דאָס ציטערן פון גיטעלעס דינער, אַביסל לויזער הויט, בשעת זי האָט געוואַשן. און גיטעלע האָט עס מיט איר ווייבערישן חוש באַלד דערשנאַפּט. זי האָט זיך גענומען רויטלען מיט אַ חנדל. און מיט אַ גליקזעליקן שמייכל. אין האַרצן האָט עפּעס אָנגעהויבן אונטערטאַנצן. טייל־מאָל האָט זי זיך אַזש צעזונגען בשעת דער אַרבעט. די צוויי בלאָנדע צעפּ, דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס איז איר געבליבן פון דער היים, האָבן אָנגעהויבן אויסזען זיידענער, גלאַנציקער. זי האָט זיי אָפּטער געבאַרשט און זיי פלעגן זיך עפּעס אַזוי ווי פון זיך אַליין אַ וואָרף־אַריבער געבן איבער די שמאָלע אַקסלען, שיעור נישט פאַרדעקן דאָס דעקאָלטל, די קליינע בריסטלעך, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אַהין און צוריק, בשעתן וואַשן.

צווישן די צוויי מענטשן האָט זיך אַ קרובהשאַפט געשאַפן, אָן שום רייד. לייביש איז זיי ביסלעכווייז ביידן געוואָרן ווי אַ שטיין אין וועג. זי האָט איצט געזען אין לייבישן נישט מער ווי אַ פריילעכן „נאַר". ס'איז נישט געבליבן קיין זכר ביי איר פון יענעם לייבישן, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר גאָר טיפע מענטשן קענען פאַרשטיין... ווען די אָרעמקייט האָט אין אירע אויגן גאָר באַרייכערט, געמאַכט דעם סוד אַרום אים סודותדיקער נאָך... איצט האָט זי געזען אין אים אַ קבצן, וואָס איז צומאָל נישט תופס דעם ביטערן מצב זייערן, אַ קבצן און אַ „טויגעניכטס". און צו אים איז זי דאָס געלאָפן!

דוד פלעגט אַרויפקומען כמעט יעדן טאָג. אמת, אַ צערודערטער, אַ פאַרזאָרגטער, אַ צום טויט פאַרלאַנגווייליקטער, אָבער דערפאַר תמיד אָן אויס־געפּוצטער, אַ גלאַט־ראַזירטער. די גלאַנציקע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך ביי אים צעוואָרפן אין דיקע פּאַסמעס, האָבן אין גיטעלעס אויגן טויזנט חנן געהאַט. תמיד איז ער געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ, תמיד אינעם גוט־געניייטן אַנצוג, מיט די גאָלדענע פּענסנע אויף דער עטוואָס־לענגלעכער נאָז. דאָס

פּנים ברוין און מאַט, די נעגל — מאַניקירט. אויף די גוטע שיך — בלענדנדיקע, ווייסע געטרעס. דאָס העמד פֿון פֿיינסטן זייד, מיט אַ ברייטער, שוואַרצער שלייף, ווי עס טראָגן די פֿלעמישע שוישפּילער. דערצו איז ער געווען אַן אינטעליגענט, אַ געוועזענער סטודענט און אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט צוויי סעזאָן־בילעטן, איינעם פֿאַר דער פֿלעמישער און איינעם פֿאַר דער פֿראַנצויזישער אָפּערע. אָפּטמאָל אַרומגעטראָגן זיך מיט שפּינאָזען, מיט דאַרווינען אונטערן אָרעם. און אויגן האָט ער געהאַט טיפֿע, שוואַרצע, וואָס האָבן זיך צעשמייכלט, די רגע וואָס ר׳האָט איבערגעטרעטן גיטעלעס שוועל. דער טרויער איז פֿאַרשוווּנדן די מינוט, וואָס ער האָט זי דערזען. און זי, גיטעלע, איז ממש אַוועקגעפֿאַלן, אַן אומבאַהאָלפֿענע פֿון זיינס אַ באַרירונג. זיי האָבן זיך דערנענטערט און ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע.

לייביש האָט געזען, אַז גיטעלעס פּנים צעשטראַלט זיך, די אויגן לייכטן ביי איר אויף, נעמען פֿינקלען מיט יענעם באַקאַנטן גלאַנץ, די רגע, וואָס דוד קומט אַריין און ער האָט זיך נישט געחידושט. ער האָט זיך געזאָגט—ס׳איז דאָך אַזוי נאַטירלעך, ביידע שטאַמען פֿון רייכע הייזער, ביידע זענען זיי דאָ צוזאַמען אין זיין, לייבישעס אָרעמען שטיבל, עפּעס צוליב אַ צופֿאַל, איינער — צוליב אַביסל ניי־גערין און קאַפּריז, דער אַנדערער — צוליב פֿוילקייט און שלימזלדיקייט. דאָס שלימזלדיקע אין אים און דאָס לייכטזיניקע און שפּילעוודיקע אין איר האָט זיי, ווי שוים אַראָפּגעבלאָזן דאָ אַהער. זיי האָבן זיך דערפֿילט. שטאַמען זיי דאָך פֿון איין גזע! פֿונדעסטוועגן האָט לייביש אַביסל יאָ געליטן, ס׳האָט זיך אים אפֿילו געגומען דוכטן, אַז ר׳האָט זי איצט ליבער געקריגן. אָבער ער האָט פֿאַרטריבן די בייזע מחשבות. איבעריקנס, האָט ער גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו קיין פּוסטע רעיונות, וואָס פֿאַרגנבענען זיך טיילמאָל, מחמת דעם, וואָס מען איז אַביסל נערוועז...

ער האָט שוין אין אָנטווערפּן אויך געהאַט אַ קרייזל, לייביש, געפּרוווט גרינדן אַ שטיקל פֿאַריין, צוזאַמענשטעלן קודם־כּל אַ ביבליאָטעק, אַריינקריגן פֿון דער שווייץ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. מאַכן פּראָפּאַגאַנדע איז דאָך דאָ געווען אַ גרינגע זאַך. קיינער האָט נישט געשטערט. אַן אָרט, וווּ די חברים זאָלן זיך צוזאַמענקומען האָט ער שוין אויך. שוין איבער אַ יאָר זינט ער האָט געדונגען ס׳שטיבל איבערן בית־המדרש. לייבישן גלוסט זיך נאָך עד־היום צו לאַכן ווען ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער האָט דאָס שטיבל געקריגן. געשען איז עס אַזוי: ער גייט אַמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט פֿאַרביי אַ הויז אויף דער

לאַנגער קיוויט שטראַסע, אין אַ דאַנערשטיק איז עס געווען, הערט ער ווי אַ יידינע שרייט מיט באַנומענע קולות; לעבן איר שטייט אַ ייד מיט אַ פאַרסאַרגעטן, גרינעם פראַק, אַרומגענייט אַרום די קלאַפּעס און אַרום די אַרבל מיט צעדריוועלטע טאַשמעס, מיט אַ פאַרשמאַלצענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ. ער פאָכעט אינדערלופט מיט אַ גרויסע, רויטע קעשענע-פאַטשיילע, ווי מיט אַ שווערד. און ער מאַכט נאָך גרעסערע געוואַלדן פון דער יידינע.

— כ׳האָב אייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט, אַז דאָנערשטיק — נישט!

לייבישן האָט די זאַך פאַראינטערעסירט. עפּעס אַ מאָדנע פּאָרל. האָט ער אָפּגעשטעלט עמיצן פון רעדל, געפּרוווט דערגיין וואָס דאָ קומט אַזוינס פאָר, נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפערט. דער עולם האָט זיך געוויצלט, געלאַכט.

— ווי איר זעט די יידינע, אַרבעט זי נעבעך שווער און ביטער אויפן שטיקל ברויט. זאָגט נעבעך תהלים פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַבי נאָר זי האָט פאַר וועמען צו זאָגן. זי דאַנקט גאָט, אַז זי קריגט אַ באַשטעלונג. זי איז נישט קיין שנאָרערקע. אַז זי האָט נאָר פאַר וועמען, אַרבעט זי. זי גייט אַרויף אויבן איבערן בית־המדרש, אינעם שטיבל דאָרט, און זי בעט ווי פאַר זיך אַליין. אַז זי האָט אַ גוטן סעזאָן, אַרבעט זי שווער און גייט נישט איבער די הייזער. זי וויל, חלילה, נישט לעבן פון קיין קצבה. ביטער איז נאָר, אַז ס׳מאַכט זיך קיינער אין שטאָט ווערט נישט ערנסט קראַנק. מילא מוז מען דאָך לעבן, דרייט זי זיך אַרום איבער די יידישע רעסטאָראַנען, פּרוווט פאַרקויפן אַ שנאָרוואַרלע, אַ שטיקל שאָקאָלאַד, אַמאָל קריגט זי אַ נדבה. זי איז נישט קיין שלעכטע. טיילמאָל מאַכט זיך, אַ קאַרגע באַלעבאָסטע, אָדער אַזעלכע, וואָס קען נישט צאָלן, קומט זאָגן אַ שטיקל תהלים פאַר זיך, שטערט זי נישט, חלילה. כאָטש מען גייט איר אויפן ברויט — האָט אים לסוף אַ יידינע דערציילט.

— איז וואָסזשע שרייט זי אַזוי? און וואָס וויל דער ייד? — האָט לייביש נישט פאַרשטאַנען.

— הערן זי דאָך, לעצטנס האָט ער זיך געמאַכט אַ מאָדע, ער פאַרשליסט יעדן דאָנערשטיק די שול און לאָזט נעבעך נישט אַרויף די אָרעמע פרוי. אַ גאַנצע וואָך, זאָגט ער, יאָ און דאָנערשטיק — נישט... ס׳איז דאָך הימל־גע־

שריי — האָט דאָס ווייבל, אַ בלייכע, אַליין אַ קרענקלעכע, גערעדט שטיל און מיט האַרץ, ווי זי וואָלט געווען אַ נוגע בדבר.

לייבישן איז דעמאָלט אַ מחשבה דורכגעפֿלויגן. ער האָט געזען, ווי די יידינע האָט זיך לסוף פֿאַרקנעפּעלט דאָס פֿאַרשמאַלצענע אויבער־בגד, גלייך געמאַכט זיך אויפֿן קאָפּ דאָס אויסגעקראָכענע שייטל און האָט זיך אַ טרייס־לענדיקע, מיטן שמאַלציקן, לויזן גוף, אַוועקגעוויגט אויפֿן טראָטואַר, שעלטנ־דיק און שלוכצנדיק. געזען ווי דאָס געזעמל צעגייט זיך, דער ייד ווישט זיך אָפּ דאָס פֿאַרשוויצטע פּנים מיט דער ברודיקער קעשענע־פֿאַטשיילע, האָט ער אים אַוועקגענומען אָן אַ זייט, לייביש, און געוואָלט וויסן צו וואָס ער דאַרף האָבן דאָס שטיבל דווקא אין אַ דאָנערשטיק.

תחילת האָט אים דער ייד אָנגעקוקט מיט חשד, עפּעס אַ וואָרטשע געטון אין די גליטשיקע וואָנסעס אַריין און זיך געלאָזט גיין אין הויף אַריין, אָנצינדן אַ יאָר־צייט־ליכט אין שול. נאָר ווען לייביש האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע ערנסטע אויגן און אַ זאָג־געטון:

— ר׳ ייד, איך מיין מסחר!

האָט דער ייד אַ קוק־געטון אויף לייבישן און געזאָגט:

— נישט דאָ! קומט אַריין אין שול אַריין!

אין שול האָט זיך לייביש דערוווּסט, אַז דער ייד האָט פֿאַרדונגען דאָס דאָזיקע שטיבל צו עטלעכע יינגעלייט, וואָס קומען זיך דאָ יעדן דאָנערשטיק צוזאַמען. צוליב וואָס האָט ער נישט געוווּסט, דער ייד. האָט לייביש גע־געבן מיט צוויי פֿראַנק אַ וואָך מער און געפּרוּווט פֿונדאַנען פֿאַרשפּרייטן סאָ־ציאַליזם אין אַנטווערפּן...

יעדן דאָנערשטיק האָט לייביש געשלעפּט אַ שווערע וואַליזע מיט ליטע־ראַטור, אויסגעטיילט עס צווישן די עטלעכע יינגלעך און מיידלעך, פֿרייטיק געטאַשטשעט די וואַליזע צוריק אַהיים. אין דעם שטיבל האָט מען געשמועסט, גערויכערט, דיסקוטירט, אפילו אַ קבלת־פּנים דאָרט געמאַכט פֿאַר אַ חבר, אָדער אַ חברטע, וואָס האָט זיך אויפֿן וועג קיין אַמעריקע אָפּגעשטעלט אין אַנטווערפּן.

ער האָט געטון ממשותדיקע אַרבעט, לייביש. נאָר ער האָט קיין מנוחה נישט געהאַט, וואָס אַז עס קומען שוין אַמאָל יאָ אַראָפּ יינגע מענטשן קיין אַנטווערפּן, זענען עס אַלץ חסידישע יינגעלייט, וואָס פֿאָרן אַוועק צוליבן פּרי־זיוו און זיי פֿאָרן טאַקע אַהער מחמת דעם, וואָס זיי ווייסן, אַז אַנטווערפּן

איז אַ פֿרומע שטאָט; איז פֿון אַזעלכע דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. דאָס זענען מענטשן, ווייסט לייביש, וואָס ווערן געבוירן זקנים, מיט צוגעגרייטע אידעעס, איינגעפֿונדעוועטע פֿון טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס. מענטשן, וואָס זיצן אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט אין אַלערליי שטיבלעך און בתי־מדרשים און לערנען. איז גיי מאַך, אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען. נאָר לייביש איז אַן אָפּטימיסט. אָפּשטעלן שטעלט ער זיך נישט אָפּ. ווען ס'וואָלט אים איבערגעבליבן איין חבר, אָדער גאָר ער אַליין, ווילצן זיך די חברים, וואָלט ער געמאַכט אַ פֿאַריין מיט זיך אַליין.

אַזוי האָט לייביש געאַרבעט, געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי פֿאָרט עפּעס אַריינצוברענגען אַ שטיקל אָרדנונג אינעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין אַנטווערפּן. ער האָט געפּרוווט אָנקניפּן באַקאַנטשאַפֿט מיט די פֿירער פֿונעם קריסטלעכן סינדיקאַט, געפּרוווט איבערשמועסן מיט זיי מכוח דער הפקרות מצד די באָסעס און די דערשלאָגנקייט פֿון דעם יידישן אַרבעטער, וואָס יעדער פּאַראַזיט זעצט זיך אויף אים אָן, נוצט אים אויס, צעשמעטערט אים, דערנידעריקט אים, מאַכט אים פֿאַר אַ חונף, פֿאַר אַן אונטערלעקער, זעט, ער זאָל פֿאַרלירן דעם גוף צוזאַמען מיט דער נשמה. דערנאָך, ווען ער איז שוין אינגאַנצן אויסגעזויגן, ווי אַ בלום פֿון אַ בין, גיט ער אים צומאָל נישט דאָס, וואָס די בין גיט דער בלום. ניין, ער טויִשט אים בלויז אויס אויף אַ ייִנגערן, זייער אָפֿט אויף זיין אייגענעם זון — אַזוי האָט לייביש דערציילט דעם סעקרעטאַר פֿונעם סינדיקאַט.

בשעת לייביש האָט דערציילט, גערעדט מיט האַרץ, מיט גרויס ערנסטקייט געמאָלן דאָס לעבן פֿונם יידישן אַרבעטער, האָט דער סעקרעטאַר פֿונעם סינדיקאַט פֿאַררויכערט אַ פֿיינעם ציגאַר, געזעסן זיך צוריקגעלענט אין זיין שטול, וואָס דרייט זיך אויף אַלע זייטן, און מיט זייער אַן איידעלן שמייכל אויף די בלאָנדע וואָנסעס איינגעהערט זיך. ער האָט מיט קיין איינציק וואָרט נישט איבערגעשלאָגן לייבישן אין די רייד. פֿאַרקערט, געלאָזט אים אויסרעדן ביזן סוף. ווען לייביש איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט אים דער סעקרעטאַר מכבד געווען מיט אַ ציגאַר און אים פּונקט אַזוי פֿריינטלעך געזאָגט, אַז לײדער קאָן ער קיין יידן אין סינדיקאַט נישט אַריינעמען. לייביש האָט געוואָלט וויסן פֿאַרוואָס, נאָר דער סעקרעטאַר האָט זיך ווי אַן עכטער אייראָפּייער אַנטשולדיקט און געענטפֿערט, אַז לײדער קען ער אים נישט זאָגן פֿאַרוואָס. אָבער לייביש האָט זיך צוליב דעם אַ האָר נישט פֿאַרלוירן. זאָל ער זיך נאָר קענען

בעסער אויסטענה׳ען מיטן אידיאָטישן זיסן סעקרעטאַר, וועט ער אים שוין אויפוויזען, אַז מען קען יידן יאָ אַריינגעמען אין סינדיקאַט, נישקשה, ס׳איז נישט קיין הפקר־וועלט און נאַרישעוואַטע, זעלבסטצופרידענע סעקרעטאַרן קען מען גובר זיין. מען דאַרף נאָר וועלן. און לייביש האָט באַשלאָסן זיך ערנסט אַ נעם צו טון אויסלערנען זיך די פלעמישע שפּראַך. אָן דער שפּראַך פון לאַנד קען מען קיין סך נישט אויפטון. און אַזוי טראַכטנדיק מכוח זיין אַרבעט איז לייבישן פונדעסטוועגן, נישט ווינדיק פונוואַנען, זייער אָפּט אַ שווימאויף געטון גיטעלע מיט דודן צוזאַמען אין זיין שטיבל אויפן צווייטן שטאָק.

פון אַלע אַנטווערפּענער „פּאַטראָנען" איז בערמאַן געווען דער גרעסטער מומחה אויף רודפן אַרבעטער בכלל און לייבישן — בפרט. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין באַלמעלאָכעס, בערמאַן. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר נאָך גרעסערע שלימזלנים פון די אָרעמע מעקלערלעך, וואָס האָבן אַרום דער בערזע. יענע פרוון כאָטש אַרויפאַרבעטן זיך.

תחילת, ווען גיטעלע איז נאָר אַריבערגעקומען, ווען זי איז נאָך געגאַנגען אָנגעטון ווי עס פּאַסט זיך פאַר קאָרנהענדלערס אַ טאָכטער און די אַלע קייטעלעך און רינגעלעך האָבן בראָשקעלעך האָבן געהאַט אַ השפעה אויף בערמאַנען (נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך גאַנצע טעג געגראַבלט אין דימענטן), האָט ער נאָך געהאַט דרך ארץ פאַר איר. נאָר די רגע, וואָס ער האָט דערהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט לייבישן, האָט ער פאַרלוירן יעדע פּיצל דרך ארץ. דער יחוס פון דער היים איז פאַרשוווּנען, ווי די זון אונטער אַ וואָלקן אַרונטער. לייבישן האָט ער באַלד אויפגעהערט געבן אַרבעט, כלומרשט געהייסן אַרויפשיקן דאָס ווייב.

— שיקן זי אַרויף אירע פרוי, ס׳איז שאַדע זי זאָלן באַלאַמוטשען...

און אַז בערמאַן האָט געזען לייביש שיקט כסדר ס׳ווייב און זי האָט זיך אויפגעהערט שעמען, מחמת דער הונגער האָט גערעוועט און מילך פאַרן קינד האָט מען געדאַרפט קויפן, האָט ער זיך גענומען זוכן „לאַפּיקעס", געהאַלטן אין איין בייזערן זיך, זיך געמאַכט געפגרט, אַז זי איז דעם גבירס טאָכטער. דאָ איז זי אַ שנאָרערקע, מאַלע וואָס ס׳איז געווען.

— ניין, לײדער האָב איך אָוועקגעגעבן די לעצטע אַרבעט. שאַדע, ווען זי קאָמען מיט אַ שטונדע פריער — האָט בערמאַן תמיד געהאַט איין תירוץ. און נישט געגוג, וואָס ער האָט איר קיין אַרבעט נישט געגעבן, האָט ער איר

נאָך געשיט זאַלץ אויף די ווונדן. געהאַלטן אין איין רעדן מיט איר וועגן פאָטער, געוואָלט וויסן וואָס ער שרייבט, וואָס ער מאַכט.

— אַך, מיין בעסטער פריינד געוועזן. איממער.

ביז גיטעלען איז נמאס געוואָרן דאָס שפּיל פאַרן טייוול, אַלע בלוטן האָבן זיך אין איר אָנגעצונדן, האָט זי אַמאָל פאַרהאַקט די טיר פון בערמאַנס בריאה און די נויט איז געוואָרן נאָך גרעסער.

לעצטנס האָט ער אָבער געהאַט מנוחה, לייביש. גיטעלע האָט אים לגמרי נישט געטשעפּעט. ער האָט געקענט אַהיימקומען נאָך אַזוי שפּעט, האָט זי אים קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט. מחמת דוד פלעגט לעצטנס מיטברענגען וועט־שערעס, עסן זיי צוזאַמען מיט איר. און אַז גיטעלע האָט זיך גענומען באַלד נאָכן עסן אָנזויגן דאָס קינד, איז דוד געווען אויפן זיבעטן הימל. שעהן לאַנג וואָלט ער אַזוי אָפּגעזעסן און צוגעקוקט ווי ס׳קינד זויגט, ווי ס׳טוט אַ כאַפּ דער מוטערס ברוסט מיטן פּיצל הענטל, גראָבט זיך איין אין איר מיט אַלע פינף פינגערלעך, אַז גיטעלע פאַרבייסט אַזש מיט די ליפּן. ער זעט, ווי דאָס פּיצלס האַלט די ברוסט מיט וויפל כוח ס׳פאַרמאָגט, ווי ס׳וואָלט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זי פון איר נישט צוריק אַוועקנעמען. און ס׳ציט גיריק און גיך, און אויף די שלייפעלעך באַוועגן זיך די בלויע אָדערלעך, הויבן זיך, ווערן בולטער און זעען אויס ווי עמיץ וואָלט דאָרטן אַ דעסען פון בלויען האַפט אויסגענייט. עס פילן אים אָן מיט פרייד גיטעלעס בלויע אויגן, וואָס שמייכלען אַזוי מאַמיש, האַרציק, קוקן אַראָפּ צום קינד און פרייען זיך, וואָס ס׳האָט צו זויגן, וואָס די ברוסטן טריקענען נישט ביי איר. און ער האָט שוין גענומען קוקן, דוד, אויף די צוויי נפשות דאָ, ווי אויף זיינס אַ משפחהלע. און אויף לייבישן, ווי אויף אַ קאָנקורענט. אין בעסטן פאַל — ווי אויף נישט קיין געוווּנטשענעם גאַסט, וואָס קומט און שטערט די אינטימקייט, די נאָנטקייט אינעם וואַרעמען היימעלע.

לייביש האָט די זאַך יאָ געזען און נישט געזען. פונדעסטוועגן, אַז ס׳פלעגט זיך טרעפן, דוד פלעגט האָבן איינע פון זיינע באַקאַנטע מחלוקתן מיטן פאָטער, האָט אים לייביש, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, נאָך אַלץ פאַרגעלייגט ער זאָל ביי אים נעכטיקן, ביז דער שטורעם וועט פאַריבער.

איצט איז שוין די דריטע נאַכט, ווי דוד נעכטיקט ביי די ברוקנערס.

— וואָס וועט פאָרט זיין דער סוף ? — האָט ער זיך געפרעגט, דוד, און קיין תשובה נישט באַקומען. פון אַהיימגיין איז נישטאָ וואָס צו רעדן. ר׳איז

אַוועק פֿון הויז נאָך אַזאַ מחלוקה, וואָס נישט נאָר די מוטער, נאָר אפילו זשאַנעט האָט געקלאָגט. ר׳איז אַוועק ווי ער שטייט און גייט. שוין אַ פּאָר טעג ווי ער שלינגט ממש די סלינע. די פּאָר פֿראַנק, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, זענען שוין לאַנג פֿאַרצערט. ער האָט זיי אויסגעגעבן פֿאַר גיטעלעס וועגן, איינגערעדט איר, אַז ער האָט היינט געגעסן ביי אַ פֿריינט, בע״מע. זי האָט אפילו פֿאַרשטאַנען, נאָר דאָס געבעט אין דודס אויגן האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל צונעמען און זיך נישט מאַכן ווויסנדיק, נישט פֿרעגן קיין קשיות, האָט זי זיך געשטיקט מיטן ביסן און געשוויגן.

איצט איז ווידער נאַכט. ער ליגט אויפֿן אָרעמען געלעגער, דוד, קאָן בשום־אופֿן נישט איינשלאָפֿן. ס׳איז היים און ליכטיק און דורך דעם צערי־סענעם ראַליעט רייסן זיך אַריין שטיקער ליכט, לייגן זיך אויס אויפֿן דיל, אויפֿן טישל, באַ דודן אויפֿן געלעגער. פֿאַר אַ צולאָג — האַלט זיך אים אין איין דאַכטן, אַז גיטעלע סודעט זיך אין שלאָף־חדר מיט לייבישן.

און ווי ער ליגט אַזוי און הערט זיך איין, קומט אַריין אין קיך לייביש, אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, אין די הוילע גאַטקעס, באָרוועס, מיטן צע־פּאַטלטן קאָפּ האָר. ער זעט אויס אַזוי מאָדנע בלאַס. ער גייט אויף די שפּיץ פֿינגער, כדי נישט אויפֿצוועקן דעם גאַסט. דוד טוט זיך אַ ריר, וויל עפּעס פֿרעגן — ער ווייסט אַליין נישט וואָס.

ששש. ! שלאָפֿט ! שלאָפֿט ! שטערט אייך נישט ! — טוט לייביש אַ מאַך מיט דער האַנט און שאַרט זיך צו צום גאַז־אויוועלע.

— וואָס איז ? — פֿרעגט דוד לסוף.

— גאָרנישט ! פּשוט ! ווער עס זאָגט ס׳איז שווער צו זיין אַ ייד, איך זאָג אייך ס׳איז שווער צו זיין אַ טאַטע.

לייביש צינדט אָן די מאַשינקע. עס דערזעט זיך אַ בלוי פֿלעמל, עס דערהערט זיך אַ זשומען פֿון גאַז. לייביש פּאָרעט זיך, וואַרעמט אָן אַ ביסל וואַסער פֿאַרן קינדס וועגן. דעם קינד טוט וויי ס׳בייכל. שטייט לייביש אַ באָרוועסער, אַ נאַקעטער כמעט און פּאָרעט זיך.

דוד באַגראָבט זיך פֿאַר חרפּה. ער באַגיסט זיך אינגאַנצן מיט שווייס. דאָס קינד צעוויינט זיך. ער הערט, ווי גיטעלע רעדט דערצו:

— נו, שאַ, נו, שאַ ! גאָלד מיינס.

דודן נעמט אַרום עפּעס אַזאַ נודנעקייט, ער פֿילט, אַז ער ווערט דער־

שטיקט פֿון חרפּה פֿאַרן ברייט־פּלייציקן לייבישן לעבן אויוועלע, וועמען ער פֿאַרראַט אַזוי מיאוס. ער דערפֿילט זיך אַזוי שפּל, אַזוי געמיין, ער וואָלט גערן איינגעזונקען אין דר'ערד אַריין. ער פֿילט, אַז נאָך אַ רגע און ער וועט אַראָפּ פֿון בעט און אויסשרייען אין דער נאַכט אַריין:

— זעט, ווי ער שטייט דאָרטן, דער אידיאָט! און לאָזט זיך אָפּנאַרן.

ער פֿאַלט פּלוצלונג אַריין אין אַ רציחה. — אָבער פֿאַרוואָס זעט ער גאָר־נישט? פֿאַרוואָס איז ער אַזוי בלינד? פֿאַרוואָס דערלאָזט ער?

— שטערט אייך נישט, שלאָפֿט! — זאָגט לייבש.

— ס'איז שווער צו זיין אַ טאַטע, ס'איז נאָך שווערער צו זיין אַ פּאַס־קודניאַק, אַ פֿאַררעטער, אַ טויגעניכטס און אַ פּחדן — שרייט עס אין דודן און ער באַגיסט זיך מיט שווייס. דאָס קינד צעשרייט זיך נאָך העכער. אַ רחמנות צום קינד נעמט אים אַרום און עפּעס ווערט ער פּלוצלונג אין כעס אויף גיטעלען. זי האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו פֿאַרראַטן לייבישן — פֿליט אים דורך אַ געדאַנק, דודן. ער דערשרעקט זיך פֿאַר זיין אייגענער מחשבה. עס ווערט אים ענג, שרעקלעך ענג.

לייביש גייט צוריק אַריין אין שלאָף־חדר. גיטעלע פֿאַרעט זיך מיטן קינד. ער הערט זי רעדן מיט לייבישן. דוד גראָבט זיך איין אין זיך אַליין, ער דעקט זיך איבער מיט דער פֿאַרלאַטעטער קאָלדרע און ער צעוויינט זיך אַליין ווי אַ קינד.

קאַפּיטל 5

פֿאַרטאָג איז דוד אַרויס פֿון הויז, געהיטן זיך קיינעם נישט אויפֿצוּוועקן. איז ער מיט שטילע, גאָר שטילע טריט, אַראָפּ די טרעפּלעך פֿון שמאָלן קאָרי־דאָרל, ווי אַ גנב. גיך און שטיל פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און זיך גע־לאָזט וואַנדערן. אַ הונגעריקער, אַן אויסגעפּייניקטער, מיט אַ שווערן קאָפּ־ווייטיק און אַ גרינגן גוף, האָט ער אין זיינע עלעגאַנטע מלבושים אויסגעזען אינעם אָרעמען געסל, ווי אַ שיכּורער אַקטיאָר, וואָס האָט אַהער פֿאַרבלאָנ־דזשעט פֿון ערגעץ אַ נאַכט־לאָקאַל.

דאָס געסל איז נאָך געשמאַק געשלאָפֿן. די אָרעמע הייזקעס מיט די פֿאַרמאַכטע הילצערנע לאָדן זענען שוין אין דער פֿריער שעה געשטאַנען באַ־

אסתר קרייטמאַן

גאָסענע מיט אַ העלער, לויטערער, כמעט־זילבערנער זון. הינטער די שמאָלע, ברודיקע וויטרינעס זענען געלעגן די סחורות, האַלב־צעוואָרפֿן. אויף טיר־שוועלן האָבן קעץ געדרימלט. לעבן די רינשטאָקן זענען היינט נישט געשטאַנען קיין פֿעסלעך מיסט, וואָס באַלעבאָסטעס און קרעמערקעס שטעלן אַרויס פֿאַר די „מיסט־מענער", אַז זיי זאָלן זיי אַוועקפֿירן. די שטילע אָרעמקייט האָט צוליב דער ליידיקייט אויך אויסגעזען אַביסל יום־טובדיקער.

דער מילך־מאַן האָט מיט זיין וועגעלע אַריינגעברענגט אַביסל לעבן אינעם פֿאַרשלאָפֿענעם געסל אַריין. דאָס וועגעלע, אַ פֿאַרפּוצטס, מיט גלאַנציקן מעש אָנגעפּיקעוועט מיט מעש־פֿאַרפּוצטע קענדלעך, האָט פֿריילעך אָפּגעהילכט אין דער ליידיקייט. דער מילך־מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער טיר, איבער־געלאָזט אַ קענדל מילך, אויסגערופֿן זיין באַקאַנטן „מילקהאו!", געטריבן די קעץ פֿון די טיר־שוועלן און מיט אַ ברען באַאַרבעט די זאָמער־שטראָסע. ער האָט זיך געאיילט, דער מילך־מאַן, געוואָלט פֿרי אָפּפּאַרטיקן זיך, פּראַוועןיום־טוב.

— דאַך מאָניער! — האָט דער מילך־מאַן אַ זאָג געטון צו דודן, ווי ער וואָלט אים שוין געקענט פֿון כמה יאָרן.

— מיר וועלן, דאַכט זיך, האָבן אַ פֿיינעם „קערמעס", וואָס? ס'איז „שכון וועיער", ע' מאָניער?

— יאָ, ס'זעט אויס! — האָט דוד געכאַפּט אַ בליק אַרויף צום לויטערן הימל און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון געסל.

ער האָט זיך אַריינגעדרייט קיין „באַרגערהאָוט". דאָ זענען געשטאַנען גוישקע באַלעבאָסטעס און האָבן שוין אין דער פֿריער שעה מיט אַ ברען און מיט אַ גיכקייט, געשייערט די טראָטואַרן, די פֿונדאַמענטן פֿון די הייזער, גע־פּוצט די מעשענע טיר־קלאַפּערס, געגאָסן עמערס וואַסער ווי אין אַ שׂרפֿה, גע־וואָלט אָפּפּאַרטיקן זיך, וואָס פֿריער געניסן פֿון דעם יום־טוב. דוד האָט כסדר געצויגן דעם הוט, כסדר געענטפֿערט אויף „דאַך מאָניערס" פֿון אומ־באַקאַנטע באַלעבאָסטעס.

— האַלאָ! — האָט עמיץ דודן פּלוצלונג אָפּגעשטעקט אַ ווייכע און אַ וואַרעמע האַנט. דוד האָט זיך דערפֿרייט.

— זשול?! וואָס טוסטו עפּעס אַזוי פֿרי אין גאַס?

— וואָס הייסט? ס'איז דאָך עפּעס „קערמעס" היינט!

JEWISH TOWER LIBRARY
3160 HOWELL MILL RD, N.W.
ATLANTA, GEORGIA 30327
TEL. 351-3536

— איז וואָסזשע האָסטו זיך אַזוי געאײַלט ?

— וואָס האָסט דו זיך געאײַלט ? — האָט זשול געענטפֿערט און ס׳האָבן אים אַביסל געאַרט זײַנע אײגענע רײד. עפּעס רעדט ער צו דודן, ווי צו זײַנס גלײַכן. ער האָט געפֿילט, אַז עפּעס האַלט ער זיך לגבי דודן אַנדערש, ווי תּמיד. און עס האָט אים אַלײן פֿאַרדראָסן.

— נײן, איך מײן ערנסט ! — האָט זשול ווײַטער גערעדט — מען קען דען שלאָפֿן אין אַזאַ טאָג ? אַז ס׳ציט דיך אַלײן אַרויס פֿון בעט און ס׳פֿירט דיך אַוועק איבער די גאַסן. זע נאָר אַ טאָג ! אפשר — האָט זשול געוואָלט עפּעס אַ פֿרעג־טון און אָפּגעהאַקט. ער האָט זיך אַביסל פֿאַרטראַכט, אַ קוק־געטון אויף דודן, אַ קלער געטון, אַז ער זעט אויס ווי אַ פּגר. האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש.

— אפשר וואָלטן מיר אים גאָר געפּראַוועט צוזאַמען, דעם „קערמעס" ?

דוד האָט אפילו נישט אינזינען געהאַט צו פּראַווען קײן יום־טובֿים הײַנט, הגם אַלע יאָר טוט ער עס. ער האָט שוין געהאַט גרײט אַ „נײן". נאָר זשול האָט מיט אים מיטגעשפּאַצירט, געפּלוידערט, דערצײלט און גע־לאַכט, דודן אָפּטמאָל אויך אָנגעשטעקט מיט געלעכטער און אַזוי זענען זײ צוריק אַרײַן אין שטאָט.

אין שטאָט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָנקומען פֿורלעך פֿון די דערפֿער. יינגוואַרג האָט שוין אָנגעפֿולט די גאַסן. די ליכטיקע זון, מײדלשע געלעכטערן, אויסגעמישט מיט גוטמוטיקע „כאַט פֿאַרדומעס" (פֿאַרדאַמט), האָבן דודן אָנ־געשטעקט מיט חשק צו פּראַווען יום־טובֿ. ער האָט פֿאַרגעסן די נאַכט, ער האָט אַ זאָג געטון „גוט". זשול האָט זיך דערפֿרײט.

— אָבער פֿריער מוז מען עפּעס עסן ! — האָט זשול נישט פֿאַרגעסן אינעם מאָגן זײַנעם.

דוד האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט קײן סאַנטים בײַ דער נשמה. הגם עסן האָט ער נויטיק געדאַרפֿט, האָט עס אָבער זשול נישט געטאָרט וויסן.

— וואָסזשע טראַכסטו, דוד ? — האָט זשול גערעדט. — די מעשה איז אַזוי, איך בין אַרויס כמעט אָן אָנבײַסן, אַ כאַפּ געטון וואָס איך האָב געפֿונען אונטער דער האַנט. אַז זײ שלאָפֿן אַלע ווי די פּגרים — האָט זשול געפּלויר־דערט — און דו האָסט שוין געפֿרישטיקט, דוד ?

— נײן ! אײַנגעטלעך, נאָכנישט ! — איז ווײסטו וואָס איך וועל דיר

דערציילן? כ׳וועל דיר מאָרגן אָפּגעבן, כ׳האָב נישט קיין סאַנטים ביי זיך. כ׳זע, כ׳האָב פֿאַרגעסן דאָס בייטעלע, איך בין סתם אַרויס אויף אַ שפּאַציר — האָט דוד געררעדט מער, ווי נויטיק.

— וועל איך צאָלן, אַ נפקא־מינא.

— דאָס גראָד נישט, מאָרגן וועל איך דיר צוריקגעבן דאָס דייניקע.

זיי זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן.

— היי, גאַרסאָן! — האָט זשול אַ רוף געטון דעם קעלנער מיט אַ פֿריילעכקייט און אַ סך זיכערקייט אין׳עם קול. דודן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זשול רעדט היינט צו חוצפּה׳דיק צום קעלנער און ער האָט זיך אָנגעכמור־רעט, ווי ער וואָלט דאָס געווען דער קעלנער.

דער קעלנער האָט זיך דווקא נישט באַליידיקט. פֿאַקערט, אויפֿן איצ־טיקן רוף איז ער טאַקע געקומען, אַ נידעריקער, אַן אָנגערויטלטער, אַ פֿעט־לעכער, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע גלאַנציקע האָר, אין אַ שוואַרצן פֿראַק, מיט אַ ווייס סערוועטל איבערן אַקסל. ער האָט זיך פֿאַרנייגט, אַ זאָג געטון:

— מאָניער!

— זעסט, ס׳איז שוין צען אַזייגער, ווי די צייט לויפֿט! נישט אומזיסט שטאַרב איך פֿון הונגער — האָט זשול געקוקט אויף דער האַנט — זאָל מען באַשטעלן שעלדע־פֿיש?

— זאָל זיין! — האָט דוד שוין געחלשט צו זען דאָס עסן אויפֿן טיש, וואָס עס זאָל נישט זיין.

דער קעלנער האָט זיך צוריקגעקערט מיט צוויי וואַזשנע פּאָרציעס פֿיש. אָפּגעגעסן, האָט זיך זשול אָפּגעווישט דאָס פֿעטע מויל און איבערגעשמועסט מיט דודן, אַז צונג מעג מען עסן, צונג איז נישט קיין פֿלייש, צונג איז כשר. דוד האָט מסכים געווען, אַז צונג איז כשר. זשול האָט געריבן אויףביידע באַקן און פֿאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטון צו דודן:

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו מיין ברודער?

— וואָס מיינסטו?

— וואָס הייסט? ס׳ט׳גאָרנישט געהערט? בערנאַרד איז דאָך אַ חתן געוואָרן. אַ חתן מיט הונדערט טויזנט פֿראַנק. און אַ זייגער מיט בריליאַנטן, ווי די ניס גרויס.

— כ׳פֿאַרשטיי נישט! — האָט דוד שוין צו גוט פֿאַרשטאַנען. בער־נאַרדס שידוך האָט אים גענוג צרות גורם געווען.

— האָסט טאַקע גאָרנישט געהערט? די גאַנצע שטאָט קלינגט דאָך שוין דערמיט, די גאַנצע שטאָט איז אויף. כ׳זאָג דיר בריליאַנטן ווי די ניס, אַ קליינ־קייט — ליבערמאַנס טאָכטער!

— און וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט דוד אַ פֿרעג געטון.

— וואָס זאָל איך זאָגן — אַזוי ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט ער... אַז ער באַשטייט, באַשטיי איך אודאי און אודאי. מיטן גרעסטן כבוד. — האָט זיך זשול געטרייסלט מיטן פֿעטן גוף פֿון געלעכטער. — כאַ־כאַ־כאַ. אַזוי ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט ער...

אַזוי רעדנדיק און לאַכנדיק, האָט זשול באַצאָלט דעם חשבון. אַביסל שיכורלעך פֿון די שיינע עטלעכע גלעזער ביר באַלד אינדערפֿרי, האָט ער גע־נומען דודן אונטערן אָרעם, מיט אַ צערטלעכקייט, ווי ער וואָלט געווען זיין מיידל, דוד. און אַן ווערטער אַוועקגעשפּאַצירט צו דער שעלדע.

די שעלדע, אַ זון־באַגאָסענע, אַ צעוואַליעטע, אַ ברייטע און אַ פֿרייליכע, האָט שטיפֿעריש געטאַנצט אַרום די שיפֿלעך, וואָס זענען געווען אָנגעפּיקע־וועט מיט פּאַסאַזשירן, קאָליר און געזאַנג. די שיפֿלעך האָבן קיין רגע נישט גערוט. כסדר אויסגעליידיקט זיך און געקומען אויפֿנעמען נייע פּאַסאַזשירן, יעדן, ווער נאָר עס האָט געוואָלט פֿאָרן קיין „סאַנטאַניקע". און געוואָלט האָבן אַ סך. · לאַנגע רייען צוואָרעמטע אַרבעטער, גיריקע נאָך אַביסל פֿרישע לופֿט, נאָך אַביסל דרויסנדיקער ליכטיקייט, נאָך אַ גרינעם בוים, אַ טשוויטער פֿון אַ פֿויגל, זענען זיי געשטאַנען אין לאַנגע רייען און געוואָרט אויף אַ קריש אָרט אין אַ שיפֿל. כדי עס זאָל זיך נישט דערעסן דאָס לאַנגע וואַרטעניש, האָבן זיך די מענטשן אַליין פֿאַרערדט די ציין מיט זינגען אַלערליי פֿאָלקס־לידלעך, מיט חכמענען זיך, בייזערן זיך אויף אַ קינד. און די וואָלן האָבן גע־האַלטן אין איין וואַרפֿן זיך, איינע אויף דער אַנדערער, אַריינגיסן זיך איינע אין דער אַנדערער, פֿאַרשלינגען זיך, צוריק אויסשפּייען זיך. מעוועס זענען געפֿלויגן איבער קעפּ, געוואַלדעוועט, געשפּרייט די פֿליגל און געשנאָרעט. די שיפֿלעך האָבן צעשניטן די גאָלדענע זון. האָט זיך די זון פּאַסנווייז געגאָסן אויף די שיפֿלעך, אויף די מענטשן, געגלעט זיי, געוואָרעמט זיי, דערהויבן די גײַמיטער.

סאַנטאַנעקע האָט אויסגעזען פֿונווייטנס ווי אַ ריזיק שטיק פֿעלד מיט קאָלירטער באַוועגלעכקייט. מיידלעך האָבן זיך געקאָלערט אויפֿן גראָז, אויף דער וויזע, געקושט זיך מיט בחורים און געהאַלדזט זיך. אַרומגענומענע, צוזאַמענגעטוליעטע, פֿריי פֿאַר דער גאַנצער וועלט, פֿאַרן אויסגעברייטערטן הימל, פֿאַר די זינגענדיקע פֿייגל, וואָס זענען אַרומגעפֿלויגן פֿון בוים צו בוים, געהיפּקעט פֿון צווייג צו צווייג, נאָכגעטון די מענטשן אויפֿן פֿעלד, געקושט זיך, געפּראַוועט יום־טוב, געגעסן ברעקלעך פֿון הענטלעך אַראָפּ, וואָס קינדערלעך האָבן זיי אַנטקעגנגעטראָגן. מענער האָבן זייערע אייגענע ווייבער געקושט, געטוליעט זיך צו זיי, ווי זיי וואָלטן זיי קוים געפּאַקט. קינדערלעך זענען אַרומגעלאָפֿן איבערן פֿעלד, געפּלאָנטערט זיך אונטער פֿיס, אַלע ווײַלע אַרויפֿגעוואָרפֿן זיך אויף טאַטע־מאַמע און זיך געשטיקט פֿון געלעכטער, וואָס זיי האָבן געכאַפּט טאַטע־מאַמע ביי עבירות.

דוד מיט זשולן האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט אַרויסגעקריגן פֿונעם שיפֿל און איידער דוד האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויפֿן פֿייכטן גראָז לעבן ברעג. ער איז אויפֿגעשטאַנען, זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פֿאַרן בלאָנדן מיידל, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און געביקעט. נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט אים דאָס מיידל איינגעקלאַמערט דעם רעכטן פֿוס, אַ צי־געטון אים צו זיך און ער ליגט שוין ווידער אויפֿן גראָז.

— „כאַט פֿאַרדומע!” — האָט זי געשריגן און זיך אַזש געטרייסלט פֿון געלעכטער.

דאָס דערזען, האָט זיך זשול מישב געווען, האָט זיך אויך אַ וואָרף געטון מיטן פֿעטן גוף אויפֿן גראָז, שיעור נישט דערהרגעט דעם מיידלס חברטע, וואָס איז דאָרט דערלעבן געלעגן.

ווי אָפּגערעדט צווישן זיך, זענען זיי אַלע פֿיר אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעשפּאַצירט ווייטער אויפֿן פֿעלד, ווי אַלטע באַקאַנטע. מען האָט זיך פֿרעמדערהייט אָנגערופֿן ביי נעמען. ווי ס׳איז איינעם איינגעפֿאַלן, אַזוי האָט מען זיך גערופֿן — זשאַנעקע, מאַנעקע, אַ חילוק, אַבי ס׳איז גוט. מיט אַ ווילדן אימפּעט האָט זיך דוד אַרייַנגעוואָרפֿן אינעם יום־טוב אַריין. ער האָט פֿאַרגעסן און געוואָלט פֿאַרגעסן די צרות, וואָס דער טאַטע זיינער טיילט אים צו מיט אַ ברייטער האַנט. ר׳האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט נישט קיין סאַנטים

ביי זיך. ר'האָט אפילו פֿאַרגעסן דעם שטעכיקן ווייטיק, וואָס ער האָט געפֿילט היינט ביינאַכט און דעם צאָרן צו זיך אַליין און צו לייבישן.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן. די שעלדע, אַ בלוט־באַגאַסענע, האָט נישט גערוט. די פֿאַליעס האָבן אויסגעזען, ווי פֿלאַמען פֿייער וואָלטן געלעבט אינעם וואַסער. פֿאַרלעך מיט קינדער האָבן שוין אָנגעהויבן צונויפֿנעמען די אויסגעלייִדיקטע קוישלעך, קריגלעך, פֿלעשלעך און טעפּלעך פֿון אויסגעטרונקענער מילך, פֿון אויפֿגעגעסענע שפּייז. דער הימל האָט זיך שוין אויך געהאַלטן אין אַראָפּלאָזן — פֿול מיט קאָליר, רויט, פּורפּור, ראָזע, קופּערקאָליר און שטיקער טונקל בלוי. קינדער זענען געהאָנגען מידע אויף אַ טאַטנס אַן אַקסל. יינגוואַרג האָט נאָך געזונגען. שלעפֿעריק און אויסגעצויגן געזונגען.

דוד מיט זשולן, צוזאַמען מיט די צוויי מיידלעך, זענען שוין אויך צוריק אַריין אין שטאָט. זיי זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן, טויט־הונגעריקע, אַוועקגעזעצט זיך לעבן אַ נאַס טישל, אָן אָנגעשטעלטס מיט אויסגעלייִדיקטע ביר פֿלעשער, אָנגעוואָרפֿענע מונדשטוקן פֿון פּאַפּיראָסן, פֿאַרלאָשענע אין טעלער, און געוואַרט, אַז די אויסגעמאַטערטע קעלנערין זאָל זיי קומען באַדינען. אָבער די קעלנערין איז נישט געקומען. ווי אַ געיאָגטע היה, איז זי געלאָפֿן פֿון טישל צו טישל און פֿאָרט קיינעם נישט באַפֿרידיקט. אַלע האָבן געוואָלט מען זאָל זיי באַדינען, אַלע האָבן זיך געבייזערט, געהאַט טענות. נאָר די פֿיר פֿאַרשוויגענע דאָ האָבן געהאַט צייט. זשול האָט זיך געהכמעט, די מיידלעך האָבן זיך צעשיט פֿון געלעכטער, דוד האָט זיך אונטערגעזונגען אַ לידעלע און אַז זי איז לסוף צוגעקומען, די קעלנערין, האָט זשול באַשטעלט אַזאַ וועטשערע, אַז אפילו ער איז זאַט געוואָרן.

אין שטאָט האָט מען זיך אַרומגעזען, נישט געזען אַזוי קיין יידן, האָט מען זיך האַרציק צעקושט, אָפּגעשמועסט צו טרעפֿן זיך נאָכאַמאָל און אַהיימגעלאָזט זיך. אַ זיסע מידקייט האָט זיך צעגאָסן אין די ביינער פֿון די צוויי בעל־עבירה'ניקעס.

— שיכור, דוד? — האָט זשול געלאַכט. און זיך אַליין אויך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס.

די צוויי חברים האָבן זיך געדרייט אין די שמאָלע געסלעך פֿון אַלט־אַנטווערפּן. דער דלות האָט זיך דאָ געהאַט אַרויסגעצויגן אין גאַס אַריין לכּבוד דעם יום־טוב.

אסתר קרייטמאַן

אַ גאַנץ יאָר איז דאָ וויסט און פּוסט, אין די געדרייטע, חושכדיקע געסלעך. די שטילקייט דערציילט דאָ מרה־שחורה׳דיקע מעשיות. אין די „סטימינעיען״ (שענקען), וואָס זענען דאָ איצט אַלע אָנגעפּיקעוועט, זיצן גאַנצע טעג מיידלעך נעבן שטיקלעך אָוועקגעשאַרצטע פֿאָרהאַנגען און קוקן זיך די אויגן אויס אויף אַ קונה, רויכערן געדיכט ביליקע פּאַפּיראָסן און שטריקן. גייט שוין דאָ יאָ פֿאַרביי אַמאָל אַן איינגעקוואַרטער מאַטראָז, איז ער ס׳רוב אָרעם, ווי אַ קירכן־מויז. זיינע אָפּגעבליאַקירטע, בלויע לייוונטענע הויזן, די איינגעפֿאַלענע באַקן, די מאָנטנע אויגן, וואָס גיבן אַ לויכט־אויף, ווי ביי אַ קאַץ, ווען זי דערזעט אַ מויז, זאָגן עדות אויף זיין דלות. און די מיידלעך באַמיען זיך אַפֿילו נישט איבערצורייסן די אַרבעט. זיי דערקענען שוין אין זייער אַראָפּלאָזן די ברוינע אויגן־דעקלעך, אַז זיי שעמען זיך, דערמיט, וואָס זיי קענען זיך נישט פֿאַרגינען אַריינקומען אַמאָל אויסטרינקען אַ גלאָז ביר מיט אַ מיידל און איר געבן אַ מעגלעכקייט איבערצורייסן אויף אַ ווײַלע דאָס איינגעסענע זיצן ביים פֿאַרשאַרצטן פֿאָרהאַנג. האָט אַזאַ מיידל טײַלמאָל רחמנות אויף אַזעלכן און זייער אָפּט — אַ קללה, פֿאַר אים מיט זיין דלות אינאיינעם.

אין די אָוונטן ווערט דאָ פֿריילעכער. די פֿאָרהאַנגען פֿאַרציען זיך, אַ גרינע ליכט גיסט זיך אַרויס, באַלייכט די שוואַרצע, שפּיציקע שטיינער פֿון די טראָטואַרן, וואָס זענען דאָ אַזוי שמאָל, אַז מער ווי איין מענטש קען אויף זיי נישט דורכגיין. אין די זונטיקן איז בייטאָג אויך פֿריילעך. נאָר קומט אַ יום־טוב, ווער שמועסט „קערמעס״, איז דאָ ממש ששון ושמחה. די אויפֿשריפֿטן אויף די פֿענצטער „אַ צימער צו פֿאַרדינגען״ פֿאַרלירן דעמאָלט יעדן זין. עס איז אַפֿילו ניישטאָ קיין שפּאַלט צו פֿאַרדינגען. די מיידלעך האָבן פֿולע הענט אין אַזעלכע טעג. זיי יאָגן זיך קוים אָפּ פֿון די קונים. פֿון אַלע זייטן רייסט מען זיי צו די טישלעך — „היער ייפֿרוי, היער״.

היינט איז דאָ געוועזן פֿריילעכער ווי תמיד. די העלע זון האָט באַלד פֿאַרטאָג, ווי אַ פֿרייד אַריינגעריסן זיך אין די שטיבן, אין די שטיבלעך, אינעם פּאַלאַץ און אין קעלער, נישט געלאָזט שלאָפֿן. פֿריער ווי תמיד איז דער עולם היינט אַוועק קיין „סאַנטאַנעקע״. די שמאָלע, קרומע געסלעך, וואָס שלענגלען זיך דאָ איינס אינעם אַנדערן אַריין, האָבן פֿון זיך אַרויסגעוואָרפֿן קינד און קייט. אַלץ האָט געצויגן קיין „סאַנטאַנעקע״. איצט צוריקקערנדיק זיך פֿון דאָרט, האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין די שענקען, אָנגעפֿילט

ב ר י ל י אַ נ ט ן

די געסלעך, געקנוילט זיך, שיכורערהייט, געוויקלט זיך, ווי ס'וואָלטן זיך געוויקלט און געקנוילט סתם שטיקער לעבן, נישט מענטשן, וואָס פֿאַרמאָגן אַן אייגענעם „איך". די אָרעמע, אויסגעהאָרעוועטע דאָק־אַרבעטער, וואָס וווינען דאָ, האָבן זיך ווי אמתע פֿרייע בירגער, אַרויסגעלאָזט אין די געסלעך, כדי צו פֿייערן זייער יערלעכן „קערמעס" אונטערן פֿרייען הימל. איז אָבער דער הימל דאָ אַזוי צעשניטן, און צעדריוועלט, אַז ער זעט אויס פונקט אַזוי פֿריי, ווי די מענטשן, וואָס וווינען דאָ אונטער אים. און פונקט ווי די, וואָס וווינען דאָ זענען תמיד אויס פֿאַרהושכט, אפילו נאָך אַ באָד, אַזוי זעט דער הימל דאָ תמיד אויס שוואַרצלעך, אפילו אין די העלסטע נעכט. און ער איז געבליבן שוואַרץ, אפילו אין דער ליכטיקער „קערמעס"־נאַכט.

נאָר ווער האָט געקוקט אין הימל אַריין? ס'האָט געטאַנצט גרויס און קליין, מ'האָט זיך געקושט און געהאַלדזט און געוויינט פֿון שיכרות. מ'האָט זיך גוטמוטיק געזידעלט, אַראָפּגעשטופּט זיך פֿון די טראָטואַרן בלע"ז, געחכמעט זיך, געהירזשעט ווי די פֿערד פֿון שמחה. די ווייבער האָבן זיך באַמיט איבערצושטייגן די מענער מיט חכמות, איינע די אַנדערע מיט שטעכווערטלעך, קליינוואַרג האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פֿיס, אַריינגעכאַפּט סטוסאַקעס, פֿילאָזאָפֿיש צוגענומען זיי און ווייטער אַריינגעטאַנצט אין רעדל. די שוואַנגערע זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף טיר־שוועלן, אין מיט גאַס, אין סכנה צוטרעטן צו ווערן פֿון אַן אייגענער שיכורער מאַמען. פֿון די גוטמוטיקע חכמות, האָבן זיך מחלוקותן אָנגעהויבן, בייז בלוט האָט זיך געשאַפֿן און אַ שטילער, אָרנטלעכער אַרבעטער איז פֿון צייט צו צייט אָפּגעפֿירט געוואָרן אין דער פּאָליציי אויף איבערצונעכטיקן — אונטער דער באַגלייטונג פֿון שיכורע קולות, אַ קאַצן־יאָמער פֿון ווייבער און טויטע קללות אויפֿן חשבון פֿון פּאָליציאַנט; אינמיטן דערינען פֿאַרגעסן זיך, גענומען זינגען, אויסמישן די אויסגעלאַסענסטע לידלעך, צוזאַמען מיט די שענסטע פֿאָלקס־לידער. און אַזוי האָבן זיי געפּראַוועט דעם „קערמעס". דער אָרעמאַן — אויף זיין שטייגער, דער „בעסערער" — אויף זיין שטייגער און פֿון די אַלע שטייגערס האָבן די באַלעבאַטים פֿון די שענקען־הייזלעך אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט געלד. די מיידעלך זענען אויסגעריסן געוואָרן. די שטאָט האָט געשטונקען פֿון הייסן חזיר־שמאַלץ, פֿון אַלערליי מושלען און ווערעם, געפּרעגלטע קאַרטאָפֿליעס, ברוינעם עסיק און שווייס.

דוד האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון צווישן דעם שיכּורן עולם. ר׳האָט לחלוטין פֿאַרגעסן אין די מחלוקת מיטן פֿאָטער און איז, אונטערברומענדיק זיך אַן אויסגעצויגן, יום־טובֿ׳דיק לידעלע, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַהיימגעגאַנגען, אַריינגעוואָרפֿן זיך אין אָנטון אין בעט אַריין, און אַ רגע שפּעטער שוין געכראָפּעט ווי אַן אמתער שיכּור.

קאַפּיטל 6

נאָך רחלס אַוועקגיין מיט דער טאָכטער, האָט בערמאַן געכאַפּט אַ דרימל אויפֿן טיש, ווי זיין שטייגער איז. אויפֿגעכאַפּט זיך בסך־הכּל אפֿשר צען מינוט שפּעטער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס׳זענען שוין שעהן פֿאַרביי, ווי ער איז דאָ איינער אַליין. עפּעס האָט ער זיך פּלוצלונג דערפֿילט משונה׳דיק עלנט. ער האָט זיך אויסגעצויגן, אָפּגעגענעצט, אַרומגעקוקט זיך אַרום דער שטוב. נישט געוועזן אויף וועמען זיך צו בייזערן, איז ער אַריין אין קיך, זיך מאַכן אַ גלעזל טיי. אין דער גאַנצער היץ, איז אים אַדורך אַ קעלטל דורכן לייב, גאָרנישט ווי זומער.

אַריבערגעטרעטן די שוועל, דערזען זשאַקן איבער אַ גרויסן טעלער קאַרטאָפּליעס, האָט ער זיך אויף אַן אמת דערפֿרייט.

— ווען ביסטו געקומען ?

זשאַק האָט זיך דערשראָקן. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס הענטל צום הערצל און זיך גענומען שווערן.

— פּאַפּאַ, כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי כ׳בין געקומען צום מיטאָג ! כ׳זאָל אַזוי געזונט זיין ! קענסט פֿרעגן די מאַמען — האָט זשאַק מיטן לעפֿל קאַרטאָפּליעס אויפֿן וועג צום מויל, געהאַלטן אין איין שווערן — כ׳זאָל אַזוי... כ׳זאָל...

— גענוג, גענוג, איך גלויב דיר. ביסט אַ פֿיינער „שמערלאַפּ" (לאָבוס). עס !

זשאַק האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער איז געוועזן טויט־הונגעריק, ר׳האָט היינט די גאַנצע שטאָט אויסגעמאָסטן.

בערמאַן האָט צוגעשטעלט טיי, ער האָט אַרויסגעדרייט ס׳פֿלעמל. דער גלאַנציק־קופּערנער טשייניק, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם, פֿון פֿריער, האָט זיך היימיש צעזונגען. ער האָט אַראָפּגענומען אַ גלאָז פֿון דער פּאָליצע, אויס־

געפּוצט עס, געהאַלטן עס פֿונוויטן, געקוקט קעגן ליכט פֿונעם זוניקן פֿענצ־טער, ווי ער טוט מיט בריליאַנטן, ווען ער וויל דערזען זייער אמתן גלאַנץ. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי. זשאַק האָט שוין געהאַלטן ביים קאָמ־פּאָט.

— זשאַק, זאָלסט נישט אַוועקגיין! ס׳ט׳מיטגיין אין שול אַריין צו מנחה! הערסט?

זשאַקן איז שוין דער קאָמפּאָט נישט איינגעגאַנגען. „קערמעס" אין שול אַריין?! ער שלינגט הייסע קאַרטאָפֿל, כדי וואָס גיכער צוריק אַרויסצוכאַפּן זיך אין גאַס, איז נאַדיר גאָר אַזאַ מעשה! ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בערמאַן האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך אַריינגעטראָגן די טיי אין עס־חדר און איבערגעלאָזט זשאַקן אין קיך, אַ פֿאַרצווייפֿלטן. זשאַק האָט גע־נומען שרייבן מיטן פֿינגער אויף דער שויב און צוטראַכטן אַ דיאַלאָג פֿאַרן פֿאָטער.

— זע נאָר, פּאַפּאַ, אַז נישט זאָל איך נישט דערלעבן אַהיימצוקומען, אויב איך וועל נישט קומען צו מנחה. אַלע יינגלעך זענען היינט אינדרויסן.

נאָר בערמאַן איז געבליבן טויב צו זשאַקס תחנונים. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן זיי אים היינט פֿאַרלאָזט און ס׳איז נאָך איין נס, וואָס זשאַק איז כאָטש געבליבן אין דער היים. דאָס קעלטל אין די ביינער האָט זיך אפֿילו פֿאַר דער הייסער טיי נישט דערשראָקן.

— ווער ווייסט צו דוד האָט זיך חלילה נישט אַ מעשה אָנגעטון?—ס׳האָט אים אַזש אויפֿגעשווידערט — בררר... נאָר דאָס נישט! נאָר דאָס נישט! — האָט עס אין אים געדעדט!

ער האָט געהאַלטן דאָס גלאָז טיי איןביידע גרויסע הענט, געפּרוווט זיך אַביסל דערוואַרעמען. ער האָט געפֿילט, אַז ווען דוד קומט איצט די רגע צוריק, וואָלט ער אים קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. פֿונעם בלויזן גע־דאַנק, אַז ער וואָלט אים קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, איז ער צוריק אין כעס געוואָרן. ער האָט געזופּט פֿון דער טיי און געקרעכצט ווי אַ בעל־יסורים.

פֿאַרנאַכט־צו איז ער אַוועק מיט זשאַקן אין שול אַריין.

אין שול איז היינט געווען פֿון וואָס צו רעדן. צווייגנבוים איז געלעגן ביי יעדן איינעם אין מויל.

דינע, אויסגעצויגענע, באַבערדלטע יינגעלייטלעך אין שוואַרצע און אין

טונקל־גרויע רעק, וואָס זענען צו קורץ פֿאַר אַ פֿראַק און צו לאַנג פֿאַר אַ רעקל, אין געשטרייפֿטע הויזן, מיט פענסנע און אָן פענסנע אויף דינע נעזלעך, מיט פֿאַררוקטע רבנישע קאפעלושלעך אויף צעפֿלויגענע קעפּ, מיט גיריקע שמייכע־לעך אויף רויטע ליפּן, מיט געלע בערדלעך, און בלאָנדע בערדלעך, און שווארצע בערדלעך — אַלע האָבן זיי אים ארומגערינגלט, צווייגנבוימען, אָפּגעשטעקט אים מזל־טוב, שטאַרק חשק געהאַט צו בעטן אים, ער זאָל זיי געבן אַ שאַנס, ווען ער וועט שוין אם ירצה השם האָבן דעם נדן. טייל האָבן טאַקע געבעטן, אַנדערע האָבן אָראָפּגעשלונגען די ווערטער, אָפּגעלייגט די עובדה אויף מאָרגן. עטלעכע יידן מיט ברייטע בערד, מיט אַ סך יאוש אין די לאַכנדיקע אויגן, מיט אָן אַ שיעור קנייטשן און קנייטשעלעך אונטער די אויגן, מיט פֿאַרדרייטע קאַפּעלושן און פֿאַרדרייטע קעפּ פֿון כסדרדיקע דאגות מכוח קויפֿן און פֿאַר־קויפֿן עמיצענס בריליאַנטן און — ווו נעמט מען אויף שבת... אַלע האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, צווייגנבוימען.

צווייגנבוים, וואָס האָט אפילו איצט, נאָכדעם, וואָס עס האָט אים גע־טראָפֿן אַזאַ גליק, נישט פֿאַרלוירן דעם אייביקן יאוש אין די אויגן, האָט געזען, אַז פֿון זיין באָרד וועט קיין שריד ופליט נישט בלייבן, האָט ער, ווי אַ מענטש אַ בעל שכל, אַליין געציפּט זיך די באָרד און אָפּגעראַטעוועט זי פֿון פֿרעמדע הענט. אָבער יידן האָבן זיך אָן עצה געגעבן. אַז ס'איז נישט געווען קיין באָרד, זענען קנעפּלעך און לאַצן אויך געווען אַן ענין. איין ייד האָט זיך שיעור נישט אויסגעפּליקט דאָס אַזוי אויך שיטערע בערדל זיינס. ער האָט אַריינגעצויגן די איינגעפֿאַלענע באַקן אינעם אָנצייניקן מויל אַריין און האָט מיט אַזויפֿיל צער אינעם אָנגעשטעלטן שמייכל איינגעטענהט מיט צווייגבוי־מען, אַז יענעם האָט אַזש פֿאַרקוועטשט ביים הארצן. ער האָט נאָך גערעדנקט זיין אייגענעם מצב פֿון נעכטן און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שטיצן דעם יידן, אויב פֿונעם שידוך וועט טאַקע אויף אַן אמת ווערן, און ער וועט טאַקע באַקומען דעם נדן...

— עך דאַרף אינען דען פֿאַרציילן, אַז בריליאַנטן שטייגן פֿון מינוט צו מינוט ? עך מיין, אַז זי וויסן עס בעסער פֿון מיר. ראַט עך אינען, ווי אַן אמתער פֿרוינד, זיי זאָלן זיך פֿאַרזאָרגן מיט סחורה. היינטיקע צייטן, אַז מען קויפֿט אַ „פּאַרטיקעלע”, איז עס ווי מיט די הענט אריינגעכאַפּט. און זי וויסען דאָך, אַז עך קום ברוך־השם אַריין אין די גרעסטע ביוראָען. אַז מען קאָן

מעך ב״ה איבעראַל. און זי טאָרן מעך טאַקיש נישט פֿאַרגעסן אויך. זי וויסען גאַנץ ווויל, אַז עך בין קיין ע״ה אַ בעל־מטופל, באַוואָרפֿן מיט קינדער קיין ע״ה און זיי ווילן עסן. אַך, אַך, אַך! — האָט דער ייד אַרויפֿגעקוקט צום סופֿיט און געזוכט דעם, וואָס קען, נאָר וויל נישט העלפֿן — דעם רבונו של עולם האָט ער געזוכט.

— כ׳על חלילה קיינעם נישט פֿאַרגעסן! — האָט זיך צווייגנבוים גע־בעטן ביים עולם, ווי ביי גזלנים, אַז זיי זאָלן אים צורו־לאָזן.

דערזען בערמאַנען, איז ער אים אַקעגנגעגאַנגען.

— גוטן־אָוונט, הער בערמאַן!

בערמאַנען האָט מען געהאַלטן אין שטאָט פֿאַר אַן „אַנגעשטאָפּטן, ווי גרויס ער איז״. האָט אים טאַקע צווייגנבוים דערציילט די נייעס מיטן שידוך און דרך־ארצ׳דיק פֿאַרבעטן אים אויף די תנאים.

— גוטן־אָוונט, הער צווייגנבוים! — האָט בערמאַן געשמייכלט — כ׳האָב עפּעס געהערט נויעס. נו, זאָל זיין מיט מזל!

— ער רייבט זיך שוין צווישן די גבירים! — האָבן צווייגנבוימס נייע גוטע פֿריינט נישט פֿאַרגינען אים דעם כבוד.

— זאָל ער זיך רייבן! — איז אַ יונגערמאַן אַריין אין די רייד — כ׳זאָל האָבן די טויזנטער, וויפֿל וויניקער פֿון 50 און אפילו פֿון 20 טויזנט — איז דער יונגערמאַן מילד געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט גאַנצע 80 טויזנט פֿראַנק פֿונעם נדן. — מען ווייסט שוין די מעשהס. מיט דער ערשטער טאָכטער האָט ער אויך אַזוי געטון. צוגעזאָגט האָט ער הונדערט טויזנט און געגעבן האָט ער צען. באשר דער איידעם האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן, וואָסער יאָלד ער איז און די בהמות אין דער בערזע האָבן אים געגלויבט, דערוויל אָנגעגעבן אים קרעדיט. מילא, דאָרט איז כאָטש געווען אויף וועמען צו קוקן. און אַז ער האָט יענעם אָנגעפּיפּן, וועט ער דעם קבצן אודאי און אודאי ווייזן ווו ס׳ליגט. הונדערט טויזנט מכות וועט ער אים געבן, נישט קיין פֿראַנק.

— די כלה וועט ער אים געבן... — האָבן די יינגעלייט געלאַכט.

— גלויבט מיר, אַז דער שוואַרצער, דאָ — האָבן זיי אָנגעוויזן אויף בער־מאַנען — פֿאַרמאָגט מער אין איין בוזעם־קעשענע, פֿון ליבערמאַנען אַרום און אַרום. ער איז אַ פּוסטער רוישער, דער ליבערמאַן. ער מיינט מען קען טשאַקען אַ וועלט.

— ר׳איז בנאמנות גערעכט — האָט אַ ייד אַן אַ באָרד, מיט אַ שמייכל־דיק, געל פּנים, אַ דיקלעכס מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן, ווי ביי אַ סאָווע, מיט שמחה מסכים געווען.

בערמאַן האָט זיך אָפּגעפּרייט מיט צווייגנבוימען, געווונטשן דעם חתן אויך מזל־טוב, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט שמועסן דאָ און דאָרט. גערעדט האָט ער ווייניק, נאָר געהערט האָט ער אַ סך. און פֿון וואָס ער האָט געהערט, האָט ער הנאה געהאַט.

„וואָס דען? הונדערט טויזנט? אַנדערש איז ער נישט געווינט, דער שלעפּער! ?"

און וואָס מער איינער האָט אַראָפּגעלאָזט פֿונעם נדן, אַלץ קלענער איז געוואָרן דער כּעס אויף דודן.

אַהיימגעגאַנגען איז ער צוזאַמען מיט צווייגנבוימען, בערמאַן. אויפֿן וועג האָבן זיי געשמועסט מכּוח געשעפֿט. פֿאַרבייגייענדיק אויסגעפֿרעגט יעדע קלייניקייט, צי איז דער נדן שוין געסילוקט. ער פֿרעגט נישט, גאָט באַהיט, צוליב הוילער נייגעריקייט, ער איז פֿאַראינטערעסירט ווי אַ „פֿרוינד". הונדערט טויזנט פֿראַנק, האָט בערמאַן געזאָגט, איז אַ שיינע סומע, און געקוקט צווייגנבוימען אין די אויגן אַריין, געחלשט יענער זאָל אָפּלייקענען. נאָר צווייגנבוים האָט בלויז מסכּים געווען, אַז ס׳איז אַ שיינע סומע.

— געלויבט השם יתברך, איך האָב מיך חלילה נישט וואָס צו באַקלאָגן, חלילה! — האָט צווייגנבוים ווייטער גערעדט און בערמאַן האָט זיך געטרייסט, אַז ר׳איז אַ שוטה, דער ייד, אַ שלימזל. אים קען מען איינרעדן, אַז אַ שטרוי איז אַ לאָקשנברעט.

אַהיימגעקומען, האָט בערמאַן ס׳ערשטע אַ פֿרעג געטון אויף דודן.

— האָסט עפּעס געהערט? — האָט בערמאַן געפֿרעגט מיט פּחד אין די אויגן. — „גאָט זאָל שומר ומציל זיין! נאָר דאָס נישט!"

— ר׳איז דאָ! כ׳ווייס נישט פֿון וואָס און פֿון וואַנען, כ׳בין אַהיימגעקומען, האָב איך אים געטראָפֿן שלאָפֿן אין אָנטון. מיין אָרעם קינד, ער זעט נעבעך אויס אויסגעמוטשעט. גדליהו, כ׳בעט דיך זאָלסט זיך באַרעכענען. גדליהו, אַ קינד מוז מען באַרעכענען.

בערמאַן איז געוואָרן אומגעדולדיק. אים איז די נשמה שיעור אויסגעגאַנגען און זי נודיט אים, די בהמה.

— כ׳וועל אים שוין באַרעכענען, כ׳וועל אים שוין באַרעכענען! מניא!

די וועטשערע איז צוגעגאַנגען פֿריילעכער. בערמאַן איז געווען ויחד יתרו׳־דיק. אי ער האָט זיך געפֿרייט, וואָס דוד האָט אים נישט פֿאַרשעמט, חלילה, אוי וויי. דאָס האַרץ האָט אים געשראָקן — זאָל שוין זיין אַזוי. מסתמא איז דאָך אים נישט באַשערט קיין נחת. מילא! וועט אים השם יתברך העלפֿן און ער וועט האָבן נחת פֿון די אַנדערע קינדער. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף זשאַנעטן. „קיין עין הרע, אַ מיידל, אַ גאָלד. מען דאַרף איר אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַ גאָלד!״ פֿונדעסטוועגן איז אים נאָך עפּעס אַלץ גע־לעגן אויפֿן האַרצן, געמאַכט אים מרה־שחורה׳דיק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס היינט קיינעם גאָרנישט נישט באַפֿוילן ביי דער וועטשערע, אויף קיינעם זיך נישט געבייזערט.

— זשאַק, גיי שלאָפֿן! — האָט ער זיך גענומען צו זשאַקן. זשאַק האָט זיך, ווי תמיד, געפּרוווט דינגען.

— זע נאָר, פּאַפּאַ, זע נאָר, מאַמאַ!

נאָר עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפֿן. בערמאַן האָט אים נאָכן בענטשן, אָנגענומען ביי אַן אויער און האָט אים בכבודו ובעצמו אַריינגעפֿירט אין שלאָף־חדר, וואָס ער, זשאַק, האָט געטיילט מיט דודן. בערמאַן האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דודס בעט, געוואָלט אַליין איבערצייגן זיך, אַז ער איז שוין טאַקע דאָ צוריק אין דער היים. רחל האָט זיך, אַ מידע, אַריינגעשאַרט אין שלאָף־חדר, זי האָט צומאָל נישט אויפֿגערוימט נאָכן עסן. דעם סידור, וואָס זשאַק האָט פֿאַרגעסן אויפֿן טיש, האָט בערמאַן אַליין אַוועקגעלייגט. אין איינ־וועגס אַרויסגענומען זיך אַ ספֿר. געפּרוווט אַריינקוקן, נאָר די אותיות האָבן זיך נישט געוואָלט צוזאַמענשטעלן.

— הממ. צען טויזנט פֿראַנק איז אויך אַ הון רב פֿאַר אַזאַ קבצן! צען טויזנט! צען טויזנט! — האָט ער געלייענט אינעם ספֿרל. ער איז ווידער געוואָרן אומרואיק. — און אפֿשר אַמאָל גאַנצע הונדערט טויזנט? ווער ווייסט? אַ גאַנץ לעבן האָט ער דאָך אויף דעם אָפּגעהאָרעוועט, אויסגעריסן געוואָרן און דאָ וועט אַזאַ שלימזל, וואָס קען קיין קאָץ דעם עק נישט פֿאַר־בינדן, ווערן מיינס־גלייכן. באַשר ליבערמאַנס טאָכטער איז נישט אַזאַ יפֿת־תואר, טאַקע אַ גרויס אומגליק. דערצו קומט נאָך דער פֿאָטער אויך צופֿאָרן.

ער וויל זיך זען מיט די אייניקלעך, זאָגט ער, — אייניקלעך! מ׳שטיינס־געזאָגט! טאַקע דאָ וועמען צו זען.

ער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פֿון קעשענע, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט אים. דער פֿאָטער שרייבט אים, אַז דער ברודער איז ב״ה בקו הבריאות, אַז ער אַליין פֿילט זיך אויך אַ סך בעסער און אַזוי ווי דער ברודער האָט נאָך דער מוטערס טויט איבערגענומען ס׳געוועלבל, האָבן די באַ־לעבאַטים צוגעפּנעמאַכט אויף הוצאות און ער קומט איה״ש צופֿאָרן צום זון. מחמת ער האָט געהערט זאָגן, אַז אַנטוועדפּן איז ב״ה אַ יידישע שטאָט און אַז ער, דער זון, פֿירט זיך ב״ה יידיש. און ער ווייסט גאַנץ וויל, אַז ער וועט אים מיטן אויבערשטנס הילף אויפֿנעמען בכבוד גדול, מחמת ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט, ווי געטריי ער איז אים תמיד געוועזן, דעם פֿאָטער. ווי ער האָט אים אָפּגעהיטן אין משך פֿון די צוויי יאָר, וואָס ער איז, נישט היינט געדאַכט, געלעגן אין בעט. על כן וועלן זיי זיך איה״ש אינגיכן זען. און אַזוי ווייטער.

בערמאַן האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם בריוו, ווידעראַמאָל געפּרוווט אַריינקוקן אין ספרל. דער גאַנצער טאָג איז דאָרט געוועזן פֿאַרשריבן. אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט צו אַ וואָרט.

— מניאַ... אייניקלעך, אַזאַ שלימזל, צען טויזנט.

בערמאַן האָט געזען, אַז ער מאַטערט זיך אומזיסט, האָט ער אַוועקגע־לייגט צוריק דאָס ספרל פּונקט אויפֿן אייגענעם אָרט, פֿונוואַנען ער האָט עס אַרויסגענומען, גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב, געלייענט קריאת־שמע אויפֿן קול.

— אוי, אוי, אוי! וששים גבורים, כולם גבורי ישראל...

קאַפּיטל 7

בערמאַן איז אויפֿגעשטאַנען מיטן טאָג־צוגלייך, ווי זיין שטייגער איז געוועזן. אין הויז איז געוועזן שטיל און טונקל. ס׳גאַנצע הויז־געזינט איז נאָך געשלאָפֿן. אַלע טאָג ס׳אייגענע. אַזוי גיך, ווי ער דערהערט דעם מילך־מאַנס „האו מילק״! און דאָס טעמפּע קלאַפּן מיטן קענדל אויפֿן הויז־טיר־טרעפּל, טוט ער זיך אָן.

דאָס דינסט־מיידל איז געלעגן אינעם אייזערנעם בעטל, אין קליינעם שטיבעלע, און האַלב־געדרימלט. געריבן זיך די פֿאַרקלעפּטע אויגן און גע־האָפֿט, אַז אפֿשר וועט געשען אַ נס, דער באַס וועט זיך אפֿשר היינט צוליבן נעכטיקן יום־טוב, פֿאַרשלאָפֿן און זי וועט היינט נישט הערן דעם פֿאַרהאַסטן געקלאַטער פֿונעם הילצערנעם ראָלעט אין עס־חדר, וואָס זאָגט איר תמיד אָן, אַ בשורה טובה, אַז זי דאַרף שוין אויפֿשטיין, אַז דער באַס דאַרף האָבן אַ גלאָז באַוואַרקע. זי האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט אפֿשר קענען כאַפּן היינט אַ לענגערן דרימל. זי איז געווען טויט־מיד נאָך דער נעכטיקער גדולה און זי האָט שטאַרק חשק געהאַט איבערצודרייען זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און אַזוי אַוועקשלאָפֿן ביז גאָט ווייסט ווען.

נאָר בערמאַן האָט, ווי יעדן באַגינען, אַרויפֿגערוקט די ראָליעטן און מיטן הילצערנעם לשון דערציילט אַנעקען, אַז ביי אים איז נעכטן קיין יום־טוב נישט געווען. האָט אַנעקע געשאָלטן צווישן די שטאַרקע, ווייסע ציינדלעך, זיך געהיטן נישט דורכצולאָזן ס'וואָרט, שטיל געוואָרטשעט, „כאָט פּערדומע"! און „כאָט פֿאַרדעקע"! און איז אַראָפּ פֿון בעט, ציטערנדיק פֿון קעלט, כאָטש ס'איז געווען אינמיטן זומער.

בערמאַן איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס שטיבעלע. ער האָט מיט אַ זייטיקן בליק דערזען אַנעקען מיט דער ספּודניצע אין איין האַנט, אַ באַרוועסע, מיט דער אַנדערער האַנט אין מויל, כּדי צו דערשטיקן אַ גענעץ, וואָס האָט זיך גע־ריסן אין דער וועלט אַריין, ווי אַ געשריי. ער האָט אַ שמייכל געטון אין די וואָנסעם אַריין. ער האָט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק, אַז זי שטייט גאָר דאָרטן. ער האָט אַ פּרינציפּ, בערמאַן, נישט צו האָבן קיין מגע ומשא מיט קיין דינסט־מיידלעך. זיי טראָגן דערנאָך אַלץ אַרויס און דאָס איז נישט קיין ענין פֿאַר אים. אין אַנטוועפֿן דאַרף מען נישט מער. ער איז דאָך נישט שאַפּירא, וואָס גאַנץ אַנטווערפּן קלינגט מיט אים און יענעם אָרט עס ווי די קאַץ. האָלט מען טאַקע שאַפּיראַן פֿאַר אַ גרינג מענטשל. און ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַזאַ פּיסק, שאַפּירא, און מען וואָלט נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו אים, וואָלט קיין רעכטער מענטש זיך אפֿילו מיט אים נישט אָפּגעשטעלט אין גאַס.

— המם, זי איז נישט קיין מיאוסע! דאַכט זיך אַ שיקסע, פֿונדעסטוועגן...

— האָט ער אַ שמייכל געטון און איז אַריין אין קיך אָפּגיסן די נעגל.

בערמאַן האָט גוט באַטראַכט דאָס זילבערנע טעצל, געזען, אַז אַלץ ליגט

מיט אַ סדר, דאָס לעפּעלע, דאָס גלאָז באַוואָרקע איז נישט צו־שטאַרק, האָט ער דורך אַ שאָקל מיטן קאָפּ געהייסן אַנעקען גיין און זיך אַריינגעלייגט צוקער אין דער טיי אַריין. פּלוצלונג, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער צוריק־גערופן אַנעקען, געקוקט אויף איר, עפּעס געטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאָנען און זי צוריק אַרויסגעשיקט.

כאָט פאַרדומע! — האָט אַנעקע אויפגעהויבן דאָס קעצל, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען יעדן טריט, געריבן זיך אין איר — כאָט פאַרדומע! — האָט זי געערעדט צום קעצל, געוואָלט דערציילן אים, דעם קעצל, אַ סך, אַ סך זאַכן. פּלוצלונג האָט זי אים אַ קוש געטון אין סאַמע פּיסקל אַריין, צוריק אַראָפּגעלאָזט אים און, מיט אַ שטויס, אַ געשריי געטון — „גיי!"

נאָכן אָנבייסן האָט בערמאַן אויסגעטיילט עטלעכע „ברייוקעס", אָפּגע־נומען עטלעכע „פּאַרטיקעס". קיין סך אַרבעט איז נישט געווען. די שניי־דערס האָבן נאָכנישט געהאַט פאַרטיק די אַרבעט צוליבן יום־טוב, די שלייפערס זענען לגמרי נישט געקומען. די פאַבריקן זענען נעכטן געשטאַנען.

ער איז אַוועק אין בערזע. בערמאַן, נאָר דאָ איז אויך קיין מסחר נישט אָנגעגאַנגען. אינווייניק, אינעם גרויסן זאַל פון דער בערזע, מיט די דיקע גלאַנציקע זיילן, וואָס טיילן אים אָפּ, דעם זאַל, מאַכן אַ מחיצה, איז כמעט קיינער נישט געווען. דאָ און דאָרט האָט אַ נישט־אַוועקגעפאָרענער סוחר צעעפנט אַ „פּאַרטיקע", ס'האָט אַ בלישטש געטון, אַ כאַפּ־געטון ס'אויג — ווייס, בלוי, רויט. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געוויזן געקויפטע מציאות און צוריק פאַרוויקלט. אין קלוב איז אויך געווען ליידיק. נאָר אין „שענקל", ווו עם האַנדלען די „קליינע", איז געווען לעבעדיק. באַבערדלטע ייִנגעלייט מיט פאַרזאָרגטע פּנימער זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, אָפּגעשטעלט זיך ביי טישלעך, געוויזן זיך ראָזעטלעך, קלייניקנקע, אפשר הונדערט צום קאַראַט. רויע „וואָרע", וואָס האָט אויסגעזען, ווי שטיקלעך ברוינע און גרויע וואַש־סאָדע. מ'האָט געוויגן אויף באַלאַנסלעך, צוריק פאַרוויקלט, געערעדט, גע־מאַכט מיט די הענט, געשווירן ביי ווייב און קינד, געבעטן זיך צוקלאַפּן מזל־ברכה, נישט געקענט דורכקומען מיטן פּרייז, פאַרמאַכט קושעטן און ווייטער געלאָפן.

אַן עלטערער ייִד איז געזעסן נעבן פענצטער, געפּאַרקעט מיט אַ צווענ־געלע אין אַ גרויסן הויפן „באַק־פאַליעס", וואָס האָט אויסגעזען ווי לויזער

טאבאק, געזוכט דאָרטן בריליאַנטלעך. ער האָט אויפגעהויבן די רויטע אויגן, אָנגעשטעלט זיי אויף בערמאַנען, געגלעט זיך מיט ישוב־הדעת די גרויע באָרד, פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפעס דערמאָנען און אַ זאָג געטון:

— הממ... דאָס איז ער דאָך! דער שוואַרצער כלב.

און ווייטער געפּאַרקעט מיטן צווענגל. גראָד קעגנאיבער דעם אַלטן איז געזעסן זשול, אַ רויטער, אַ שיינענדיקער, ווי תמיד. ער האָט געוויגן „פויער" אויף אַ קליינטשיק באַלאַנסל, איינגעוויקלט דעם גרויען שטויב אין איינעם פון די געפּאַרעמטע ווייסע פאַפּירלעך, אונטערגעברומט בשעת מעשה אַ ליד־דעלע פון „סאַנטאַניקע"

„אין זאָנדאַק טרעק איך נאָר 'סאַנטאַניקע',
'סאַנטאַניקע' ".

אַ יינגערמאַן איז געשטאַנען דערנעבן, אַ נידעריקער, אַן אויסגעריסטער, מיט אַ פייכטן, מרה־שחורה'דיקן בליק אין די צעשראָקענע אויגן.

— ביטע, איילן זי זיך אַביסל צו! הער צווייגנבוים! ס'איז שוין באַלד מיטאָג־צייט. און עך האָב נאָך היינט גאָרנישט נישט אָפּגעמאַכט. עך האָב אינען געזאָגט, ס'עט נישט זיין געננוג „פויער". יעצט האָב עך געמוזט לויפן אינמיטן דער אַרבעט. עך וואָלט אינען אסור נישט געוועזן באַנגנבעט. אַזוי פאַרלירט מען צייט אומזיסט — האָט דער יינגערמאַן געהאַט אַ גערעכטע טענה.

נאָר זשול האָט דערזען בערמאַנען אַריינקומען, האָט ער אויפגעהערט זינגען, איז אויפגעשטאַנען און מיטגענומען מיט זיך דעם „פויער". ער האָט אָפּגעשטעקט בערמאַנען אַ האַנט מיט פינף חן־גריבעלעך און איז רויטער גע־וואָרן פון בוריקע־באָרשט. דער יינגערמאַן מיטן פייכטן בליק איז געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע הענט פון חידוש און קרענקונג.

— ס'זאָל מיר אויסגיין צו זיין קאָפּ, נאַדיר גאָר אַזאַ אָנשיקעניש אינ־מיטן דערינען. אויף מיר ברענט די הויט, כ'יאָג פון מיר די נשמה אַרויס, איז ער געוועזן קראַנק און געשוואָלן אוועקצוגעבן מיר דעם „פויער" און דער־נאָך גיין שפּילן זיך מיטן שוואַרצן דבר־אחר אין שלום־עליכםס.

דאָס מענטשל האָט זיך אַזש צעהוסט פֿון פֿאַרדרוס. דאָס שוואַרצע פּנימל מיטן שוואַרצן בערדעלע זענען ביי אים נאָך קלענער געוואָרן.

שוין באַלד מיטאָג און די „מאָלע" שטייט.

נאָר דער שלייפֿער האָט זיך אומזיסט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. בערמאַן האָט נישט אויסגעשטעקט זשולן די האַנט. ער האָט אים אינדערגיך אַ פֿרעג־געטון, וואָס עס מאַכט דער פֿאָטער און מיט גדלות אָפּגעקערט זיך.

זשול איז געבליבן שטיין מיט דער האַנט אין דער לופֿט. ער איז אַ פֿאַר־שעמטער צוריק צו צום טישל, אָנגעזאָגט דעם שלייפֿער, ער זאָל זעען, אַז די שטיינדלעך זאָלן גוט אַראָפּקומען. דער חשק צו באַווייזן זיך אַליין, אַז איבער דעם אַרבעטער איז ער, זשול, נאָך אַלץ באַס, האָט זיך אין אים צע־וואַקסן און ער האָט זיך צעשריגן:

— זעט ס'זאָל גוט אַראָפּקומען! איר הערט? !!!

— זען, זען! — האָט דער ייד אונטערגעברומט און האָט זיך אַרויס־געאײַלט פֿון שענקל.

בערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען ס'איז זיך נישטאָ מיט וועמען אָפּצושטעלן, אַלץ גאָלע גאַרנישטן, קבצנים, צען פֿאַר אַ פֿראַנק, האָט ער פֿאַר־בייגייענדיק פֿונדעסטוועגן אָפּגעענטפֿערט אויף „גוט־מאָרגנס", וואָס סוחרים־לעך און מעקלערלעך האָבן אים אָקעגן געטראָגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער מוז אַרויפֿגיין צו שאַפּיראָן. דער אונגאַרישער גנב האָט נעכטן גע־זאָגט: „עס איז וואַרע". דאַרף מען אַ קוק טון.

— ער איז קראַנק אַרויפֿצוקומען צו מיר? דער פּאַסקודניאַק, אַזאַ מנובל!

די נעכטיקע רציחה האָט זיך גענומען יאָווען אין בערמאַנען. נאָר פֿאַר־פֿאַלן, מען מוז גיין — געשעפֿט. דער בלויזער נאָמען שאַפּיראָ האָט אין אים צוריק דערוועקט דעם צאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי יענער האָט אים נעכטן אומישנע אַרייַנגעבראַכט אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט שיעור די פּאָ־פּליעקציע געקריגן. ער וואָלט נישט געגאַנגען, ער וואָלט אים געוויזן, אַז ער איז נישט אַזאַ, מיט וועמען מען רייצט זיך. נאָר וואָס קען מען טון? ר'האָט געזאָגט „ס'איז וואַרע" און מיט שאַפּיראָן שפּילן זיך, קען מען נישט. ער דאַרף גיכער אָנקומען צו שאַפּיראָן, ווי שאַפּיראָ צו אים. כאָטש יענער איז נאָר אַ מעקלער און ער, בערמאַן, אַ סוחר. שאַפּיראָ קען תמיד פֿאַרקויפֿן זיין סחורה. נאָך איידער ער האָט זי, איז זי מערסטנטיילס שוין פֿאַרקויפֿט.

ער האָט אַ שוואַרצע גבורה. קומט אַריין אין די גרעסטע ביוראָען, די פֿיינסטע שטיינער גייען פֿריער דורך זיינע פּוכיקע הענטלעך און אַז מען וויל כאַפּן אַ רעכט פֿאַרדינסטל, קריגן אַ רעכט ביסעלע סחורה, טאָר מען זיך מיט שאַפּיראָן נישט קריגן. אַזאַ כוח האָט ער שוין. איז אַ „גנב" מיט די אויגן, אַ „ליג־נער", אַן „אויסוואורף", אַ „שאַרלאַטאַן" — און זאָגט קיינמאָל נישט קיין ליגנס. אויף זיינס אַ וואָרט קען מען בריקן בויען. ער מאַכט קיינמאָל נישט קיין גנבישע שטיקלעך, פֿאַרלירט קיינמאָל נישט קיין „פּאַרטיקעס", טוישט נישט אויס קיין שטיינדלעך אויף קיין רייז — די ערלעכקייט אַליין. אַז ס'איז גאָר אַ כבוד מיט אים, שאַפּיראָן, צו האַנדלען. מען מוז גאָר אָנקומען צו אים, אויב מען וויל הייסן אַן אָנגעזעענער סוחר.

בערמאַן האָט אַ קוק געטון אויפֿן גאָלדענעם זייגער, געזען אַז ס'איז נאָך צו פֿרי אַרויפֿצוגיין, האָט ער פֿאַרקלענערט די טריט, גענומען גיין דורך זיי־טיקע גאַסן. ס'איז גלייכער אַרויפֿצוקומען אַביסעלע שפּעטער, איידער אַבי־סעלע פֿריער.

— מניא, אַ גאַנצער מענטש געוואָרן, דער גראָבער צוציק! אַ פֿאַברי־קאַנט גאָר געוואָרן צו מיינע צורות. הממ... אַרבעט מסתמא אויס אפשר „טויזנט" צום „קאַראַט" — האָט בערמאַן געשמייכלט מיט אַ חוזק־שמיי־כעלע און ס'האָט אים פֿונדעסטוועגן געאַרט, וואָס זשול האָט אים אָקעגנ־געטראָגן די האַנט. — די שנאָרערס מיינען שוין טאַקע, אַז זיי זענען געוואָרן אונזערס גלייכן — האָט ער געטראַכט מכוח זשולן בלשון רבים. ניין, אין ערגעץ וואַקסן נישט אויס אַזעלכע שלעק, ווי ביי אים. מניא... מיטן עלטערן אַ שידוך געטון, דער נעמט זיך שוין אויך צום מסחר. ער קען זיך נאָך אַמאָל אַרויפֿאַרבעטן, מ'קען נישט וויסן. און זיי וועלן דעם אַלטן אויך אַרויסשלעפּן פֿון דער בלאָטע. ניין, קיינעם האָט גאָט נישט אַזוי שווער געשטראָפֿט, ווי אים...

אַזוי באַקרעכצנדיק זיך אַליין, האָט ער זיך דערנענטערט צו שאַפּיראָס הויז. שאַפּירא איז געזעסן אויבנאָן, ביי אַ גלאַנציקן מאַכאָגענעם טיש, באַ־דעקט מיט אַ דיקער פֿלאַך — געשליפֿן גלאָז.

— אַה, הער בערמאַן!

צוויי פּאָר הענט האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט שיידן. צוויי פּנימער האָבן געשטראַלט.

— ביטע, זיצן זי, הער בערמאַן! — האָט שאַפּירא, פּונקט ווי נעכטן בער־מאַן, אַרויסגערוקט אַ שטול פֿאַרן גאַסט און אַליין זיך געזעצט אויבנאָן. בער־מאַן האָט זיך געשפּיגלט אינעם גלאָז פֿון טיש, געכאַפּט אַ בליק צום סופֿיט.

אַ פֿיין געוועלב דער סופֿיט. דער לאָמפּ איז פֿון עכטן קריסטאַל, דער דיוואַן אונטער די פֿיס איז ווייך, טיף, ער דעקט די גאַנצע פּאָדלאָגע, איז גלאַט־בלוי, האָט קיין איינציק בלימעלע נישט אויף זיך. און די ווענט זענען רייך־טאַפּעטירט, די גאָלדענע ווינקל־פּאַסן — אַזוי געשמאַק און האַרמאָנירנ־דיק, גאָלד און בלוי. פּרעכטיק.

— וואָס אַ גנב קען! און ער איז דער מעקלער און איך דער סוחר! וואָס טוט זיך דאָ? דאַכט זיך וויניק מעבל און אַזוי רייך זעט דאָ אַלץ אויס!

— לענכען — האָט שאַפּירא אַ רוף געטון ס'ווייב.

פֿון הינטער אַ שווערן, טונקל־בלויען פּלושענעם פּאַרטיער ביים פֿענצ־טער איז, ווי פֿון אַ באַהעלטעניש אָפּער אַרויסגעקומען דאָס ווייב. מאַדאַם שאַפּיראָס אויגן, קיילעכעקע, מאַטע, ווייט אָפּגערוקטע איינס פֿונעם אַנדערן, מיט אַ פֿאַרטרערטן שמייכל, פֿון וועלכן די מאַטקייט שווענקט זיך נישט, האָבן באַגריסט בערמאַנען. זי האָט אים געגעבן די האַנט. בערמאַן האָט אויף איר לאַנג געקוקט.

— הממ... זי ווערט נאָך מיאוסער, דאַכט זיך.

אין איר פֿיין־אָפּגעפּאַסט קלייד מיטן שווערן, קרעפּדעשינענעם „דזשאַמ־פּער", מיטן פֿיין־אָנגעקאַרבירטן שייטל, וואָס אַלע דריי האָבן זיי דערציילט, אַז זיי קאָסטן אַ סך געלט, האָט די מאַדאַם שאַפּירא אויסגעזען ווי אַ שווערער קלאָץ, געהילט אין זיידנס. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, איז אַריין אין קיך און איז צוריקגעקומען מיט אַ מיידל פֿון אַ יאָר אַכצן. — אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ ווייס טשיפּיקל איבער אַ קאָפּ העל־בלאָנדע, גלאַנציקע האָר, אין אַ שטייף, בלוי קליידל, מיט אַ ווייס, טיולן פֿאַרטוכל, אַ פּיצינקעס אַזאַ. ס'מיידל האָט איר נאָכגעטראָגן אַ גלעזערנעם טעלער פֿרוכט און ס'גאַנצע ווייסע פּנימל איז געווען איין גרויסער שמייכל. די אויגן, גרויסע, בלויע, און קינדערישע, — האָט זיך לעבן מאַדאַם שאַפּיראָן געשאַפֿן אַ ליבער קאָנטראַסט.

— לאָזן זי זיך נישט בעטן! הער בערמאַן! — האָט מאַדאַם שאַפּירא געזאָגט און שאַפּירא אַליין איז גאַלאַנט אונטערגעקומען מיט אַ בלישטשענ־

דיקן ליקער, אין אַ פֿיינער, געשליפֿענער קאַרפֿינקע, ער האָט אַנגעפֿילט די גלעזלעך, מ׳האָט אָנגעקלאַפּט און איבערגעקערט.

— קענסט שוין גיין! — האָט שאַפּירא צוריק אַריינגעשיקט דאָס מיידל אין קיך, און האָט זי פֿאַרביסן מיט די אויגן, אָנשטאָט לעקעך. בערמאַן האָט זיך געחידושט, פֿאַרוואָס מאַדאַם שאַפּירא האַלט אַזאַ שיין שיקסל, ווען זי אַליין איז אַזוי מיאוס.

— ס׳איז אַ העצע, כ׳לעבן! ווי דער גנב רופֿט זי דאָס אַזוי — לענכען, פֿאַרציט זי, ער מיינט ער נאַרט אַ וועלט.

— נו, איצט לאָמיר זען וואָס זי האָבן! — האָט בערמאַן זיך אָפּגעווישט די וואָנסעס.

שאַפּירא האָט אַרויסגענומען פֿון דער ברוסט־קעשענע אַ „פּאַרטיקע", ער האָט עס צעעפֿנט. ס׳האָט אַ בלישטש געטון רויט, בלוי, פֿייער, גרין.

— דאָס איסט יאַ וואַרע! וואָס?

די שטיינער אין מאַדאַם שאַפּיראָס אויערן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי בעת מען דערזעט אַן אַלטן פֿריינט, און האָבן אויך גענומען ברענען מיט קאַלירן.

די צוויי פֿאַרשוינען האָבן לאַנג גערעדט, געמאַכט איינער מיט די גרויסע, ברוינע, דער אַנדערער — מיט די קליינע, ווייסע, פּוכיקע הענט. מ׳האָט לסוף צוגעקלאַפּט מזל־ברכה און גענומען שמועסן סתּם אַזוי מכּוח פּאָליטיק, איבער נעכטיקע טעג...

בערמאַן האָט זיך געזעגנט מיט שאַפּיראָן, פֿאַרגעסן צו געבן דער מאַדאַם שאַפּיראָן די האַנט (ער האָט בכלל ווייניק דרך־ארץ געהאַט פֿאַר ווייבער, בערמאַן), נאָר מאַדאַם שאַפּירא איז אים אַריין מיט אַלע בלישטשענדיקע רינגען אין זיין גרויסער, ברוינער האַנט אַריין:

— אויף ווידערזען, הער בערמאַן! אונד גריסען זי העפֿליכסט אירע פֿראַו!

ביי דער מאַדאַם שאַפּירא האָבן בשעת־מעשה געוויינט און געלאַכט די גרויסע, מאַטע, שוואַרצע אויגן אירע, די נאָז, אַפֿילו די באַקן. בכלל האָט זי אויסגעזען ווי אַ געוויין, וואָס זוכט זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ געלעכטער.

בערמאַן האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט נישט פֿאַרגעסן און געטראַכט, אַז ס׳איז גאָרנישט קיין חידוש, וואָס שאַפּירא איז אַ ווייבערניק. רחל איז אים פֿלוצלונג געשטאַנען פֿאַר די אויגן אין איר שענסטער אויסשטאַטונג. ער

האָט זי דערזען אַזוי ווי זי זעט אויס בשעת זי גייט אויף אַ חתונה, אָדער אַ בר־מצווה און זי איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

— הממ. אַ בעלן געווען צו וויסן, ווי אַלט זי קען זיין, די מאַדאַם שאַפּירא. מען קען ביי איר נישט דערגיין. זי זעט אויס ווי פֿון דרייסיק און ווי פֿון פֿופֿציק. און ער, דער שאַפּירא, איז דאָך נאָך אַ יונגער מאַן, ער האָט געמוזט נעמען יענעם נדן.

אין שטאָט איז עס טאַקע קיין סוד נישט געווען. מ׳האָט געוווּסט, אַז שאַפּירא קלייבט אַליין אויס די דינסטמיידלעך, אַז ערשט נאָכדעם, וואָס שאַ־פּירא גיט זיין הסכמה, הויבט די פֿרוי זיינע אָן די אונטערהאַנדלונגען מכּוח שכירות און אַזוי ווייטער, אַז אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף איז דאָ נישט דער עיקר...

די ווייבער, וואָס קומען זיך צונויף אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אין זומער־דיקע נאָכמיטאָגן, האָבן אַ סך צו דערציילן וועגן די שאַפּיראס. זיי דערציילן, אַז מאַדאַם שאַפּירא זיצט גאַנצע טעג ביים פֿענצטער, קוקט אַראָפּ אין גאַס אַריין פֿאַר אַ צייט־פֿאַרטרייב, אַז זי וויל נישט קומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אַריין, ווייל זי שעמט זיך, זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען שטויסט זיך אָן, דאָס די טייערע קליידער מיטן צירונג, וואָס ער הענגט אויף איר כּסדר אָן, איז נישט חלילה פֿון גרויס ליבשאַפֿט, נאָר אַ לעבעדיקע רעקלאַמע וויל ער פֿון איר מאַכן. זי האָט זיי אַמאָל אַליין געהערט, די ווייבער, אַרומרעדן איר בייז מזל. ביי מאַדאַם שאַפּיראָן האָבן דעמאָלט געוויינט נישט נאָר די אויגן, די נאָז, די באַקן און דאָס מויל, נאָר אפילו די לאָקן פֿונעם שייטל האָבן געוויינט.

אויפֿן וועג אַהיים האָט בערמאַן געטראַכט מכּוח זיין נאָר וואָס געקויפֿ־טער מציאה. ער האָט געלאָזט פֿאַרביישוועבן די גרעסטע סוחרים פֿאַר די אויגן זיינע, די גאַנצע בערזע כּמעט, כּדי צו פּאַקן דעם פּאַסיקסטן קונה, נאָר אַלע זענען זיך צעפֿאָרן. — איבעריקנס, ס׳עט נישט אַלץ געבאַקן ווערן. אַ פֿיין ביסעלע וואַרע געקויפֿט ברוך השם! געלויבט דער אויבערשטער — געהרגט זאָל ער ווערן, דער שאַפּירא, ער האָט אַ גבורה.

אַזוי פֿאַרטיפֿט אין מחשבות איז אים אָנגעלאָפֿן נאָך אַ מחשבה, בער־מאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין ווידער אַמאָל נישט גע־פֿאָלגט דעם דאָקטער. נישט געמאַכט דעם טעגלעכן שפּאַציר פֿאַר דער בלוט־צירקולאַציע. אַז מ׳איז כּסדר פֿאַריאָגט! מ׳ווערט אויסגעריסן, פֿאַרגעסט מען

אין זיך, אינעם שטיקל געזונט. נישט האָבנדיק וואָס צו טון און צום מיטאָג, וואָס מ׳עסט ביי די בערמאַנס ערשט אַרום דריי אַ זייגער, איז נאָך צו פֿרי געווען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר, וואָס ער האָט שוין נישט געמאַכט פֿאַר די לעצטע דריי חדשים.

די זירונבורגער גאַסן און געסלעך זענען אַלע געשטאַנען אויסגעשייערטע. די מעשענע קלאַפּערס ביי די ווייסע און געלע פּאָלירטע טירן האָבן אַלע גע־בלאַנקט. אַלע שויבן האָבן געגלאַנצט. כמעט אויף אַלע פֿאַרהאַנגען האָבן געשטריקטע ווייבער געטאַנצט, קינדער און מלאכים. קיין מענטשן האָט מען פֿאַר די אויגן נישט אָנגעזען. ליידיק און ריין איז דאָ געווען. בערמאַן האָט גאַנץ זירונבורג אויסגעמאָסטן. איצט איז ער צוגעקומען צו באָרגער־האוט. די ליכט־פֿאַבריק, וואָס פֿאַרשטינקט די גאַנצע שטאָט און בעיקר באָר־גערהאוט, האָט אַ ווייע געטון מיט פֿרישן, וואַרעמען חלב און ס׳איז געוואָרן אוממעגלעך דאָרט ווייטער צו שפּאַצירן. האָט בערמאַן אַ צי איין געטון די נאָזלעכער, פֿאַרשטעלט זיך ס׳פּנים מיט דער האַנט און צוריק געלאָזט זיך אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט איז שוין געווען נאָך מיטאָג. די ווייבער האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעלאָזט איבער די וואַרן־הייזער קויפֿן מציאות. טייל זענען אַוועק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אַריין אויף אַ גלעזל קאַווע און אַ פּלאָטקע. די טראָטואַרן זענען געוואָרן פֿול מיט קינדער־וואָגנס. ווייבער מיט פֿריילעכע, אויסגעפּילטע פּנימער, מיט רויטע, שמאָלע פּיסקלעך, און לעבעדיק־גיריקע אויגן, האָבן געשטופּט די קינדער־וואָגנס, קיינעם כמעט נישט דורכגעלאָזט. פֿון זייערע ווייסע הענט האָבן אַראָפּגעבלישטשעט בריליאַנטן פֿון אַלערליי גרויס און ווערט. פֿון די וועגענער האָבן אַראָפּגעבלענדט ווייסע קאַפּעס, פֿאַרפּוצטע מיט בריסעלער שפּיצן און האַפּט, אַלערליי סטענגעס, בלוי, ראָזע. קינדער זענען געשלאָפֿן צוזאַמענגעטוליעטע מיט ליאַלקעס, געהילטע אין זייד און אין שפּיצן. און ס׳האָבן געשטופּט נידעריקע, אָפּגעריבענע קינדער־וועגע־לעך איינגעדאַרטע גרוי־פּנימדיקע מאַמעס מיט נישט קיין איבעריק־ריינע קינדערלעך, פֿאַרגרינטע און דאַרע קינדערלעך, וואָס האָבן געגנאַגט אַ ברודיקע גומקע, אָדער אַן אייגן פֿינגערל פֿון אַ הענטל, אַריינגעשמאָטשקעט עס צו־זאַמען מיטן ברוד.

בערמאַן האָט זיך דורכגעמאַכט אַ וועג. עפּעס אַן עלטערער ייד האָט

זיך געשאָקלט לעבן אַ מיטליערן הער אין אַ העל־גרויען אנצוג, מיט אַ קיילעכיק־בלאָס און גלאַט־ראַזירט פּנים, מיט אַ פּאָר פּריילעכע, קיילעכיקע אויגן, און אַ בכבודיקן בויך. דערזען בערמאַנען, האָט זיך דער אַלטער אַ ריר־געטון ביים צעקנייטשטן קאַפּעלוש, אַ גיכן זאָג־געטון „גוטן־טאָג, הער בערמאַן" און ווייטער געשטאַרקעט מיטן ווייז־פינגער דעם דיקן פּאַרשוין אין לאַכנדיקן פּנים אַריין. ביי דעם יידן, פּונקט ווי ביי דער מאַדאַם שאַפּירא, האָבן געלאַכט און געוויינט די אויגן און די באַקן. די קנייטשן אַרום די אויגן זענען ביי אים אַלץ טיפער געוואָרן, געדיכטער, די בלויע ליפּן — נאַסער און דער חשק איינצונעמען דעם בייכיקן הער — גרעסער פון רגע צו רגע. נאָר יענער האָט געלאַכט מיט אַ רואיקייט, וואָס האָט דעם אַלטן אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

— זי ווערדן חלילה קיין חרטה נישט האָבן! דער אַלטער צימערמאַן לאָזט מיך אימער האָבן „וואַרע" ביליקער פון אַן אַנדערן. איך האָבע שוין ביי אים אַזאַ מזל. און ער ווייסט טאַקע, אַז איך בין אַ געניטער „קאַרטיער", נישט קיין סמאַריק — האָט דער אַלטער גערעדט מיט האַרץ.

— אָבער אַז עך דאַרף פּאַרט נישט האָבן קיין קליינע „וואַרע" — האָט דער סוחר לסוף אַן אומגעדולדיקן מאַך געטון מיט דער האַנט און דער אַלטער איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן.

אין מיט גאַס האָבן געריטן בלייכע יינגעלייט און עלטערע יידן מיט אויסגעקראָכענע, שיטערע בערדלעך און מיט לאַנגע, געדיכטע בערד. אויף טריסיקלעטן זענען זיי געריטן. די געלע פּנימער זייערע האָבן טרויעריקע מעשיות דערציילט. די בערד זייערע זענען געלעגן אויף די קוישן, מיט הינער, מיט פיש, ברויט און פליישׂ, וואָס אָט די געוועזענע דיאַמאַנטערן און סתם אָרעמעלייט האָבן איצט פונאַנדערגעפירט אין רייכע הייזער אַריין, צו קאַרגע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן אַ טבע אַריינצוגיין אין די קראָמען, לאַנג קלויבן, לאַנג דינגען זיך, נאָר מיטנעמען די סחורה מיט זיך — דאָס נישט. פירן די שיק־יינגלעך מיט די לאַנגע בערד פונאַנדער די סחורות, און חלומען פון די צייטן ווען זיי זענען אַריבערגעקומען קיין אַנטווערפּן מיט נדנס, מיט האָפענונגען אויף גיך רייך צו ווערן, נאָר נישט געוועזן קיין טויגערס, האָט מען זיי אין דער בערזע אָדער אין קלוב גיך „חתונה" געמאַכט. איצט איז דאָס זייער פּרנסה. טייל האַנדלען פאַר־זיך, שטופּן פלאַכע וועגעלעך מיט איינגע־

שפּאַנטע הינט, וואָס זיי קויפֿן אויפֿן „פֿאָדער" מאַרק, אָדער ווי יידן רופֿן אים פֿויגל־מאַרק. שטופּן אונטער די וועגעלעך מיטן אייגענעם גוף, העלפֿן די הינט אין דער עבודה, שלעפּן זיך אַרום איבער די אָרעמע יידישע געסלעך, וואָס זעען אויס פּונקט אַזוי געבויגן, פּונקט אַזוי מיד, ווי די סוחרים, וואָס רופֿן אויס מיט אַ גמרא־ניגון זייערע נישט־אַפּעטיטלעכע סחורות.

בערמאַנען נעמט תמיד אָן אַ חשק צו לאַכן, ווען ער זעט זיי, אַט די שלימזלנים אויף די רייטוואָגנס. נאָר ער לאַכט נישט — חלילה! קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן עס איז...

קאַפּיטל 8

ביי די בערמאַנס איז שוין דער טיש געשטאַנען אַ געדעקטער. ס'האָבן אויף אים געבלאַנקט זילבערנע גאָפּל־לעפֿל, אויסגעלייגטע מיט אַ סדר, עס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט זילבערנע וואַזעס, מיט שמעקעדיקע קוגלען און קאָמפּאָטן. עס האָבן אַראָפּגעפֿינקלט סיפֿאָנען סאָדע־וואַסער. אַפֿילו די רויטע מעדיצין אויף צו נעמען נאָכן עסן, האָט שוין געוואַרט אויף אים. אַנעקע האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט פֿון יוצא וועגן מיט אַ געלער שמאַטע אין האַנט, געזוכט שטויב, וואָס איז אין ערגעץ נישט געווען אינעם אַלטגעזעסענעם, נגידישן עס־חדר.

ס'איז אַראָפּגעקומען פֿון שלאָף־חדר דוד, אַ צעשויבערטער, אין די שטעקשיך, אינעם שלאָף־ראָק. דאָס פּנים — טונקל־געל און פֿאַרשלאָפֿן. אַנעקע האָט געכאַפּט די שמאַטע און זיך געלאָזט צו דער טיר. נאָר דוד האָט זי צוריקגערופֿן. ער האָט זי אַ צי געטון צו זיך. אַנעקע האָט זיך פֿאַררויטלט, אַ ריס געטון זיך און איז האַסטיק געלאָפֿן צו דער טיר. ס'איז אַראָפּגעקומען פֿון איר שלאָף־חדר זשאַנעט, אָן איינגעהילטע אין אַ לאַנגן, בלויען, זיידענעם שלאָף־ראָק, פֿאַרפּוצט מיט ווייסן זומער־פֿוטער, אין אַ פּאָר זיידענע שטעקשיכלעך מיט הויכע אָפּצאַסן. די האָר — פֿייכטלעך פֿונעם וואַשן זיך, די אויערן — קליין און רויט.* זי איז צוגעלאָפֿן צו דודן, אַוועקגעזעצט זיך לעבן אים אויף דער ברייטער פּליושענער זאָפֿע, גענומען קושן אים ווי אַ געליבטן.

— אוי דו ביסט דאָך שוין דאָ, דוד, — און באַלד דערויף — הערסט,

דוד, האָב איך געקריגן די וואָך אַ ראָמאַן, קען מען משוגע ווערן. אוי, וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ!

—נישט בחינם ביסטו טאַקע משוגע! — איז די מוטער פּלוצלונג אויס־געוואַקסן אויף דער שוועל. — כ'ווייס נישט, וואָס זי האָט דאָרטן אין די ביכלעך? אַז מען דאַרף אַזש קיין אָנבייסן נישט עסן!

— אוי, מאַמע, ווען דו וואָלסט געקענט לייענען, וואָלסטו געוווסט. הערסט, דוד, דו מוזט לייענען דעם ראָמאַן. ס'איז צום שטאַרבן.

— אָבער ס'איז דאָך מיט יעדן ביכל דאָס אייגענע.

— ווייל זיי האָבן אַלע אַ טעם! אוי, דוד — האָט זי אים גענומען דריקן צו זיך.

— אהאַ, מיין שוועסטער איז שוין אַביסל משוגע געוואָרן! — האָט זיך דוד צוריקגעצויגן אין ווינקל אַריין.

— זעסט, דוד, אַזוי האָט זי געטאַנצט!

— ווער האָט געטאַנצט?

— עסט באַלד זען אַ טאַנצן!

זשאַנעט האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים שפּיגל, אויפגעהויבן אַ ברעג שלאָף־ראָק צווישן צוויי פינגער און גענומען טאַנצן. תחילת געלאַסן, פּאַמע־לעך, אַריין אין עקסטאַז און גענומען דרייען זיך ווי אַ ווירבל־ווינט, גיכער, גיכער. פּלוצלונג האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די שטעק־שיך, אויפגעהויבן איין פוס אינדערהויך, אַרויסגעוויזן די בלויע, זיידענע מייטקעס און די נאַקעטע, ברוינע פיס.

דוד האָט איר פון ווינקל זאָפּע נאָכגעפאָלגט יעדן טריט, ווי ס'טוט אַ מבין אויף קונסט. פויל און באַרעכנט נאָכגעקוקט איר.

בערמאַן האָט געעפנט די טיר, געוואָלט אַריינגיין אין עס־חדר, האָט אים אַ שטיק בלוי זיידנס אַ שוועב געטון פאַר די אויגן. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זשאַנעט האָט נאָך אַלץ געטאַנצט. אָט האָט זי זיך געיאָגט ווי אַ ווינט, אָט האָט זי געמאָסטן, די טריט. פּלוצלונג האָט זי צוזאַ־מענגענומען ביידע פיס און אָוועקגעשטעלט זיך אין אַ פּאָזע, ווי מען זעט טיילמאָל די טענצערינס אויף די פּאַרפומען־פלעשלעך. בערמאַן איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעקאָוועטער צום אָרט און געגאַפט. ער האָט לחלוטין פאַר־געסן, אַז דאָס טאַנצט דאָס אַזוי זיין אייגענע טאָכטער. נאָר זשאַנעט איז

מיד געוואָרן, אַוועקגעזעצט זיך לעבן ברודער אויף דער זאָפע. דוד האָט דער־זען דעם פֿאָטער, האָט ער זיך פֿלינק אַריינגעכאַפּט צוריק אין שלאָף־חדר.

— אַזוי האָט זי געטאַנצט — האָט זשאַנעט געהאַלטן אין איין איבער־חזרן די עטלעכע ווערטער, צומאָל נישט געזען, אַז דוד איז שוין נישטאָ.

— ווער האָט געטאַנצט? — האָט בערמאַן נישט פֿאַרשטאַנען. זשאַנעט האָט זיך צעלאַכט.

— אוי, פּאַפּאַקעלע, כ׳האָב געמיינט, ס׳איז דוד.

— אָבער ווער האָט געטאַנצט?

— אין ביכל. כ׳האָב אַ פֿראַנצויזישן ראָמאַן, טאַנצט דאָרטן אַ מיידל, וואָס איז פֿאַרליבט, וואָלסטו שוין געדאַרפֿט זען.

— ס׳זאָל מיר אויסגיין צו דיין נאַר! מניא, געמיינט ווער ווייס וואָס... רחל, לאָמיר גיין עסן, ס׳חלשט מיר ס׳האַרץ.

רחל האָט געקוקט אויף דודס ליידיקן געשיר אויפֿן טיש און געזיפֿצט:

— וואָס וועט זיין דער סוף?

נאָכמיטאָג האָט זשאַק אַריינגעלאָזט צו בערמאַנען אין עס־חדר אַן על־טערן יידן און אַליין האָט ער זיך ביי דער געלעגנהייט אָפּגעטראָגן פֿון דער היים.

דער ייד האָט זיך געריכט אויף אַ קאַלטן ברוך הבא.

— כ׳בין פֿאַרבייגעגאַנגען, האָב איך מיר אַזוי געזאָגט: אַלץ אויפֿעסן עט איר מיך דאָך נישט.

בערמאַן האָט אַ קוק געטון אויף דעם יידן, אַ צינישן שמייכל געטון און געזאָגט:

— ניין, אייך וועל איך נישט אויפֿעסן! — און ווייטער — אייך אויפֿ־עסן? ברורר...

דער ייד האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק. ער איז צוגעקומען נענטער צום טיש.

— וואָסזשע אַזוינס דאַרפֿט איר? — האָט אים בערמאַן געשניטן מיטן קול.

— כ׳מיין... עע... אַ געלעכטער אין אַ זייט — האָט דער ייד אַרויס־גענומען דאָס טאַבאַק־שקעטעלע, — אַ געלעכטער אין אַ זייט — האָט ער געקלאַפּט אין אַלע פֿיר זייטן פֿונעם שקעטעלע, כדי דער טאַבאַק זאָל זיך

יאַוויען — ס׳איז ווי ס׳האָט אַמאָל איינער געזאָגט, כ׳מיין — פֿאַר פּרוואָון שמייסט מען דאָך נישט. כ׳ווייס? כ׳האָב געקלערט, אפשר! פֿאָרט, אַ נדן איז דאָ! אָבער באמת איז דאָס דען אַ שידוך פֿאַר אייערטוועגן? איר מיינט איך ווייס נישט, אַז...

— טאָ וואָסזשע האָט איר פֿאַרדרייט אַ קאָפּ? ממה נפשך, האָט איר געוווּסט, אַז ס׳איז נישט פֿאַר מיינעטוועגן, טאָ וואָס זענט איר געקומען באַ־לעמוטשען?

— אויך יענע מעשה! כ׳האָב געקלערט, אַ מיידל אין די יאָרן איז זי טאַקע, נאָר אַזאַ הון רב. אָבער די רגע, וואָס כ׳בין געוווּיר געוואָרן, אַז פֿון הונדערט טויזנט איז געוואָרן צען טויזנט, האָב איך באַלד אויסגעדרייט דעם דישעל, כע־כע־כע.

— און מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט באַלד געהאַט צוויי דישעלס.

— ווער זאָגט דאָס, חס ושלום! — האָט זיך דער ייד אַזש אַ וואַקל געטון.

— יאָ, מען קען אייך! נאָר אַזוי ווי איר האָט געוווּסט, אַז איך וועל חלילה מיין קינד נישט פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַזאַ פּאַסקודסטווע, פֿאַר צען מיליאָן פֿראַנק אפילו אויך נישט, זענט איר אַוועק אַהין. און דאָך ווייס איך, אַז איר האָט גערעדט ביידע שידוכים מיטאַמאָל. איז וואָסזשע ווילט איר איצט?

דער ייד האָט זיך געמאַכט נישט־הערנדיק. ער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שטול לעבן טיש, אָנגעשטאָפּט זיך ביידע נאָזלעכער מיט טאַבאַק, אַרויס־גענומען אַ גרויסע ,רויטע נאָז־פֿאַטשיילע פֿונעם לאַנגן פּאָלטן מיטן באַראַנ־קאָוון קעלנערל, וואָס ער טראָגט סיי זומער אין די גרעסטע היצן, סיי ווינטער אין די גרעסטע קעלטן, אַרומגעווישט זיך דאָס גרויסע, קנאָביקע פּנים, אַריינ־גענומען דאָס שפּיציקע, גרויע בערדל אין ביידע הענט אַריין און האָט זיך צענאָסן אויפֿן קול.

בערמאַן האָט זיך אָפּגערוקט ביזן סאַמע עק טיש. ער האָט זיך אַליין אויך צענאָסן.

— הערן זי, הער בערמאַן! זי ווייסן גאַנץ גוט, דאַכט זיך, אַז ס׳האָט נאָך אין אַנטוועפּן קיינער נישט חתונה געהאַט אָן מיר. אַז קיינער האָט זיך מיר נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעגליטשט פֿון די הענט אַרויס, אַחוץ אפשר

דאָרט, ווו מען פֿאַרפֿירט ליבעס. און אַפּילו דאָרט דאַרף מען סוף־כּל־סוף אָנקומען צו מיר...

— איז וואָסזשע ווילט איר? אַ קוש אין בעקל? גוט. קומט צו נענטער וועל איך אייך אַ קוש טון. — האָט זיך בערמאַן צעלאַכט און איז אויפֿגעשטאַנען, אַ צייכן, אַז ער מעג שוין גיין, דער ייד.

נאָר אַז דער ייד איז געבליבן זיצן, האָט אים בערמאַן גאָר פּשוט געזאָגט:

— ר׳ ביינישׁ, כ׳דאַרף אַוועקגיין, איך האָב נישט קיין צייט!

האָט זיך ר׳ ביינישׁ אויפֿגעשטעלט, געגעבן בערמאַנען די האַנט און אַזוי געזאָגט:

— פֿונדעסטוועגן, אַז ס׳עט זיך מאַכן, עפּעס רעכטס אי״ה, וועלן מיר נאָך טרינקען בראָנפֿן, נישקשה. הע־הע־הע... — און ער איז אַהיימגעגאַנגען.

און ר׳ ביינישׁ האָט נישט געזאָגט קיין ליגנט: גאַנץ אַנטוועדפֿן האָט ער חתונה געמאַכט און ער פֿלעגט טאַקע רעדן דעם אייגענעם שידוך אין עטלעכע הייזער אויף אַמאָל. אַזוייערנאָך האָט ער כּמעט תּמיד אויסגעפֿירט. האָט זיך עס נישט געפּאַסט אין איין הויז, האָט זיך עס געפּאַסט אין אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פֿערטן, אַ פֿינפֿטן — אויסגעפֿירט האָט ער. איז אַריבער געקומען אַ בחור קיין אַנטוועדפֿן, האָט ער נישט לאַנג געוואַרט, ר׳ ביינישׁ, נאָר טאַקע באַלד, דעם אייגענעם אויפֿדערנאַכט גענומען רעדן אים אַ שידוך. מערסטנס האָט ער געפּאַקט אַזעלכע בחורים אין די חסידים־שטיבלעך. זיי פֿלעגן מערסטנס קומען פֿון פּוילן אָדער פֿון רוסלאַנד, פֿון וואַנען זיי זענען אַוועק כּדי אויסצומיידן דעם פּריזיוו. אַז ס׳האָט זיך געמאַכט, אַ בחור האָט גראָד נישט געהאַט קיין קרובים אין אַנטוועדפֿן, פֿלעגט ער האָבן אַ בריוו צו אַ חסיד פֿון זיין רבין. גאַליציאַנער בחורים האָבן מערסטנס יאָ געהאַט קרובים. אַזוי האָט זיי ר׳ ביינישׁ געפּאַקט אויף דער גאַס, אין בית־המדרש, אין שטיבל, אין דער היים. צווישן אַלע מתפּללים איז ער תּמיד געווען דער ערשטער אָפּצושטעקן אַזאַ בחור שלום־עליכם, אויספֿרעגן אים באַריכות פֿון וואַנען קומט ער, ווער איז ער, וואָס טוט ער. האָט דער יונגערמאַן געמעגט זיין אַ שווייגער, אַ כיטרער מענטש, סתּם אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב צו רעדן וועגן זיך, ר׳ ביינישׁ האָט אַלץ אַרויסגעקריגן. פֿאַר אים האָט מען

גאָרנישט נישט געקענט פֿאַרהוילן. אַלץ זיך דערוווסט, האָט ער אים גענומען רעדן אַ שידוך.

— האַלטסט נישט ביי חתונה האָבן, זאָגסטו? אַן אַלטער פּזמון! העט־העט־העט! אַ העצע, בנאמנות! אַלע ס'אייגענע! נישקשה, עסט שוין האַלטן, עסט שוין האַלטן.

— אין דער אמתן, וואָס וועסטו דאָ אויפֿטון? גאָרנישט מיט גאָרנישט! עסט אויפֿעסן די פּאָר קערבלעך, — און אַז אַ פּאָר הונדערט קערבלעך? — שפּילט עס אַ גרויסע ראָלע? עסט זיך לערנען שניידן? זעסטו, טאַקע אַ וואַזשנע מלאכה — האָט בייניש געקלאַפּט אינעם ביינערנעם שקעטעלע, כדי דער טאַבאַק זאָל זיך יאַוויען, — אַ נייע פּרנסה. ס'הייסט, אַ פּרנסה איז עס גראָד יאָ אַ פֿיינע, אויף דיר אַזאַ יאָר! אָבער נישט פֿאַר קיין יידן! אודאי, ווען דו ביסט, חלילה, אַ גוי, כ'מיין טאַקע אַן אמתער גוי, וואָלסטו זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין „באַנד" (סינדיקאַט), וואָלסטו זיך אויסגעלערנט פֿאַרדינען אויף ברויט. און נישט בלויז ברויט, נאָר אפילו שיכורן וואָלסטו געקאַנט. וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע אפילו, העט־העט־העט! און אַזוי ווי דו ביסט ברוך השם אַ ייד, און נישט קיין גוי, חלילה, עסטו דאָ אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר בחינם. ס'הייסט בחינם? עסט נאָך צוצאָלן עטלעכע הונדערט קערבלעך, אַז מ'זאָל דיך אויסלערנען ס'פֿאַך. מיינסטו דאָך, אַז מ'עט דיך אויסלערנען? אַ נעכטיקער טאָג! עסט אַרויס יענע קאַליקע! אַ חוץ, וואָס מ'עט דיך דאָ באַלד נישט צולאָזן, זאָלסט קריגן אַ „פּאַרטיקעלע". און פֿאַרוואָס זאָל מען דיך יאָ צולאָזן? ס'דרייען זיך דאָ אַרום ווייניק שניידערס מיט שלייפֿערס, וואָס שלינגען די סלינע? לויפֿן נאָך די פּאַטראָנעס נאָך אַ פּאָר שטיינדלעך. און ווער עס קען נישט גוט לעקן דעם פּאַטראָן, אין ווייסט שוין וווּ, זאָלסט מיר מוחל זיין פֿאַר די רייד, דער קריגט קרענק, נישט קיין אַרבעט! איז וואָס וועסטו דאָ טון? כ'פֿרעג דיך, אדרבה — נעמט ר' בייניש אַ שמעק־טאַבאַק און האַלט אים צווישן ביידע פֿינגער, אַזוי לאַנג, ביז דער יונגערמאַן צעניסט זיך.

— האַפּטשיק! האַפּטשיק!

— צום געזונט זאָל דיר זיין! זעסט ווי דו ניסט אויף מיינע רייד? אַז איך רעד צו דיר ערלעכע ווערטער! אַזוי זאָל טאַקע כל ישראל געהאָלפֿן ווערן! וואָס פֿאַראַ ערלעכע רייד! אַז איך זאָג דיר, זיי זענען דאָ אַלע גאָרגלשניידערס! זיי קוקן נאָר אויס דאָ אויף אַ פּריץ! אויף אַ מענטש, וואָס קען

זיך נאָכנישט אויף זייערע שפּיצלעך. און אַז דו גייסט אַרויס אַ קאַליקע, מיט אַן עול אַ מאַשין אויסצוצאָלן, וואָס שטייט ביי דיר און זשאַווערט. און טאָ־מער מאַכט זיך, קריגסט שוין יאָ אַרויס אַ פּאָר שטיינדלעך, קלאָגסטו זיי דאָך אָפּ. וואָרום פון וואַנען זאָלסטו קענען? קריגסטו דאָך שוין במילא נישט מער. און אין דער היים ווערט מען מיד פון האַלטן אין איין שיקן געלט און ס׳איז צרות, פאַרשטייסטו מיך! גלויב מיר, אַז איך דערזע אין בית־המדרש, צו אין שטיבל אַזאַ יונגנמאַן, שניידט מיר ביים האַרצן! — קרעכצט בייניש און זעט, אַז דער יונגערמאַן זאָל קיין איין וואָרט נישט קענען אַריינוואַרפן. ער ציט דעם מאַנאָלאָג געדיכט און גיך, אָן אַן אויפהער — פאָלג מיך און דעסט בענטשן דעם טאָג, וואָס דו האָסט מיך באַגעגנט. אַ מיידל? אַ גאָלד, נישט קיין מיידל! און פון אַ פיינער משפּחה. וואָס רעד איך — פון יחסנים! עסט קריגן דעם פיינעם נדן, אַן אויסגעמעבלירטע דירה. דער מחותן עט דיך אַריינצונעמען צו זיך אין געשעפט, מאַכן דיך פאַר אַ סוחר און אַז פאַר אַ מעקלער — איז שלעכט? אַזאַ מזל אויף אונדז ביידן, ווי שאַפּיראָן גייט בעסער פון אַ סך גרויסע סוחרים! כ׳לעבן, אַז אַ קורטיער האָט שכל, איז עס אַ ברויט מיט אַ מעסער! דו לייגסט גאָרנישט אַריין און אַרויסנעמען, נעמסטו!...

— וואָס מ׳מיינט אַ „קורטיער״? אַ מעקלער, אַ פאַרמיטלער צווישן דימענטן־סוחרים. פּשוט, דו ביסט אַ סוחר און איך בין אַ סוחר. גיב איך אַ „פּאַרטיקע״ צו פאַרקויפן. יענער לויפט אַרום אין די ביוראָען, דרייט זיך אין שענקל, אין קלוב, אין דער „פאַרטונע״, צי גאָר אין בערזע און ער פּאַקט אַ סוחר, ער פּאַקט דיך, למשל, און דו דאַרפסט גראָד האָבן די סחורה, וואָס איך האָב. קויפסטו, און דער מעקלער קריגט זיך זיינע פּראָצענטער. נו, איז שלעכט צו זיין אַ מעקלער? אַז לייגן לייגסטו גאָרנישט אַריין, אַ חוץ קאָפּ. אַ סך ווערן נתעשר. פּלוצלונג אין אַ מיטן מיטוואָך, ווערט אַ טומל צווישן די סוחרים, ס׳נעמט זיך רודערן אין שענקל, אין קלוב, אין די רעסטאָראַנען, די שטאָט קאָכט. וואָס איז? ס׳האָט שוין ווידער עמיצער פאַרלוירן. וואָס הייסט? ס׳הייסט? ס׳הייסט גאָרנישט. ס׳הייסט, אַז דער מעקלער, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטרויט סחורה, האָט פאַרלוירן, צי מ׳האָט אים באַגנבעט. פאַרשטייסטעך שוין אַליין, אַז לא היה ולא נברא, נאָר טו אים עפּעס, אַז ר׳האָט עס נישט! מיינסטו דאָך אודאי אַז מען זעצט אים איין? אָדער ער

קען זיך שוין מער נישט ווייזן אויפֿן מאַרק? האָסטו ווידער אַ טעות! פֿאַרקערט, אין עטלעכע וואָכן אַרום טרויט מען אים אָן נאָך מער סחורה ווי פֿריער. מחמת די, וואָס קענען פֿאַרלירן, קענען אויך גוט פֿאַרקויפֿן, באַקומען תמיד דעם אמתן מקח און די, וואָס פֿאַרלירן נישט, האַלט מען פֿאַר שלימזלנים און מ'וויל מיט זיי קיין מגע ומשא נישט האָבן. אחוץ איין שאַפּירא — דו קענסט אים נישט! פֿונוואַנען זאָלסטו אים קענען? די גאַנצע שטאָט קען אים. אַן עושר! ער, זאָגט מען, פֿאַרלירט קיינמאָל נישט קיין שטיינדלעך. פֿונדעסטוועגן גייט ער אַרום אין גאָלד. ער, זאָגט מען, האָט זיך אַן אייגענעם וועג. קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר רייך איז ער ווי קורח און ווער מיינסטו האָט אים חתונה געמאַכט? וועמען האָט ער אַלץ צו פֿאַרדאַנקען? מיר! און אַ ווייבל האָט ער, איז זי די אמתע צדקות! אַ גוטע נשמה!

— פֿאָלג זשע מיר און ס'עט דיר ווויל זיין ווי די וועלט. עסט האָבן אַ היים, אַ ווייב, אַ משפּחה. עסט נישט זיין עלנט. עסט דיך נישט דאַרפֿן אַרומוואַלגערן. אַנקוקן מעגסטו דאָך! ווי ס'האָט אַמאָל איינער געזאָגט: אַנקוקן איז דאָך נאָך נישט חתונה האָבן! עט זי דיר געפֿעלן, איז מה טוב. אילא, טאָמער נישט — עט מען געפֿינען אַזעלכע, וואָס זאָל דיר יאָ געפֿעלן...

אַזוי רעדט ער און רעדט, ר' ביינעש, קוועטשט צו דעם יונגענמאַן צו דער סאַמע וואַנט, אין ווינקל פֿון בית־מדרש, דריקט אים מיט זיין שווערן, קנאַכיקן גוף אינעם שוואַרצן אויבער־בגד מיטן באַראַנקאָוון קעלנערל, וואָס ער טראָגט סיי זומער סיי ווינטער, און לאָזט אים נישט אַרויס פֿון קלעם, ביז דער יונגערמאַן דערזעט נישט, צי ער וויל צי נישט — ביינישעס לאָגיק, אַז אַנקוקן הייסט נאָכנישט חתונה געהאַט. און דער פּועל יוצא איז, אַז ניין פֿון צען מאַכט ער טאַקע חתונה און ער טאַנצט אינעם שוואַרצן פּאַלטן מיטן באַראַנקאָוון קעלנערל, וואָס שמעקט מיט שוויים, טאַבאַק און שוואָמען, אויף זייערע חתונות. טיילמאָל מאַכט זיך, אַז עס געלינגט אים פֿאָרט נישט באַלד אויפֿן אָרט צו כאַפּן דעם לעשטש, איז ער זיך מטריח, ר' ביינעש, און גייט אַריבער צו די קרובים און לערנט מיט זיי אויך אַביסל לאָגיק. גיט זיי צו פֿאַרשטיין, מיט אַלעראַליי אַנצוהערענישן, מיט האַלבע נישט־דערזאָגטע רייד, אויב מען דאַרף — איז אין אַ פֿאַרגרייזטן פּלעמיש, אַז ס'איז גלייכער פֿאַר זיי דער יונגערמאַן זאָל חתונה האָבן, האָבן אַן אייגן ווינקל...

... זייער אָפֿט טרעפֿט, אַ יונגערמאַן פֿאָרט פֿאַרביי קיין אַמעריקע, ער

בלייבט אין אנטוועפרן א פאר טעג נאר, כאפט אים דערוייל ר׳ ביינישׂ אריין און מאכט אים חתונה. מערסטנס ווייסט ער נאך אליין נישט, ווען ער מיינט, בשעת ער לויבט אזוי אפ די כלה, „א מיידל, א גאלד", מחמת ער האט א גאנצע רשימה פארשריבן ביי זיך אין ביכעלע און ס׳פאלג מיך א גאנג זיי אלע צו געדענקען אויף אויסנווייניק. ער האט א דיק און א פארשמאלצן ביכעלע, וואס איז ווערט מיליאנען און ס׳איז גארנישט אפצושאצן וויפל נדנים ער טראגט ארום ביי זיך אין קעשענע, אט דער ר׳ ביינישׂ. ערשט ווען דער יונגערמאן איז מסכים, אז אנקוקן הייסט נאך נישט חתונה האבן, נעמט ער זיך צום ביכל.

איצט איז אים געווען גאר שטארק אנגעזאלצן אויפן הארצן, ביינישן. אווא, אווא, אים זאל מען אזוי באהאנדלען! ! !

— ווי הייסט? ער האט דאך מיך איינפאך ארויסגעווארפן! — ער האט זיך עס גארנישט געקענט שענקען, ר׳ ביינישׂ — אזא פאדליעץ. איך רעד אים א שידוך, וויל אים חתונה מאכן דעם טויגעניכטס מיט א פיינעם מחותן, מיט אזא נדן, איז לא די ער דאנקט מיר נישט, פאר מיין אומזיסטער טירחא, ווארפט ער זיך נאך! א קלייניקייט, אזא גרויסען גוי, אז גאט העלפט א טאטן אז ער פארמאגט אזא ליידיקע כלי, נישט צו גאט און נישט צו לייט, מעג ער זיך טאקע איבערנעמען.

אזוי טראכטנדיק, האט ביינישׂ אהיימגעשפאנט, אויסגעקערט די אנט־ווערפענער גאסן מיטן פארשמאלצענעם בגד, אפילו נישט אוועק אין שטיבל אריין יענעם נאכמיטאג א קוק טון צו ס׳האט זיך דערוייל נישט אריינגע־כאפט עפעס א נייער חתן.

קאפיטל 9

ווען בערמאן איז אהיימגעקומען פון שול, האט אים רחל באגעגנט מיט א פארוויינט פנים. אן איינגעהילטע אין א טונקעלן שאל, די אויגן רויט פון וויינען, דאס שייטל נישט פארקעמט.

—וואס איז? — האט זיך בערמאן דערשראקן.

— גדליהו, מיר האבן זיך שיין דערלעבט! כ׳האב געשריגן, אז א קינד מוז מען באַרעכענען. יעצט עט מען שיין אויסזען! אנטווערפן עט שוין

האָבן פֿון וואָס צו רעדן. שונאים קוקן עס נאָר אויס! די מיילער זאָלן זיי הינטן שטיין.

בערמאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן. די שוואַרע ברעמען זענען נאָך שווערער געוואָרן. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט. ער האָט זיך געחידושט, פֿונוואַנען ס'האָט זיך צו רחלען דערנומען אַזאַ לשון. ער ווייסט, זי קען קיין צוויי נישט ציילן. און מיטאַמאָל? וואָס האָט פּאַסירט?

— וואָס איז געשען? רעד!

רחל האָט זיך צעבליפּעט אויפֿן קול.

— דוד גייט ווערן אַ באַלמעלאָכע! ער גייט זיך לערנען שניידן! ס'עט, זאָגט ער, נישט העלפֿן קיין רעדן. מער פֿעלט מיר נישט, האַ?

בערמאַן האָט זיך צעלאַכט.

— ס'זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ! צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ס'חיות איז מיר שיעור נישט אויסגעגאַנגען. מניאַ, נישט געדאַכט זאָל זי ווערן, די בהמה מיטן זון צוזאַמען!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביים טיש, זיך געהייסן דערלאַנגען וועטשערע און גערעדט:

— האָב נישט קיין מורא, ער וועט נאָכנישט קיין באַלמעלאָכע! דער פֿוילענצער! הלוואַי טוט ער עס, עט ער טאַקע וויסן ווי עס קומט אָן צו פֿאַרדינען אַ פֿראַנק. מיין טאַטע האָט מיך אויך נישט אויסגעהאַלטן. נאָר נישט מער, ער עט אַזוי ווערן אַ באַלמעלאָכע, ווי איך — אַ גלח! געטראָפֿן — אַן אַרבעטער! יענער שטינקט אָפּ ביז פֿיר אַ זייגער אין בעט, דערנאָך פּוצט ער זיך אויס פֿאַר מיין פּראַצע, שפּאַצירט אַרום פּוסט און פּאַס און טאָמער זאָגט מען אַ וואָרט, האָט ער דאָך אַ פֿאַרטיקע סגולה — אַנטלויפֿט ער פֿון שטוב און דאָס מאַמעלע לויפֿט אים אַרום זוכן — האָט בערמאַן פֿאַרגעסן, אַז ער אַליין האָט אים אויך אַרומגעזוכט.

— באַ, ווייס איך וואָס. ער סטראַשעט די געגנדז!

אָבער דוד האָט געמיינט גאַנץ ערנסט. ער האָט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן סאָרט לעבן. שוין געגנוג סצענקעס מיטן טאַטן געהאַט. געגנוג אָפּגעלעגן גאַנצע טעג אין בעט, פּשוט כדי די טעג צו פֿאַרקלענערן, געגנוג אַרומגעקראָכן איבער די אַנטוועפּענער גאַסן,

זיך געפֿילט ווי אַן איבעריקער אויף דער וועלט, אַ חוזק אין זײַנע אייגענע אויגן און אין די אויגן פֿון דער וועלט...

און אַז די אוונטן ביי גיטעלען זענען שיינע, איז באַצאָלט ער דען נישט פֿאַר זיי מיט זיין נשמה? ווי אַ גנב היט ער זיך, אַ גנב און אַ פּחדן, האָט נישט דעם קוראַזש צו זאָגן לייבישן: „כ'האָב ליב דיין ווייב און זי האָט מיך ליב, כ'וועל זי נעמען צו מיר מיטן קינד, מיט מיין קינד". — אַ פּחדן? וואָס פֿאַראַ פּחדן? ער האָט זי דען מיט וואָס אויסצוהאַלטן? אַ שלימזל — אָט דאָס איז ער!

אָבער ווייטער טאָר עס אַזוי נישט גיין. אַז מען קען נישט האַנדלען אויף דער בערזע, דאַרף מען אויך קענען לעבן. ער וועט ווערן אַ באַלמע־לאָכע. נישט קיין אומגליק. אַ באַלמעלאָכע איז אויך אַ מענטש... ער וועט זיך שאַפֿן אַן אייגענע היים. אפשר אַ באַשיידענע טאַקע. אָבער דערפֿאַר מיט גיטעלען און מיטן קינד, מיט זיין קינד צוזאַמען.

מיט אָט דער נייעס איז ער אַרויף צו גיטעלען. זי וועט זיך דאָס פֿרייען אַביסל! נאָר וואָס איז דאָס? גיטעלע קוקט אים אָן, האַלב־טרויעריק, האַלב־סאַרקאַסטיש, און טוט אַן ענערגישן מאַך מיטן קליינעם הענטל:

— ווייסעך, אַן איינפֿאַל אַביסל!

דוד האָט געמיינט, אַז גיטעלע וועט אים אַרומנעמען, זי וועט אים קושן, וויינען פֿאַר שמחה, זי וועט אים זאָגן, אַז אַזויפֿיל ערלעכע, אמתע ליבשאַפֿט איז איר טייערער פֿון אוצרות. זי וועט אים צוזאָגן, אַז די רגע, וואָס ער וועט זיין ביכולת, וועט זי מיט אים גיין וווינען ווי מאַן און ווייב. אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט. און אַ סוף צו דעם גאַנצן משונה'דיקן לעבן, אירס און זיינס. לאַכט זי גאָר פֿון אים, דערקלערט אים, אַז ר'איז נישט פֿעיק צו אַרבעטן — און נאָך עפּעס: זי רעדט אים גאָר אָפּ דערפֿון. — הערסט, דוד — זאָגט זי צו אים — אַלץ אין דער וועלט זאָלסטו טון, נאָר נישט ווערן קיין באַלמעלאָכע! ס'איז נישט פֿאַר דיר! עסט זיך אומזיסט מבזה זיין. אחוץ דעם, וואָס, מ'שטיינסגעזאָגט, האָט אַ באַלמעלאָכע? זעסט דאָך שוין דאָ. און לאָמיר זאָגן, אַז דו וועסט יאָ האָבן אַרבעט, איז וואָסזשע איז, מיינסטו? עסט בלייבן אַן אייביקער קבצן. אַרבעטן פֿאַר יענעם, הייסט אַרבעטן פֿאַרן טייוול.

נאָר דוד האָט זיך נישט גערעכנט מיט גיטעלען אפילו, נישט דאַמיט,

וואָס די מוטער האָט אים אָנגעקלאָגט אַ פֿולן קאָפּ, באַווײַנט אים, ווי אַ טויטן.
— כאַפּט עס דער טייוול! — אַזוי לעבן, איז ערגער פֿון אַלץ. ער וועט גאָר משוגע ווערן. ס'איז פּשוט אַ בזיון. אַ מענטש מוז עפּעס טון.
און ער האָט איבערגעשמועסט מיט אַ באַקאַנטן פֿאַבריקאַנט, געזאָגט אַז ער וויל זיך לערנען שלײַפֿן, כדי צו זײַן דער אמתער מבין אויף אַ שטיינדל. יענער האָט אים נישט געגלויבט. נאָר ער האָט נישט געפֿרעגט קיין קשיות, ווילסט זיך לערנען, לערן דיך.
ווען דוד איז אין עטלעכע טעג אַרום אַרײַן אין פֿאַבריק, צוזאַמען מיטן פּאַטראָן, האָבן זיך אפֿשר פֿופֿציק פֿאַרחידושטע קעפּ אויסגעדרייט, געקוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.
— האַ, וואָס טוט ער עפּעס, בערמאַנס פֿראַנט אין פֿאַבריק? און נאָך גיין אַ זייגער אינדערפֿרי?
— ער האָט געמוזט אַרויספֿאַלן פֿון בעט! — האָט אַ בלאָנדער בחור מיט אַ פּאָר אויפֿגעריסענע אויגן געמורמלט צו אַן עלטערן יידן מיט אַ צע־קנייטשט פּנים און אַ נאַקעטן קאָפּ.
— זעטץ נאָר, ער ווייזט דאָך אים עפּעס אַ שייבע.
די אַרבעטער זענען געוואָרן פֿאַראינטערעסירט.
— אוי, אַ קלאָג, אפֿשר גייט זײַן טאַטעלע איבערנעמען די שלײַפֿערײַ!
— וואָסזשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? האָסט מורא, אַז דו וועסט פֿאַרלירן די מציאה? — האָט עמיץ אָנגעוויזן אויפֿן פּאַטראָן.
— כ'מיין עפּעס! ווי הייסט? קען זײַן פֿאָטער איז דאָך אונזערער אַ צדיק!
— אַ נייער צדיק אין פּעלץ!
— אַ גוטע נשמה! נאָר ווען זײַן גוטסקייט וואָלט אין אַ הונט אַרײַן, וואָלט ער משוגע געוואָרן!
— ששש! ער קומט מיט אים אַהערצוצו!
דער פּאַטראָן האָט זיך טאַקע דערנענטערט צום יידן מיטן נאַקעטן קאָפּ.
— איר זעט, בערמאַן? קופּערשטיין וועט אײַך ווייזן, וואָס איז וואָס און אַז איר וועט צוליגן קאָפּ, וועט איר זיך ביי מיר אין פֿאַבריק שוין איינ־מאָל אויסלערנען! האַ, וואָס זאָגט איר, קופּערשטיין? ביי מיר גייען נישט אַרויס קיין קאַליקעס, נאָר שלײַפֿערס! אַז מ'גייט אַרויס פֿון מיר, איז דאָס

שוין אַליין אַ רעקאָמענדאַציע. וואָס, קופּערשטיין? — האָט דער פּאַטראָן אַ קלאַפּ געטון קופּערשטייניען אויף דער פּלייצע, אַז יענער איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון בענקל.

דער נאַקעטער קאָפּ ביי קופּערשטייניען איז געוואָרן ראָזאַ, די אויגן — נאָך רויטער ווי פריער. ער האָט עפּעס אַ זאָג־געטון צווישן די ציין. קיינער האָט נישט געהערט וואָס. נאָר אין די קנייטשן פון זיין אַלטן פּנים איז געלעגן אַ „שלאָג דיך קאָפּ אין דער וואַנט".

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויך בענקל, אַן אַלטס, אַ שוואַרצס און אַן אָפּגעקראַצטס. דער פּאַטראָן האָט אים אַליין צוגעבערענגט אַ רעקל. דוד האָט אָנגעטון דאָס רעקל און ער האָט זיך פּלוצלונג דערפילט אַן אַנדערער. ער האָט געפילט אַזוי ווי עמיצער וואָלט אים באַליידיקט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער באַלעבאָס פון דער שלייפעריי, דער ראָזענקראַנץ, האָט אים בייזוויליק און מיאוס באַליידיקט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גע־דריקטער שטימונג, אַז ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו צעוויינען זיך. ער האָט געקוקט אויפן רעקל און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַט דאָס רעקל איז שולדיק אין זיין גאַנצן משונה'דיקן מצב. אפשר אָן דעם רעקל וואָלט אַרבעטן אין אַ פאַבריק גאָרנישט געווען אַזאַ שרעקלעכע זאַך; ער וואָלט זיך אפשר צוגעוווינט, נאָר דאָס רעקל... ניין, ער וועט נישט קענען אויפנעמען גאָרנישט. ער הערט נישט אַ וואָרט, וואָס דער ייד מיטן בייזן, צעקנייטשטן פּנים רעדט צו אים. ער זעט בלויז זיין נאַקעטן קאָפּ, ווי ביי אַ סקעלעט און זיך אַליין — ווי אין אַרעסטאַנטסקע מלבושים. און צו וואָס האַלטן זיי כסדר אויסגעדרייט די קעפּ? און גלאָצן אַזוי אויף אים? וואָס זעען זיי אויף אים?

ער האָט זיך אַליין געגנומען אָפּמעסטן און משמעות ער האָט אינדער־פרי פאַרגעסן אויסצוטון די ווייסע געטרעס. ער האָט געהערט ווי איינער פון די לערנייינגלעך כיכיקעט, ווי אַנדערע שרייען „ששא". ער האָט זיך אַליין אויך דערזען אין אַזאַ משונה'דיק לעכערלעכער לאַגע. וואָלט ער כאָטש נישט געווען אָנגעטון דאָס רעקל, דאָס רעקל. ער איז געווען שטאַרק צעמישט, די אויערן האָבן אים געברענט ווי פייער. ער האָט נישט געוווסט, וואָס ס'טוט זיך מיט אים. ער איז געזעסן לעבן דער „מאָליע" און נישט נאָר די „שייבע", די גאַנצע פאַבריק האָט זיך מיטגעדרייט מיט אים.

אסתר קרייטמאַן

די אַרבעטער, אין ברודיקע, אַ טייל אין צעריסענע רעקלעך, האָבן מיט געניטע אויגן נאָכגעקוקט דאָס גיכע דרייען זיך פֿון די שייבעס. וואָס זענען געלאָפֿן מיט אַזאַ גיכקייט, אַז אַ פֿרעמד אויג האָט בכלל נישט געזען ווי זיי דרייען זיך. דוד האָט בלויז געזען אַ שטיק גלאַנציק, קיילעכיק מעטאַל, ווייטער גאָרנישט. אָבער אויף אָט דעם מעטאַל האָבן זיך געשליפֿן בריליאַנטן, פֿון אַלערליי גרויס און קאָליר. ס'האָבן זיך געשניטן „אַכט קאַנטשעס", (קליינע שטיינדלעך וואָס באַקומען נאָר אַכט שליפֿן), אויף אַ טייל שייבעס האָבן זיך געשליפֿן גרויסע קאָסטבאַרע שטיינער, מאַנכע האָבן באַקומען צו גאַנצע זעקס און פֿופֿציק שליפֿן.

קופּערשטיין האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דעם אָנגעצויגענעם בליק, מיט וועלכן ר'האָט כסדר געהיטן דעם שטיין, געהיטן אים ווי אַן אויג אין קאָפּ, ער זאָל זיך, חלילה, אַמאָל נישט פֿאַרלויפֿן. אים האָט מען אָנגעטרויט גרויסע און טייערע שטיינער. האָט ער נישט אַראָפּגענומען די לופּע פֿונעם רויטן אויג אויף קיין איינציקע רגע. ער איז געווען אַן אַלטער און אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער שלייפֿער. ער האָט געהיטן דעם שטיין מער ווי ס'אויג.

דוד איז געזעסן און געקוקט. קיינער האָט צו אים קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. קופּערשטיין, זיין לערער, האָט אים אפילו קיין פּינטל פֿונעם אויג נישט געשענקט.

— וואָס דאַרף איך טון ? — האָט דוד לסוף געפֿרעגט.

— קוקן !

דוד האָט געזען, אַז די גאַנצע אַרבעט דאָ באַשטייט אין קוקן, קוקן, קוקן. און אַזוי גיך ווי אַ קאַנט ווערט פֿאַרטיק, נעמט מען אַראָפּ דעם שטיין און די שייבע פֿליט שוין ווידעראַמאָל מיט איר משוגענעם לויף, גיך, גיך אַרום זיך אַליין, ווי אין אַ כישוף־קרייז. דער פֿאַרשטעלער נעמט אַראָפּ דעם בריליאַנט פֿון „דאָפּ", צעשמעלצט דעם בליי אויפֿן בלויען גאַז־פֿלעמל, וואָס גייט דאָ קיינמאָל נישט אויס, ווי אין גיהנום.. ער פֿאַרשטעלט אים צוריק, דעם שטיין, ער באַקומט ווידעראַמאָל אַן אָרט אויף דער שייבע און ס'שלייפֿט זיך שוין נאָך אַ קאַנט. די אַרבעטער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דער „מאָליע", הגם קיין סך אַרבעט האָבן זיי נישט געהאַט. די וויכטיקסטע ראָלע האָט דאָ געשפּילט דאָס קוקן. די אַרבעטער — אַלע אויסגעריסטע, ווי זיי וואָלטן געאַרבעט אין קוילן־גרובן, נישט געשליפֿן בריליאַנטן, אויף צו באַלייכטן ווייסע

העלדזער, הענט און ברוסטן פֿון לײַדיקגײיערישע דאַמען און הערן. אפֿילו דוד האָט שוין געהאַט אויסגעריסטע הענט. אונטער די מאַניקירטע פֿינגער־נעגל האָט זיך ברוד אַרײַנגעכאַפּט, דער שוואַרצער „פּויער", געמישט מיט אויל, האָט זיך געקלעפּט, נאָך איידער מ'האָט זיך צו אים צוגערירט.

דער אַלטער קופּערשטײַן האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך ס'רעקל, זיך גע־גרייט אַהיימגיין מיטאָג עסן. דוד האָט געקוקט מיט פֿאַרחידושטע אויגן אויף די אַרבעטער. עפּעס האָבן זיי זיך פּלוצלונג, ווי אָפּגעריסן צווישן זיך, אַלע אויפֿגעשטעלט, אַ כאַפּ געטון ווער אַ מאַרינאַרקע, ווער — אַ שאַליק אויפֿן האַלדז, מיט חשק אַ לאָז געטון זיך צום אַרויסגאַנג, ווי זיי וואָלטן שוין יאָרן־לאַנג די גאַס נישט געזען.

דוד איז בײַ זיך געווען אַזוי געפֿאַלן, אַז ער האָט זיך געפֿרייט, וואָס דער אַלטער מיטן נאַקעטן קאָפּ איז גאָר נישט אַזאַ בייזער, ווי ער זעט אויס.

— סט'מיטגענומען מיטאָג?

— ניין!

— איך האָב מיטגענומען — האָט זיך עמיץ אָנגערופֿן.

— זאָל דיר הנאה טון. — האָט דער אַלטער געענטפֿערט צווישן די ציין. און איז אָן אַ זײַ־געזונט אַרויס, איבערלאָזנדיק דודן אַ צעמישטן.

— עפּעס אַ משונה'דיקע באַנדע — האָט דוד געטראַכט — קיין פּיצל העפֿלעכקייט נישט.

דוד האָט די גאַס נישט דערקענט, עפּעס האָט זי אויסגעזען העלער ווי תמיד. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע גאַס קוקט אים נאָך. עמיץ האָט הינטער זײַנע פּלייצעס געגערדט וועגן אים אויפֿן קול.

— ווי געפֿעלט דיר דעה לעקיש? כ'האָב געמיינט כ'על צעפּלאַצט ווערן פֿון געלעכטער. האָט זיך אָנגעטון אַ פּאָר ווײַסע געטרעס און איז געקומען אין פֿאַבריק אַרײַן.

— עפּעס אַ משוגענער, צו וואָס? ווער איז ער?

— ס'הייסט, ווער? בערמאַנס זון.

— וואָס?

— אודאי!

— וואָס, ס'פֿעלט אים געלט?

— ניין, ס'פֿעלט אים שכל!

— האַ, האַ, האַ! איז דאָך אונזער פּאַטראָן געדעכט, וואָס ער זאָגט, אַז „אַלץ אינאיינעם גיבטס נישט ביי קיינעם". נאָך ווי גערעכט. ר'איז צו גערעכט...

האַ, האַ, האַ!

דודן איז אַרויס אַ שוויים אויפן פּנים. ער האָט שרעקלעך פּיינט געקריגן־די אַרבעטער.

— אַ רויע באַנדע!

רחל האָט דערזען דודן אַריינקומען אויפן מיטאָג, דערזען אים אָן אויסגעריסטן, כאָטש ר'האָט זיך נאָך צו קיין אַרבעט נישט גערירט, האָט זי זיך אַ פּאַטש געטון אויפן בויך מיט ביידע הענט, ווי ס'טוט אַמאָל אַ גאַנדז מיט די פליגל, ווען זי דערזעט עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך. זי האָט געבעטן רחמים ביי דודן ער זאָל איר נישט אָנטון קיין חרפּה. על כל פּנים זאָל ער זיך כאָטש אַזוי נישט ווייזן פאַר דער שיקסע.

— אַז די גאַל עט מיר נישט פּלאַצן, על איך זיין שטאַרקער פון אייזן...

דוד האָט זיך דערזען אין לאַנגן, געשליפענעם שפּיגל, וואָס צווישן די פענצטער און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. ער האָט אויסגעזען חושבדיק, די האָר — צעפּאַטלט, אין די אויגן — אַ מאָדנע מידקייט און ער פילט זיך טאַקע אַזוי מיד. הגם ער האָט דאָך נאָך דערווייל גאָרנישט נישט געטון. — זעט אויס, אַז ליידיקגיין איז נישט די שווערסטע אַרבעט, אַז אפילו גרייטן זיך אויף אַרבעט מאַטערט אויס...

ער האָט זיך אַ וואָרף־געטון אויף דער ברייטער, פּליושענער זאָפע. רחל האָט אים דערווייל אונטערגעטראָגן אַ שיסל שמעקעדיק וואַסער, אַ ווייס, ברייט האַנטוך. זי האָט אים דערלאַנגט דאָס מיטאָג. ער האָט נאָך אַלץ נישט געגעסן צוזאַמען מיטן פאָטער, ס'איז געשטאַנען אַ סאָרט וואַנטשטילשטאַנד צווישן די צוויי.

— דוד, ס'זאָל מיר גיין אין לעבן, עסטו קיין באַלמעלאָכע נישט ווערן!

— און וואָס איז מכוח די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אָפּ אַ גאַנץ לעבן ביי שווערע אַרבעטן ווי דימענטן שלייפן און זיי דאַנקען נאָך

גאָט, אַז זיי האָבן ביי וואָס צו אַרבעטן, האַ, מאַמע? — האָט דוד געפֿרעגט גיכער זיך אַליין.

— זיי זענען עפּעס אַנדערש. זיי זענען געווינט דערצו. איך אַליין האָב...

זי האָט זיך באַצייטנס צוריקגעכאַפּט, זי האָט באַרעכנט, אַז ס'איז גלייכער דוד זאָל נישט וויסן, אַז זי איז בסך־הכּל אַ געוועזענע קעכין און אַ סטאָליאָרס אַ טאָכטער דערצו. זאָלן כאָטש אירע קינדער נישט וויסן פֿון דעם טעם. האָט זי שטיל געמורמלט אַ תּפֿילה צו גאָט.

נאָך עטלעכע טעג איז דודן די אַרבעט אַזוי נמאס געוואָרן, אַז ער האָט זיך געזאָגט: ער וועט בעסער גיין שטיינער האַקן, איידער אַרבעטן אין אַ שלייפֿעריי. מילא, די יידלעך מיט די בערדלעך, מיט די יאַרמאָלקעס אויף די בלאַסע שטערנס, וואָס זינגען זיך אונטער אַ חסידישס, בשעת זיי היטן די שטיינער, זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרלויפֿן, מיט זיי איז נאָך צו דערליידן, זיי זענען אַליין אויך נאָר געוואָרן באַלמעלאָכעס בלית ברירה. זיי פֿאַרשטייען נאָך, וואָס אים, דודן, קומט אויס איבערצולעבן. איז הגם זיי האָבן הנאה דערפֿון, זאָל ער אויך פֿאַרזוכן דעם טעם, האַלטן זיי זיך לייטיש, וואַרפֿן אַריין אַ שטאָכוואָרט. איז וואָס קען מען טון? נאָר די פּראָסטע יינגען, די וואָס זייערע טאַטעס זענען שניידערס, שוסטערס, וואָס ביי זיי איז עס אַ כּבֿוד צו אַרבעטן אין אַ שלייפֿעריי, דערגייען אים די יאָרן, דודן, מיט זייער וווּלגאַרן געלעכטער, מיט די „געטרעס", וואָס זיי לאָזן נישט אַרויס פֿון מויל. אַ גדולה האָט זיי געטראָפֿן. און דאָס לשון זייערס! און דער אַלטער מיטן נאַקעטן קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַ קרימינאַלניק, רעדט נישט אויס קיין איבעריק וואָרט, נאָר טוט אים אין דער גאַל אַריין מיטן שווייגן. היינט די צענדליקער בליקן, וואָס ער פֿילט ביי זיך אויף דער פּלייצע און ווייסט, אַז זיי זענען סיי חוזק־דיקע, סיי פֿול מיט שנאה צו אים, קען ער נישט פֿאַרטראָגן. נישט דאָס שטיין און קוקן כּסדר, די אויגן טוען אים שוין וויי. ער פֿילט זיך אַזוי מאָדנע־נאַריש און ערגער פֿון אַלץ נאָך איז דאָס רעקל.

דער באָס איז אין אַ פֿרימאָרגן אַריין אין דער פֿאַבריק, אַן אָנגע־טוענער, אַ פֿאַרקעמטער, אַן אָנגערויטיקטער, נאָך אַ זאַטן אָנבייסן, און האָט מיט אַ געזונטן אימפּעט אַ רוף־געטון דעם אויפֿזעער, געשמועסט מיט אים אַ לענגערע צייט, אָנגעזאָגט אים, באַפֿוילן, איבערגערעדט, גע'עצה'ט זיך,

דערנאָך ווידעראַמאָל באַפֿוילן. פֿאַרטיק געוואָרן, איז ער אַרויס, אַוועק צו זיינע מסחרים און דודן נישט דערזען. זיצט עמיץ אויף דער לער און קוקט, זאָל ער קוקן! ער האָט גאָר געהאַט פֿאַרגעסן אין אים, ראָזענקראַנץ. אָבער דודן האָט די מעשה שטאַרק פֿאַרדראָסן. ער איז אפילו נישט צוגעקומען צו אים, קיין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט, נישט געקוקט אפילו אין זיין זייט. דוד האָט דערפֿילט אַ מאָדנע האַס צו ראָזענקראַנצן. ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז געוואָרן אַ באַלמעלאָכע.

און ערשט יענע וואָך האָבן זיי זיך געטראָפֿן אויף דער קייזערליי, גוט־ברודעריש באַגריסט זיך און כאָטש ער איז אָן אַן ערך עלטער פֿון דודן, ראָזענקראַנץ, איז ער געוועזן צופֿרידן, וואָס דוד באַצאָלט דעם חשבון, גערויבערט געדיכט פֿון דודס סיגאַרעטן — און שוין, ער קען אים שוין נישט.

ניין, ער וועט דאָ נישט אַרבעטן. ער וועט אים ווייזן, דעם שוויין־קערל, אַז ער, דוד, קען זיך דערלויבן צו ווערן אויס־באַלמעלאָכע. ער וועט זיך פֿון אים אויסלאַכן, ווען ער וועט אים טרעפֿן, רופֿן אים „יאָלד", וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן, אַז ער, דוד בערמאַן, גייט ווערן אַ באַלמעלאָכע. זיין מאַמע איז געווען גערעכט.

— ווי ער האָט זיך דאָס היינט אויסגעפּוצט. אָנגעטון זיך דעם שענסטן אַנצוג, געוואָלט זיך רייצן מיט מיר, דער אויסוווּרף, און געבאַלעבאַטעוועט מיטן אויפֿזעער, ווי אַ קעניג, גערעדט הויך. געקוויטשעט האָט ער, נישט גערעדט, געוואָלט כ'זאָל הערן און מיך האָט ער גאָרנישט געזען, נישט דערקענט.

אָט דאָס האָט דודן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט פּלוצלונג דערלאַנגט אַ שלעפּ אַראָפּ דאָס בלויע רעקל פֿון זיך, אַ שליידער־אַוועק געטון עס און איז אָן אַ זיי געזונט אַרויס פֿון פֿאַבריק.

רחל האָט זיך אַזוי דערפֿרייט ווען זי האָט געזען, אַז דוד ליגט שוין ווידער אין בעט און האָט אפילו נישט בדעה אָנצוטון זיך, גיין צו דער אַרבעט, אַז זי האָט אים אַזש פֿאַר גרויס שמחה אַריינגעטראָגן דאָס אָנבייסן אין בעט אַריין.

אין פֿאַבריק האָבן די אַרבעטער נאָך פֿאַרחידושטער אויסגעגלאָצט די אויגן, נאָכגעקוקט דודן, ווי ער שפּאַצירט זיך אַרויס, אַ פֿרייער, אינמיטן העלן טאָג.

— שוין? שוין אָפּגעאַרבעט? — האָבן אפשר פּופּציק מיילער מיט־אַמאָל זיך ברייט צעעפֿנט.

— וואָס פֿרעגט עטץ מיך? פֿרעגט אים! — האָט דודס רבי אַ גלאַנץ געטון מיטן נאַקעטן קאָפּ און אַראָפּגענומען אַ שטיינדל פֿון דער שייבע.

— וואָס דען האָט עטץ געמיינט? — האָט דער אויפֿזעער, אַ קיילעכיקער יונגערמאַן, מיט אַ געל בערדל, אַ זאָג געטון — צ׳האָט געמיינט — האָט ער גערעדט מיט אַזאַ נחת רוח, אַז די אויגן האָבן אַזש גענומען ביי אים טענצלען, ווי בשעת ער דערזעט דריי טייז ביי זיך אין דער האַנט ביים קאָרטן־טיש אין הערשלס רעסטאָראַן — שוטים, עטץ האָט טאַקע געמיינט, אַז בערמאַנס זון עט זיך דאָ אָוועקזעצן מיט ענק שלייפֿן שטיינדלעך. ער האָט שוין נישט מער וואָס צו טון? יענעם האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ שפּיל־טון און ענק בהמות קען מען אַלץ איינרעדן.

די אַרבעטער האָבן זיך דערפֿילט ווי אָפּגענאַרטע. ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דוד האָט יעדן איינעם פֿון זיי פּערזענלעך אָפּגענאַרט און זיי האָבן זיך געלאָזט, געגלויבט און אפילו שוין אַ שטיקל הנאה געהאַט — כדי דער דבר אחר דאָ, דער הינטישער לעקער, זאָל זיך פֿון זיי קענען אויסלאַכן.

— יאָ, דאָס קען זיך פֿאַרגינען אַ גביריש זינדל, אַ רוח אים אין זיין טאַטנס זון אַריין — האָבן זיי אים געשאָלטן — וואָס דען, מיר, פּאַרכעס, קענען זיך פֿאַרגינען אַזאַ לוקסוס? אויפֿהויבן זיך אינמיטן העלן טאָג און אַרויסשפּאַצירן פֿון פֿאַבריק.

— אַ נעכטיקער טאָג! — האָט אַ יונגערמאַן, לייבישעס אַ תּלמיד, גערעדט מיט גאַל — איר מוזט ליגן איינגעלייגט, אָפּהיטן ראָזענקראַנצס שטיינער, זיי זאָלן חלילה נישט פֿאַרלויפֿן, זיי זאָלן אַראָפּקומען מיטן קניאַק, גלאַנצן זאָלן זיי און שפּיגלען — האָט זיך דער יונגערמאַן געררייצט מיט די אַרבעטער און מיט זיך אַליין.

— נו־נו, גענוג שוין! זאָל זיין גענוג גערעדט. מען דאַרף אַרבעטן — האָט דער אויפֿזעער אַ פּאַטש אַריין געטון דעם יונגנמאַן אין די רייד אַריין.

ס׳איז געוואָרן שטיל. די „מאָליעס״ האָבן ווידער געאַרבעט, די שייבעס („שייבע״ — אַ רונדיק שטיק מעטאַל אויף וועלכן מ׳שלייפֿט בריליאַנטן), זענען ווידער געלאָפֿן. די חסידישע יינגעלייטלעך האָבן ווידער אויפֿגעכאַפּט דעם רבינס ניגון. דאָס טאָג־טעגלעכע, איינגעגעסענע, מאָנאָטאָנע קוקן אויף

די בריליאַנטן, דאָס כּסדרדיקע זידן פֿון די צאַנגען, בשעת מען לייגט זיי אַריין הייסע אין קאַלטן וואַסער אַריין, כּדי דער בליי זאָל זיך האַרטעווען, האָבן ווידער געטון דאָס זייעריקע.

קאַפּיטל 10

ווען בערמאַן איז צומאָרגנס נאָכדעם וואָס דוד האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, אַריין אין בערזע, האָט ער מיט זיין שאַרפֿן חוש באַלד דערשנאַפּט, אַז עפּעס קוקן סוחרים אויף אים זייטיק. ער האָט דערזען אַ חשד אין זייערע קרע־מערישע אויגן. עפּעס רעדן זיי מיט אים אַנדערש ווי תּמיד. זיי גיבן אים עפּעס נישט אָפּ דעם אייגענעם כּבוד, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

— האַ, זאָל איך זאָגן, אַז דער מנובל האָט געהאַלטן וואָרט? — ס׳איז זייער מעגלעך, אַז דאָס זינדל האָט אים שוין פֿאַרשוואַרצט דאָס פּנים. יאָ, אודאי ווייסן זיי שוין. וואָס, מען דאַרף נאָך קלערן?

עפּעס האָט אים היינט אַזוי פֿריילעך און גוטברודעריש געגעבן די האַנט האַראָוויץ, ווי ער וואָלט זיך שוין געפֿילט גלייך אויף גלייך מיט אים, בער־מאַנען. „הייסט עס, אַז מיר זענען ביידע נישט קיין גרויסע מיליאָנערן, וואָס? נאָר נישט געזאָרגט, מיר וועלן זיך שוין דורכשלאָגן ווי עס איז״... אַזאַ האַלטונג האָט נאָך האַראָוויץ זיך פֿריער קיינמאָל נישט דערלויבט — אודאי נישט. און די אַנדערע סוחרים האָבן צו אים עפּעס אויך גערעדט אַנדערש. און דער עיקר — די אויגן זייערע.

— יאָ, אַנטוועררפּן שלאָפֿט נישט! זיי ווייסן שוין און זיי מיינען שוין אודאי, די פֿאַרבעס, אַז כ׳באַנקראָטיר שוין. — הייסט עס, אַז דער פֿאַרשיוויעץ האָט אים אַזוי אָפּגעצאָלט פֿאַר זיין גוטסקייט, פֿאַר דעם, וואָס ער האָט גע־מאַכט אַ שווייג, ווען ער איז אין „קערמעס״ דעמאָלט צוריק אַהיימגעקומען. אַזוי, אַזוי, מ...מ...מ...

אַזוי ברומנדיק און וואָרטשנדיק, איז ער אַרויס פֿון בערזע, בערמאַן. ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען די פּראָווינצן־שטראָסע. טרינטשע, אַ גויע, וואָס האָט פֿאַרשטעלט מיט זיך כּמעט די גאַנצע טיר פֿון איר קראָם, האָט אים אָקעגנ־געטראָגן אַ פֿריילעכן „דאַך מאַניער. שכון וועיער, עי מאַניער״. (גוטמאָרגן הער. שיין וועטער!)

בערמאַן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט פּלוצלונג דערפֿילט אַ פֿרײַנט־לעכקייט צו „שפּרינצען" (אַזוי האָבן זי די ייִדן גערופֿן). פֿאַרוואָס זי באַגריסט אים, ווי יעדן אַנדערן פֿרימאָרגן, אָן שום זײַטיקע בליקן, פֿאַרוואָס זי ווייסט נאָך נישט, אַז דוד איז געוואָרן אַ באַלמעלאָכע. פֿאַר גרויס דאַנקבאַרקייט און ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצײַגן, אַז ר'איז דער אייגענער, וואָס נעכטן, וואָס פֿאַראַיאָרן, וואָס פֿאַר צען יאָרן, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, באַקוקט די אויסגעלייגטע סחורה אויף דעם גרויסן, מאַרמאָרנעם ברעט, נאָך אַליין נישט געוווּסט וואָס ער זאָל אויסקלויבן פֿון דעם געמיש, וואָס איז דאָרטן געווען. און וואָס איז דאָרט נישט געווען? עס זענען דאָרטן געלעגן אויסגעלייגט ריזיקע שעלדע־פֿיש מיט גרויסע, גלאַנציקע קעפּ, מיט ווײַסע פֿלום־פֿעדערן און נאָך ווײַסערע בײַכער. ניין, דאָס דאַרף ער נישט. און די קליינע האָלענדישע הערינג מיט די זילבערנע שיפּן און רויטע אויגן זענען אויך נישט פֿאַר אים. די פֿיינע ברייטע „ברימס" מיט די בלוט־פֿאַר־גאָסענע קעפּ, די באַשפּרינקלטע פֿלאָטקעס, און די קײַלעכיקע מאַקאַרעלן מיט די גרינע רוקנס און פֿעטע בײַכלעך, דעם גרויסן באַרג קליינע פֿישעלעך, אפשר הונדערט צום קילאָ, וואָס זעט אויס ווי אַ באַרג זילבער, דאַרף ער אויך נישט.

נאָר אַביסל אינאַזייט איז זיך געלעגן אַ גרויסער לאַקס, מיט אַן אויפֿ־געשניטענעם בויך, אַ באַזילבערטער און צעבלוטיקטער, מיט די פֿיינע שיפּן וואָס זענען טונקל, ווי אַלט זילבער. אויף אים האָט בערמאַן געוואָרפֿן אַן אויג.

אינדרויסן, אינאַזייט, איז געשטאַנען אַ גרויסער פֿיר־עקעכיקער בעקן און אין אים האָבן זיך געדרייט שוואַרצע, קײַלעכיקע פֿיש, ווי שוואַרצע שלאַנגען. און אין דער אַנדערער זייט טיר — אַ פֿעסל געזאַלצענע האָלענדישע הערינג און אַ פֿעסל ייִדישע זויערע אוגערקעס. בערמאַן האָט זיך געהייסן אײַנפּאַקן דעם לאַקס. ער האָט מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן באַפֿוילן היינט טרינטשען אײַנצופּאַקן אים גוט, אָט דעם לאַקס, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי נגידיש־חוצפּה'דיק ווי ער אַליין. טרינטשע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן. ס'ערשטע מאָל טרעפֿט, אַז בערמאַן זאָל קויפֿן אַ לאַקס און נישט פֿרעגן קודם כל צו ער איז פֿריש, וויפֿל ער קאָסט, נישט אָנבאָטן פּונקט די העלפֿט וויפֿל

זי בעט. נאָר געזאָגט האָט זי גאָרנישט. אפילו נישט געגלויבט דעם לאַקס, בשעתן פאַרפאַקן, ווי זי טוט עס אַן אַנדערש מאָל.

ווען זי האָט געהאַט דאָס געלט אין דער האַנט, האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ גלעזערנעם פּירעקעכיקן קאַסטן, ווו עס זענען אַרומגעשווומען ברוינע, גלאַנציקע קאַרפּן, מיט אַ העלפּט פון די שיפּן אינעם גרינלעכן וואַסער, גע־בעטן אים, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן זיין פרוי, אַז דאַנערשטיק דאַרף זי קומען פרי, מחמת קאַרפּן זענען היינט נישט אַזוי בנמצא.

— אַ גוטן שבת! — האָט זי געוועדט לשון־קודש סתם אין דער וועלט־אַריין, די גויה.

בערמאַן האָט געכאַפּט אַ בליק אויף די קאַרפּן. פונקט לעבן דעם סלאַי איז געשטאַנען אויף אַ נידעריק בענקעלע אַ שיסל מיט אַ הויפן ראָזעווע ווערים. „בררר.... ווי זיי קריכן, קריכן, איינע אויף די אַנדערע, פאַמעלעך און געדיכט, קריכן זיי, טפו זאָל עס ווערן" — האָט בערמאַן אַזש אַ שפּרונג־געטון אויף צוריק, אָפּגערוקט זיך פון די קריכנדיקע ברואימלעך אין דער שיסל, און נישט אויפגעהערט שפּייען: טפו, וואָס זיי פרעסן אין זיך אַריין... און זיי זענען געזונט־אייזן... טפו...

אַזוי שפּייענדיק מיטן זויערן טעם אין מויל נאָך, וואָס איז אים פאַרבליבן פון דער בערזע, איז ער אַהיימגעגאַנגען מיטן פיש אונטערן אָרעם.

— אויסרייסן וועל איך עם, דעם ליידאַק! טפו...

צווישן אַ ריי יידישע קראָמען מיט גרויסע, בולטע און האַלב־אָפּגע־בריקלטע, ברודיק־געוואָרענע „כשר'ס" אויף כשרע יאַטקעס, מילך און שפּייז־קרעמלעך, האָט אין אַ גלאַנציקער וויטרינע געהאָנגען אַן אָפּגעבריט חזירל, מיט אַ רויטן, בלוט־פאַרלאָפענעם פּיסק. און אינעם פּיסק — אַ צווייגל גרינע פּיעטרישקע. אויף אַ ווייסער, מאַרמאָר־שטיינערנער פּליטע זענען געלעגן עטלעכע שטיקער פערד־פלייש. דער קצב, אין אַ ווייסן, בלאַנקנדיקן כאַלאַט, אַ רויטער, אַ פעטער, אַ גלאַט־ראַזירטער, איז געשטאַנען אין דער טיר פון זיין יאַטקע און אַ פריילעכער אַרויסגעפייפט אין גאַס־אַריין. אין ביידע זייטן טיר, אינדרויסן, זענען אויף אייזערנע האַקעס געהאָנגען אַ צוויי צענד־ליק האָזן, אין די פעלעכלעך.

דער קצב האָט דערזען בערמאַנען, האָט ער אים באַגריסט מיט אַזאַ שמחה, אַזוי פריינטלעך, ווי ער וואָלט געווען זיין בעסטער קונה און ער

האָט אים אויך דערציילט די נייעס, אַז עס איז היינט אַ שיין וועטער. בער־מאַן האָט מסכּים געווען, אַז ס׳וועטער איז שיין און ווייטער אָוועקגעשפּאַנט מיטן פּיש אונטערן אָרעם.

— הייסט עס, דער מנוול איז מיך מנצח! ער רייצט זיך מיט מיר! און איך מוז מיר קנייפּן די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין. מוז אויסהאַלטן אַ גאַנץ לעבן אַן אומזיסטן פּרעסער, אַנטון אים ווי אַ פּריץ און דאָס שפּייט מיר אין פּנים אַריין. דאָס האָב איך פאַר מיין גוטסקייט.

אַהיימגעקומען, האָט בערמאַן אַ וואָרף־געטון דעם פּיש אויפן קיך־טיש, נישט געזאָגט רחלען קיין וואָרט, איז אַן אָנגעכמורעטער אַריין אין עס־חדר, אַ מידער אַוועקגעזעצט זיך, גענומען דורכקוקן די פּאָסט, וואָס קומט אַן פרי־וואָט און ליגט גרייט פאַרזיינעטוועגן אויפן טיש — „גאַרנישט״! אַ יונגערמאַן האָט אַ נייע שנייד־מאַשין, ער אַרבעט זייער ביליק און ער קען אים בשום־אופן נישט טרעפן, בערמאַנען, אין ביוראָ אויף דער פּעליקאַן־שטראָסע און אויף זיינע בריוו קריגט ער נישט קיין תשובה, נעמט ער זיך די פרייהייט צו שרייבן אויף זיין פּריוואַטן אַדרעס. דער יונגערמאַן בראָקט מיט פּסוקים, מיט גמרות און פאַרענדיקט, אַז כּל התחלות קשות...

איינער בעט אַ חוב... גאָלע גאָרנישט!

— זאָג נאָר, דו! — האָט ער געשריגן אויף רחלען, ווען זי איז אַריינ־געקומען איבערפרעגן בערמאַנען, מכּוח דעם לאַקס און צו ער וויל אַ גלעזל טיי — זאָג נאָר, ווו איז ערגעץ דער מנוול דיינער, האַ? דו ווייסט גאַנץ גוט, קוועטש נישט מיט די פּלייצעס, ווו אַרבעט ער, האַ?

די שוואַרץ־אַפּלען האָבן געגלאַנצט און זענען געשטאַנען אַזוי בולט אין בערמאַנס אויגן, אַז רחל איז אַזש אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס פון די אויגן, די אַפּלען, פאַלן אַראָפּ און צעגיסן זיך אויפן טעפּיך.

— ווער קוועטשט מיט די פּלייצעס? ווער זאָגט, אַז דוד אַרבעט? ער ליגט דאָך נאָך גאָר אין בעט!

„האַ, זאָל זיך אים האָבן אויסגעדאַכט?״. בערמאַן איז אויפגעשטאַנען, געעפנט אַ שפּעלטל טיר פון דודס שלאָף־חדר און — יאָ, דוד ליגט אויפן רוקן, דער קאָפּ האָר צעפּאַטלט, אַ דיק בוך אין די ברוינע הענט. ער זעט אפילו נישט, אַז דער פאָטער איז אים חושד אין אַזאַ נבלה.

„ אַזוי גאָר? המ. וואָס טוט זיך דאָ? זאָל זיך אים האָבן געדאַכט? אַז מען קוקט אויף אים אַביסל שפּאָטיש, אַביסל בייז, מיט אַ סך חשד און מען פרייט זיך שוין מיט זיין מפּלה? וואָס איז אים אַלץ נישט דורך דעם מוח אין משך פון די עטלעכע שעה היינט? אַ מאָדנע זאַך!”

— גיב אַריין אַ גלאָז טיי, וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער גולם? — האָט ער זיך געבייזערט אויף רחלען.

— אַזעלכע זינדלעך איז צום בעסטן, אַז מען באַגראָבט זיי קליינערהייט — האָט בערמאַן אַ ברום געטון און געמאַכט אַ שהכל איבער די טיי.

קאַפּיטל 11

אין אָוונט איז בערמאַן נישט געגאַנגען אין שול אַריין. כאָטש ער האָט געדאַרפט זאָגן קדיש, האָט ער געדאַוונט מנחה אין דער היים. ער האָט אָנגעצונדן דעם קרישטאָלענעם זשיראַנדאָל, הגם אינדרויסן איז נאָך געווען גוט ליכטיק.

אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט ער זיך צוגעלייגט אויף דער זאָפע, געפּרוווט כאַפּן אַ דרעמל, נאָר ער איז געווען צו אויסגעמאַטערט. אַ מיש־מאַש פון געדאַנקען, אַ פּלאָנטער פון מחשבות, איינע קלעפּט זיך נישט צו דער צווייטער. אים, בערמאַנען, האָט מען געהאַלטן פאַר באַנקראָט — אים? דעם יוסטן, אַלטן דימענטן־הענדלער און פאַבריקאַנט? און וויפל שונאים ער האָט דאָס! ווי אַלע האָבן זיך דאָס דערפרייט, ווען זיי האָבן נאָר געמיינט, אַז ער פאַלט! אָבער וואָס פאַרא שונאים? ווער פאַלט? דוד איז דאָך גאָרנישט געגאַנגען אַרבעטן. באַשר ער האָט געסטראַשעט. — אַלץ די בהמה — איז בערמאַן, ווי תמיד, אַריבער מיטן כעס צו רחלען. אָבער פאַרוואָס פאַרט האָט זיך אים געדאַכט? ניין, ס'האָט זיך אים גאָרנישט געדאַכט, ער האָט גאַנץ קלאָר געזען. בפירוש געזען. וואָס פאַרט איז עס געווען?

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים איבערגעריסן דעם פּלאָנטער. ער האָט זיך אויפגעזעצט. נישט וואַרטנדיק אויפן „אַנטרעט”, האָט אַנעקע אויפגעעפנט אַ שפּעלטל אין דער טיר, געוואַרט דער באַלעבאָס זאָל זי אַריינרופן, הייסן אַריינברענגען טיי. נאָר בערמאַן האָט זיך געריבן די אויגן און געגענעצט.

בשעת אַנעקע האָט געפּוצט ס'גלאָז, האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ דרויסן

אויף דער טיר. דער מעשענער קלאַפּער האָט נישט לאַנג געוואַרט, גענומען טראַסקען איינס נאָכן אַנדערן. איז אַנעקע מיט דער „שטשערקע" אין דער האַנט אַרויס עפֿענען. — „כאַם פּאַרדומע", זיי זענען קראַנק צוזוואַרטן — האָט אַנעקע געמיינט, אַז ס'איז איינער פֿון די שיק־יינגלעך מיט די לאַנגע בערד.

אָנשטאָט דעם שיק־יינגל, איז געשטאַנען אַן איינגעקוואַרטער גוי מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן, אין אַן אָפּגעבליאַקירטן בלויען, ליוונטענעם קאָס־טיום, אַ ברודיקן, ערטערווייז צעריסן, און אַ היטל מיט אַ צאַצקע אויפֿן דאַשיק און זיך געבייזערט.

— ווױנט דאָ דער „ מאַניער" בערמאַן, צי נישט ?

— יאָ !

— דאָס איז זיין פֿאָטער ! — האָט דער גוי אָנגעוויזן אויף אַן אַלטן, געבוידענעם ייד אין אַן אָפּגעחומלטער קאַפּאָטע מיט פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול, מיט אַן אָפּגעריסן סאַמעטן היטל אויפֿן קאָפּ. דער גוי האָט אַריינגעטראָגן צוויי פֿאַרלאַטעטע וואַליזעס און עפּעס גערעדט צום אַלטן יידן, פֿון וואָס דער אַלטער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער מעג אויך אַריינגיין.

אַנעקע האָט פֿאַרגעסן, וואָס דער פּאַרטיער האָט דאָ נאָר־וואָס געזאָגט; פֿאַר איר איז געשטאַנען אַ בעטלער, איינער פֿון די הונדערטער, וואָס פֿאַר־דרייען איר אַזוי דעם קאָפּ און פֿאַר וועמען זי האָט תמיד איין אָנגעגרייטע תשובה: „ס'איז קיינער נישטאָ אינדערהיים". און זי האָט עס אים געזאָגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, נאָר אַז דער ייד האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, איז געבליבן שטיין און האָט אַ שמייכל געטון מיט די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן, האָט זי זיך צעבייזערט, אַנעקע.

— מען קען גאָרנישט פּטור ווערן פֿון ענק ! זע נאָר די בלאָטע, וואָס דו האָסט אַריינגעברענגט. צ'זענט קליין אָפּצווישן די פֿיס ? — האָט זי אָנ־געוויזן אויפֿן ברוינעם טעפּיכל פֿאַר דער טיר.

— וואָס שרייסטו אויף אים ? — האָט זיך דער גוי אַריינגעמישט — ס'איז דאָך „מאָניער" בערמאַנס פֿאָטער.

אַנעקע האָט זיך צעלאַכט :

— ביזט „זאָט" ! (משוגע).

— נאָ, לייען, עסטו זעען ! — דער גוי האָט איר איבערגעגעבן אַ צעטעלע.

— אַ „יאַד" האָט עס מיר איבערגעגעבן אין באַן־הויף. אייל דיך צו, „ייפּרוי", און זאָג דעם „מאַניער" בערמאַן, אַז ער דאַרף מיר באַצאָלן. דער אַלטער האָט נישט קיין בעלגיש געלט.

אַנעקע האָט לאַנג געטראַכט. לסוף האָט זי אַנגעקלאַפּט אין בערמאַנס טיר, שטיל, ווי אַ שולדיקע געמאָלדן, אַז עפּעס אַן אַלטער איז געקומען.

— ער זאָגט, ער איז אייער פאָטער! כ'האָב אים געזאָגט, אַז ס'איז קיינער נישטאָ אינדערהיים! נאָר ער שטייט און וויל נישט אוועקגיין! און דער פּאַרטיער זאָגט, אַז ס'איז אמת — איז אַנעקע געוואָרן רויט, ווי פייער. בערמאַן איז געוואָרן רויט און טויט.

— זאָל עס זיין דער פאָטער? און ר'איז אוודאי געקומען ווי ער שטייט און גייט.

— קענסט גיין! — האָט ער זיך געבייזערט אויף אַנעקען, ווי זי וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס ער, בערמאַן, האָט אפילו נישט געענטפערט דעם פאָטער אויפן בריוו, נישט געזען, ער זאָל קענען קומען לייטישער אָנ־געטון.

ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, בערמאַן, באַצאָלט דעם גוי, באַפוילן דער שיקסע אַרויפצוטראָגן די וואַליזע אין קאַמער אַריין. פּלוצלונג האָט אים אַ מאָדנע וואַרעמקייט אַרומגענומען. הגם אַ רגע פריער האָט אים די ידיעה, אַז דער פאָטער איז דאָ, צערייצט. ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן אַלטן, אָפּגע־חומלטן, צעקנייטשטן יידן, געקושט אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

— שלום־עליכם, טאַטע! ברוך־הבא!

— עליכם־שלום! עליכם־שלום, מיין זון! — האָט דער אַלטער אַזש געציטערט פון גערירטקייט. ער האָט געקושט דעם זון אויף ביידע האַריקע באַקן און עפּעס געמורמלט פאַר זיך, אַ שבח אָפּגעגעבן דעם רבונו של עולם און אַ ברכה דעם זון.

— זעץ דיך, טאַטע! האָט בערמאַן אָפּגעגעבן דעם פאָטער דעם אויבנאָן, נאָר דער פאָטער האָט נישט געלאָזט:

— חס ושלום! חס ושלום!

אַ גלאַנץ האָט זיך באַוויזן אין די אַלטע, רויט־באַברעמטע, אויסגעלאָ־שענע אויגן, אַ פיינער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבערן גוטמוטיקן אַלטן פּנים. אַריינגעגאָסן זיך אין יעדן קנייטש און קנייטשעלע, צעלייגט זיך איבער

דער ברייטער, גרין־גרויער באָרד. אַ שמייכל פֿון גליקזעליקייט און טיפֿער גערירטקייט, וואָס דער זון וויל מקיים זיין כבוד אב, וויל אים אָפּגעבן דעם אויבנאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום דער שטוב.

— אַן עשירות, קיין עין הרע!

און דאָ וויל דער זון זיינער אָפּגעבן אים דעם אויבנאָן? אים, דעם אַלטן, קראַנקן מענטשן? אַבי ער האָט זיך געשראָקן, געקווענקלט זיך: זאָל ער יאָ פֿאָרן, זאָל ער נישט פֿאָרן? בפרט, אַז ער האָט אים נישט געענטפֿערט אויפֿן בריוו, דער זון. און מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז ער איז ברוך־השם אַן ערלע־כער ייד, האָט ברוך השם אַ לאַנגע באָרד, פונקט ווי יענער זון אין דער היים.

— איי, איי, איי! האָבן מיר אַ גוטן טאַטן אין הימל! קיין איין האָר נישט גערירט! חלילה! הגם ער זעט אויס ווי אַ גראַף, קיין עין הרע!

— וואָסזשע זעצסטו זיך נישט, טאַטע? — האָט בערמאַן דערווייל צוגע־גרייט פֿאָרן פֿאָטערס וועגן נאָך אַן אויבנאָן, קענגנאיבער זיך ביים טיש.

דער פֿאָטער האָט אָפּגעווישט די שטול מיט דער ציטריקער האַנט, גע־וואָלט באַשיצן די שטול פֿון זיין אַלטער, נישט־איבעריק ריינער זשופּיצע. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט, נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טון. בערמאַן איז דערווייל אַריין אין קיך, געהייסן דאָס שיקסל מאַכן טיי, נאָר אַריינברענגען זאָל זי נישט, זי זאָל בלויז אָנקלאַפּן אין דער טיר, וועט ער שוין צונעמען. און דערנאָך קען זי אַוועקגיין ווו זי וויל. מ׳דאַרף זי היינט נישט האָבן.

אַנעקע האָט אַזש אונטערגעטענצלט מיט דער טאַץ אין האַנט. זי האָט שיעור נישט אויסגעגאָסן די טיי, — אַזאַ גליק טרעפֿט איר נישט יעדן טאָג, נאָר געחידושט האָט זי זיך:

— מאָדנע מענטשן, „די יאָדן״!

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק געשעמט מיטן הולך זיינעם. אויף אַזאַ עשירות האָט ער זיך נישט גערעכנט. און ער אַליין זעט אויס אַזוי אָרעם, און דער זון קעגנאיבער גייט אָנגעטון ווי אַ קייסער, קיין עין־הרע. געוועזן גע־דאַרפֿט פֿריער איבערטון זיך. אָבער ער האָט זיך דאָך איבערגעטון! ער האָט לגמרי פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז זיין שבתדיקע קאַפּאָטע. נאָך אַ נס טאַקע, וואָס ר׳האָט זיך איבערגעטון. פֿאַרוואָסזשע זעט זי אויס אַזוי מיאוס, די קאַפּאָטע? אינדערהיים איז עס דאָך נאָך, דאַכט זיך געווען אַ גאַנץ לייטיש מלבוש.

אסתר קרייטמאַן

רחל איז אַהיימגעקומען מיט דער טאָכטער. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי ביידע אַרומגעקראָכן איבער די וואָרן־הייזער זוכן מציאות צוליב די אָנקומענדיקע ימים־נוראים.

— אוי, פּאַפּאַ, האָבן מיר געקויפט אַ שטיקל שטאָף, אַ וואָרע מציאה! אַלץ איך! אוי, פּאַפּאַקעלע, — פון גרויס גדולה האָט זי זיך אויף איר שטייגער אַ וואָרף געטון אויפן פאָטער, געגומען קושן אים אין דער געדיכטער האָריקייט אַריין. דער אַלטער האָט זיך אַזש אָפּגערוקט פון חידוש. זשאַנעט האָט געפּלוידערט וועגן די מציאות און אפילו נישט געאַנט, אַז נאָך עמיץ זיצט ביים טיש.

דער אַלטער איז נבהל ונשתומם געוואָרן. זאָל דאָס זיין זיין אייניקל? די, וואָס דער זון ליבט אַזוי אין די ברייוו? רופט זי זיסעלע שתחיה, און האַלט פון איר עולם ומלאו. עס קאָן נישט זיין! מען זעט דאָך בפירוש, אַז דאָס איז נישט קיין יידיש קינד. זי רעדט דאָך אָבער פאָרט יידיש! נאָר עפּעס מישט זיך דאָך טאַקע אַריין משונה'דיקע ווערטער, ער פאַרשטייט קוים וואָס זי רעדט. אפשר רעדט זי דייטש! אָבער פאַרוואָס לאָזט זיך דער זון קושן פון איר און וואָס מיינט מען „כּויע, קוף"? און „שאַרמאַן"?

זשאַנעט האָט אַריינגעמישט אין איר יידיש פלעמיש מיט פראַנצויזיש און טאַקע אַ שיין ביסל דייטש. רחל האָט זיך געחידושט, וואָס אַנעקע איז עפּעס נישטאָ אין קיך. זי האָט געזען דעם אַלטן, פאַרשטויבטן, אָרעמען יידן, ווי ער זיצט אַזוי, ווי אין אַ טראַנס. זי האָט צעעפנט אַ פּאָר אויגן. זינט זי לעבט געדענקט זי נישט, אַז בערמאַן זאָל האָבן פאַרבעטן אַזאַ, צום טיש! ווער קען דאָס זיין? בערמאַן קושט זיך מיט דער טאָכטער און עפּעס אַן אַלטער שנאָרער (זי זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד), האָט דאָ געטרונקען טיי, זעט אויס.

פּלוצלונג האָט זשאַנעט געגעבן אַ שפּרונג אָפּ אויף צוריק מיט אַ קוויטש, ווי עמיץ וואָלט איר אַ ביס־געטון:

— זע נאָר, פּאַפּאַ, וואָס איז דאָס?

זי האָט זיך געהאַלטן מיט דער האַנט ביים האַרצן, געוואָלט ווייזן, ווי שטאַרק זי האָט זיך דערשראָקן און גערופן דעם זיידן „דאָס".

— זשאַנעט, זיי שטיל! מאַך נישט דיינע משוגענע שטיק! זעץ דיך אוועק, וועסטו באַלד וויסן. און די קום אויך אַהער — האָט ער באַפוילן רחלען —

עץ ווייסט ווער דאָס איז? — האָט בערמאַן געשמייכלט מיט תענוג, וואָס דאָס ווייב און די טאָכטער וועלן באַלד האָבן אַן איבערראַשונג. דאָס, וואָס די טאָכטער האָט גערופֿן דעם פֿאָטער זיינעם „דאָס", האָט אים נאָכמער דערנענטערט צום אַלטן טאַטן.

דער אַלטער איז רויט געוואָרן פֿונעם שפּיץ קאָפּ הינטער דער אָפּגע־חומלטער יאַרמולקע, ביז די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס.

— דאָס איז מיין טאַטע, דערקענסט אים, רחל? און דיין זיידע, הערסט, זיסל? דיין זיידע!

— הערסט, טאַטע! — האָט ער זיך געווענדט צום פֿאָטער — אין אויס־לאַנד וואַקסן אויס פּרא־אדמ'ס, נישט קיין קינדער.

— אודאי דערקען איך, דער שווער זאָל געזונט זיין! פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס נישט דערקענען? וואָס מאַכט דער שווער? אַ שיין ביסל יאָרן, ווי כ'האָב שוין דעם שווער נישט געזען — האָט רחל פֿאַרגעסן, אַז ווען זי האָט אים יאָ געזען, איז ער נאָך איר שווער נישט געווען.

— זאָל איך אַריינדערלאַנגען עסן, אָדער דער שווער וואָלט זיך אפשר געוואָלט פֿריער אָפּוואַשן? — האָט זי געקוקט אויף בערמאַנען, רחל, און איז רויט געוואָרן, צי האָט זי נישט אַמאָל אָנגערירט דעם שווערס כבוד.

נאָר בערמאַן איז געווען צופֿרידן:

— זאָל ער זיך אַרומוואַשן! מען וועט אים ווי עס איז איבערטון און זאָלן כאָטש דוד מיט זשאַקן נישט זעען דעם פֿאָטער זיינעם אין אַזאַ הולך.

— אודאי, וואָלט געווען אַ יושר, אַ ישר כוח! — האָט דער אַלטער געזאָגט צו דער שנור און געקוקט צום זון מיט דער אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אַ קליין קינד, ווען מען הייסט עס גיין, בשעת עס קאָן נאָכנישט, פּרוווט ערשט. ער האָט זיך שווער אויפֿגעשטעלט. ערשט איצט האָט בערמאַן גע־זען, אַז דער פֿאָטער איז נאָך אַלץ האַלב געליימט. ער באַוועגט זיך שווער און די רעכטע האַנט הענגט ביי אים אַראָפּ, ווי אַ צוגעטשעפּעטע זאַך. אַ שטאַרקער רחמנות צוזאַמען מיט אַ וועלט טרויעריקע זכרונות האָבן אָנגע־וואָרפֿן אַ מרה־שחורה אויף בערמאַנען. ער האָט אָנגענומען דעם פֿאָטער ביי דער לינקער האַנט און האָט אים, ווי אַ קליין קינד, אַריינגעפֿירט אין באָד־צימער.

מיט צרות איז דער אַלטער אַריין אין דער וואַנע. בערמאַן האָט אים

אַליין געוואַשן, געזייפֿט, געפֿירט מיט דער ווייכער שוואָם איבערן אַלטן לייב. דער אַלטער האָט אַזש געקרעכצט פֿון תענוג, פֿון טאָפּלטן תענוג: זיין זון שטייט אין די בלויזע העמד־אַרבל, ווי אַ באָד־ייִנג, און וואַשט אים. ער טונקט זיך בשעת־מעשה איין די שיינע באָרד און מאַכט זי נאַס און די פּירקאַנטיקע, זיידענע יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ איז אים גורם אַזאַ הדרת־פּנים.

אָפּגעבאָדן, האָט ער אים אָנגעטון ריינע וועש, אַ שוואַרצן אַנצוג, וואָס רחל האָט דערווייל אויסגעזוכט אין בערמאַנס רייכער גאַרדעראָבע. אפילו די באָרד האָט ער אים אויסגעקעמט. בשעת ער האָט געקעמט דעם פֿאָטער די באָרד, האָט ער זיך שיעור נישט צעוויינט, בערמאַן, אַ באַרג מיט זכרונות זענען אים אויפֿגעשווומען פֿאַר די אויגן, צוריקגעשלעפּט אים אינעם קליינעם פּוילישן שטעטעלע אַריין פֿון וואַנען ער קומט און וואָס איז אים שוין געווען לחלוטין פֿרעמד.

ער האָט צוריק אַריינגעפֿירט דעם פֿאָטער אין עס־חדר.

— געדענקסט, גדליהו, ווי די פֿלעגסט מיר צעקעמען די באָרד, דערלאַנגען מיר דאָס וואַסער צום בעט? געדענקסט? דערפֿאַר האָט דיך השי״ת מזכה געווען מיט הצלחה, קיין עין־הרע. ער וועט דיר נאָך ווייטער געבן כפֿל כפֿלים.

— אמן! — האָט בערמאַן אויסגערופֿן אויפֿן קול.

— אמן — האָט דער אַלטער נאָכגעזאָגט ערנסט און שטיל.

רחל האָט דערווייל געדעקט אַ טיש מיט אַלעם גוטן. אַלע טיילן פֿון דער קאַנדעליאַברע האָט זי אָנגעצונדן. דאָס זילבער און די פֿיינע מאכלים האָבן אויסגעזען געשמאַקער און רייכער נאָך אונטערן שטראָם ליכט, וואָס האָט זיך דערווייל געגאָסן פֿון אַלע זייטן. נאָר בערמאַנען איז אין דער גאַנצער יום־טובֿ׳דיקייט נישט געווען גרינג אויפֿן האַרצן. עפּעס האָט זיך אַריינגעריסן אין האַרצן אַ געפֿיל, וואָס איז אַי זיס, אַי ביטער און גענאָגט. מאָדנע געדאַנקען קומען און ווילן זיך נישט לאָזן פֿאַרטרייבן. עפּעס איז בערמאַן היינט נישט דער אייגענער, וואָס תמיד. דער פֿאָטער האָט געזען, אַז ביים זון האָט זיין קומען אַ סך זכרונות אויפֿגעוועקט, אַז ער פֿרייט זיך מיט אים, ער זעט דאָך באַשיינפּערלעך, ווי ער רוקט אים אונטער אַלע רגע אַן אַנדער מאכל. ער — פֿון איין זייט, די שנור — פֿון דער אַנדערער. אַ סך פֿון די מאכלים זעט ער ערשט היינט צום ערשטן מאָל. נישט ער קאָן, נישט ער

טאָר זיי גאָר עסן. ער עס דאָך נישט עסן קיין טרפה'נע עפּעלעך (פּאָמאַדאַרן). און ער חידושט זיך טאַקע, פאַרוואָס דער זון עסט זיי יאָ. ער וויל פרעגן און ער קען נישט.

— עס, טאַטע!

— זאָל דער שווער עסן! — העלפט אים רחל אונטער.

— דאָס איז געזונט! — מונטערט אים דער זון.

און אַליין עסט ער נאָר עפּעס ווי פון יוצא וועגן.

דוד איז אַהיימגעקומען. ער האָט שוין אין גאַס געהערט, אַז דער זיידע איז דאָ. בערמאַן האָט זיך דערפרייט, וואָס דער זון איז געקומען, מקבל פנים זיין זיין טאַטן.

— האָסט זייער גוט געטון, וואָס ביסט געקומען, דוד! — האָט בערמאַן געפּרוווט מאַכן אַ סוף צו די רייבונגען צווישן אים מיטן זון היינט.

— טאַטע, דאָס איז דוד!

— שלום־עליכם, זיידע! — האָט זיך דוד אויף אַן אמת געפרייט מיטן אַלטן. ער איז אים אויפן אָרט געפעלן געוואָרן. „זעט אויס צו זיין אַ ווױלער ייד" — האָט דוד געטראַכט און געקוקט מיט חשק אויפן געדעקטן טיש. שוין לאַנג, ווי ער האָט נישט געגעסן ביי אַזאַ פיינעם יום־טוב'דיקן טיש. דוד האָט זיך געוואַשן צום עסן און געזאָגט „שאו ידיכם" אויפן קול.

זשאַק איז אַריינגעפלויגן אין עס־חדר.

— טאַטע, מ'האָט געזאָגט, אַז דער זיידע איז געקומען! — איז ער צוגעפלויגן צום טיש מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט אַזש דעם זיידן נישט דערזען.

— נו, איז וואָסזשע טוט מען, אַז דער זיידע איז געקומען?

זשאַק האָט זיך פאַררויטלט.

— שלום־עליכם, זיידע!

— עליכם־שלום! עליכם־שלום, מיין קינד! — האָט דער אַלטער געקושט זשאַקן אויף ביידע גלאַטיקע אַליוור־קאָלירטע בעקלעך.

זשאַק האָט געהאַט אַ פול פּנים מיט באָרד.

— זשאַנעט, יעצט איז נישט קיין צייט אויף לייענען. לייג אַוועק דאָס ביכל. רוק דיך צו נענטער צום טיש! אַזוי!

— טייערע קינדער, קיין עין־הרע! און מען זעט, אַז זיי זענען יידן! געלויבט השם יתברך! — האָט דער אַלטער געשעפּט נחת אויפן קול.

— ווי הייסט? ווי דען? אודאי יידן! — האָט בערמאַן געכאַפּט אַ בליק אויף דודן — הממ... אודאי יידן!

נאָכן עסן האָט די פאַמיליע אָוועקגעפּלוידערט, ביז אין דער נאַכט אַריין. זיי האָבן זיך נישט געקענט דערבעטן ביים אַלטן ער זאָל גיין שלאָפן, אויס־רוען זיך. דער אַלטער האָט יעדעס מאָל אַ מאַך געטון מיט דער געזונטער האַנט און געזאָגט, אַז ס'איז אים ליב צו זיצן אַזוי כאָטש אַ גאַנצע נאַכט מיט זיינע קינדער, מיט די אייניקלעך.

— געלויבט השם־יתברך דערפאַר! געלויבט זאָל זיין גאָט, ברוך־הוא, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען און כ'האָב עס דערלעבט. יאָ, געלויבט דער אויבערשטער פאַרן חסד! — האָט דער אַלטער געהאַלטן אין איין קוקן אי־בער דער שטוב און געבן שבחים דעם רבונו של עולם.

אַז מען איז לסוף געגאַנגען שלאָפן, האָט בערמאַן בשום־אופן נישט גע־קענט אַנטשלאָפן ווערן. זיין גאַנץ לעבן איז פאַר אים אויפגעשווומען. ער האָט זיך געזען צוריק אינעם קליינטשיקן שטעטעלע, אַלץ שטייט אים פאַר די אויגן, אַזוי לעבעדיק, אַזוי בולט.

ער דערמאָנט זיך אין די קינדער־יאָרן, אין דער מוטער, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן. ער זעט זי אַ פאַרביטערטע, אַ פאַר־יאָמערטע, אַ בייזע, וואָרטשענדיק און קרעכצנדיק, דרייט זי זיך אַרום אינעם ענגן שטיבל און האַלט אין איין באַקלאָגן זיך אַליין, אין איין האָבן טענות צום קראַנקן מאַן, פאַרוואָס ער האָט זי נישט געפאָלגט, נישט אַ וואָרף־געטון דאָס שחיטות און זיך גענומען צום מסחר. גאַנצע 500 קאַרבן נדן — טענהט זי — האָט איר דער פאָטער געגעבן, אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין געהאַט אַ שניט־קראָם, אינמיטן מאַרק. אַנישט, אַז ער האָט דווקא געמוזט זיין שוחט, און דערצו איז ער נאָך געווען אַ מוהל און אַ בעל־תפילה, וואָלט אַן אַנדערער אויף זיין אָרט געוואָרן שוחט אין אַ גרויסער שטאָט, נישט אָפּ־געלעגן אַ גאַנץ לעבן אינעם העק און צוזאַמען מיט איר און מיט די קינדער געשטאָרבן פון הונגער. נישט געהאַלטן אין איין שעכטן און האָבן קינדער. שעכטן! שעכטן? געשאָכטן, האָט ער זי מיט די קינדער, נישט קיין בהמות! בהמות? ער האָט געראַנקט גאָט, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ יאַלעווקע, אָדער

אַ קעלבל! אפילו אַ הון האָט זיך געטראָפֿן איינמאָל אין אַ יובל! סיידן, עמיץ איז קראַנק געוואָרן. אָדער ס׳האָט זיך געמאַכט אַ קימפּעטאָרין אין שטעטל. אַ שטעטל? אַ דאָרף, אַ ווּיסטער עק. און דאָ וועט זי מיט די קינדער איינ־איינעם אויסגיין און קיין לעבעדיקער מענטש וועט נישט ווּיסן. אַז רק ער באַהאַלט זיך מיט די צרות. אַנשטאָט ער זאָל שרייען געוואַלט, מיר שטאַרבן פֿון הונגער, ענטפֿערט ער „געלויבט השם יתברך דערפֿאַר״, טאָמער פֿרעגט זיך שוין אַמאָל יאָ עמיץ נאָך, ווי עס גייט אים.

אַזוי פֿלעגט זי צום טויזנטסטן מאָל איבערקייען די אייגענע ווערטער. די קינדער האָבן שוין געוווסט פֿון אויסנווייניק, וואָסער וואָרט ס׳וועט קומען נאָך וועלכן. זיי פֿלעגן זיך שוין גאָרנישט צוהערן, וואָס זי וואָרטשעט דאָרטן. זיי פֿלעגן נאָר האָבן גרויס רחמנות אויפֿן קראַנקן טאַטן, וואָס זי מוטשעט אים, נעבעך. אַ טרויעריק קאַפּיטל שווימט אים אויף, בערמאַנען. ער דערמאָנט זיך, ווי דער פֿאָטער האָט פּלוצלונג דערפֿילט, אַז ס׳ברעכט אים די רעכטע האַנט, געהאַלטן אין איין טענה׳ן מיט דער מוטער, אַז ער האָט מורא צו שעכטן, ער קען נאָך, חלילה, אַ פּגם מאַכן; ווי ער האָט זיך אין אַ פֿרימאָרגן פּלוצלונג געגעבן אַ זעץ אַוועק אויפֿן ראַנד פֿון בעט, אַנגעכאַפּט זיך מיט דער האַנט ביים האַרצן און אַ זאָג־געטון:

— ס׳איז מיר נישט גוט!

יענער פֿרימאָרגן האָט זיך אים טיף איינגעקריצט אינעם יינגן מוחל, בער־מאַנען. די מוטער איז צוגעלאָפֿן דעמאָלט מיט אַ גרויסער, בלעכערנער קוואָרט וואַסער, געכליאַפּעט אויפֿן געהלשטן, געקניפּט אים און געמאַכט משונה׳דיקע קולות, ס׳גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגעלאָפֿן. דערנאָך איז דער פֿאָטער שוין מער פֿון בעט נישט אַרויס. עטלעכע באַלעבאַטים האָבן אים אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, אפילו איינגעדעקט אים מיט דער שווערער פּערענע, כאָטש אין דרויסן זענען די היצן געוועזן גרויס. ס׳איז געקומען צוגיין דער רב. ער האָט גע־שאָקלט מיטן געלן שטריימל, אַלע שמוישלעך האָבן זיך מיטגעשאָקלט און זיך מיט־אַראָפּגעבויגן צום קראַנקן בעט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו די באַלע־באַטים, אַז ער האָט שוין לאַנג געהאַט אַ חשד, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיטן שוחטס רעכטער האַנט, אַז איינמאָל, בשעת ער האָט אים דערלאַנגט דעם חלף איבערצוקוקן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די רעכטע האַנט ציטערט

ביי אים אונטער. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט שוין גאָר דעמאָלט נישט גע־טאָרט שעכטן.

— נאָר זאָל אים דער כביכול מוחל זיין און שיקן אַ רפואה שלמה בקרוב!

— האָט דער רב דעמאָלט, אַ גלאָץ אַרויף געטון מיט די פאַרלאָפענע אויגן צום ברודיקן סופיט און ער, בערמאַן, האָט דעמאָלט דעם רב אַזוי פיינט געקראָגן, אַז ער וואָלט אים געוואָלט אויפן אָרט אוועקפאַלן אויפן אָרט, פונקט אַזוי, ווי זיין טאַטע איז נאָר־וואָס געהאַט אוועקגעפאַלן.

דערנאָך האָט דער רב געזאָגט צו דער מוטער, נישט אויסדריייענדיק זיך אפילו צו איר, אַז דער פאָטער אין הימל וועט מסתמא נישט פאַרלאָזן, זאָל נאָר ר׳ חיים־יוספס ווייב נישט פאַרלירן דעם בטחון, וועט שוין אַלץ זיין רעכט און ר׳איז אוועק, איבערלאָזנדיק די מוטער אַ וויינענדיקע, אַ שלוכצנ־דיקע און דעם פאָטער — מיט אַ געליימטער האַנט.

שפּעטער איז פונדעסטוועגן דער רב אַליין אַרומגעפאָרן איבער די וועל־דער, צוזאַמענגענומען ביי די שרייבערס קנאַפע הונדערט רובל און די מאַמע האָט זיך געעפנט אַ שניט־קרעמל. אין שטעטל האָט מען אויפגענומען אַ נייעם שוחט, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ טאַקסע, צען פּראָצענט פון יעדער בהמה און פינף — פון יעדער קעלבל. די מאַמע איז געוואָרן אַ פאַרנומענער מענטש און הגם עס האָבן זיך נישט געוויזן קיין קונים, איז זי אַפּגעזעסן גאַנצע טעג אין געוועלבל און ער, בערמאַן, איז שוין צו צוועלף יאָר געוואָרן די ניאַנקע פון צוויי ברידערלעך און אַן אייניאָריק שוועסטערל, אַ גרויסע קוויטשערקע.

אכט יאָר איז ער אַזוי אַפּגעלעגן אין בעט, דער פאָטער, אַ געליימטער, שוין נישט נאָר אויף דער האַנט, נאָר אַ פוס און אַ האַלבע זייט איז אים אָפּ־גענומען געוואָרן. און ער פלעגט זאָגן, אַז די לינקע האַנט האָט אים גאָט ברוך־הוא איבערגעלאָזט כדי ער זאָל האָבן ווו די רציאות אַרומצוזוויקלען. אַזוי איז ער געלעגן סיי ווינטער, סיי זומער אונטער דער ברודיקער פערינע, די ברייטע באָרד איז גיך גרוי געוואָרן, פאַרקאָלטנט. לעבן בעט איז געשטאַנען אַ טישל אויף דריי ציטריקע פיסלעך און זיך געהוידעט, שיעור נישט אַראָפּ־געוואָרפן די אָנגעשטעלטע פלעשלעך, פודעלעך, שמאַכטעס, וואָס ווייבער און אפילו גוים האָבן נאָראַיעט און וואָס האָבן געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. פאַר אַ צולאָג, פלעגן דאָרטן די קינדער איבערלאָזן שטיקלעך דאַר ברויט, וואָס זיי האָבן נישט געקענט עסן און ס׳זענען דאָרטן געשטאַנען נישט

קיין אויסגעוואַשענע שעלעכלעך און טעפּעלעך און גלעזער. די פֿליגן האָבן געראַיעט, געקראָכן איבערן טישל, איבערן אַלט־געוואָרענעם געלן פּנים, געקראָכן מיט חוצפּה׳דיקער הפקרות. „דער אַלטער״ האָט זיי געלאָזט. אַז זיי זענען געוואָרן גאָר שטאַרק נודנע, האָט ער זיך געפּרוווט באַנוצן מיט דער געזונטער האַנט.

אַזוי איז ער געלעגן אויפֿן רוקן, די באָרד אויף דער פּערינע און ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספֿרל. האָט מען אים צוגעטראָגן עפּעס צו עסן, האָט ער איינגעטונקען די האַנט אין דער לײמענער שיסל וואַסער, וואָס איז תמיד געשטאַנען אויף אַ בענקל, לעבן בעט, געזאָגט שאו ידיכם און געגעסן.

איז נישט געווען קיין צייט, די מוטער איז געווען פֿאַרנומען אין קראָם מיט אַ „שטיין״ (אַ קונה), אָדער זי איז אַריינגעפֿאָרן אין דערבייאיקן שטעטל איינקויפֿן אַביסל סחורה און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל דערלאַנגען, האָט ער טיפֿער נאָך איינגעגראָבן דאָס גוטע, צעקנאָדערטע פּנים מיט די גוטע, ברוינע אויגן אין ספֿרל און פֿאַרגעסן, אַז ר׳איז הונגעריק.

ווי בולט זי שטייט אים פֿאַר די אויגן, די מוטער. מיטן אייגעשרומפּענעם פּנימל, מיט די הונדערטער קנייטשן און קנייטשעלעך, צעפּאַסקעוועטע, צעשניטענע און שוואַרצע, ווי צעאַקערטע, שוואַרצע ערד. מיטן צעדריוולטן אַטלאַסענעם טשיפּיקל אויפֿן קליינעם קעפּל, די פֿאַרשמאָלצענע שפּיצעלעך האָבן איינגערעמט דאָס אַזוי אויך פּיצל פּנימל. אויפֿן טשיפּיקל האָבן זיך געבאָמבלט האַלב־אָפּגעשיילטע פֿלוימען, ס׳האָט זיך אַרויסגעזען דאָס הוילע בלעך פֿון די דראָטענע שטענגעלעך, ווו ס׳האָבן אַמאָל געהאָנגען ווייַנפֿערלעך און אַלעראַליי פּאַטשערקעס.

בערמאַן האָט אַ ציטער געטון. אַ פֿינצטערער האָט פֿאַרבייגעשוועבט נאָך אַ פֿרימאָרגן, די ערגסטע מינוט אין זיין קינדיש לעבן. אַ פֿרימאָרגן, ווען ר׳האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז אַרויס אין גאַס און ס׳ערשטע מאָל דערהערט ווי די קינדער רופֿן זיין מאַמען „מכשפה״, זיי אַנטלויפֿן פֿון אים און דערוואַקסענע אפילו רוקן זיך, דאַכט זיך, אָפּ פֿון אים.

ער דערמאָנט זיך, בערמאַן, ווי די מוטער, הגם זי האָט דעם פֿאָטער באמת זייער ליב געהאַט, געווען אים געטריי, באַוויינט דעם ביטערן גורל זיינעם, פֿלעגט זי זיך נישט קענען איינהאַלטן און פֿלעגט אים פֿון צייט צו צייט באַפֿאַלן, זידלען אים, שעלטן, געוואַלטעווען און אַז זי פֿלעגט קריגן אַזאַ

אָנפּאַל, האָט זי געמוזט אירם אויסשרייען. די קולות פֿלעגן זיך דעמאָלט צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל. קינדער און דערוואַקסענע אפילו האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינטערן פֿענצטער. די קינדער האָבן אַרײַנגעשריגן „מכשפה לא תחיה". די דערוואַקסענע האָבן זיך אָנגעבייזערט אויף קליינוואַרג און צווישן זיך געשמועסט, אַז „עפּעס" שרייט אַרויס פֿון איר, אַז ווער ווייסט צו זי וועט אים נישט אין אַ שיינעם טאָג אָוועקלייגן, חלילה, מיט אירע געשרייען און מיט אירע שוואַרצע אויגן, וואָס אַ נישט גוטער קוקט פֿון זיי אַרויס. זי פֿלעגט דעמאָלט אַזוי לאַנג שרייען, שעלטן זיך אַליין, דעם מאַן, די קינדער, די קונים, די „יינגע" שוחטקע, וואָס איז עלטער געווען פֿון איר אפשר מיט צען יאָר, ביז די כחות פֿלעגן איר אויסגיין. דעמאָלט ערשט פֿלעגט זי זיך אָוועקזעצן אויף אַ בענקל, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין אָנלען און איינשלאָפֿן ווי אַ קליין קינד.

נאָך אַזאַ סצענע פֿלעגט זי אַרומגיין טעג נאָכאַנאַנד און שווייגן. נישט אויסרעדן צו קיינעם קיין וואָרט, אפילו נישט צו די קינדער, און אין שטיבל פֿלעגט זיין אַזוי שטיל, אַזוי אימה׳דיק־שטיל, אַז ס׳איז נאָך געווען ערגער פֿון די געשרייען.

דער נאָמען „מכשפה" האָט איר די נייע שוחטקע געגעבן. אַ דיקע יידינע, מיט אַ גוידער און אַ שמייכל, האָט איר דאָס שטעטל נישט פֿיינט געהאַט, נאָר זי האָט פֿיינט געהאַט דאָס שטעטל. זי האָט זיי נישט געקענט מוחל זיין דאָס, וואָס מ׳האָט אַראָפּגענומען גאַנצע צען פּראָצענט פֿון איר מאַנס מאָגערע פֿאַרדינסטן פֿאַרן געוועזענעם שוחט.

— מיין מאַן — פֿלעגט זי טענה׳ן — קריכט אַרום אין אַלע וועטערן, אַזוי ווייט אין דער בלאָטע — פֿלעגט זי זיך אַ פֿיר טון מיט דער האַנט ביים דיקן האַלדז, כדי צו ווייזן ווי ווייט ער קריכט אין דער בלאָטע — גאַנצע טעג קריכט ער אַרום און זוכט און נישטערט, אפשר וועט זיך מאַכן אַ בהמהלע צו שעכטן. ווו ער טאָגט, דאָ נעכטיקט ער נישט, ווערט פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרפֿינצטערט אויף פויערישע פּיעקעלעק׳ן, כדי די „פּריצה׳טע" דאָ זאָל קומען צום גרייטן. ס׳קומט דאַנערשטיק אינדערפֿרי, כ׳האָב נאָכנישט געדאַנקשעט קיין נעגל־וואַסער אָפּצוגיסן, שוין — ר׳איז שוין דאָ, דער לאָבוס. ר׳איז געקומען נאָכן געלט. און די חוצפּה, וואָס ער האָט נאָך — ער טוט אַ פֿלי

אַריין, ווי ער וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים: „די מאַמע זאָגט, אַז אַ האַלבן רובל קומט די וואָך". ס'קומט איר גאָר! זי האָט עפּעס אַריינגעלייגט אין געשעפֿט אַריין. ווי זי קוקט מיר נאָך, זי ווייסט וויפֿל ס'קומט איר!

פֿון גרויס כּעס אויף דער „פּריצה'טע", האָט זי איר געמאַכט אַ שם, אַז זי איז אַ מכשפה. בערמאַן געדענקט דאָס, אוי, געדענקט ער עס. ס'איז געווען אַ זומערדיקע נאַכט, נאָך אַ לאַנגן טאָג זיצן אינעם הייסן, פֿאַרשטויבטן קרעמל, אויסקוקן זיך אומזיסט און אומנישט די אויגן אויף אַ קונה און קיין איינציקער קונה האָט נישט אַריינגעשמעקט, הגם קונים זענען גראָד דעמאָלט יאָ געווען אין שטעטל, מחמת ס'איז געווען נאָכן שניט שוין, וואָס צו טון איז נישט געווען און געלט האָבן די פּויערים שוין אַריינגעקריגן פֿאַר פֿאַרקויפֿטע תבואות, וואָגנס היי, ירקות און בהמות, וואָס מ'האָט געזוכט פֿון זיי פּטור צו ווערן, ווייל זיי האָבן אויפֿגעהערט געבן מילך, און פּאַשע איז נישט געווען אַזוי בנמצא. צו דריי און צו פֿיר „קומיעס" האָבן זיי זיך פֿאַרבייגעטראָגן פֿאַר איר קרעמל, אויסגעפּוצטע, אין אייגן־געוועבטע ספּודניצעס, מיט געבלימלטע קאָפּ־טיכלעך אויף די אויסגעצוואָגענע קעפּ, מיט אַ סך רויטע „שעצקע" (פּאַטשערקעס) אויף די העלדזער, מיט נייע קאַמאַשן אין די הענט, האָבן זיי געטראָטן מיט די באָרוועסע, פֿאַרהאַרטעוועטע פֿיס איבערן הייסן, זאַמדיקן שטעטל. גערעדט און געלאַכט און אַזוי לאַכנדיק, פֿאַרביי איר און אַריינגעגאַנגען פּונקט אינעם קעגנאיבערדיקן געוועלב. אַלע קראָמען זענען געווען געפּאַקט, אַחוץ אירער, וואָס איז געשטאַנען לחלוטין ליידיק. דערצו האָט דער קראַנקער אַ גאַנצן טאָג נישט אויפֿגעהערט צו קרעכצן. ער האָט געהאַט אַ ביטערן טאָג. דאָס קינד האָט איר, ווי אויף להכעיס, נישט אויפֿגעהערט צו קוויטשען און ביי איר אויפֿן האַרצן זענען געלעגן אפשר אַ טוץ מילשטיינער און האָבן עס געפּרעסט. די נערוון זענען איר געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. דער קאָפּ האָט איר וויי געטון און זי האָט זיך געפֿילט אַזוי דערדריקט, אַז אפילו שרייען האָט זי נישט געקענט. — איז זי יענעם אָוונט, נאָכדעם ווי זי האָט געלייגט די קינדער שלאָפֿן, אַרויס אויף דער לאָנקע און אָוועקגעשפּאַצירט גלייך צום טייך, נישט ווייסנדיק אַליין פֿאַרוואָס. פֿון קיין זעלבסטמאָרד האָט זי נישט געטראַכט. זי האָט גאָר קיינמאָל פֿון אַזאַ זאַך נישט געהערט. ס'האָט איר גלאַט געצויגן צום קילן וואַסער, אָוועק פֿון דער שטוב, פֿונעם קראַנקן מאַן, פֿון מענטשן און פֿון זיך אַליין.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן ברעג, געקוקט אויף דער גלאַנציקער שוואַרצקייט און עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין.

גראָד איז דער נייער שוחט אהיימגעקומען פֿון אַ ווייטן דאָרף, אַ צו־פֿרידענער, מיט אפשר צוויי רובל אין קעשענע, אַ שטיקל לונג און לעבער אין דער אַנדערער און דערזען די אַלטע שוחטקע זיצן ביים טייך. אַן איינגעניורעטע אין זיך אַליין, דאָס קליינע קעפּל מיטן צעפּליקטן קופּקעלע איןביידע טרוקענע הענטלעך, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קליין קינד וואָס איז אינמיטן שפּילן זיך ביים טייך אַנטשלאָפֿן געוואָרן. דער שוחט האָט זיך דעמאָלט זייער דערשראָקן — עפּעס אַ יידישע טאָכטער ביינאַכט ביים טייך? ווען ער האָט דאָס דערציילט זיין ווייב, האָט אויף צומאָרגנס דאָס גאַנצע שטעטל געקאָכט מיט דער נייעס, אַז די אַלטע שוחטקע איז אַ מכשפה, אַז ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן, גייט זי אַוועק צום טייך און טוט כישוף.

ווייבער האָבן געשפּיגן, אויסגעבייטעלט אַלע בייזע חלומות צו איר קאָפּ, מאַנסבילן האָבן זיך געבייזערט, גערופֿן די ווייבער „בהמות". טייל האָבן אפילו געטענה'ט, אַז מען מוז זען פֿאַרמאַכן דער נייער שוחטקע דאָס מויל און פֿאַר אַ קנס, וואָס זי מאַכט אַ שם־רע אויף אַ יידישער טאָכטער, אַרויפֿלייגן נאָך פֿינף פּראָצענט אויף דער שחיטה. זיי האָבן בפירוש באַ־פֿוילן די ווייבער, נישט צוצוהערן זיך צו דער נייער שוחטקעס באָבע־מעשה'ס. פֿונדעסטוועגן איז איר פֿון דעמאָלט אָן פֿאַרבליבן דער צונאָמען און די שטעטלשע קינדער האָבן גענומען אויסמיידן איר שטוב. אַז מ'האָט זיי גע־שיקט עפּעס קויפֿן, זענען זיי באַדיי געגאַנגען עטלעכע געסלעך אַרום, אַבי נישט צו דאַרפֿן פֿאַרבייגיין איר קרעמל, פּונקט ווי זיי האָבן עס געטון בשעת זיי פֿלעגן דאַרפֿן פֿאַרבייגיין דער אַלטער גרוסקעכעס כאַטע אין עק שטעטל.

ווען דער קליינער גדליהו פֿלעגט אַרויסקומען אַמאָל, וועלן אַ שפּיל טון זיך מיט די קינדער, זענען זיי זיך צעפֿלויגן ווי די הינער. עמיץ האָט נאָר געדאַרפֿט אַ זאָג־טון:

— ער גייט!

אַז חברה זאָל אויסרינען. אַ פֿאַרשעמטער, אַ מרה־שחורה'דיקער און אַ ביטערער, פֿלעגט ער זיך אומקערן צוריק אינעם אָרעמען שטיבל אַריין, וואָס האָט תמיד געשמעקט מיט מייז, ראָסט און רפֿואות.

ר' חיים־יוסף, דער פֿאָטער בערמאַנס, האָט פֿון זינט ס'שטעטל געדענקט

אָפּגעשפּראָכן עין־הרע׳ס. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער שוחט שפּרעכט אָפּ אַ גוט־אויג, ווערט מען אויפֿן אָרט געגעזין. איצט האָבן קינדער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַהין. די אַלטע שוחטקע האָט זיך געפּלעגט בייזערן, אָנשרייען אויף די קינדער, זיי זאָלן נישט קומען פֿאַרדרייען אַ קראַנקן מענטשן דעם קאָפּ:

— ער ווערט אויס מענטש! — פּלעגט זי טענה׳ן — נאָך יעדן גוט־אויג, וואָס ער שפּרעכט אָפּ, ווערט ער אַליין קראַנק. דאָס געגעצן רייסט אים אַ שטיק האַרץ אויס!

ר׳ חיים־יוסף פּלעגט אַ מאַך טון מיט דער געזונטער האַנט, אַ זאָג־טון „נישקשה״, צעגעגעצן זיך און זאָגן:

— יאָ, ס׳איז געוועזן אַן עין־הרע!

אָדער:

— ניין, ס׳איז נישט קיין עין־הרע!

איצט האָבן איר די קינדער געפֿעלט. פּלעגט זיך באַווייזן אַ קינד, מיט אַן עין־הרע אָפּצושפּרעכן, האָט זי זיך דערפֿרייט ווי מיט אַ קונה.

דער צוועלף־יאָריקער גדליהו איז געוואָרן אַ יושב־אהל. ער האָט צו צוועלף יאָר שוין פֿיינט געקריגן קודם־כל די יינגע שוחטקע, דערנאָך — די קינדער און ואחרי כולם — אַלע מענטשן. איז ער געזעסן אין דער היים, צוגעהאָלפֿן דער מאַמען, געגאַנגען אַ גאַנג און אַז דאָס מושב אין שטיבל פּלעגט ווערן אַזוי גרויס, אַז ס׳איז זיך שוין ממש נישט געוועזן ווו אַ ריר צו טון, האָט ער אָנגעהויבן אָפּוואַשן די כלים, אויסגעקערט דאָס שטיבל, אוועק־געשטעלט ביים בעט אַ שיסל ריינע וואַסער, אוועקגעזעצט זיך ביים פֿאָטער אויפֿן בעט און פֿאַמעלעך אויסגעקעמט אים די באָרד, איינגעטונקען דעם קאַם אין וואַסער און געקעמט. די אויסגעריסענע האָר האָט ער, דעם טאַטן צוליב, אַריינגעלייגט אין אַ ספרל.

די מאַמען האָט ער נישט שטאַרק ליב געהאַט. דעם טאַטן — גאָר־גאָר שטאַרק.

— הערסט, טאַטע, אַז איך על גרויס ווערן, על עך האַנדלען מיט אַלצ־דינג אין דער וועלט, כ׳על ווערן זייער רייך און אַז כ׳על שוין האָבן אַ סך געלט, על איך עס דיר אַוועקגעבן, עסטו ווערן געזונט און מיר וועלן זיך אַוועקציִען פֿון הי אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, כ׳על ווערן אַזוי רייך, אַז מ׳עט

זיך ציען אין דער גרעסטער שטאָט אריין פֿון דער וועלט — קיין ווארשע — עס מען זיך ציען!

אזוי פֿלעגט ער דערציילן דעם טאַטן מעשיות און ער האָט נישט סתם דערציילט. ער האָט אין זיי געגלויבט באמונה שלימה. אזוי שטארק האָט ער געגלויבט אין זיינע כוחות, ווען ער וועט עלטער ווערן, אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז ער וועט זיין רייך, אַז דאָס מושב אינעם צעשויבערטן שטיבל, די פֿארסמטע לופֿט, אָנגעזאָפּט מיטן ריח פֿון קראַנקנס שוויים, שמאָדער און רפואות, האָבן אויף אים נישט געווירקט. ער איז אינעם שטיבל גאָרנישט געווען. ער איז געווען ערגעץ העט־העט, אין גרויסע שטעט, אין שיינע, רייכע פאַלאַצן. דער קראַנקער, האַלב־געשטאָרבענער, הארציקער טאַטע איז גאָר־נישט געלעגן אונטער קיין ברודיקער פערינע, ר׳איז געזעסן אויף אַ שטול פֿון רויטן סאַמעט, ווי דער גביר פֿון שטעטל, און אריינגעקוקט אין אַ ספר. נאָר די מאַמען האָט ער אפילו דעמאָלט געזען אינעם צעריסענעם קופקעלע, אין פֿארשטויבטן געוועלבל, געהערט זי שרייען. בשום אופן האָט ער זי נישט געקענט מיט אריינגעמען אין דער פֿאַנטאַזיע.

און אַזאַ שטייט זי אים איצט פֿאַר די אויגן אין דער טונקלקייט פֿון דער נאַכט, ווען ער ליגט אַ וואַכער אינעם רייכן, פֿארפוצטן שלאָף־חדר, ווו אַלץ גלאַנצט און שפּיגלט, ווו דאָס בעטגעוואַנט בלענדט פֿון ווייסקייט און דורך די פֿארהאַנגענע פֿענצטער רייסן זיך דורך די שפּאַלטן פאַסן ליכט אריין, צע־לייגן זיך נגידיש אויפֿן טעפּעך, פּליושענעם בלויען טעפּיך, ביי אים אויפֿן געלע־גער און זענען גורם דער קליינער מאַמען אַ שווארצערן אויסזען נאָך. עס שטעלט זיך אים פֿאַר די אויגן יענער פרימאָרגן, ווען צו זייער קרעמל איז צו־געפֿאָרן אַ טיפֿע בויד. די בויד איז געווען אויסגעבעט מיט אַ סך היי. אויפֿן היי האָט מען אויסגעשפרייט אַ פֿאַרלאַטעטע פּלאַכטע. מ׳האָט אַרויסגע־טראָגן קישנס, אַן איבערבעט. אַלץ פֿאַרלאַטעט, אַלץ פֿריש־איבערגעצויגן. דערנאָך האָבן עטלעכע באַלעבאַטים אַרויסגעטראָגן דעם פֿאָטער, אריינגע־לייגט אים אין וואָגן, געטראָגן אים פאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיי זאָלן אים נישט צעברעכן. ס׳גאַנצע שטעטל איז געווען פֿאַרזאַמלט אַרום זייער שטוב, ווי צו אַ לויה. דער רב אַליין איז געשטאַנען לעבן וואָגן, גע־שאָקלט מיט די געלע שמויסלעך, עפּעס איינגערוימט דעם טאַטן — וואָס, האָט קיינער נישט געהערט. דער געלער טאַטע האָט זיך צעשמייכלט. יענעם

שמייכל וועט ער קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, בערמאַן. די מאַמע איז געזעסן אין וואָגן, אַזאַ פּיצלס, איינגעטוליעט אינעם שוואַרצן מענטעלע, מיטן שוואַרצן קופּקעלע, איז זי געווען אַ מאָדנער קאָנטראַסט צום גאַנצן ווייסן אַרום. אַזוי האָט מען אים, דעם פֿאָטער, אַוועקגעפֿירט קיין וואַרשע אין שפּיטאָל אַריין.

בערמאַן געדענקט, ווי ער האָט דעמאָלט מקנא געווען דער מאַמען און אַפֿילו דעם טאַטן, וואָס זיי פֿאָרן קיין וואַרשע.

דערנאָך איז די מוטער צוריקגעקומען אַליין און ער האָט צוזאַמען מיט איר געאַרבעט און געשעפֿט... ס'איז איר געגאַנגען אַ סך בעסער. די קינדער און אַפֿילו גרויסע מענטשן זענען געווען גוט סיי צו אים, סיי צו דער מוטער, רחמנות געהאַט אויף זיי.

— אָן אַ מאַן, נעבעך! אַז אָך און אַז ווי! — האָבן ווייבער געקרעכצט און געגעבן צו לייזן.

בערמאַן האָט אים אָפּט געהערט, דעם קרעכץ אויף זייער חשבון. ער האָט גענומען פֿיינט האָבן די ווייבער מער נאָך ווי פֿריער. ערגער פֿון די ווייבער נאָך האָט ער פֿיינט געקריגן צו זיין אָן אָרעם ייִנגל און ר'האָט זיך שטאַרקער נאָך צעחלומט מכוח וואָס ער וועט אַלץ טון, ווען ער וועט גרויס ווערן.

ווען דער פֿאָטער איז צוריקגעקומען, איז אים געווען אַ סך בעסער. ער האָט שוין געקענט זיצן אויף אַ לען־שטול, נישט געדאַרפֿט ליגן כסדר אין בעט. דאָס שוועסטערל איז געשטאָרבן אויף שקאַרלאַטינע, די מאַמע האָט געוויינט און געוויינט און אויפֿגעהערט.

ווען בערמאַן איז צוואַנציק יאָר אַלט געוואָרן, האָט ער פֿון צונויפֿגעזאַמעלטע גראָשנס געקויפֿט אין דערבייאיקן שטעטל אַ בילעט און איז אַוועק קיין אַנטווערפּן. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דער מוטערס קלאָגן, אַז ר'לאָזט איר איבער מיטן קראַנקן טאַטן און מיט די פּיצלעך קינדער, וואָס זענען שוין קיין פּיצלעך נישט געווען.

— מאַמע, ס'עט דיר גאָרנישט העלפֿן! ס'איז צייט אָנצוהייבן זאָרגן פֿאַר אַ תכלית. אגב, וועל איך באַלד דאַרפֿן שטיין צום „פּריזיוו” און בכלל — גענוג!

ער האָט איינגעפּאַקט די שבתדיקע קאַפּאָטע מיטן תפֿלין־זעקעלע און

מיט אַט דעם פּאַרמעגן, איז ער אין אַ רעגנדיקן אָוונט אָנגעקומען קיין אַנט־וועדפּן.

באַלד ווי ר׳האָט איבערגעטרעטן די שוועל פֿונעם נאָנטסטן רעסטאָראַן ביים באַן־הויף, האָט אים אַ יידינע מיט אַ נאַריש פּנים און אַ פֿול מויל גאָלדענע ציין, געגומען רעדן אַ שידוך. בערמאַן האָט געזאָגט דער יידענע, אַז ער האַלט נישט דערביי, נאָר די יידענע איז דערפֿון נישט שטאַרק נתפּעל געוואָרן.

— זי וועלדען שאָן האַלטען! — האָט די יידענע געוועדט דייטש — ווען זי וועלדען נאָר אָנשאָוען די כלה! וועלדען זי שאָן האַלטען! און זי וועלדען זיך נאָכפּרעגען אויף איר און זי וועלדען געוויר ווערן, אַז די כלה איז מיין אייגענע „ניכטע", וועלדען זי שאָן האַלטען! — איז די יידענע געווען זיכער, אַז צו זיין אירס אַ „ניכטע" איז אַ גאָר וואַזשנער כבוד.

— אפשר קען איך קריגן אַ שיסעלע קרופניק? — האָט בערמאַן אַ פֿרעג־געטון.

ער איז געווען טויט־הונגעריק.

— געוויס, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן! — האָט די יידענע אויפֿגעעפֿנט אַ טירל אין דער וואַנט און אַ רוף־געטון:

— ראָזאַ, אַ טעלער קרופּניק!

בערמאַן האָט דעמאָלט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן. דער יידע־נעס „ניכטע" איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דעם סטאָליאַרס טאָכטער פֿון זייער שטעטל, וואָהין די מוטער פֿלעגט אים יינגלווייז שיקן צו־זאַמענקלויבן אַ ביסל היבלעכטס און שטיקלעך אָפּפֿאַלעכץ פֿון די טרומנעס, וואָס איר טאַטע פֿלעגט אויסאַרבעטן. יאַנקל סטאָליערס טאָכטער — רחל. זי האָט אים אויך באַלד דערקענט:

— וואָס טוען זי עפּעס הי? — האָט זי אים געפֿרעגט און איז רויט גע־וואָרן איבער די אויערן.

— און וואָס טוסטו דאָ הי? — האָט בערמאַן נאָכנישט געהאַט קיין אויסלענדישע מאַניערן.

בערמאַן האָט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויף רחלען. נאָך פֿון די צייטן, ווען זיי זענען ביידע קינדער געווען. ער פֿלעגט זיך פֿאַר איר שטאַרק שעמען, צו טראָגן דעם זאַק היבלעכטס איבער דער גאַס, ווי אַ שנאָץ, להבדיל. נאָר סיי רחל, סיי דאָס, וואָס ער אַליין האָט שטאַרק ליב געהאַט אריינצו־

זעצן זיך אין די טרומנעס און פֿאַנטאַזירן, אַז ער פֿאָרט אַוועק, פֿלעגן אים אונטערגעבן חשק צו פֿאָלגן דער מאַמען...

רחלס פֿאָטער פֿלעגט אים אפֿילו זאָגן, אַז מען טאָר זיך אין קיין טרומנע נישט אַריינזעצן, מ'קען נאָך שטאַרבן, נאָר בערמאַן פֿלעגט אים נישט גלייבן. אַגב, האָט ער געוווּסט, אַז גרויסע האָבן תמיד ליב צו זאָגן צו קליינע יינגלעך, אַז „מ'טאָר נישט", וואָס זיי זאָלן נישט טון. פֿלעגט ער ענטפֿערן, אַז מען קען נישט שטאַרבן און בלייבן זיצן, ווי נישט אים מיינט מען.

רחלס פֿאָטער, אַ גוטמוטיקער, באַלייבטער ייד, מיט אַ פֿליישיק־אויס־געהאָרעוועט פּנים, מיט צוויי קליינע, בלויע, כמעט־קינדישע אויגן, און אַ גראָבע, פֿליישיקע נאָז, אַ קיילעכיקע, אַ גלאַנציקע און אַ ווייכע, מיט אַ ברייטע, געדיכטע טאַבאַק־קאָלירטע באָרד, וואָס איז תמיד געווען דורכ־געפֿלאָכטן מיט הילצערנע לאָקשן, פֿלעגט אָפּזאָגן „מ'טאָר נישט" און זיך ווייטער אַוועק הובלעווען זיינע טרומנעס, פֿאַרגעסן אין בערמאַנס עקזיסטענץ. בערמאַן פֿלעגט רחלען אויך אַריינטאַשטשען אין דער טרומנע און זי מיט־נעמען מיט זיך אויפֿן „וואָגן".

ווען ער איז עלטער געוואָרן, אויפֿגעהערט קומען נאָכן הובלעכץ, האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך יענער שטוב. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס האָט אים געצויגן אַהין. מחמת ס'איז דאָרט נישט געווען נאָך וואָס צו בענקען. אין דער גרויסער, פֿיר־עקעכיקער שטוב איז אַחוץ צוויי בעטן מיט קיילעכיקע ווענטקעס, אַ טיש און עטלעכע שטולן, גאָרנישט נישט געווען, קיין שום מעבל. אויפֿן לאַנגן סטאָליאַרסקן טיש נאָר איז כמעט תמיד געשטאַנען אַ קינדעריש טרומנעלע, אָפּגעפֿאַרבט אויף העל־געל, גלאַנציק, דאָס דעקל באַשלאָגן מיט אַ גרויסן, מעשענעם, אָדער בלעכערנעם צלם. אויפֿן גרויען דיל, אָנגעוואָרפֿן מיט גאַנצע בערגער זעגעכץ, הובלעכץ, פֿירקאַנטיקע שטיקלעך האָלץ און פּיצ־לעך ווייס און געל בלעך, זענען תמיד געשטאַנען עטלעכע גרויסע, געפֿאַרבטע און נאָכנישט קיין געפֿאַרבטע באַשלאָגענע און נאָכנישט קיין באַשלאָגענע טרומנעס, וואָס האָבן דערציילט פֿון מגפֿות אין די דערפֿער, פֿון מאָזלען, פּאָקן און שקאַרלאַטינע, פֿון קינדער מיט געשוואָלענע בייכער, דורך הונגער, פֿון שוואַרצע לוויות אין טונקעלע, ווינטערדיקע טעג, פֿון שוואַרצע פֿערד אויף ווייסן שניי, מיט פֿאַרשטיקטע געוויינען פֿון פֿויערטעס און אָראָפּגעלאָזטע קעפּ פֿון פּויערים. און צווישן דעם ים געקרייזלטן הובלעכץ, האָט זיך געשאַרט,

אַ בייזע, רחלס שטיפמאַמע און האָט אָדער גוואָרטשעט און געשאָלטן אונטער דער נאָז די פּולע שטוב מיידן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט ליידיק־גייעריש־אָפּגעלאָזטע, אָדער ס'איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקה, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אויף בייז וואונדער. דער פאָטער רחלס, יאַנקל סטאָליאַר, פּלעגט זיך נישט מישן צווישן ווייב און די טעכטער. ער פּלעגט נאָר דעמאָלט אַוועקהובלעווען גיכער, גיכער, אַרבעטן מיט אַן אימפּעט, ווי דער טויט אַליין וואָלט אים אונטערגעטריבן, געפּאָדערט די טרומנעס.

מער ווי איינמאָל פּלעגט בערמאַן פאַרביישפּאַצירן דעם סטאָליאַרס שטוב, אפשר וועט ער טרעפן רחלען אַרויסקומען. נאָר זי איז נישט געקומען, מחמת זי איז געהאַט אַוועקגעפאָרן צו דער מומע קיין אַנטווערפּן. אַט די מומע רחלס, וואָס פּלעגט רעדן יעדן בחור, וואָס האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון איר רעסטאָראַן, אַ שידוך, האָט זיך אַליין נישט געריכט אויף אַזאַ גליק.

בערמאַנען איז אַוועק אַ גאַנג. ער האָט זיך גיך אָריענטירט וואָס און ווען, געוואָרן אַ מעקלער. ער האָט צוליב זיין שאַרפן חוש באַלד געוווּנען דעם צוטרויען צו זיך מצד די דימענטן־הענדלער. זיי האָבן אין אים דערזען אַ פעיקן מענטשן. מ'האָט אים אָנגעהויבן אַרומשיקן מיט „פּאַרטיען" אין די ביוראָען אַריין, ר'האָט זיך באַלד אויסגעלערנט רעדן דייטש געמישט מיט פלעמיש און לשון־קודש, ווי אַלע אַנטווערפּענער בכבודיקע סוחרים און ער האָט געגומען פאַרדינען געלט. ער האָט רחלען ליב געהאַט. זי איז געווען אַ שיינע. ער האָט צוליב איר כסדר געגעסן אין דעם אייגענעם רעסטאָראַן, ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זי אַוועקגענומען פון איר מומעס טעפּ, האָט מיט איר חתונה געהאַט, אַוועקגעשטעלט זי אין איר אייגענער קיך און — זאָל זי קאָכן גוטע מיטאָגן, אַזעלכע, ווי נאָר זי קען, פאַר אים, אָנשטאָט פאַר דער גאַנצער וועלט.

רחל האָט אים באַלד נאָך דער חתונה באַוויזן, אַז זי ווייסט אים ווי אַזוי דערפאַר צו „שעצן" און זי טוט עס נאָך עד־היום.

קאַפּיטל 12

בערמאַן איז אויפגעשטאַנען שפּעט און מיט אַ טעמפּן קאָפּ־ווייטיק. אַנעקע האָט פאַר אים צוגעגרייט אַ שמעקעדיקע וואַנע וואַרעם וואַסער.

ער איז אַרויס פֿון דער וואַנע אַ דערפֿרישטער, אָנגעטון זיך דעם טונקל־רויטן אַטלאַסענעם שלאַפֿראַק מיט די שוואַרצע בלומען, מיטן ברייטן, זיידענעם גאַרטל, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט צוויי דיקע טראָלבן פֿון געמישטע קאָלירן. די טראָלבן האָבן זיך געבאָמבלט, געשפּילט זיך אין פֿאַרבן־געמיש, צוגעגעבן בערמאַנס יעדן טריט פֿאַרנעם און ריטם.

אין עס־חדר איז שוין דער פֿאָטער בערמאַנס געזעסן ביים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. בערמאַן האָט אַ צופֿרידענעם שמייכל געטון. דער פֿאָטער איז איצט גאָר געוועזן אַן אַנדערער מענטש. נעכטן האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַלטער בעטלער. איצט איז געזעסן ביים טיש אַ בכבודיקער אַלטער ייד. די סאַמעטענע יאַרמולקע, אַזוי היימיש אויפֿן קאָפּ; די געלקייט פֿון דער באָרד איז כמעט פֿאַרשוווּנדן און אין די קנייטשן ליגט אַ מילדער, קינדישער שמייכל. ער זיצט און שאָקלט זיך איבערן ספר, ווי אַ גוט קינד, ווען מען גיט עס אַ ביכל מיט בילדלעך. דער אַלטער האָט זיך געכאַפּט, אַז עמיץ קוקט אויף אים. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, דערזען דעם זון אינעם אַטלאַסענעם שלאַפֿראַק, הויך, ברייט־פּלייציק, די לאַנגע, שוואַרצע באָרד געקעמט און צעטיילט, מיט דאָ און דאָרט אַ גלאַנץ פֿון אַ זילבערנער האָר, האָט ער אויף אים אָנגעוואָרפֿן סיי אַ מורא, סיי אַ יראת־הכבוד. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פֿאַר אים שטייט אַ מענטש פֿון אַ העכערן ראַנג. ער האָט זיך אַזש געפּרוּווט אויפֿשטעלן פֿאַרן אייגענעם זון.

— ביסט כאָטש גוט געשלאָפֿן, טאַטע? און טיי האָסטו שוין געטרונקען? וואָלסט אפשר געוואָלט אַריינגיין אין אַ שטיבל אַריין?

— אודאי, אודאי, געוואָלט וואָלט איך!

בערמאַן האָט דעם פֿאָטער אַליין אָוועקגעפֿירט אין שטיבל אַריין. זאָל ער זיך האָבן זיין ווינקל, דער טאַטע, און זאָל ער זען, אַז אפילו דאָס קען ער אים אויך געבן. דער אַלטער איז געוועזן אַ גערער חסיד.

אין שטיבל, די חסידים האָבן בערמאַנען נישט צוגעטיילט דעם כבוד, וואָס מען טיילט אים צו אין שול. קודם כל האָבן אים יונג און אַלט געגומען דוצן, ווי זיי וואָלטן מיט אים געוועזן קנעפּל שבקנעפּל שוין פֿון כמה יאָרן. עפּעס אַ ייד, אין אַ פֿאַרסאַרגעטן גרינעם פּראַק, וואָס האָט אים אונטן געגרייכט ביז צו די סאַמע טילקעס פֿון די קאַמאַשן, מיט אַ פֿאַרקאַלטנטער און אַ ברודי

קער באָרד, האָט אים אַ רוק אַריין געגעבן זיין לאַנגע, פֿאַרטאַבעקטע נאָז אין סאַמע פּנים אַריין. זייענדיק אַליין אַ טויבער, האָט ער אַריינגעשריגן בער־מאַנען אין סאַמע אויער אַריין, אַז ער דאַרף שטעלן בראָנפֿן. מחמת דעם, וואָס דאָס שטיבל האָט אַ גאַסט. לויט דעם יידן, איז דער גאַסט געווען דעם שטיבלס און נישט בערמאַנס. דעם סוד אין אויער אַריין האָבן אַלע געהערט און זיי האָבן אַלע אינאיינעם גענומען פֿאָדערן בראָנפֿן.

בערמאַן האָט געדאַוונט, געזאָגט קדיש נאָך דער מוטער, געשטעלט בראָנפֿן היינט מיט אַ רחבותדיקער האַנט און אויפֿן פֿאָטערס פֿאַרלאַנג, איבער־געלאָזט אים אין שטיבל.

— עסטו וויסן דעם וועג אַהיים, טאַטע?

— נישקשה, נישקשה, קענסט גיין, מירן אים שוין ווייזן דעם וועג!

נאָך בערמאַנס אוועקגיין האָבן די חסידים גענומען אויספֿרעגן דעם גאַסט פֿונוואַנען ער קומט, נאָכוואָס ער איז געקומען, שטאַרק געפֿרייט זיך מיט אים, ווי זיי וואָלטן דערפֿילט צוריק די אַלטע היים, וואָס ער האָט מיט זיך מיט־געבראַכט און נאָך וועלכער די חסידים בענקען אַזוי.

ביי אַ לאַנגן, הילצערנעם טיש, אַ צעקראַצטן און אַ פֿאַרשמאַלצענעם, מיט חלב, זענען געזעסן עטלעכע עלטערע יידן און געלערנט. זיי האָבן מיט די מתפּללים נישט מיטגעדאַוונט. איינער, אַ ייד מיט אַ רויטע, דורכזיכטיקע נאָז און אַ לאַנגע שיטערע באָרד, אַן איינגעקוואַרטער אָן אַ קריש פֿלייש, אָן אַ טראָפּן בלוט, און די הויט — פֿאַרטרוקנטער, ברודיקער פּאַרמעט — אָט דער ייד האָט דערקענט ר׳ חיים־יוספֿן. ער האָט אַרויפֿגעלייגט אַ צעלע־בערטע קעשענע־פֿאַטשיילע אויף דער אָפֿענער גמרא און האָט אַ פֿרעג־געטון:

— דערקאָנסט מיך נישט, חיים־יאָסל? — און ער האָט זיך אַליין גע־ענטפֿערט — כ׳זע, אַז נישט! נישט קיין חידוש, שיינע עטלעכע יאָר שוין, גע־דענקסט נישט ביים אַלטנס פּטירה זצ״ל?

— איר מיינט ביים שפת אמת זצ״ל?

— ווען דען מיין איך? יאָ, וואָס אירצסטו מיך עפּעס? האָסט שוין, ווייזט אויס, טאַקע פֿאַרגעסן, געדענקסט נישט לייבעלע טראָצקער? — האָט זיך דער ייד אַליין פֿאַרצויגן דעם נאָמען.

— אַה! — האָט אים ר׳ חיים־יוסף אָפּגעשטעקט אַ פֿריילעכן שלום־עליכם און מיט גרויס דרך־ארץ געקוקט אויף דעם צעבראָכענעם שאַרבן, וואָס שאָקלט

זיך בשעתן רעדן, ווי אַ טרוקענע ווערבע און שמייכלט צו, סיי קינדיש־רחמנות'־דיק, ווי ס'וואָלט אים עפּעס וויי געטון, סיי צופרידן מיט דער השגחה, וואָס האָט אים פאַרוואַרפן דאווקא אין דער שטאָט פון דימענטן, ווו דער יצר־הרע קען פאַרפירן ווע‏מען ער וויל, נאָר נישט אים, לייבעלע סראָצקער.

— יאָ, איצט געדענק איך אייך שוין! אַ שאלה צי איך געדענק! ווער האָט דאָס געקענט פאַרגעסן ר' לייבעלע סראָצקער? — האָט ר' חיים־יוסף גערעדט מיט גרויסן יראת־הכבוד צום שאַרבן אין שמאַטעס — איר וווינט שוין דאָ הי לאַנג? — האָט ער בשום אופן נישט געקענט זאָגן דעם אַמאָליקן חבר זיינעם „דו״.

— צען יאָר שוין!

— צען יאָר? — האָט דער אַלטער נאָכגעזאָגט, פּשוט, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און ער האָט זיך אי שטאַרק געחידושט, אי אַ שטאַרקער רחמנות האָט אים אַרומגענומען צום גרויסן תלמיד־חכם, דעם צדיק, וואָס ער געפינט זיך נעבעך אין אַזאַ מצב.

— צען יאָר! — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די צוויי ווערטער און ווידעראַמאָל, ווי אין גאַנצן וואָלט עס געגאַנגען אין דעם, וואָס ער וווינט שוין דאָ צען יאָר.

ביים אָנבייסן, ווען ר' חיים־יוסף האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים זון, פאַר וואָס שטאָט דערלאָזט, אַז אַזאַ ייד זאָל אַזוי לעבן, האָט אים בערמאַן דער־ציילט, אַז דער ר' לייבעלע האָט דאָ אַ זון, אַ גרויסן גביר, נאָר וואָסזשע דען — ער איז אַ מחלל־שבת, וויל דער פאָטער נישט נהנה זיין פון זון קיין איין פרוטה. מער — ער וויל פון קיינעם גאָרנישט נישט נעמען. שטאָט האָט תחלת גע־האַט דערפון גרויס עגמת־נפש, נאָר ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט און ס'אַרט זיי נישט. אגב, זענען אים די חסידים חושד אין מתנגדות. מחמת ס'איז נישט מעשה־חסיד נישט צו ווע‏לן נעמען — האָט בערמאַן אַ שמייכל געטון און ער האָט ווייטער דערציילט:

— אַז אָט דער ר' לייבעלע האָט נאָכן שפּת־אמת פּטירה לגמרי אויפ־געהערט פאָרן און נאָכמער — ס'איז נישט קיין סוד, אַז פונעם היינטיקן האַלט ער נישט.

ר' חיים־יוסף האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט.

ער האָט בלויז אַ שטילן מורמל געטון אין דער באָרד אַריין: „המממ! המממ!" ער האָט אַליין אויך נישט שטאַרק געהאַלטן פֿונעם הייִנטיקן.

דוד איז אַריינגעקומען, אַ פֿריש־אָפּגעראַזירטער. צוליבן זיידן איז ער הייִנט פֿרי אויפֿגעשטאַנען. דער אַלטער האָט געשמייכלט צום אייניקל. ער האָט אָבער געקוקט אויף זיין אָפּגעגאָלטער גאָמבע, וואָס האָט צוליב דער טיפֿער שוואַרצקייט פֿון זיינע האָר נאָך איצט אויסגעזען שוואַרצלעך. ס'איז דעם אַלטן שטאַרק נישט ניחא געווען, וואָס זיין אייניקל איז אַ גילוח, רחמנא לצלן. ער האָט געחלשט צו פֿרעגן ביים זון, ווי ס'קומט וואָס ער לאָזט דורן זיך גאָלן די באָרד, נאָר ער האָט נישט געפֿרעגט.

ניין, ער האָט נישט געהאַט דעם כוח, וואָס ר' לייבעלע.

קאַפּיטל 13

בערמאַן האָט געזען, ווי דוד זיצט שוין ווידער אויף דער זאָפֿע, אַן אָפּגעלאָזטער, אינעם זיידענעם שלאָפֿראָק און געניצט. אָבער ער האָט אים קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט עס געהאַלטן ממש פֿאַר אַ נס מן השמים. ער האָט זיך אין דער מחשבה בלויז אויסגעמאָלט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען דוד גייט אַזוי יאָ אַרבעטן, ס'האָט אים געגרוילט. ווי הייסט, ער וואָלט דאָך אין דער בערזע נישט געקאָנט מער אַריינקומען! „המ... די פּאַרכעם וואָלטן זיך שוין גענומען איבערלייגן, צי דאַרף מען טאַקע אים, בערמאַנען, וויזן די שענסטע סחורה. גוטע פֿריינט וואָלטן אים שוין באַדויערט, שונאים וואָלטן זיך געפֿרייט."

— מילא, פֿאַרפֿאַלן! וואָס וואָלט געווען ווען דוד האָט אַזוי חתונה מיט אַ שיקסע? נאָך אַלעם, ווי אַזוי ער וועט זיך בעטן, אַזוי וועט ער שלאָפֿן. עסן און אַ מלבוש קען איך אים תמיד געבן. נישט מער, אַ טאַטן טוט וויי ס'האַרץ, אַז ער זעט ס'דרייט זיך אַרום אַ דערוואַקסענער בחור און טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. וואָס וועט פֿון אים ווערן? אַ שנאָרער! — און ער, בערמאַן, ווייסט דאָך יאָ דעם טעם פֿון דחקות. — נאָר מילא, אויך יענע מעשה, „מ'קען פֿירן אַ פֿערד צום וואַסער, אָבער מ'קען עס נישט נייטן ס'זאָל טרינקען". ער האָט אים געגעבן געלט, אַריינגעפֿירט אים אין דער בערזע, געוויזן אים אַ וועג. און אַז דער לא יוצלח האָט פֿון אַלעם געמאַכט אַש

און בלאָטע, האָט ער געפּרוווט אַזויערנאָך, געפּרוווט טון מיט אים אַ רייכן שידוך. ס'וואָלט געהייסן דוד האַנדלט, באמת וואָלט ער געהאַנדלט פאַר זיינעטוועגן. ביסלעכווייז וואָלט ער זיך צוגעוווינט, געכאַפּט דעם שניט און וואָלט געוועזן אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט געטון ס'זייניקע, ווי אַ טאַטע.

אַזוי טראַכטנדיק, בשעת ער האָט זיך איבערגעטון, געגרייט זיך גיין אין ביורא אַריין, איז אים זייער לייכט געוואָרן אויפן געמיט. ער האָט געפילט, אַז זיין געוויסן איז ווי ביי אַ ניי־געבוירן קינד. ער האָט געגעבן רחלען געלט, אַנגעזאָגט איר זי זאָל נישט געבן דודן צופּיל, ס'זאָלן זיך אים נישט פאַר־גלוסטן קיין שטותים.

— הערסט, זאָלסט זען!...

רחל האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זי קען זען, אַז דודן זאָלן זיך נישט פאַרגלוסטן קיין שטותים.

— זעסט נישט? — חכמה מיינע! — האָט בערמאַן אַ קלוגן שמייכל־געטון און איז אַרויס.

דער זומער איז געוועזן אַ שלעכטער, זייער אַ שלעכטער. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז ס'איז דער ערגסטער זומער, וואָס זיי געדענקען, ס'פאַך איז אינגאַנצן טויט.

גאַנצע טעג האָבן זיך די בריליאַנטן־שניידערס, שלייפערס און קליוועערס אַרומגעדרייט אין די יום־טובדיקע מלבושים, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן וואָכעדיק, און געקוקט אין ליכטיקן הימל אַריין, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט, אַז פון דאָרט זאָל זיך די שטילקייט אַ ריר־טון, די פאַרעקשנטע סוחרים פון אַמעריקע, פון אינדיע און פון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיך אויפכאַפּן פון זייער נגידישן דרימל, אַראָפּכאַפּן זיך קיין אַנטווערפּן און איבעררייסן דעם לאַנגען, זלידנעם יום־טוב, וואָס האָט זיך געצויגן ווי טעג בשעת שבעה־זיצן. די מאַ־שינען זענען כסדר געשטאַנען איבערגעדעקט, די ווייבער האָבן געזיפצט און אויסגעפּוצט זיך אין די שענסטע מלבושים, געוואָלט איינע פאַר דער אַנדערער דעם דלות פאַרשטעלן.

די געוועלבלעך האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט אויסבאָרגן. די ווייבער האָבן שוין גאָר נישט געהאַט די חוצפה אַריינצוגיין אין אַ געוועלבל אָן געלט. די דימענטן־הענדלערס ווייבער האָבן גראָד אין אַזאַ צייט געהאַלטן אין איין נעמען אויף באָרג. די קרעמלעך האָבן זיך געשטיקט מיטן כעס לגבי די נגידית'־

טעם און אויסגעלאָזט אים צו די אָרעמעלייט. און די נגידיתטעם האָבן געהאַלטן אין איין נעמען. אויפֿהערן געבן איז געווען אַ סכנה. זיי האָבן מורא געהאַט, די קרעמער, אַז זיי וועלן פֿאַרלירן אַ גרויסן קונה, צוזאַמען מיט דעם, וואָס זיי האָבן שוין אַריינגעפּאַקט אין אים. האָבן זיי אויסגעלאָזט דעם כעס צו זיך אַליין, האָבן זיך מאַן און ווייב אַרומגעדרייט, פֿאַרשאָלטן איינער דעם אַנדערן, די אייגענע קינדער. די שיק־ייִנגלעך מיט די גרויע בערד זענען גרין און געל געוואָרן. קליינע דימענטן־סוחרימלעך האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן, ביז ס׳וועט קומען אַ בעסערער סעזאָן. האָבן זיי פֿאַרקויפֿט די „פֿאַרטיקעס" מיט היזקות. מעקלערס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געסלעך מיט יאוש אין די אויגן, מיט ליידיקע קעשענעס און ליידיקע הערצער. גראָד דעמאָלט האָט בערמאַן געקויפֿט, כסדר געקויפֿט און אַרויסגעגעבן אַרבעט. אויף קיין טאָג נישט אָפּגעשטעלט זיך. און געקויפֿט האָט ער פֿאַר מזומן. באַצאָלט די אַרבעטער זייער שכירות. באַלמעלאָכעס האָבן מקנא געווען בערמאַנס מענטשן, געחלשט אָנצוקומען צו אים אַרבעטן, נאָר בערמאַן האָט זיך נישט געוואָרפֿן מיט זיינע מענטשן. ער האָט נישט ליב געהאַט צו טוישן. אַ מענטש אַרבעט, זאָל ער אַרבעטן...

אין פֿאָדער־שטיבל פֿון ביורא מיט דער פּראַסטיק־גלעזערנער טיר האָבן שוין געוואַרט אפשר צוויי טוץ שניידערס און שלייפֿערס מיט אָפּגעברענגטע „פֿאַרטיקעס", קלאַפּנדיקע הערצער און פֿינצטערע, פֿאַרחידושטע בליקן.

— וואָס פֿאַרט האָט געקענט געשען? אַזוי שפּעט איז ער נאָך קיינמאָל אין ביוראַ־אַריין נישט געקומען.

— מסתמא האָט ער נישט קיין אַרבעט, איילט ער זיך נישט! אים וועלן סוף וואָך נישט אויספֿעלן די פּאָר פֿראַנק. אויף דירה־געלט וועט אים אויך קלעקן.

— וואָסער דירה־געלט? שמירה־געלט! ס׳האָט געפּאַסט ס׳איז נישט זיין אייגן הויז.

— מאַנסטאַלבן, קאָן עס זיין זיין אייגענער קבר!

— נו טאָ שוין, וואָסזשע האַרט עס אים, אַז ר׳עט היינט נישט קומען? און פֿאַר אונזערטוועגן דאַרט אים אסור נישט דער מוח.

— ששאַ. ער גייט!!

— ער גייט ? ! — האָבן אַלע אין איין קול אויסגערופֿן און זענען אַלע מיטאַמאָל שטיל געוואָרן — ער גייט ! !

די יידן האָבן זיך אומזיסט געשראָקן. בערמאַן האָט, ווי יעדן טאָג, גע־לאָזט די ביוראָליסטקע זי זאָל אים אויפֿהענגען דעם פּאַלטן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקעמט די באָרד מיט די פֿינגער, גלייך געמאַכט זיך די פֿיר־עקעכ־דיקע, זיידענע יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר, געפּיפּקעט, אַוועק־געזעצט זיך אונטערן ברייטן, מאַהאָגענעם שרייב־טיש, וואָס איז געווען באַ־דעקט מיט אַ גרינעם געוואַנט, באַלייגט מיט אַלערליי געשעפֿטס־ביכער. אָנאַזייט, אויפֿן טיש, איז געשטאַנען אַ גרויסע, גילד־גערעמטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זשאַנעטן אין אַן אַלט־מאָדישער קרינאָלינע — אַביסל קורצלעך, ס'האָבן זיך אַרויסגעזען אַ פּאָר ברייטע, געפּאַלבעוועטע, אַלט־מאָדישע מייטקעס, מיט פֿיינע בריסעלער שפּיצן. די האָר גלאַט פֿאַרקעמט, די צעפּ אַרומגע־וויקלט אַרום קליינטשיקן קעפּל. דער שמייכל אויפֿן פּנים — איידל־וואולגאַר. די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט זי זיך געלאָזט מאַכן איידער זי איז געגאַנגען אויף אַ מאַסקן־באַל לטובֿת דער ביקור־חולים, וווּ זי האָט זיך באַטייליקט אין אַ טאַנץ פֿון פֿרומע נגידישע אַמאָטאָרן און אַמאַטאָרקעס. בערמאַן האָט גע־כאַפּט אַ בליק אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. ער האָט אַ ברייטן שמייכל געטון, אַפֿילו די באָרד האָט זיך צעשמייכלט.

— קיין עין־הרע, אַ יפֿת־תּואר !

ער האָט געהייסן די ביוראָליסטקע עפֿענען די קאָרעספּאָנדענץ, דורכגע־קוקט זי, באַפֿוילן איר וועמען צו ענטפֿערן, וועמען דורכצולאָזן. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין די מענטשן, וואָס האָבן שוין געוואַרט שעהן־לאַנג דרויסן. ער האָט אַ שמייכל געטון. די סצענקע אין קאָרידאָר, הגם ער זעט זי יעדן טאָג, רופֿט זי ביי אים יעדעס מאָל אויפֿסניי אַרויס אַ שמייכל. ווי זיי ווילן זיך כּסדר אַרויסרייסן דעם „גוטמאָרגן” פֿון מויל, אונטערטערטעניצלען און אים עס איבערגעבן.

— ווען זיי וואָלטן געהאַט שׂכל, וואָלטן זיי ליבערשט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט, נישט געמאַכט אַזויפֿיל „לאַפּעקעס” (חסרונות).

— נו, רוף זיי אַריין !

ער האָט זיך גענומען איבערלייענען אַ שוין־געלייענטן בריוו, כּדי נישט צו דערזען באַלד די אַריינגעקומענע. לסוף האָט ער אַ רוף אויס געגעבן :

— פֿרידמאַן !

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די אויסגעפּייניקטע מענטשן, האָט ער איבער־געגעבן דער ביוראָליסטקע אפשר אַ מיליאָן פּליכטן דורכצופֿירן ביז ער וועט צוריק־קומען און איז אַוועק אין בערזע אַריין.

אין בערזע האָבן זיך אַרומגעדרייט די בייכיקע דיאַמאַנטערן הין און צוריק, איבערן גרויסן זאַל מיט די גלאַנציקע זיילן, אָנגעכאַפּט עמיצן, אָפּגעשטעלט זיך רעדן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז זיי זענען נישט אויסן קיין מסחר, סתם אַזוי, מען פֿרעגט זיך אויס איינער ביים אַנדערן וואָס מען מאַכט. אין אַן אַנדער צייט, ווען ס׳געשעפֿט גייט, טוט מען אין איין ווענס אַ פֿרעג, וואָס מ׳האָט צו פֿאַרקויפֿן. מען זעצט זיך לעבן אַ טישל, אָדער אויב ס׳איז עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר פֿיר אויגן דאַרפֿן זען, שפּאַצירט מען זיך אַרויס פֿון בערזע, מען כאַפּט זיך אַריין אין אַ זייטיק רעסטאָראַנדל אויף אַ גלעזל טיי. איצט האָט מען מער געדעדט, ווי געטון. בערמאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אַ טישל. ביים טישל איז געזעסן אַ רויט־באַקיקער, ברייט־פּלייציקער סוחר און געשאַרט מיט אַ צווענגעלע אין אַ קופּקע דימענטן. ביים סוחר זענען סיי די פּעטע באַקן, סיי די נאָז געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט אַ סך רויטע אָדערלעך, אַזעלכע, וואָס זעען אויס, אַז אָט־אָט וועלן זיי פּלאַצן און אים איבערגיסן מיט בלוט. די נאָז האָט ביי אים געגלאַנצט, האָט אויסגעזען ווייך, אַ ריר נאָר און זי וועט צעקוועטשט ווערן. דער סוחר האָט געשאַרט מיטן צווענגעלע, די נאָר־וואָס געקויפֿטע בריליאַנטן האָבן כסדר געביטן קאָליר — רויט, בלוי, ווייס, פֿייער, וואַסער־קאָליר, און באַלד ווידער בלוי. אויף זיין אייגענער ווייסער האַנט האָט פֿונעם פּוכיקן מינדסטן פֿינגער אַראָפּגעגליט אַ ריזיקער דיאַמאַנט, אויס־געמישט זיך מיט דער געקויפֿטער סחורה.

דער סוחר האָט געקוקט מיט דער לופּע אויפֿן אויג, אונטערגעברומט אַן ענגליש לידל, וואָס איז געווען אַ לעצטער שלאַגער פֿון וואָדעוויל־טעאַטער. בערמאַן האָט אַרויסגענומען אַ שטיין פֿון פֿרעמדנס סחורה און באַקוקט. דער פֿרעמדער האָט ווייטער געשאַרט מיטן צווענגל, ווי ס׳וואָלטן נישט געווען קיין קאָסטבאַרע דימענטן, נאָר שטיקלעך גלאָז און אים אַרט נישט, וואָס מ׳טוט מיט זיי.

— „ענד ווען יו סמיילד, מיין לאַוו״ — האָט דער אַמעריקאַנער הנאה־געהאַט פֿונעם לידל און פֿון די שטיינער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס איינגעקויפֿט

פֿאַר זיין רייכער פֿירמע אין ניו־יאָרק, ווייל געקויפֿט האָט ער אַ זיכערע מציאה.

— טונקל קעיפּ (געל), וואָס? — האָט בערמאַן אַ פֿרעג געטון.

— טונקל קעיפּ? פֿון ווען אָן איז דאָס ביי דיר געוואָרן טונקל קעיפּ? — האָט דער סוחר געדוצט בערמאַנען. ער האָט אַלע געדוצט, יינג און אַלט, דער אַמעריקאַנער.

— וואָס דען איז עס?

דאָ האָט זיך שוין דער גוטמוטיקער אַמעריקאַנער אויפֿגערעגט. ער האָט זיך באַגאָסן מיט נאָכמער בלוט, ווי ער האָט שוין סיי־ווי געהאַט אין פּנים, ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעבריטער.

— ס'איז נישט דיינע ביזנעס! ס'איז סיי־ווי נישט צום פֿאַרקויפֿן!

— וואָס דען? — איינצומאַרינירן? — האָט זיך בערמאַן געחכמעט.

— ס'איז שוין פֿאַרקויפֿט, „יו סי" (זעסט).

— אָבער קעיפּ איז עס! — האָט זיך בערמאַן נישט געמאַכט דערפֿון, וואָס יענער זאָגט אים, אַז ס'איז שוין פֿאַרקויפֿט. — אָדער אפשר וואָלען זי האָבען — האָט ער גערעדט מיטן אַמעריקאַנער דייטש, בערמאַן — אַז ס'איז בלוי־ווייס?

— ביי מיר איז עס טאָפּ זילבער קעיפּ. ענד נישט צום פֿאַרקויפֿן, „ענד מיינד יאור אָן ביזנעס!" — האָט שוין דער אַמעריקאַנער פֿאַרלוירן דאָס רעשט ביסל געדולד.

— ס'זאָל מיר אויסגיין צו זיין קאָפּ! — האָט בערמאַן געזאָגט צו אַ סוחר לעבן אַ דערבייאיק טישל, וו ער האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט, הגם ער האָט דאָ נישט גערעכנט צו מאַכן קיין געשעפֿטן. — „יענקע דודל" קאָכט זיך, ס'קען אים נאָך שאַטן צום געזונט.

דער סוחר האָט זיך צעלאַכט.

— ער זעט טאָקע שלעכט אויס!

ביים סאַמע פֿענצטער איז ליידיק געוואָרן אַ טשיל. בערמאַן האָט זיך געזעצט, אַרויסגענומען עטלעכע „פּאַרטיקעס" און גענומען איבערקוקן זיי. אַ טייל האָט ער צוריק אַוועקגעלייגט, אַ טייל, ווי פֿון יוצא וועגן, נאָכאַמאָל באַקוקט.

— המ, זיי זענען גוט אַראָפּגעקומען!

צו בערמאַנס טישל האָבן זיך באַלד צוגעזעצט נאָך עטלעכע סוחרים, ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט מעקלערס.

—טאַפּ זילבער?

— אַנדערש באַשטייען זי נישט?

— מיינסטהאַלבן קען עם זיין טונקל־קעיפּ! כ'האַלט סיי־ווי נישט ביים קויפֿן.

— אַ פּאַרטיקעלע בלוי־ווייס וואָלטן זי שוין געקאַופֿט! — האָט בערמאַן געלאַכט.

— כ'האָב טאַקע נאָר־וואָס געזען בלוי־ווייס! ביי דעם צווייגנבוים. ער האָט יאָ די אמתע וואַרע! הערן זי, דער מאַן מאַכט שוין גוטע געשעפֿטן! מ'זאָגט, ער האָט נאָך דעם נדן נישט גענאָמען און שוין — מען טראָוט אים שוין!

— געזונטערהייט, מיטן גרעסטן כבוד! — האָט בערמאַן כלומרשט גע־שמייכלט, נאָר די סוחרים האָבן הנאה געהאַט.

— ס'קרענקט אים, נישקשה!

— וואָס זאָגען זי צו דעם אומגליק? דער גולדן איזט געפֿאַלן!! — איז ווי אַ פּאַרחלשטער צוגעפֿאַלן צום טישל אַ בלאַסער יונגערמאַן.

— וואָס? — האָבן אפשר צען מיילער מיטאַמאָל אויסגעשריגן.

— יאַ, געפֿאַלן אונד נאָך ווי!

— ווי זאָ איזט דאָס מעגליך?

— נאַט, זעט! — האָט דער יונגערמאַן מיט אַ שאַרפֿער, פֿאַרשפּיצטער נאָז און אַ פּאָר טיפֿע, איינגעגראָבענע קליינע אויגעלעך, וואָס האָבן ביי אים תמיד געגלאַנצט מיט אַ שפּיציק שמייכעלע, אויסגעשפּרייט אַ פֿלעמישע צייטונג. — נאַט! — האָט ער געשטופּט מיטן דינעם ווייז־פֿינגער די עטלעכע שירותלעך.

פּלוצלונג האָט ער אַ הויב אויף געטוןביידע הענט אינדערהויך, אַ שאַר געטון מיט זיי אויף דער צייטונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַזוינערנעך אויסמעקן דעם אמת פֿון די נאָר־וואָס אָפּגעדרוקטע ווערטער. נאָר נאָך איינער האָט געבראַנגט אַ פֿלעמישע צייטונג.

— דאַ האַבען זי, לעזען זי! זעען זי, דער גולדן איז געפֿאַלען: אַ פּאַניק אויף דער בערזע!

— און איך האָב בלויז גאָלדנס! קיין איין פֿראַנק נישט! — האָט זיך דער יונגערמאַן אַ שאָקל־געטון, ווי אויף אומצופֿאַלן און דערוויל פֿאַרגעסן, אַז אויסזאָגן דעם אמת אין בערזע איז נאָך מער סכנה, ווי האָבן בלויז גאָלדנס.

באַלד האָבן בערמאַנס טישל אַרומגערינגלט אפשר אַ האַלבע בערזע. אַלע האָבן געכאַפּט די נאָכמיטאָג־צייטונג. אַלע האָבן געלייענט. מ'איז געלעגן קאָפּ אויף אַקסל. אַלע אויגן זענען געווען געווענדעט אויף די עטלעכע דראַבנינקע שורותלעך. בערמאַן האָט דערוויל צוריק פֿאַרפּאַקט זיינע דימענטן. ער האָט אַ שמייכל געטון צו זיך אַליין:

— ווער ס'איז שיין, איך בין קלוג! — האָט ער אַ זאָג־געטון.

דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף בערמאַנס עטלעכע אַרויסגעזאָגטע ווערטער מיט אַ דורשטיקייט, געוואָלט הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן מכוח דעם ענין. אַלע אויגן זענען געווען אָנגעשטרענגט, געגלאַנצט, געוואַרט, אַזוי ווי אינגאַנצן וואָלט עס געהאַנגען אין דעם, וואָס בערמאַן וועט זאָגן; ווי אויף בערמאַנס אַ וואָרט קען זיך דער גאָלדן צוריק הייבן, אָדער נאָכמער פֿאַלן.

נאָר בערמאַן האָט זיך נאָך קלוגער צעשמייכלט און געזאָגט:

— איך האָב נאָך יענע וואָך געזאָגט, אַז דער גאָלדן וועט פֿאַלן!

די סוחרים זענען געבליבן שטיין, ווי אָפּגענאַרטע.

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן?

די גרעסטע טייל סוחרים זענען אַרויס אין גאַס. ס'איז נישט מעגלעך געווען דעם טראָטואַר אַדורכצוגיין. רעדלעך, אומעטום — גרויסע סוחרים, קליינע סוחרים, און גאָר־גאָר קליינטשינקע סוחרימלעך, אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט נישט קיין גאָלדנס, נישט קיין פֿראַנקן און בכלל נישט קיין געלט, האָבן זיך אויך געקאָכט. פּלעמיישע סוחרים, גוים, און האָלענדישע, וואָס געווינטלעך זעט מען זיי גאָרנישט אין גאַס, זענען איצט געווען אויסגעמישט אין די רעדלעך מיט יידישע סוחרים, גערעדט, געפּרעגט, געצה'ט זיך, אפילו געקאָכט זיך.

—הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן! — האָט בערמאַן אַ זאָג־געטון מיט אַ פֿעסט קול. אַלע האָבן זיך איינגעהערט, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ ווילע פֿריער האָט ער זיי אַזוי אָנטוישט. — הערט, לאָמיר זיך אויפֿהערן קאָכן און לאָמיר נישט פֿאַרשטעלן דעם טראָטואַר. מענטשן דאַרפֿן אַדורכגיין, — איז בערמאַן פּלוצלונג געוואָרן אַ הומאַניטאַר. — לאָמיר אָפּשטעלן

דעם האַנדל אויף אַ טאָג־צוויי און זען, וואָס וועט ווייטער זיין! מעגלעך, ס׳איז עפּעס אַ שפּעקולאַציעלע און איר עסט זיך דערווייל אומזיסט אָפּ די הערצער. אין אַ טאָג־צוויי וועט מען שוין וויסן. איז ער טאַקע געפּאַלן, וועט מען זיך מוזן צופּאַסן. איז עס אַ שפּעקולאַציע פון דער געלט־בערזע, עט מען געוווּיער ווערן.

— געדעכט! — האָבן עלטערע סוחרים, מענטשן מיט ישוב־הדעת און רואיקער אויפפּאַסונג, ווי בערמאַן פלעגט אַזעלכע רופן, זיך באַרואיקט.

אַנדערע האָבן נישט געוואָלט אהיימגיין, האָבן זיך דווקא געוואָלט קאָכן אויף דער גאַס.

בערמאַן איז אַהיימגעגאַנגען עסן. ער האָט נישט געהאַט קיין גולדנס און די זאַך איז אים לגמרי נישט נוגע געווען. האָט ער טאַקע געטרונקען טיי מיט קיכעלעך, וואָס רחל האָט אַליין געבאַקן און ר׳האָט הנאה געהאַט.

צומאָרגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעה אין דער צייטונג איז געווען אַ שלאָגער פון עפּעס אַ ביליקן זשורנאַליסט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום נייעס צוצושטעלן פון האָלאַנד פאַר זיין נאָכמיטאָגדיקער צייטונג, האָט ער צוגעטראַכט אָט די עטלעכע שורות און פאַרצוקערט דעם נומער.

די סוחרים האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. — פאַרוואָס איז זיי נישט איינגעפאַלן אַנצוקלינגען קיין האָלאַנד און אין וויניקער פון צען מינוט געוווּיר ווערן דעם אמת?

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — האָט בערמאַן טריאומפירט, ווי תמיד. און ווי תמיד, זיך גערופן אין דער מחשבה אַ מענטש מיט ישוב הדעת און רואיקער אויפפּאַסונג...

זיצט ער שוין ווידעראַמאָל לעבן אַ טישל, בערמאַן, אַרומגערינגלט מיט סוחרים. מ׳רעדט, דאַכט זיך, מכוח אַלץ אין דער וועלט, אַחוץ מסחר. מ׳רעדט איבער פּאָליטיק, מ׳באַרעדט די שטאָט, מ׳דערציילט זיך מעשות פון באַקאַנטע, מ׳חכמעט זיך און אַזוי, פאַרבייגייענדיק, שלעפּט מען אַרויס אַ „פּאַרטיקע״. מען קוקט זי איבער. נעמט מען אַן אַנדערער אַרויס אַ „פּאַרטיקע״. ס׳טוט אַ ברען־אויף אַ פייערל, אַ בליץ־אויף אַן אויג צוזאַמען מיטן בריליאַנט. ס׳טראָגט זיך פאַרביי אַ בלויער שטראַל, ס׳טוט אַ ציטער אַ וואַסער־טראָפּן און מען דינגט זיך שוין, מען קומט שוין דורך, מען קלאַפּט צו מזל־ברכה.

און ווי ער זיצט אַזוי, בערמאַן, מיט דער לופּע אויפן אויג, טיף אַריינ־

געטון אין עמיצנס א שטיין, קומט אריין אין בערזע א פֿרוי אין א שווארצן קאסטיום, מיט א ברייטן, שווארצן הוט. דער הוט איז טיף אראפּגערוקט איבער די העל־בלויע אויגן, קוים וואס מען זעט ביי איר ארויס דאס אויס־געבאליעטע העלע פּנים. נאר דער דיקער האלדז מיטן טיפֿן, אויסגעשניטענעם דעקאלט פֿון דער קרעפּ־דע־שינענער בלוזקע זענען ווייס און ווייבעריש־ אפּע־טיטלעך.

זי איז צו צום טיש, די סוחרים האבן זיך גענומען חכמענען אויף איר חשבון, טייל אויף א פֿארשטעלטן אופֿן, אנדערע זענען געווען פּשוט גראב, געזאגט צוויי־דייטיקע וויצן און זיך צעשיט פֿון געלעכטער. די פֿרוי האט זיך געמאכט נישט הערנדיק. זי האט פֿון איר גרויסן, שווארצן האנט־בייטל ארויסגענומען א „פּארטיקע" און זי דערלאנגט בערמאנען. בערמאן האט אויפֿגעוויקלט, פֿארכאפּט געווארן פֿון דער בלישטשענדיקער סחורה און א זאג־געטון, אז ס'איז נישט פֿאר אים. די פֿרוי האט עפּעס געזאגט. קיינער, אחוץ בערמאן, האט נישט פֿארשטאנען וואס. זי האט זיך צוגעבויגן צו אים אזוי נאנט, אז ער האט אזש געפֿילט אירווארעמען אטעם. אלע האבן אנגעשפּיצט די אויערן, נאר — א נעכטיקער טאג!

— יא, ביטע זייער! ווען זי וועלן פֿארשטיין, אז עס איז פֿאר מיר, קאמען זי ביטע ארויף אין ביורא אריין!

געהייסן האט עס: „אויב אזוי, איז עפּעס אנדערש. אויסגעבראכענע סחורה קויף איך, נאר נישט דא". די פֿרוי האט פֿארמאכט דעם האנט־בייטל, זיך לייכט פֿארנויגט און אנגעהויבן אוועקצוגיין.

— ציגן זי נאר, וואס זי האבן! — האט איר א סוחר נאכגערופֿן. די אנדערע האבן זיך פֿונאנדערגעלאכט, הגם דער סוחר האט געמיינט גאנץ ערנסט. ער האט געוואלט זען די סחורה. נאר די פֿרוי האט זיך געמאכט נישט הערנדיק.

— וואס זאגן זי צו דער גרעטכען? זי ווערט נאך ברייטער. מ'וועט שאן באלד דארפֿן ארויסרוקן די ווענט פֿון דער בערזע.

— ניין, זאל מען נאר די זיילן ארויסנעמען, וועט זי שאן אריין — האט זיך דער עולם געחכמה'ט.

— זי איז אן אויסגעשמיסענע סוחרטע.

דער עולם האט זיך ווידעראמאל צעלאכט, גראב און ציניש געלאכט.

— זי איז אַ בחורטע! פֿאַרלאָזן זי זיך אויף איר! זי האָט איין קאָפּ אויף די אַקסלען. מ'זאָגט, ווען דער מאַן אירער האָט נאָך געלעבט, האָט ער זיך מיט איר בּאַראַטן אין געשעפֿט. ר'האָט זיך אָן איר נישט גערירט... האַ־האַ־האַ!

בערמאַן איז אויפֿגעשטאַנען, אַרומגעדרייט זיך אַביסל אין בערזע, גע־כאַפּט אַ וואָרט, דאָ געכאַפּט אַ בליק, דאָרט אַ שמעק, דערנאָך איז ער אַרויס און איז גלייך צוריק אַרויף אין זיין ביוראָ אַריין, וואָס איז געווען בסך־הכּל עטלעכע טריט פֿון דער בערזע. די פֿרוי האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף אים.

די ביוראַליסטקע האָט ער געשיקט צו רחלען מיט אַ צעטעלע מכוח דעם פֿאַטערס געלעגער, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז רחל קען סיי ווי נישט לייענען, זי וועט סיי ווי וואַרטן ביז ער וועט אַהיימקומען און עס איר איבערלייענען. די ביוראַליסטקע איז אַראָפּ צוויי טרעפּ מיטאַמאָל:

— גוט איז אַ האַלבע שעה!

די פֿרוי האָט זיך צוגערוקט נענטער צום טיש.

— הער בערמאַן, זי ערינערן זיך אָן דעם בלאָנדן ערל, וואָס האָט אַלעם אַרויסגעגנבעט פֿון דער קאַסע, אָנגעמאַכט אַ חושך אויף דער בערזע? ערי־נערן זי זיך, ווי דער אַרעמער ראָזנבאַום האָט זיך ערשאָסן?

— יאָ! — האָט בערמאַן אויסגעשטעלט אַ פּאָר גיריקע אויגן מיט אַ גרויסן פֿראַגע־צייכן אין זיי.

— דער בלאָנדער ערל איזט שוין יעצט פֿערהאַפֿטעט! עס איזט אים יאָ געבליבן ניקס פֿון דער וואַרע. דאָס געלט פֿאַרטרונקען.

בערמאַן האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— וויפֿל צום קאַראַט?

— צום קאַראַט? ! זי מיינען, וויפֿל קאַראַט האָט יעדער שטיין!

— וואָס איזט דער אונטערשיעד?

— שאָן איינמאַל איין אונטערשיעד! הערן זי, הער בערמאַן! שטיינער צו פֿינף און צו אַכט קאַראַט אונד בלאָ־ווייס!

— דאָס ווירד מאַן נאָך זען!

—ביטע שען, זעען זי!

בערמאַן האָט אָנגעטאָן די לופּע, געקוקט און געפּרוווט באַהאַלטן דעם תּענוג פֿונעם בלויזן קוקן אויף די שטיינער.

— שוואַרצע האָבן זי אויך? — האָט ער די ווייסע אַוועקגעלייגט אינ־אַזייט, ווי די וואָלטן אים בכלל נישט פֿאַראינטערעסירט.

— שוואַרצע אויך, געוויס.

עס האָט אַ בלישטש געטון שוואַרץ, רויט, גרין, מיט אַ זילבערנעם שימער געדעקט. און ווידער רויט. בערמאַן האָט אַזש אַ ציטער געטון. אַזעלכעס זעט מען זעלטן.

— ער האָט געוווסט וואָס צו גנבענען, דער חזירישער ערל.

די פֿרוי האָט נאָכגעפֿאָלגט בערמאַנס יעדע באַוועגונג. זי האָט גוט געזען דעם רושם, וואָס די בריליאַנטן מאַכן אויף אים. ער האָט זיך נישט געקענט פֿאַר איר באַהאַלטן. זי האָט צו־גוט געקענט דעם דאָזיקן שפּיל אין באַהעל־טעניש.

די צוויי האָבן זיך לאַנג געדונגען. די פֿרוי איז באַשטאַנען אויף דאָס איריקע. קיין סאַנטים נישט געוואָלט אָפּלאָזן. זי האָט געוווסט, אַז בערמאַן וועט צאָלן, מחמת ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס שטייט אים אַ פֿאַרמעגן צו פֿאַרדינען. ענדלעך האָט ער אַ זאָג־געטון:

— לאָסען זי די וואַרע, איך וועל אינען אין אייניקע שטונדן באַשייד זאָגען.

די פֿרוי האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט די שטיינער, געגעבן בערמאַנען אַ ווייכע, ווייסע האַנט, זיך לייכט פֿאַרנויגט און איז אַרויס. ס'פּנים איז איר געווען באַדעקט מיט אַ רויטקייט, ווי נאָך אַ גוטן טרונק בראָנפֿן. די אויגן האָבן ביי איר געגלאַנצט, זי האָט אויסגעזען תאווה'דיק־שיין, נישט ווי נאָך אַ מסחר. זי האָט שוין געהאַלטן די סחורה פֿאַר פֿאַרקויפֿט. פֿון אַזעלכעס וועט זיך בערמאַן נישט אָפּזאָגן.

בערמאַן האָט זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט:

— יאָ, געלויבט צו גאָט! — ער האָט ברוך־השם געמאַכט אַ גוט געשעפֿט!

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם פֿאָטער אין דער היים. ער האָט אַ פֿרומען זיפֿץ געטון.

— יאָ, מ'עט מוזן אַ פֿאָר טון קיין לאָנדאָן, לאַנג דאַרף מען דאָס ביי זיך נישט האַלטן.

ניין, ער וועט זיך נישט איינשטעלן. פֿאָרן קיין לאָנדאָן קען שאַפּירא. ער איז יינגער, פֿלינקער פֿאַר אים — זאָל ער אויך פֿאַרדינען — איז ער גע־

וואָרן אַ גוטער, בערמאַן. ר'האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, אָנגעקלונגען צו שאַפּיראָן אין ביוראָ־אַריין:

— קאָמען זי באַלד צוגיין, ביטע! איין זייער וויכטיקער ענין!

דאָס מיידל איז צוריקגעקומען.

— זי קענען גיין אין סינעמאַ! ס'איז נישטאָ היינט וואָס צו טון! אָבער קאָמען זי מאָרגן זייער פרי. ס'וועט זיין איינע גראָסע קאָרעספּאָנדענץ מאָרגן.

— דאַנקע, געוויס!

דאָס מיידל איז שוין איצט אַראָפּ דריי טרעפּ מיטאַמאָל.

„אולאלא, אין פאַריק פאַן דער נאַכטיגאַל!"

שאַפּירא איז געקומען. קיין גנבות און קיין אויסגעבראָכענע סחורות קויפט שאַפּירא נישט, צו קיין פאַרלוירענע „פּאַרטיקעס" רירט ער זיך נישט צו.

— ער וועט נאָך אַמאָל זיצן מיט דער לאַנגער באָרד אין חד־גדיא, דער אַלטער. ער ציטערט פאַרן הייטל און קען זיך נישט איינהאַלטן — האָט שאַפּירא אַ שמייכל געטון ביים ערשטן בליק אויף דער סחורה. ער האָט זי גלייך דערקענט. די פרוי האָט זי אים געהאַט פאַרגעלייגט.

— הממ... זי וויסן דאָך מיין פּרינציפּ, הער בערמאַן? המ... כ'מיין — די וואַרע איזט נישט פאַר מיר.

בערמאַן האָט אַ צערודערטער, אַן אויפגעבראַכטער, געהאַט גרייט אַ שאַרף, שאַרף וואָרט פאַר שאַפּיראַן, נאָר ער האָט עס אַראָפּגעשלונגען. אמת, ס'האָט אים געשטיקט אין האַלדז, אָבער — נו, יאָ! ערשטנס, איז עס דאָך שאַפּירא און — יאָ, דאָס איז דער עיקר! אַז שאַפּירא האָט שוין יאָ געגעבן איינעם פון זיינע ממזירישע שמייכעלעך, וואָס מאַכן אים, בערמאַנען, תמיד אַזוי נערוועז, הייסט דאָך עס, אַז ער האָט שוין די סחורה געזען און ער ווייסט שוין וואָס פאַראַ סחורה דאָס איז. איז מוז מען זיך אַ ביס־טון אין צונג און שווייגן. נאָר אין כעס איז ער געוועזן, בערמאַן.

— אַזוי פאַרלירן זיי, די פאַרכעס! — האָט בערמאַן אַ זאָג־געטון — מ'דאַרף זעען, אַז זיי זאָלן נישט אַמאָל פאַרלירן אונזערס קיין פּאַרטיקעלע — האָט ער געוואָלט רעדן, געזוכט ווערטער, אָבי נישט צו דאַרפן אָנקוקן שאַפּיראָס שמייכעלע.

בערמאַן האָט זיך אויסגעגלייכט, נאָר ער האָט געפֿילט אַ מידקייט אין אַלע אברים. די ביינער האָבן אים אַזש געבראָכן. תמיד ס'אייגענע, נאָך אַ געקויפֿט מציאהלע. נאָר היינט פֿילט ער, ווי ס'וואָלט אים עמיצער גוט אויסגעקלאַפּט.

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי ער שפּילט דאָס אַ ראָלע, שטעלט זיך אוועק אין אַזאַ שיינער פּאָזע. ער, שאַפּירא, חס ושלום! ער טוט דאָס נישט! מניא, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן. ער איז דאָס דער אָרנטלעכער מענטש! דער גאָרגל־שניידער, דער... דער... — האָט בערמאַן נישט געקענט געפֿינען קיין פּאַסיק וואָרט פֿאַר שאַפּיראָן. דער מוח איז אים אויסגעליידיקט געוואָרן. פּלוצלונג איז ער אַריבער מיטן כעס צו זיך אַליין.

— כ'בין אַן אייזל! נויטיק געדאַרפֿט קלינגען, צו אַלדי רוחות, צו דעם צדיק! אַזאַ אונגאַרישער גנב! ער וויל מיך נאַרן?

און ער האָט באַשלאָסן, בערמאַן, באַלד אינדערפֿרי נאָכאַמאָל איבערצו־פֿרעגן די פֿרוי, געניי אויסצופֿאָרשן איר, ווי אַזוי זעט זי אויס, די ביוראָ אין לאָנדאָן? פֿונוואַנען ווייסט זי, אַז דאָרט וועט ער טאַקע קאָנען פֿאַרקויפֿן די סחורה? צי האָט זי שוין אַמאָל דאָרטן פֿאַרקויפֿט? א. א. וו. א. א. וו.

— הערן זי, הער בערמאַן! — האָט שאַפּיראָ געלעזן אויף בערמאַנס אויסגעמאַטערטן פּנים יעדע מחשבה — איך ראָט אײַנען, ווי איין גוטער פֿרוינט, לאָסן זי זיך נישט אַריין מיט דער גרעטכען. לייגן זי זיך נישט מיט קיין געזונטן קאָפּ אין קיין קראַנק בעט אַריין. זי האָט מיר זאָגאַר אָנגעוויזן אויף איין ביוראָ אין לאָנדאָן, ווי איך וועדרע קענען דיזע וואַרע אָפּזעצן. האַ־האַ־האַ! ווי זי רופֿט דעם גנב: „דער בלאָנדער ערל”! מען וואָלט גע־קאָנט מיינען, אַז זי איז אַ יידיש קינד. זי ערינערן זיך, הער בערמאַן, ווי דער אָרימער גאָטזעליקער ראָזענבאום האָט זיך ערשאָסן איבער די צוויי חזיר'שע דייטשן?

ביי בערמאַנען זענען די אויגן געוועזן אויסגעשטאַרטשעט און ווי פֿאַר־גלעזערט. אַ פֿרעסטל האָט אים געקילט די בלוטן. ער איז געזעסן איינגע־טוליעט אין זיך אַליין, געהאַלטן ביידע הענט פֿאַרשטעקט אין די אַרבל. אַ שווערע מלחמה מיט זיך אַליין איז דאָס געוועזן — שווער, זייער שווער געוועזן אָפּצוזאָגן זיך פֿון אַזעלכע בריליאַנטן. זיי טאַנצן אים פֿאַר די אויגן.

זיי פּילן אָן ס'חדר. זיי קריכן אויף די ווענט. ער זעט די פּייערן: גרין, אָראַנזש, ווייס, געל, רויט. ס'שווינדלט אים פאַר די אויגן.

— יאָ, הער בערמאַן, באַהערשן זי זיך אונד זי ווערדן מיר דאַנקבאַר זיין.

בערמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט. — איז ער געשלאָפן? ווי לאַנג שלאָפט ער שוין אַזוי? און שאַפּירא איז נאָך אַלץ דאָ? וואָס טוט זיך דאָ.

— זי האָבן רעכט, הער שאַפּירא! — האָט בערמאַן זיך פּלוצלונג אויסגעגליטש און ער האָט זיך דערפּילט דערלייכטערט, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך אַ שווערע משא אַראָפּגעוואָרפן.

— די גרעטכען וועט נאָך ענדיקן גראַדע זאָ, ווי איר צושטעלער. מערקן זי זיך מיינע רייד, הער בערמאַן.

די צוויי האָבן נאָך לאַנג געשמועסט.

די „גרעטכען" איז געזעסן אינעם וואַגאָן פון ערשטן קלאַס. ביידע הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל פונעם ברייטן לויזן רייזע־מאַנטל אירן און געקוקט אויף איין און איינציקן פּונקט.

אָט דער פּונקט איז געווען אַ פאַרשמאַדערטע לאַנדאַנער ביוראָ איבער אַ פּריוואַטן לאָמבאַרד. דער אייגנטימער פון דעם לאָמבאַרד, אַ גוי מיט אַ קאָפּ געלע האָר, אַ רויט, דאַר פּנים און אַ פּאָר שטאָלן־גרויע אויגן, איז געווען איינער פון פינף שותּפים פון דעם לאָמבאַרד וואָס האָט פינאַנסירט דעם מסחר. על פּי טעות איז גרעטכען אַריין הינטן אין לאָמבאַרד. דער באַלעבאָס איז גראָד געשטאַנען אונטערן בופעט און איבערגעקוקט אַ פּאָר אויסגעשפּרייטע גרוי־געוואַשענע לייַלעכער, וואָס אַ הויכע גויה, אַן איינגעדאַרטע, אין אַ צעפּליקטן פּליושענעם מאַנטל, מיט אַ מאַנסבילשן קאַשקעט אויפן קליינעם קעפּל, האָט געפּרוווט פאַרזעצן.

— מיסטער ברוין! ביי מיין ערן־וואָרט, ווי כ'האָב זיי ערשט מיט אַ חודש צוריק געקויפט! — האָט די גויה פאַרזיכערט, זעענדיק, אַז דער אייגנטימער קרימט זיך עפּעס — ערשט מיט איין חודש צוריק — האָט די גויה געערדט מיט האַרץ און די וואַסערדיקע, בלויע אויגן זענען ביי איר נאָך טריבער געוואָרן. און די שטעקעלעך, אויף וואָס זי וויקלט אַרום די קאַלירלאָזע שיטערע האָר, כדי זיי זאָלן זיך קרייזלען, האָבן צוזאַמען מיט די גרויסע האָרבאָרלען זיך גענומען באַוועגן.

מיסטער ברוין האָט געלאַכט. די וואַסערדיקע אויגלעך זיינע האָבן אויס־געזען ווי פֿאַרשיכורט. ער האָט געשיט מיט וויצן און די אָפּגעריסענע פֿרויען, מיט די דינע, צעקנייטשטע פּנימער, וואָס האָבן געוואַרט אין דער רייע, האָבן זיך צעשיט פֿון געלעכטער.

— „אָ, איזנט הי אַ סקרים״! אוי איז דאָס אַ לץ — האָבן די גוים כּלומר׳שט געקוואָלן, באַווייזן זייערע גרויסע פֿאַדערשטע ציין און געהאַפּט אַזויערנאָך צו געפֿינען חן אין מיסטער ברוינס אויגן.

— אָבער אין וועלכן יאָרהונדערט? — האָט מיסטער ברוין אַרויסגע־זאָגט אַ נייע חכמה און צוגעשאַרט דער הויכער גויה עטלעכע פּענעס פֿאַר די ליילעכער.

די פֿרויען האָבן גענומען באַטאַפּן זייערע אייגענע פּעקלעך. מיט אויס־געקרימטע, דאַרע פֿינגער זענען זיי געקראָכן איבער די ביסלעך וועש, וואָס זיי האָבן געבראַכט צום פֿאַרזעצן און ס׳איז זיי פֿאַרגאַנגען דער חשק צום לאַכן.

— זעט, וויפֿל ער גיט איר! ר׳איז שוין היינט משוגע געוואָרן! — האָבן זיי שטיל געמורמלט צווישן זיך. — דערפֿון וועט מען ביי מיר נישט קענען דורכקומען ביז פֿרייטיק, אפילו אויף קיין טרוקן ברויט וועט נישט סטאַרטשען, אַז זיי עסן אַזויפֿיל, די קינדער.

— ביי מיר אויך ס׳אייגענע, ס׳אַן אומגליק!

— און מיינע נישט?

דערזעענדיק די גרעטכען אַריינקומען, האָט אַ דאַרער שגץ, אַ הויכער, מיט אַ גרין פּנים און אַ פּאָר טאַמעוואַטע, גרויע אויגן, אַוועקגעלייגט אַ פּעקל אינמיטן איבערקוקן, איז אָן אַ וואָרט אַפּערגעגאַנגען פֿון הינטערן בופֿעט, אַרויפֿגעפֿירט די גרעטכען אויפֿן ערשטן שטאָק, אָנגעוויזן איר די טיר פֿון ביוראָ און איז פּונקט אַזוי אָן ווערטער צוריק אַראָפּגעלאָפֿן די פֿאַרלאַטעטע טרעפּ. דאָרט האָט זי אָפּגעזעצט די סחורה.

קאַפּיטל 14

ווען זשאַק איז מיטן רענצל אויף די פּלייצעס אַהיימגעקומען פֿון דער שולע, האָט אים בערמאַן גלייך געהייסן גיין אין חדר אַריין. מחמת ער ווייסט

אַלץ און זאָל זשאַק זיך נאָך פּרוון איינמאָל אַרויסדרייען, וועט ער נאָך היינט ביינאַכט קריגן, וואָס אים קומט. און נאָך עפּעס האָט ער אים אָנגעזאָגט, ער זאָל למען השם נישט פאַרגעסן צוצופירן דעם זיידן אין שטיבל אַריין.

מיט די ווערטער האָט ער זיך אַליין צוגעלייגט אַביסל אָפּרוען.

זשאַק איז געגאַנגען מיטן זיידן אין שטיבל אַריין. דערווייל האָט ער באַגעגנט עטלעכע חברים. איינער האָט צו אים אַ פייף געטון, האָט זיך זשאַק פאַרקערעוועט, איז אַריין אין דער לעוויק־שטראַסע און האָט אַריינגע־פירט דעם זיידן אין „פיינס", אַנשטאָט דעם גערער שטיבל.

— דאָ איז עס! — איז זשאַק ווי אַ בליץ נעלם געוואָרן. איידער דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין זשאַק געווען צווישן חברה און דער אַלטער האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן.

— אַ מקום־קדוש איז עס! — האָט ער אַרויסגענומען אַ גמרא, דער אַלטער, אויפגעמישט אַ דף, ווו ער האָט געהאַלטן און זיך אָוועקגעזעצט לער־נען.

נאָר יידן האָבן אַרויפגעלייגט קעשענע־פּאַטשיילעס אויף גמרא'ס און געוואָלט וויסן פונוואַנען ס'קומט אַ ייד, צו וועמען איז ער געקומען, אויף ווי לאַנג איז ער געקומען.

— אָה, צו בערמאַנען? נו, מילא, אז מען קומט צו אַזאַ זון, קען מען שוין רואיק זיצן און לערנען. לעבן אַ שווערן וואָגן איז גוט צופוס צו גיין. ווי מיינט איר, ר' איטשע?

— פאַרשטייט זיך! — האָט געענטפערט ר' איטשע, אַ נידעריק יידל, אין רבנישע מלבושים, וואָס האָבן געהאַנגען צו־לויז אויף זיין איינגעדאַרט גופל.

דער דיין איז צוגעגאַנגען גאָר נאָנט צום אַלטן, ווי אַ קורצזיכטיקער געקוקט אויף אים מיט זיינע שוואַרצע אויגעלעך, נישט געוווסט וואָס צו זאָגן און צוריק אַריינגעקוקט אין דער גמרא. נאָר איינער, אַ הויכער ייד, אַ דאַרער, האָט אים נישט געלאָזט לערנען, דעם דיין.

— וועט ער זיך קענען לאַנג אויפהאַלטן ביים זון? האַ, ווי דאַכט זיך אייך, ר' איטשע?

ר' איטשע האָט נישט געענטפערט, ווי אַ קינד האָט ער זיך געהוידעט מיטן קליינעם גופל איבער דער אָפענער גמרא.

— כ׳זאָג עס קעגן דעם — האָט דער ייד געוואָלט פֿאַרגלעטן זיינע אייגענע רייד — כ׳מיין, אַז ס׳קומט אַ היימישער מענטש, נאָכנישט געוווינט צו די היגע דרכים, איז שווער, בפרט... נו יאָ, זאָל אייך דער אויבערשטער העלפֿן.

— אודאי איז אַביסל פשיקרע! — האָט זיך ר׳ חיים־יוסף נישט אָנגעשטויסן, וואָס יענער מיינט מיטן „בפרט״. — כ׳מיין עס קעגן דעם, דער זון מיינער איז ברוך השם אַן אָפּגעהיטענער ייד, נאָר דאָס אייניקל נעמט זיך אַראָפּ די באָדר. ס׳איז זייער פשיקרע. אמת, די שנור זאָגט מיר, אַז ער נעמט עס אַראָפּ מיט עפּעס אַזאַ פּודער, על פּי דין מעג מען דאָך. פֿאַרקערט, ס׳ווערט דאָך געברענגט, אַז די חכמים האָבן זיך לכבוד יעדן יום־טוב אַראָפּגענומען די בערד. אַ בפירושער דין. אָבער אין גלות דאַרף מען עס נישט טון. ס׳איז חוקת הגוי. אָט דאָס איז די מעשה מיט אויסלאַנד. אין דער היים עט מען נישט זען, אַז אַ ליטוישער בחור זאָל אָנרירן די באָרד. חס ושלום! נאָר וואָס קען מען טון? הלמאי זיי גייען אָנגעטון אין אָט די דייטשע מלבושים! אָט גיי איך דאָך אַליין שוין אַזוי.

— נו, מילא, זאָל שוין דאָס זיין דאָס ערגסטע! שפּילט זיך מיט אויסלאַנד. פֿאַר אונזערס אַ מענטשן איז דאָס נישט קיין מדינה. — האָט דער ייד אָפּגעפּסקנט. — נאָר געלויבט השי״ת, מיינע קינדער זענען ב״ה אָפּגעהיטן!

ר׳ איטשע האָט אַ שמייכל געטון.

— זיינע זין האָבן אים איינגערעדט, דעם טפּש, אַז ס׳וואַקסט זיי נישט קיין בערד.

— ווי הייסט? — האָט ר׳ חיים־יוסף נישט פֿאַרשטאַנען.

ר׳ איטשע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך מישב געווען. גאָרנישט נייט געזאָגט און ווייטער אַוועקגעוויגט זיך איבער דער אָפֿענער גמרא. אַ יידינע איז אַריינגעקומען אַ שאלה פֿרעגן, האָט ער פֿאַרבויגן דאָס בלעטל, פֿאַרמאַכט די גמרא, געפֿאָרעט זיך אינעם הינערישן איינגעוויד, עטלעכע מאָל געלעקט די לעבער, געפּסקנט, אַז ס׳איז כשר און פֿון גרויס שמחה, וואָס ער האָט געקענט זאָגן „כשר״, אָנשטאָט „טרפה״, האָט ער זיך נישט צוריקגעקערט צו דער גמרא, נאָר איינגעהערט זיך אינעם שמועס.

— המ... קעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז ס׳איז חוקת הגוי! איז הערט: ביי מיר איז גאָר אַן אַנדער מזל, ברוך השם. ביי מיינע זין וואַקסן ברוך

השם נישט קיין בערד. תחילת האָב איך דערפֿון געהאַט גרויס עגמת־נפש, נאָר אַצינדערט בין איך ברוך־השם גאַנץ צופֿרידן. כ׳זע, אַז די השגחה ווייסט בעסער פֿון מיר, וואָס איז לטובה פֿאַרן מענטשן. ווער ווייסט — אפשר וואָלטן זיי חלילה געווען גלוחים, און איר ווייסטעך, אַנגעהויבן וואָלטן זיי מיט די בערד און דערנאָך אפשר חלילה — אינגאַנצן אַראָפּ פֿון גלייכן וועג. השם ישמרנו, וואָס עס טוט זיך דאָ אָפּ!

— ס׳הייסט? — האָט דער אַלטער ר׳ חיים־יוסף נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר דער ייד האָט אים נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן:

— איר חידושט זיך, וואָס? נו, מילא, איר זענט נישט דער איינציקער. קיינער וויל מיר נישט גלויבן. אָבער כ׳זאָג אייך בהן שלי, מיינע זין האָבן עס מיר אַליין געזאָגט.

ר׳ חיים־יוסף האָט אַ שמייכל געטון און געוואָלט צוריק אַריינקוקן אין דער גמרא.

— נישקשה פֿון אַ שוטה! — האָט ער אַ טראַכט געטון, ער האָט געוואָלט צוריק אָנהויבן לערנען, נאָר דער ייד האָט אים נישט געלאָזט.

— איר הערט, ווען איר פֿרעגט מיך, איידער איר זענט אַרויסגעפֿאָרן, וואָלט איך קיין אַנטוועפן נישט געקומען. ס׳איז סדום. דאָ, אַז איר קענט נישט שווינדלען, גנבענען, זאָגן ליגן, חנפֿענען, קענט איר נישט לעבן. ס׳קומען נעבעך אַהער טייערע יידן, זיי מיינען: אַנטוועפן, אַ יידישע שטאָט, און האַנדלען האַנדלט מען דאָ מיט בריליאַנטן, וועט שוין קיין פרנסה נישט פֿעלן. זיי מיינען, זיי וועלן דאָ נתעשר ווערן, באַגראָבן זיי נעבעך די פּאָר קערבלעך און דווקא גאָלע־גאַרנישטן ווערן רייך. אָט אַזאַ שטאָט איז דאָס! — האָט דער ייד פֿאַרענדיקט די רייד מיט אַ שווערן זיפֿץ.

— חלילה וחס! — האָט בערמאַנס פֿאָטער אַזש אויסגעשריגן. — ס׳איז אַ חילול השם אַזוי צו רעדן וועגן אַ גאַנצער עדה יידן. פֿאַרקערט, איך האָב געהערט זאָגן, אַז ס׳זענען דאָ פֿאַראַן אַ סך ערלעכע יידן בני תורה, אַז מען זיצט דאָ און מען לערנט, פּונקט ווי אין דער היים. נאָכמער, איר ווייסטעך — אם אין קמח אין תורה! אין דער היים, יידן האָבן נישט קיין פרנסה, לא עליכם. דער קאָפּ איז פֿאַרדרייט, ליגט נישט אין זינען אַריינצוקוקן אין אַ ספר.

— אַזוי האָט מען אייך דערציילט? נו, קען איך אייך דערציילן אַן אַנדער מעשׂה! איר האָט געזען דעם יידן? דעם, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס־

געגאַנגען, דאָס איז ר' מרדכי דאַנציקער. האָט ער אפשר נישט באַגראָבן דאָ אין משך פֿון זעקס חדשים אפשר צען טויזנט רובל? און זיין ווייב, אַן איי־דעלע יידינע, נעבעך, אַ מיוחסת, האָט געמוזט אָנהויבן אַרויסנעמען בא „טיצן" העמדער צו נייען. און איצט, אויף די עלטערע יאָרן, אַז די קינדער זענען שוין אויפֿגעוואַקסן און זי קען זיך שוין אָפּרוען אַביסל, האָבן זיי אַ נייע צרה: די קינדער האָבן אָנגעהויבן ווערן די פּרנסה־געבערס, זענען זיי, רחמנא־לצלן, אַראָפּ פֿון דרך־הישר. מ'זאָגט, אַז זיי גייען אפילו שבת אין דער אָפּערע אַריין.

— וואָס איז אָפּערע?

— כ'ווייס, אַזאַ מין טריאַטער עפּעס... דער זון לייענט ספרים־חיצונים און אפילו גוישקע ביכלעך אויך. ער שמעקט שוין נישט אַריין אין שטיבל, פֿון כמה יאָרן. מ'זאָגט, אַז ער לייגט אפילו נישט קיין טפילין. נאָר דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט אמת. אָבער איז דען נישט גענוג אַזוי? און אַזוי עט איר דאָ טרעפֿן אַ סך לייטישע יידן, יראים, וואָס מוטשען זיך נעבעך, פּרווון האַנדלען, דרייען זיך אַרום אין שענקל. אַ פֿרעמדער זעט — מיינט ער זיי טוען עפּעס. ווייס עך וואָס! לויפֿן אַרום איבער די ביוראָען, צערייסן די שיך. און גייען אַהיים מיט גאָרנישט. און ס'אייגענע מיט דער אַרבעט! דרייען זיך אַרום מער יידיק — ווי עפּעס. זעט איר, די גוים איז גוט! אַ גוי, אַז ער האַנדלט מיט בריליאַנטן, איז ער אַ גביר. אַז קיין אָרימען גוי פֿאַלט גאָרנישט איין צו נעמען זיך צו דעם אַ מסחר. נאָר אַ ייד, איר ווייסט נישט? נישטאָ זיך צו וואָס צו נעמען, כאַפּט מען זיך אָן אין די גלייכע ווענט. נעמט אַזאַ יידן ווי ר' לייבעלע פאַלטאַוווער, למשל. אַ זיידענער מענטש, פֿון דער היים אַן עושר, אַ למדן גדול, האָט ער זיך נישט דאָ אויסגעליידיקט איינס און צוויי? איצט האָט זיך ס'ווייב זיינס געמאַכט אַ מילך־געוועלבל און ס'גייט איר נעבעך מיט דער פּוטער־אַראָפּ. אַז ס'איז סדום — האָט דער ייד געערדט מיט גע־מישטע געפֿילן, מיט כעס און רחמנות. ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף אַלע, וואָס ס'איז זיי געגאַנגען שלעכט, ווי אים אַליין. און ער האָט שטאַרק פֿיינט געהאַט אַלע די, וואָס ס'איז זיי געגאַנגען גוט. האָבן זיי געמעגט זיין ווי ערלעך.

ער האָט זיך געהאַט אַ כלל, אַז אויב ס'גייט עמיצן גוט, איז ער מסתמא אַ שווינדלער.

ר׳ איטשע, דער אַנטלאָפֿענער שטאָט מורא־הוראה, האָט אַ ביטולדיקן מאַך געטון מיטן שוואַרצן הענטל, אויסגעשנייצט זיך די נאָז אויפֿן קול און מיט פֿאַראיבל אַ זאָג געטון:

— ס׳איז שקר וכזב! איך ווין שוין אין אַנטלאָפֿן אַ סך יאָרן און איך ווייס, אַז ס׳זענען דאָ פֿאַראַן טייערע, כשרע יידן, יידן בני תורה, און אַ סך אמתע תלמידי חכמים, וואָס זענען קיין עין־הרע גרויסע עשירים. אַז נישט גאָלע־גאָרנישטן ווערן דאָ נתעשר. אלא וואָס דען? ווען ס׳איז באַשערט, העלפֿט דער אויבערשטער. און ווען ס׳חלילה נישט, מעג ער זיין דער גרעס־טער מנובל, איר זאָלט מיר מוחל זיין, העלפֿט דאָס אים ווי אַ טויטן באַנקעס. אין אַנטלאָפֿן איז פּונקט ווי אין דער גאַנצער וועלט! אַז ס׳איז דעם אויי־בערשטנס רצון, האָבן ערלעכע יידן פּרנסה און אַז חלילה נישט — איז ביטער ווי דער טויט רחמנא לצלן. אָבער מוציא שם רע זיין אויף אַ גאַנצער שטאָט? אפֿשר זענען דאָ טייל שווינדלער, איז טאַקע ביטער, ליידט טאַקע דער גאַנ־צער כלל. איר ווייסט, אַז אַ ייד גנבעט, הייסט עס, אַז די יידן גנבענען. מילא, דאָס זאָגן די גוים, אָבער אַז איר, אַ ערלעכער ייד, זאָל דאָס זאָגן? איז עס אַ גרויסער חילול־השם. ווייסט איר וואָס!

ר׳ איטשע האָט זיך צעוואָרעמט. אדמ׳ס עפּל האָט, ווי אַ גרויסע פֿלוים, גענומען פֿליען ביי אים אַראָפּ און אַרויף, אינעם דאַרן העלדזל. ס׳איז אים ענג געוואָרן. די פֿאַרשוויצטע האָר האָבן זיך אים געקלעפּט צום קעפּל.

— אחוץ מזה, קען מען זיך דען פֿאַרלאָזן אויף אַזאַ מענטשן, הלמאי ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיינע זין וואַקסט נישט קיין בערד.

— נו, מילא, כ׳בין שוין געווינט דערצו! — האָט דער ייד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, וואָס האָט אינגאַנצן געציטערט. אויפֿן טונקעלן פּנים האָט זיך אַ יאושדיק שמייכעלע צעלייגט, אַריינגעלייגט זיך אין יעדער קנייטשעלע, אין די פֿינצטערע אויגן אַריין —

— כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז קיינער וויל מיר נישט גלויבן.

ביי בערמאַנס פֿאָטער איז דער אַנטלאָפֿענער שטאָט מורה הוראה, ר׳ איטשע, איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. ער האָט אים זייער ליב געקריגן. אַ שטיין איז אים אַראָפּ פֿון האַרצן.

— הערט יידן! דער מענטש איז גאַנץ גערעכט! — האָט זיך פּלוצלונג

דערהערט אַ שטים. — מילא, מכּוח די זין זיינע מיט די בערד, גייט מיך נישט אָן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט.

— זאָל זיך אים דאַכטן! זאָל ער הנאה האָבן. — האָט ליביש, וואָס איז געזעסן אין שטיבל און געוואַרט אויפֿן שמש מיטן שליסל פֿון דער שול, זיך אָפּגערופֿן — גערעכט ווי גאָלד! — האָט ליביש ווייטער גערעדט — אַלע גבירים זענען גנבים, ווייל האַנדל איז אַן־און־פֿאַר־זיך גנבה, איז דעריבער דער, וואָס פֿאַרלירט, ווייל ר'איז נישט קיין גוטער סוחר, — קאָן, הייסט עס, נישט האַנדלען — נישט קיין גנב! און דער, וואָס יאָ — איז אַ גנב. און נאָך וואָס פֿאַראַ גנב! ס'איז גאָר פּשוט! פּראָפֿיט איז גנבה. און פֿאַר פּראָפֿיט טוט דער פּראָפֿיטירער אַלץ אין דער וועלט. ער וועט זיך פֿאַר גאָרנישט נישט אָפּשטעלן. גנבה, רציחה, אַלץ איז כשר. און דאָס נישט נאָר אין אַנטווערפּן, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. נישט קיין חילוק יידן, צי גוים, צו פּיפּערנאָטערס.

אַלע דריי יידן האָבן זיך אומגעקוקט.

— האָ? ווער איז דאָס? עפּעס אַ משוגענער, צי וואָס?

זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, וואָס ליביש האָט גערעדט, נישט אָנגעהויבן צו וויסן פֿונוואַנען ער האָט זיך דאָ פּלוצלונג דערנומען, זיי האָבן אים פֿריער גאָרנישט געזען. און וואָס וויל ער, וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ משונה'־דיקע דבורים?

אַלע דריי האָבן אויסגעשטעלט פֿאַרחידושטע אויגן, זיי האָבן זיך ווי עפּעס דערנענטערט צווישן זיך און ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט ראַטעווען פֿון ליבישן, וואָס האָט ווי אַ דערשיינונג אויסגעזען אין זייערע אויגן. האָבן זיי צווישן זיך שלום געמאַכט.

פֿאַרנאַכט־צו זענען זיך אין שטיבל אַריין אָנגעקומען נגידישע יידן, מיט פֿיינע בערד און פֿראַקן, אַ טייל אין לענגערע מאַרינאַרקעס, אַ פּשרה צווישן גאָט און אייראָפּע. אַ סך יידן — אינגאַנצן אייראָפּעיש געקליידעט. מיט גאָלדענע זייגערס און דיקע קייטן אויף קיילעכיקע בייכער, מיט בריליאַנטענע רינגען אויף מינדסטע און מיטלסטע פֿינגער. און יידן מיט פֿאַרשמאָלצענע מאַרינאַרקעס און גרין־געוואָרענע פֿראַקן מיט אָפּגעלאָזטע, נישט קיין צוגע־קעמטע, אָרעמע בערד, און ס'זענען זיך אָנגעקומען בחורים, דימענטן־שניי־דערס, שלייפֿערס און קליווערס, וואָס זענען געקומען נאָך דער אַרבעט אין

שמיבל אריין, דאַוונען און לערנען אַ שיעור; הגם אַט די בחורים זענען שוין געווען אָנגעטון אין אייראָפּעישע מלבושים, געטראָגן שטרויענע קאַפּעלושן, האָבן זיי אויסגעזען איידעלער, בלאַסער נאָך פֿון ישיבה־בחורים. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישן און געוואַרט אַרום די אָפֿענע גמרות, ביז דער רבי זייערער, אַ ייִד מיט אַ רבנישן קאַפּעלוש אויף אַ קלוגן קאָפּ, וועט זיך האָבן איבערגעשמועסט מיט ייִדן סוחרים מכוח בלוי־ווייסע, מכוח „דראָבנע" און גרויסע שטיינער, מכבד זיין אַ ייִדן מיט אַ שמעק טאַבאַק, נעמען ביי אים אַ ציגאַר און לסוף צוקומען און ס'וועט זיך אָנהייבן דער שיעור, וואָס ער לערנט מיט זיי יעדן אָוונט.

די מתפּללים זענען אַהיים געגאַנגען. די בחורים און די ייִנגעלייט ביי די לאַנגע טישן האָבן זיך פֿרום געשאָקלט איבער די אָפֿענע גמרות. דער ייִד מיטן קלוגן קאָפּ האָט זיך געוויגט שטייענדיקערהייט:

— זאָגט רש"י...

קאַפּיטל 15

דוד האָט שוין איבער צוויי חדשים נישט געזען זיך מיט גיטעלען. אַפֿילו ס'קינד נישט געזען. גאַנצע טעג האָט ער געטראַכט וועגן איר און זי האָט זיך נישט געוויזן. טיילמאָל פֿלעגט ער ווערן אין כעס און זיך זאָגן, אַז עס זענען נישטאָ קיין ערלעכע פֿרויען. זי האָט אים מסתמא קיינמאָל נישט ליב געהאַט. — זי האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו מיין טאַטנס פֿאַרמעגן. נעזען, אַז כ'האָב טאַקע באמת קיין שום שייכות נישט מיטן טאַטנס געלט, דאַרף זי מיך נישט האָבן. — אַזוי האָט אים געזאָגט דער שכל הישר.

אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ער קען זיך פֿאַרט קיין אָרט נישט געפֿינען. ער בענקט נאָך גיטעלען, נאָכן קינד, אַפֿילו נאָך לייבישן בענקט ער. ער בענקט נאָך אים און האָט אים פֿיינט און שעמט זיך פֿאַר אים. אויף קיין איינציקע רגע וויל ער אים נישט אָפּטרעטן פֿון די אויגן, לייביש. כסדר שטייט ער פֿאַר אים, אַ באָרוועסער, אַ צעבראָסטעטער, מיטן גוטן שמייכל אויפֿן בלאַסן פּנים, אַזאַ הויך, אַזאַ פֿאַרנעם אינעם קליינעם, טונקעלן קיכל.

— שלאָפֿט, שלאָפֿט, שטערט אייך נישט! — רעדט צו אים לייביש מיט אַזאַ וועלט מיט גוטסקייט אין די גוטע בלויע אויגן. און ער, דוד, ליגט

JEWISH ... LIBRARY
3160 ...
ATLANTA, ... 30327
TEL ...

דאָרט אינעם אָרעמען בעטל אין קיך. ווי אַ וואָרעם ליגט ער, איינגעטוליעט אין זיך אַליין און געניסט פֿון לייבישעם גאַסטפֿריינטלעכקייט.

ניין, אַרויפֿגיין אַהין קען ער נישט. בשום־אופֿן נישט. און אויפֿהערן בענקען קען ער אויך נישט. פֿאַרקערט, עס ווערט אים נאָך ענגער, ער קען זיך קיין עצה נישט געבן. ער זיצט אַ גאַנצע טעג אויף דער ברייטער, פֿליר־שענער זאָפֿע, אַ נישט־געוואַשענער, אַ צעפּאַטלטער, אינעם בלויען, אַטלאַ־סענעם שלאָפֿראָק, אין די שטעק־שיך און רויכערט געדיכט און גיך. פֿילט אַן דאָס ציכטיקע עס־חדר מיט בלויען רויך און טראַכט, נאָר ער קען זיך צו גאָר נישט נישט דערטראַכטן.

נאָך אַ לאַנגע מלחמה מיט זיך אַליין, האָט ער לסוף איבערגערעדט מיט דער מוטער — אפשר וואָלט זי פֿאַרזעצט ס׳צירונג. ס׳האָט אים גענוג געזונט געקאָסט, ביז ער האָט זיך אַליין גובר געווען צו בעטן איר אַזאַ זאַך. לאָזט זיך אויס, אַז רחל טראָגט גאָר גוט־געשליפֿן גלאָז, דאָס אייגענע גלאָז, פֿון וואָס מען מאַכט מאָדעלן אַרויסצושיקן אויף אויסשטעלונגען, בשעת די אמתע ברי־ליאַנטן ליגן אין די קאַסעס, אין דער בערזע. און דאָרט, אין דער דאָזיקער בערזע, אין בערמאַנס קאַסע, ליגן רחלס דימענטן.

דוד האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. אפילו ס׳צירונג האָט זי נישט, די מוטער. נאָר ער גלויבט איר, ער ווייסט, אַז די מוטער וועט אים קיין ליגנט נישט זאָגן.

מיטן פֿאָטער וויל ער נישט און קען נישט רעדן, ער ווייסט, ער וועט אים מער קיין שאַנס נישט געבן. ער קען אים צו־גוט, דעם טאַטן זיינעם. צען טויזנט פֿראַנק האָט ער פֿאַרלוירן אין מסחר, דוד, און מער וועט ער אים קיין סאַנטים נישט געבן. זיצט ער אויף דער זאָפֿע און ציילט די בלימעלעך אויפֿן טעפּיך. ער קען זיי שוין פֿון אויסנווייניק. ס׳יעדע בלימל קען ער. יעדער שטיקל זילבער אויף דער קרעדענץ, יעדער ליכט אין דער קאַנדעליאַברע. אַז עס ווערט אים גאָר־גאָר ענג, מאַכט ער איינע פֿון זיינע נמאס־געוואָרענע שפּאַציר־גענג. אַז נישט — זיצט ער אַפּ די טעג אין פּאַרק, לייענט מכלומרשט, באמת קריכט אים גאָרנישט נישט אין קאָפּ אַריין. ער לייענט טאַקע נישט, ער קוקט מער אין חלל אַריין. עס קומט אַריין אַ יינגע פֿרוי. זי פֿירט אַ קינדער־וועגעלע. זי בעט ביי דודן אַנטשולדיגונג און זעצט זיך צו לעבן אים אויף דער באַנק.

אסתר קרייטמאַן

אינעם קינדער־וועגעלע זיצט אַ פּוציק, בלאָנד מיידעלע פֿון אַ יאָר צוויי. דאָס קינד שפּילט זיך מיט אַ געלן, פּליושענעם בער. זי פּייניקט אים, צופּט אים ביי דער נאָז, שטאָרקעט אים אין די קרעלענע אויגן אַריין מיטן ווייז־פֿינגערל, שמועסט מיט אים, וואַרפֿט אים אַלע ווײַלע אַראָפּ און פֿאַרלאַנגט פֿון דער מוטער, זי זאָל אים צוריק אויפֿהויבן. די מוטער בייזערט זיך בלומרשט, הויבט אים אויף און וואָרנט די קליינע, אַז מער ווי דאָסמאָל וועט זי אים נישט אויפֿהויבן, דעם בער...

אַ הונט לויפֿט אָן, ער שטעלט זיך אָפּ לעבן וועגעלע, קוקט אַרויף צום קינד מיט די שוואַרצע, פֿייכטע אויגן. די צוויי שמאַטעדיקע, שוואַרצע אויערן־לאַפּן ציטערן ביי אים פֿון אויפֿרעגונג. ער דרייט מיטן ווײַדל און בילט אויפֿן פּליושענעם בער. דאָס קינד בייגט זיך אַרויס פֿון וועגעלע, פֿאַלט שיעור נישט אַרויס. זי טוט אַ וואָרף דעם בער גלייך דעם הונט אין פּיסק אַריין און צעלאַכט זיך. דאָס קינדישע געלעכטער צעקלינגט זיך איבערן פּאַרק, ווי אַ כּף זילבערנע גלעקעלעך. דער הונט פֿליט אַוועק מיטן בער, פֿייל אויסן בויגן. ער ברענגט אים באַלד צוריק. די פֿרוי טרייבט אַוועק דעם הונט, ס'קינד צעוויינט זיך.

דודן טוט אַ צי ביים האַרצן. ער דערפֿילט אַזאַ בענקשאַפֿט צו גיטעלען, צום קינד, ער וואָלט אַרומגענומען די פֿרוי, דאָס קינד, דעם הונט און זיי אַלע דריי אויסגעקושט ווי גרויס זיי זענען. די פֿרוי הויבט זיך אויף, און שטופּט אַוועק דעם וואָגן ווייטער אין פּאַרק אַריין.

דוד הויבט זיך אויך אויף, ער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר, וווהין ווייסט ער אַליין נישט.

ער גייט איבער די גאַסן, ער קוקט זיך אפילו נישט אום. ס'איז אומעטום ס'אייגענע. די אייגענע גאַסן און געסלעך, ווי פּאַראיאָרן, ווי פֿאַר צען־יאָרן. מענטשן, אומעטום מענטשן. אפילו טרינטשע טראָגט אים אַנטקעגן דעם אייגענעם ברייטן שמייכל אויפֿן שמאַלציקן פּנים, וואָס נעכטן, וואָס פֿאַר־צען־יאָר. די זאַמער־שטראַסע מוז ער אויסמיידן. נאָר ער דערזעט זיך פּונקט קעגנאיבער גיטעלעס פֿענצטער, אויף דער זאָמער־שטראַסע.

די גויה מיטן בלאָנדן שייטל שטריקט אַ לייבל, זי באַגריסט אים מיט איר שטעכיקן שמייכל אויף די דינע ליפּן.

דוד טוט אַ שפּרינג אָפּ, ווי אַ בין וואָלט אים פּלוצלונג אַ ביס־געטון. ער

ענטפֿערט איר נישט אויפֿן „דאָך מאָניער”. ער דרייט זיך אַוועק ווי אַ ברוגזר און גייט ווייטער.

אַ פֿערד איינגעשפּאַנט אין אַ טיפּן, פֿיר־קאַנטיקן וואָגן מיסט שטעלט זיך אָפּ מיט אַ „טרר”, צעטרייסלט זיך און נעמט ווייטער טרעטן מיט די ברודיקע באַרשטן אַרום די אומגעלומפּערט־דיקע פּיס.

דוד קוקט נאָך דעם גוי אויפֿן קאָזשיאַלעק. דער גוי רייכערט פֿון אַ פּייקע און דרימלט, דאַכט זיך.

דוד איז אים מקנא, דעם גוי. אַ מענטש אַרבעט.

ר׳איז שוין ווייט אַוועק פֿון דער ייִדישער געגנט. אַ פּלאַן האָט ער צו־געטראַכט. שוין עטלעכע טעג ווי ער טראָגט זיך אַרום מיט אים. נאָר ער האָט מורא אָנצוהויבן. ער זאָל נישט ווייטער אַמאָל מאַכן קיין טעות. און דערווייל אומזיסט צעפּויקן פֿאַר דער גאַנצער שטאָט זיין מצב.

ער דרייט זיך אַריין אין דער קאַגלסליי. די גאַס איז ברייט און שיין. די פֿראַנט־גערטנער, וואָס ציען זיך אַוועק אַ היפּשן שטח אין גאַס אַריין, זענען אַנדערש איינס פֿון ס׳אַנדערע. אומעטום אַנדערע קווייטן, אומעטום אַנדערש געוואַקסן, מיט אַן אַנדערן סדר פֿאַרזייט. ווי אַ ליד זעט די גאַס אויס, ווי אַ ליד, אין וועלכן יעדעס וואָרט איז אַנדערש און פֿאָרט גיסן זיי זיך צונויף אין איין גאַנצן, וויל־קלינגנדיקן ריטם, אין איין גאַנצער האַרמאָניע.

מען צינדט שוין די לאַמטערן. דער גוי טראָגט שוין זיין לאַנגן שטעקן פֿון לאַמטער צו לאַמטער, כאָטש די זון ליגט נאָך אויף די ביימער. דער גוי גייט און פּייפֿט זיך אונטער אַ לידעלע. דאָס גרינע גאַז־ליכט גיסט זיך צו־נויף מיטן טאָג, און ס׳באַקומט זיך אַ בלווילעכע בין־השמשות־ליכט.

— אָט דאָ וואָלט ער געקענט וווינען מיט גיטעלען, מיט זיין קינד, ווען ער איז אַ מענטש...

יאָ, ער וועט נישט קוקן אויף קיין שום זאַך, ער מוז נאָכאַמאָל פּרוּוון. ער מוז עפּעס טון, אַנישט וועט ער משוגע ווערן.

„ער” וועט אים שוין גאָר דערגיין די יאָרן — קומט אים פּלוצלונג אָנ־צושווימען דער זיידע אויפֿן זכרון.

— אַז אַ מת זיצט דאָרטן און שאָקלט זיך גאַנצע טעג, אַ מת מיט אַ טויט פּנים, מיט אַ טויטער האַנט, זיצט מיט אַ פֿאַרגליווערטן טויטן שמייכל

און שאָקלט זיך טומטערהייט. איז עס אַ חידוש, וואָס עס טרייבט פֿון שטוב? — ווערט ער פּלוצלונג אין כעס אויפֿן זיידן.

ער פֿאַרקירעוועט זיך צוריק אין שטאָט אַריין. אויף דער פּעליקאַן־שטראַסע וווינט דוד'ס אַ געוועזענער חבר. ער איז מיט אים צוזאַמען אין דער שולע געגאַנגען. טיילמאָל, אין די פֿרייע שטונדן, זיך געשפּילט צו־זאַמען. דאָרט לאָזט ער זיך איצט אַרויף־טרעפּ. דער חבר דוד'ס איז אַ „קאַ־פּעסקליוועך". אַ גוטער באַלמעלאָכע אויסגעוואַקסן. שמ'ט אין שטאָט, די גרעסטע שטיינער, די טייערסטע גיט מען אים צו צושפּאַלטן און ער מאַכט עס ווי אַן אמתער מומחה.

וואָס האָט ער מורא? מער ווי אָפּזאָגן קען ער דאָך אים נישט. קלאַפּט ביי דודן ס"הארץ. אָבער טאָמער מאַכט ער זיך ווידער צום נאַר? ער מאַכט מיט אימפּעט אויף די טיר, קלאַפּט אפילו נישט אָן. ער ווייסט, אַז טאָמער שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ רגע, וועט ער צוריק אַראָפּלויפֿן פֿון די טרעפּ.

דער חבר האָט זיך מיט אים דערפֿרייט, אויסגעסטאַרטשעט די אויגן אויף אים, דודן, און זיך בשום־אופֿן נישט צוגעגלויבט, אַז דאָס איז ער טאַקע, דוד ביי אים? — אַאַ, זעטיז נאָר ווּעמען כ'זע דאָ?! — האָט דער בחור אָפּגעשטעקט דודן אַ שמאָל, קלייען־באַדעקט הענטל — ווער־ווער, נאָר דו ביסט אַן אומגעריכטער גאַסט. זעץ דיך. זע נאָר, וואָסער באַשטאַנד, וויסטעך, מ'אַרבעט, קאָן מען נישט אָפּהיטן אַזוי. אַנטשולדיק, כ'מיין ס'איז אַזאַ מושב.

— שאַדט נישט, שטער דיר נישט! ס'מאַכט גאָרנישט אויס. אַ מושב פֿון אַרבעט איז גוט! — האָט דוד שיעור נישט אויסגעפּלאַפּלט.

— און די הענט ריסט מען זיך אויך נישקשהדיק אויס! — האָט זיך דער בחור געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן. — אוי, אַ גאַסט!

דוד האָט זיך געזעצט אויף דער שטול, וואָס דער חבר האָט פֿאַר זיינעט־וועגן אָפּגעווישט. דער חבר האָט זיך אַביסל געקווענקלט, דערנאָך צוריק אויפֿגעהויבן דעם שטיין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק ברודיקע וואַש־סאָדע, געקוקט אויפֿן שטיין און גערעדט, געקוקט און גערעדט.

— ווען ער האָט נישט אַזויפֿיל „גלעצעס", וואָלט עס געווען יענע כלי!

— האָט ער גערעדט צו דודן מכּוח דעם רויען בריליאַנט, וואָס ער האָט גע־דאַרפֿט באַלד שפּאַלטן, נאָר ער האָט פֿריער גוט שפּעקולירט ווו און ווי אַזוי צו שפּאַלטן אים, אַז ער זאָל פֿון זיך אַרויסגעבן וואָס גרעסערע שטיינער און

וואָס ריינערע. — ווען מען געפינט אַזאַ כלי, אַ ריינע, און מען דאַרף זי נישט שפּאַלטן, וואָלט עס ווערט געווען אַ פאַרמעגן.

— הערסט, אַ שיינע מעשה! וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפט האָבן קיין קליוועדס! — האָט זיך דוד געפרייט, וואָס מען געפינט אַזוי זעלטן ריינע שטיינער.

דער בחור האָט זיך אַרויפגעשאַרט די רויטע טשופּרינע, גלייך געמאַכט זיך ס׳קליינע יאַרמולקעלע אויפן קאָפּ און געגעבן דודן צו פאַרשטיין:

— זעסט דאָ, דעם שוואַרצן פלעק? ווי אַן אינדזעל אין אַ וואַסער זעט ער אויס! — ביסט גערעכט! — האָט זיך דוד גוט איינגעקוקט אינעם בריליאַנט. — אַט דעם בלאַטיקן אינדזעל מוז מען אַרויסקריגן און בלייבן מעג נאָר דאָס וואַסער.

אַזוי זאָגנדיק, האָט דער בחור געמאַכט אַ „קערוו" (אַ שניט מיט אַן אַנדער דימענט) אויף דעם שוואַרצן פלעק, דערנאָך האָט זיך שוין דער שטיין מיט איין רעכטן קלאַפּ געשפּאָלטן.

— מ׳עט אים מוזן ווייטער שפּאַלטן! איי, אַ שאָד! אַזאַ ריז און אַראָפּקומען וועלן קליינע שטיינדלעך — האָט דער בחור געהאַט יסורים, כאָטש דער שטיין איז נישט געווען זיינער.

נאָך צוויי יינגע בחורים האָבן דאָרט געאַרבעט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קליוון „באַליקעס" (קליינע שטיינדלעך). זיי האָבן געקוקט, געקערוט, געקלאַפּט. געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפן גאַסט, און אים אָפּן מקנא געווען.

דודס נגידישער טראַכט האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט. דער בחור האָט געשמועסט מיט דודן, געפאָרשט מיט זייטיקע גענגלעך די סיבה פון זיין פּלוצלונגדיקן אַרויפקומען צו אים. נאָר דוד איז געזעסן ווי צוגעקאָוועט צום בענקל, גערעדט מכוח אַלץ אין דער וועלט און נישט געפונען קיין פּאַסיק וואָרט, ווי אַזוי אַרויסצוקומען מיט דעם וואָס ער האָט געוואָלט, געחלשט. אַ שוויים איז אים אַרויס אויפן לייב, אויפן פּנים. ווי אַזוי קען ער פּלוצלונג אינמיטן דערינען נעמען און דערציילן דעם געוועזענעם שול-חבר, אַז ער, דעם גבירס זון, וואָס איז אַוועק אינגאַנצן אויף אַן אַנדער וועג, ווען זיי זענען ביידע אַרויס פון דער שולע, — דער איז אַוועק אַרבעטן און ער, דוד, איז אַריין אין אַ הויך-שולע, ווייטער לערנען. ער געדענקט ווי שטאַרק די קנאה מצד דעם

חבר איז געווען דערמאָלט, מחמת ער האָט געהאַט אַ בעסערן קאָפּ פון דודן און געוואָלט לערנען, — ווי קען ער אים דערציילן, אַז איצט, יאָרן שפּעטער שוין, איז ער געקומען בעטן זיך ביי דעם געוועזענעם חבר, ער זאָל אים לערנען „קליוון״. ער וועט אים אָנקוקן ווי משוגע. ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקענט קיין עצה געבן, דוד. וואָלטן כאָטש די צוויי אַנדערע בחורים'לעך נישט דאָ געווען. נישט געהאַלטן אין איין אָפּמעסטן אים פון קאָפּ ביז צו די ווייסע געטרעם און אים אָפּן מקנא זיין און הכנעה'דיק באַוואונדערן מיט די אידיאָטישע אויגן זייערע — איז דוד אין כעס געוואָרן אויף די יינגלעך.

פּלוצלונג האָט דער רויטער בחור געכאַפּט אַ בליק צום פאַרפלאָמטן פענצטער, די בין־השמשות'דיקע זון האָט עס געהאַט אין גאַנצן אָנגעצונדן. דער בחור איז אויפגעשטאַנען און אַ זאָג געטון צו די אַנדערע צוויי:

— צייט צו דאַווענען מנחה! דו האָסט נאָך מסתמא אויך נישט געדאַוונט! — האָט ער אָנגעקוקט דודן.

— וואָס, געדאַוונט — — — ניין!

— טאָ וועלן מיר דאַווענען צוזאַמען!

דאָס שטיבל האָט זיך געטוליעט אין דער טונקלקייט אַריין. דאָס פענצטער האָט זיך נאָך מער צעפלאַמט, שטיקלעך אונטערגייענדיקע זון האָבן פלעקן אויף שטיקלעך פאַדלאָגע צעוואָרפן, די ווינקלען אין שאָטנס פאַרהילט.

אָפּגעדאַוונט מנחה, האָבן די בחורים צוליב דודן צוגעקליבן ס'שטיבל. געמאַכט עס בחפזון. זיי זענען אַלע פיר אַראָפּ די טרעפּ. דוד האָט מיטשפּאַצירט מיטן חבר, לסוף דערציילט אים מכוח דעם פּלאַן.

— ס'איז נישט פאַר דיר! ווי קומסטו דערצו? אַן איינפאַל אַביסל! וואָסי, דו דאַרפסט עס נויטיק האָבן? — האָט אים דער חבר בשום אופן נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין — אַז מען וויל האַנדלען, מוז מען זיך אויסלערנען ס'פאַך? גיי שוין, גיי, קיינעם איז נאָך אַזוינס נישט איינגעפאַלן! אַז מ'איז נאָר אַ סוחר, קען מען שוין אַזוי אויך האַנדלען. וואָס איז, דיין טאַטע האָט זיך פריער אויסגעלערנט „קליוון״? אַז מען דאַרף עס נישט! לאָז עס דיר אַרויס פון קאָפּ. פאָלג מיך. טויזנט פראַנק וועסטו באַצאָלן פאַרן לערנען, פאַרלירן אַ פּאָר יאָר צייט. הלואי האָב איך דיין געלט, וואָלט איך קיין טאָג אויבן נישט געזעסן. דער קלענסטער סוחר האָט מער שאַנסן פונעם בעסטן באַלמעלאָכע. איך אַליין הויב שוין אָן עפּעס קויפן און פאַר־

קויפֿן. כ׳וויל פּטור ווערן פֿון דער אַרבעט. אַן איינפֿאַל, צו ווילן אַריינקריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין.

דוד האָט אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן.

„איז שוין ווידער גאָרנישט געוואָרן. ס׳זעט אויס, אַז כ׳בין אַ פֿאַרפֿאַלע־נער. קאַטש נעם און וואַרף זיך אַריין אין דער שעלדע.״

קאַפּיטל 16

ס׳האָבן זיך דערנענטערט די ימים־נוראים. בערמאַן איז געוואָרן ערנסטער. קודם־כל איז מיט די פּורכטיקע טעג ווי אָפּגעשניטן געוואָרן דער זומער. בער־מאַן האָט זיך, גאָרנישט מעשה־סוחר, גערעכנט מיט דער צייט לויט די ימים־טובים און נישט לויט דעם קאַלענדאַר און פֿאַרן ווינטער האָט בערמאַן גע־ציטערט. ער האָט פֿון אַ בראָנכיט געליטן. און דער בראָנכיט האָט אים אין די ווינטערן אַ סך צרות גורם געווען. אחוץ מזה ווערט אים עפּעס סתם שווערער אין דער צייט. אין דער צייט האָט ער זיך אָפּט פֿאַרטראַכט, בער־מאַן, נישט געקענט שלאָפֿן אין די נעכט, זענען אים אַלערליי מחשבות גע־קראָכן אין קאָפּ. זייער אָפּט פֿלעגט ער אין אַזעלכע נעכט, ווען אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין טונקעלער שטילקייט, פּרווון מאַכן אַ חשבון־הנפש.

די אויסגעבראָכענע שטיינער פֿלעגן זיך פֿלוצלונג אַ שטעל אַוועק טון אין מיטן פֿון שטיקן. זיי זענען פֿאַרקראָכן אין מוח אַריין און זיך דאָרט געגראָבלט אַזוי לאַנג, ביז ס׳האָט אים אַ נודנעקייט אָנגעכאַפּט און ער האָט געפֿילט, אַז ער מוז אויפֿוועקן רחלען, זיך פֿאַר איר אָפּרעדן פֿון האַרצן, אויפֿווייזן איר, אַז אייגנטלעך טוט ער נישט קיין שום שלעכטס, נאָר ער האָט זי נישט אויפֿגעוועקט. רחל איז זיך געלעגן אינעם אַנדערן בעט, רויק און רעגלמעסיק געאָטעמט און ס׳האָט זיך איר געחלמט פֿון אַלץ אין דער וועלט, אחוץ, אַז בערמאַן ליגט אויף שעהן־לאַנג און פּרוווט זיך פֿאַר־ענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין. און וויפֿל ער זאָל זיך נישט פֿאַרענטפֿערן, וויל דער, פֿאַר וועמען ער פֿאַרענטפֿערט זיך, נישט נאָכגעבן, נאָר קריכט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מיט די אייגענע מחשבות אין מידן מוח, ביז ס׳קומט אים אַ שווייס איבערן לייב אַרויס און ער צעהוסט זיך. דעמאָלט ערשט כאַפּט זיך רחל אויף, גייט אַראָפּ פֿון בעט, טראָגט צו דעם מאַן אַ גלאָז אָראַנזש־וואַסער און

אסתר קרייטמאַן

איידער בערמאַן איז פּאַרטיק מיטן טרינקן, כראַפּעט זי שוין ווידער אינעם אַנדערן בעט.

אינמיטן יאָר, אַז ס'מאַכט זיך אים אַזאַ נאַכט, הייסט ער זי אַריינגיין צו אים אין בעט אַריין, כדי ער זאָל קענען איינשלאָפן. אָבער נישט — פאַר די יומים־נוראים...

ליגט ער אַזוי, בערמאַן, אין בעט און רעדט צו זיך אַליין. ער רעדט אָן ווערטער, פּאַרט איז יעדער וואָרט אויסגעהאַמערט אין דער מחשבה, אַזוי קלאָר, אַז פון איינשלאָפן איז גאַרנישטאָ וואָס צו רעדן און ער שפּינט ווייטער דאָס שנירעלע מחשבות. סוף כל סוף, וואָס טוט ער דען? ווען ער וואָלט נישט געקויפט, וואָלטן אַנדערע געקויפט. גוים קויפן נישט? און אַז ס'פאַלט אַריין צו אַ גוישקן סוחר איז בעסער? וואָס טוט ער מיטן געלט? טווישט אויס דעם הונט אויף אַ טייערערן, אָדער קויפט אַ נייעם צלם אין טומאה אַריין, אַנישט פאַרשיכורט ער עס? אגב, האַנדלט ער דען נאָר מיט אויסגע־בראָכענע סחורה? קויפט ער דען נישט יעדעס יאָר פאַר צענדליקער און הונ־דערטער טויזנטער פראַנקן רעיעלע סחורה? באַצאָלט דעם פולן פּרייז פאַר ברום (רויע שטיינער), לויט אַלע דינים פונעם לאָנדאָנער סינדיקאַט? און ווערמען גיט ער צו פאַרדינען? — יידן! לעבן דען נישט אַרום אים אפשר הונדערטער יידן, סוחרים, מעקלערס, שלייפערס, שניידערס, קליוועס. גיט ער דען חלילה די אַרבעט צו גויים? — אַזוי ווי אַ סך יידן טוען. אפילו פרומע יידן. און באַצאָלן באַדאַי טייערער. חס ושלום! ביי אים איז אַ כלל, אַז איין ייד דאַרף העלפן דעם אַנדערן — בפרט, אַז ביים ייד קאָסט ביליקער. און דער ייד סטראַשעט נישט באַלד מיטן „באָנד". וואָסזשע פייניקט ער זיך אַליין? פאַרטרייבט ער די בייזע מחשבות, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרטרייבן. ער טוט אַ שפּיי אויס, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, נאָר... — — — — עס שלאָפט זיך נישט.

הממ... דערצו יעצט, ר'האָט אַריבערגענומען דעם טאַטן, האַלט אים אויס בכבוד גדול, אַרויסגענומען אים פון אַרעמקייט און זאָל ער לעבן אויף די עלטערע יאָרן און געניסן פון דעם, וואָס גאָט האָט אים, בערמאַנען, באַשערט. אַן אַלטער מאַן, זאָל ער האָבן אַ גוטע עלטער.

— אוי! — טוט בערמאַן אַ שווערן זיפץ און דוד גייט אים פאַרביי די מחשבה. — מ'בעט דאָך על תשליכנו לעת זקנה!

יאָ, ווער ווייסט צו זיינע קינדער וועלן אים אזוי באַהאַנדלען אויף דער עלטער! — טראַכט ער און אַ טרער שטעלט זיך אים אַוועק אין ווינקל אויג פון רחמנות צו זיך אַליין. און עס ווערט אים עפּעס אײַנוועגס אַ סך גרינגער אויפן הארצן און ער שלאָפט איין, אַ באַרואיקטער. די טרער באַפרייט אים פון די שטיינער און פון די עבירות. ער שטייט אויף אַן אויסגעשלאָפענער, גייט אַוועק אין בערזע אַריין, האַנדלט, וואַנדלט, אָבער אין שלאָפלאָזע נעכט קומען די בייזע מחשבות ווידער און די מלחמה מיט זיי הערט גאָרנישט אויף.

ניין, די ימים־נוראים זענען בערמאַנען נישט אזוי צום הארצן. פון־דעסטוועגן האָט ער פאַר זיי דעם גרעסטן יראת־הכבוד. ער האָט פאַר זיי סיי מורא, סיי דרך־ארץ. אגב, האָט ער די ימים־נוראים אַליין גאַנץ ליב. ס'איז נאָר פאַר זייער אָנקומען שווער — זייער, זייער שווער.

אַ צוויי טעג פאַר ראש־השנה, ווען אַנדערע סוחרים זענען פאַרנומען, שלעפן אַרויס דאָס צירונג פון די קאַסעס, כאַפּן נאָך אַריין אַ געשעפטל, זיצט זיך שוין בערמאַן אין דער היים, ביים וואַרעמען אויוון (מעג זיין ווי וואַרעם אין דרויסן, הייצט מען שוין דעמאָלט ביי די בערמאַנס דעם אויוון) און קוקט איבער די ווינטש־קאַרטן: ווער מען מ'דאַרף שיקן אַ גרויסע קאַרטע, אײַנגאַנצן געטונקען אין גאָלד, מיט צוויי בולטע ווייסע הענט, וואָס דריקן זיך קעגנזייטיק און ווינטשן זיך מיט גרויסע, בולטע אותיות לשנה טובה תכתבו, וועמען — אַ קלענערע קאַרטע, פאַרפּוצט מיט זילבער נאָר, אָן הענט און נישט מיט קיין בולטע לשנה־טובה'ס. וועמען — גאָר קליינטשיקע, ווייסע קאַרטעטשקעס, באַפּוצט מיט אַ פּורפּור־קאָלירט בלימל, אַ פּיצל לשנה־טובה'לע און פּטור אַן עסק.

בערמאַן האָט שטאַרק ליב אָט די אַרבעט. ער קלויבט, שמייכלט, כאַפּט אַ זופּ פונעם רויטן, לויטערן גלאָז טיי און פאַרגעסט בשעת־מעשה, אז ס'רוקט זיך אונטער אַ נאַכט. ער איז זיך מחיה מיט דער מנוחה און כדי נאָכמער צו פילן דעם תענוג, טוט ער אַ זאָג גיכער צו זיך אַליין:

— די בהמות שלעפּן שוין אודאי איצט די „ביזשוטרי" פון די קאַסעס!

רחל טוט אַ זיפץ. נאָר ווען בערמאַן טוט אויף איר אַ קוק, איז זי שוין צוריק פריילעך און זי זאָגט:

— בהמות! אין שול, אינעם ענגשאַפט, אַ נייטיק געשעפט!

אסתר קרייטמאַן

בײַ בערמאַנען מוז אַלץ זײַן פּיקס און פּאַרטיק שוין אַ שטיק צײַט פֿאַר די ימים־נוראים. אַז ער האָט נישט וואָס צו טון, האָט ער יעדן פֿאַר ראש־השנה ליב צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער די ייִדישע גאַסן. ער פֿאַרמאַכט די ביורא אַרום צוועלף אַ זייגער בײַטאָג, ער שמייכלט צו די באַלעמעלאָכעס, בשעת ער צאָלט זיי אויס בתשועת חן, וואָס ס'קומט זיי, ווינטשט זיי, זיי זאָלן אויס־בעטן אַ גוט יאָר, נעמט צו מיט גרויס נחת־רוח דעם ים ברכות פֿון די אַרבע־טער און לאָזט זיך אַרויס אויף זײַן טעגלעכן שפּאַציר. ער לאָזט זיך גיין לגבי דעם נאָענטסטן שטיינערנעם טויער פֿון דער לאַנגער באַן־בריק, וואָס צע־טיילט אַנטוועדפֿן אויף צוויי העלפֿטן. איין העלפֿט איז גרויס־שטעטיש, די גאַסן זענען העל־באַלויכטן, געשעפֿטן און וואַרן־הײַזער זענען גרויס און פֿול מיט קאָליר, מיט עלעקטרישע רעקלאַמעס וואָס פֿילדערן. מיט אָפּערעס, טע־אַטערס, קינאָס, גרויסע בולוואַרן, קאַפֿעען און אַלצדינג, וואָס געהערט צו אַ גרויסער שטאָט. אין דער אַנדערער העלפֿט, ווו עס געפֿינט זיך די ייִדישע געטאָ, איז געדיכט און אָרעם און בעיקר — אינטים, גאָר אינטים. דאָ אָהער לאָזט זיך איצט בערמאַן גיין. ער כאַפּט אַ בליק אויפֿן גרויסן זייגער אין באַן־הויף, פֿאַרגלײַכט אים מיט זײַן אייגענעם מאַסיוון גאָלדענעם זייגער און טוט אַ צופֿרידענעם שמייכל:

— צו דער רגע!

און ער האָט אים שוין אפשר צוואַנציק יאָר. אַ פֿײַנער זייגער.

די פעליקאַן־שטראַסע דאַרף ער בלויז אַריבערשפּרייזן און ר'איז שוין אין סאַמע האַרץ פֿונעם ערב ראש־השנה. דאָ רודערט זיך. ייִדן מיט פֿינצ־טערע פּנימער שלעפּן גאַנצע סעדער איבער די גאַסן, וועגענער מיט שמעקע־דיקע סחורות.

— ווײַבער אויף שהחיינו, ווײַבער!

די ייִדן שרײַען, די פּרות שרײַען זיי איבער מיט קאָליר. די קודלעוואַטע הינט האָבן שוין קיין כוחות נישט, אַ שפּאַס, וואָס זיי האָבן שוין הײַנט פֿונאַנדערגעטראָגן, האַלב אַנטוועדפֿן אויסגעמאַסטן.

ווײַבער דינגען זיך שוואַך. דער ראש־השנה ליגט זיי אין די בײנער, אויף די פֿרומע יראת־שמים־פּנימער.

אין די פֿאַרשטויבטע וויטרינעס ליגן נאָך אַלץ בערגער קוילישן און „פֿייגל", אפֿילו הינער הענגען נאָך מיט די קעפּלעך אַראָפּ. ס'שוואַרץ־געוואָרענע

בלוט און די פֿאַרמאַכטע אויגלעך איז זיי גורם אַ מרה־שחורהדיקן אויסזען, ווי אַ בלינדן, וואָס באַדויערט זיך אַליין. אָט די בלוי־הויטיקע הינער זען ניִשט אויס קיין סך פֿרייִלעכער פֿון די אָרעמע ווייבער, וואָס באַטאַפּן זיי. פֿאַר־שפּעטיקטע קונה'טעס זענען דאָס, וואָס האָבן געמוזט וואַרטן אויף דער לעצ־טער רגע. ביז אַ מאַן, אָדער אַ זון וועט די שכירות אַהיים־ברענגען.

אפֿילו די פֿריזירקערס מוזן צוליב אַזעלכע קונה'טעס אַרבעטן שפּעט, שיעור נישט ביזן סאַמע יום־טוב אַריין. וויפֿל זיי האָבן זיך נישט אויסגעדרייט די אַזוי אויך צעדרייטע פֿינגער, געקליגט זיך, ביים מאַכן אַלערליי לעקעלעך און דריידעלעך און רעדעלעך באַ שייטלעך פֿאַר רייכע מאַדאַמען, נאָך וואָכן־לאַנגער שווערער האָרעוואַניע קענען זיי זיך נאָך אפֿילו איצט נישט אָפּרוען. די פֿינגער, אָפּגעמאַטערטע, ווי אַרומגעגריזשעטע, וואָס האָבן וואָכנלאַנג גע־וואַרט אויפֿן ראש־השנה, האָבן נאָך אַלץ קיין רו נישט. מ'זעט דורך די שויִ־פֿענצטער ווי זיי ציִען פֿויל און אומגערן די לעצטע האָר אַרום די הילצערנע קעפּ, פֿאַרטיקן אויס שייטלעך פֿאַרן דלות.

בערמאַן זעט עס, אַלץ זעט ער. ער דערפֿילט פּלוצלונג אַ באַדערפֿעניש אויפֿצוהייבן די הענט צום הימל און אָפּגעבן אַ שבח דעם רבונו של עולם, וואָס ער געהער זיך מיט דעם דלות שוין מער נישט אָן. מיאוס איז ער, דער דלות — פֿאַלט אים איין. און דוד קומט אים אויף דער מחשבה.

נאָר אָט איז שוין ערב ראש־השנה פֿאַרנאַכט. בערמאַן איז אָנגעטון אין נייע מלבושים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אפֿילו אַ טלית־קטן האָט ער זיך גע־קויפֿט אַ נייעם, אַ גרויסן, מיט גרויסע, שוואַרצע פּאַסן, מיט דיקע ציצות. דער צילינדער זעט צוליב דער נייקייט אויס העכער, ער שפּיגלט ממש. ער וואַרט אויפֿן פֿאָטער, ער האָט פֿאַרן אַלטן געלאָזט אויפֿנייען אַ ניי מלבוש, נישט געוואָלט הערן אפֿילו רחלס עצה, אַז ער האָט גענוג גוטע פֿראַקן אין זיין גאַרדעראָבע, וואָס מ'דאַרף בסך הכל קירצן. ניין, אַ ניי בגד און אַ גוטס האָט ער אים געמאַכט. ער האָט עס אים אַליין אָנגעטון, אַליין גע־האָלפֿן אַריינפּאַסן דעם אַלטן גוף אין דעם נייעם מלבוש און בזכות זה וועט אים השי"ת אָפּגעבן כפֿל כפֿלים — איז בערמאַן זיכער און ער האָט הנאה.

נאָר דער אַלטער פֿאַרשטערט אים אַביסל די שמחה. ער דינגט זיך מיט אים. ער וויל נישט אָנטון דעם צילינדער. ער שעמט זיך. ער בעט זיך

רחמים ביים זון, ער זאָל אים לאָזן גיין, ווי ביז איצט, אינעם סאַמעטענעם היטל. לסוף גיט ער נאָך, דער אַלטער, טוט אָן דעם צילינדער און דערפילט צום ערשטן מאָל זינט ר׳איז אַריבערגעקומען, אַז ס׳איז פאַרט נישט גוט אָנ־צוקומען צו קיין קינד. נאָר ער איז אים אין האַרצן מוחל, דעם זון. וויל נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף אים, בפרט אום ערב ראש־השנה.

דודס ווייסע געטרעס זעען היינט אויס ווייסער פון ווייס. זיי שיינען ממש. דער זיידע בענטשט אים און דער פאָטער בענטשט אים. ווי ער וואָלט נאָך אַ קליין ייִנגל געווען. יעדן ערב ראש־השנה ס׳אייגענע.

רחל איז אַנגערויטלט. זי האָט שוין אָפּגעבענטשט ליכט. דאָס גלע־זערנע צירונג פינקלט אַראָפּ פון איר. אַ טרער שטעלט זיך איר אין ווינקל פון אויג. זי פילט זיך אַליין ווי אַן אָפּגעגנאַרטע און זי שעמט זיך פאַר די ליכט, וואָס זי נאַרט זיי אָפּ אין סאַמע ערב ראש־השנה, שפּיגלט זייער פייער אין פאַלשע בריליאַנטן.

זשאַק וויל גאַרנישט אַוועק גיין פון שפּיגל. ער געפעלט זיך שטאַרק אין די נייע זאַכן. ער חלשט צו זען די ייִנגלעך אין שול, דערגיין וועמענס אַנצוג זעט אויס צום שענסטן, הגם ער ווייסט סיי ווי, אַז זיינער איז דער בעסטער. ער שטייט און פוצט זיך ווי אַ מיידל.

נאָר זשאַנעט טוט אים אַ שאַר אַוועק, ווי נישט קיין לעבעדיקע זאַך און זי פילט שוין אַליין אויס דעם גאַנצן שפּיגל מיט איר גרויען פוטער־מאַנטל. זי טוט נאָך אַ שמיר און נאָך אַ פאַרב אונטער, נאָך אַ דריי זיך פאַרן שפּיגל, ווידעראַמאָל אַ דריי — אַלע וואַרטן אויף איר. מען יאָגט זיך אין שול אַריין, נאָר זשאַנעט קען זיך בשום־אופן נישט זאַט אָנקוקן. רחל טוט שוין אויך אָן דעם פוטער־מאַנטל, הגם דרויסן איז נאָך גוט וואַרעם, פאַרנע אפילו.

אַנטווערפּן גייט אין שול אַריין. די ייִדישע געסלעך זענען פול. ס׳גייט קינד און קייט. די גרויסע שול, וווּ בערמאַן דאַוונט, זעט אויס ווי אַ גרויסער, פאַרפוצטער זאָל און אינעם זאַל איז היינט אַן אויסשטעלונג פון אַלערליי דימענטן, קראַוואַטן, שפּילקעס, מאַנזשעטן־ספּינקעס און רינגען. די מענער האָבן זיך ווי די ווייבער אויסגעפוצט. און אין דער ווייבערישער שול שפּילט זיך די זון מיט גאַנצע בערג בריליאַנטן, טראָגט אַרום דעם גלאַנץ איבער דער שול, טראָגט אים אַוועק צום פענצטער, ברענגט אים ווידער צוריק.

אין די ייִדישע געסלעך האָט נאָך געהאַנגען דער עכאָ פונעם שופר־

בלאָזן. די עשרת ימי תשובה זענען ענלעך געווען, צו די טעג פֿון שבע־ברכות ביי אָרעמע חתן כלה. יידן האָבן זיך שוין געגרייט צו נאָך אַ פֿורכטיקן יום־טוב, מ׳האָט זיך געגרייט צום יום־הדין, אַ פֿרומקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף פּנימער, אויגן, ליפּן. יידן האָבן די קעפּ נישט אויפֿגעהויבן.

בערמאַן איז אַרויס אין בערזע, אוועק אין ביורא. ער איז געווען גוט צו די באַלמעלאָכעס. דוד איז געשלאָפֿן שפּעטער ווי תמיד. דער טעם פֿון ערב ראש־השנה, ווי ער האָט זיך געלאָזט בענטשן פֿונעם פֿאָטער, איז אים נאָך געבליבן אין מויל. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין. דאָס בילדל האָט זיך אים אוועקגעשטעלט פֿאַר די אויגן, געלאַכט פֿון אים, געמאַכט ליצי לצנות, דאָסמאָל מער ווי תמיד האָט עס אים פֿאַרדראָסן. ער האָט אַזש אויסגעשפּיגן פֿון עקל צו זיך אַליין, פֿאַרוואָס האָט ער נישט גענומען דאָס זיידענע טליתל מיט די בלויע פּאַסן, וואָס דער פֿאָטער האָט אים געקויפֿט אַ מתנה און האָט עס נישט אַרומגעוויקלט אַרום דעם פֿאָטערס האַלדז און אים דערשטיקט דער־מיט? און אַ סוף! — ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, דוד — ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַרויס אין גאַס. ס׳איז געווען אַ טאָג פֿאַר ערב יום־כפּור. ער האָט זיך, ווי תמיד, געהיטן נישט צו גיין אויף דער זאַמער־שטראַסע און איז געגאַנגען צו דער זאַמער־שטראַסע, געטראַכט און ווי תמיד — גאָרנישט נישט צוגעטראַכט. גיטעלע איז אים אַקעגנגעקומען אין אַ נייעם מאַנטל אָנגעטון, אין אַ נייעם הוט. זי האָט אויסגעזען גאָרנישט די אייגענע. די באַקן זענען ביי איר געווען פֿולער, די הויט— קלערער, די אויגן — פֿריי־לעכער, און גלאַנציקער, און נישט אַזוי גרויס. אַזאַ האָט ער זי נאָך קיינ־מאָל נישט געזען. זי האָט צו אים פֿריילעך געשמייכלט, דערלאַנגט אים דאָס ווייכע, וואַרעמע הענטל. דוד האָט אַ ציטער געטון. ער וואָלט אַזוי געהאַלטן דאָס הענטל אירס אַ גאַנץ לעבן. ער האָט געציטערט, ער זאָל זי נישט אַרומכאַפּן אויף דער סאַמע זאַמער־שטראַסע און אויסקושן זי ווי גרויס זי איז. נאָר פּלוצלונג האָט אים עפּעס אַ שטאָך־געטון אין האַרצן.

— וואָס טוסטו עפּעס אַזוי פֿרי אין גאַס ?— האָט דוד גענומען שטאַמלען און זשעדנע געקוקט אויף איר.

גיטעלע האָט זיך צעלאַכט. זי האָט מיט איר ווייבערישן חוש דערזען, אַז דוד איז אייפֿערזיכטיק אויף אירע נייע מלבושים, אויף איר אויסזען.

— וואָס לאַכסטו ? — האָט דוד אויף איר אַ בייזן קוק געטון, נישט

וויסנדיק אַליין פּאַרוואָס ר׳איז בייז. ר׳האָט נישט געוווּסט, אַז אים האָט פּשוט פאַרדראָסן, וואָס גיטעלע קען זיך אָנטון שיין אָן אים, קען אויסזען גוט אָן אים.

— כ׳זע דו הידושסט זיך, טאָ וועל איך דיר טאַקע דערציילן! לייביש האָט ארבעט, אַ פּאַטראָן, און ער פאַרדינט. ער קען שוין מאַכן אַ שטיינדל ווי ס׳דאַרף צו זיין.

דודן איז דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין קאָפּ.

— ווזשע, ווזשע, כ׳מיין... ווו האָסטו איבערגעלאָזט דאָס קינד?

גיטעלע האָט זיך נאָכאַמאָל צעלאַכט. דוד האָט געוואָלט אויסשרייען מיט אַלע כוחות:

— לאַך נישט! דיין לאַכן מאַכט מיך נערוועז!

נאָר אָנשטאָט דעם, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעפּרעגט:

— ווו איז דאָס קינד?

— כ׳האָב עס פאַרזעצט! — איז שוין גיטעלע בייז געוואָרן. ער פאַרשט זי, קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט נישט געווען קיין מאַמע פון קינד און זי וואָלט עס געלאָזט אויף הפקר. און ער, דוד, וואָס האָט שוין ס׳קינד נישט געזען גאַנצע צוויי חדשים, איז פּלוצלונג געוואָרן דער באַשיצער דערפון.

דוד האָט זיך גיך אויסגעניכטערט, ער האָט זיך דערזען אין דער גאַנ־צער טראַגי־קאָמישער לאַגע און ער האָט גיך געביטן דעם טאָן.

— דאַרף איך פרעגן ביי וועמען ער ארבעט? — איז ער אריבער אויף דעם, ווי ס׳וואָלט אים געווען אַ גרויסער חילוק ביי וועמען לייביש ארבעט.

— ביי רובינען!

— מיינסט רובין דער פילאָזאָף?

— יאָ, ער קומט אַרויף אין מיין שיינער רעזידענץ אַריין, איז געוואָרן אַ גאַנצער כאַווער־לאַפּ מיט לייבישן און ער גיט אים ארבעט וויפל ער וויל. כ׳מוז שוין אַהיימלויפן, לייביש עט דאַרפן אַוועקגיין. עט ער נישט האָבן ווו ס׳קינד איבערצולאָזן. כ׳האָב מיך אַרויסגעכאַפּט איינקויפן; ווייסטער, לייביש מאַכט יעדן יום־כיפור אַ סעודה, מיט די לאַפּיטוטנס זיינע... כ׳על דיר זאָגן דעם אמת — מיר איז עס נישט ניחה.

דוד האָט שוין די לעצטע ווערטער נישט געהערט. ער האָט זיך דער־

לאַנגט אַ דריי אויס און איז ווי אַן אָפּגעבריטער אַנטלאָפֿן. גיטעלע האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, פּרווון אים באַרואיקן, נאָר ס'איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן.

— אַזוי, זי מוז שוין אַהיימלויפֿן צו לייבישן! — האָט דוד, ווי אומישנע זיך צו פייניקן, אויסגעטייטשט גיטעלעס ווערטער אינגאַנצן פאַרקערט. — אַזוי, איז איצט לייביש דער טאַטע פֿונעם קינד. און מיט אים לאָזט זי עס איבער, כדי צו גיין איינקויפֿן אויף זיין יום־כיפּורדיקער סעודה. כאָטש ס'גע־פֿעלט איר נישט. אַזוי!

ער האָט געשפּרייזט מיט גיכע טריט אַהיים. דער קאָפּ איז אים אינ־גאַנצן אויסגעליידיקט געווען. אויסגעליידיקט און טעמפּ.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און זיך געחידושט, וואָס אַלע אין שטוב זעען אויס אַזוי רואיק, רואיק און פאַרפאָרעט און קיינעם פֿאַלט אפילו נישט איין, אַז עפּעס איז געשעען. פֿאַר־קערט, זיי זענען היינט מער באַשעפֿטיקט. די מוטער העלפֿט אַנקען פֿליקן ווייסע הענער אין קיך, זשאַק שניצט עפּעס מיט זיין קנייפּערל און איז אַזוי פֿאַרטון אין דער אַרבעט, אַז ער זעט נישט וואָס אַרום אים טוט זיך. זשאַנעט לייענט, אַנעקע האָט פֿאַרבלוטיקטע הענט, זי פֿליקט הינער און זינגט זיך אונטער אַ לידעלע, אַ שטיל לידעלע, קוים וואָס זי הערט אירע אייגענע ווער־טער. ס'באַאומרואיקט איר נישט אַ האָר, דאָס, וואָס די הינער, וואָרעמע נאָך, די אייגענע הינער, וואָס זי אַליין האָט מיט אַ האַלבע שעה פֿריער גע־הערט ליאַרעמען און פּראָטעסטירן אויף זייער הינערישן שטייגער, דערנאָך געזען זיי וואַלגערן זיך געקוילעט אויף די קאַלטע שטיינער פֿון שעכט־הויז, באַגיסן זיך אין זייער אייגן בלוט און דאָס בלוט איז איצט אויף אירע הענט... זי זינגט, אַז

איר „פֿרייער" איז אַ טיפּיקע.

און שאַרט כסדר צוזאַמען די פֿעדערן, וואָס ווילן זיך דווקא פֿונאַנדער־פֿליען איבער דער קיך. די מוטער דערזעט דודן, ווי ער שטייט אַזוי אויף דער שוועל און גלאָצט ווי אַ פֿאַרמוחטער.

— אוי, טאַקע גוט, וואָס ביסט געקומען. פֿון אינדערפֿרי אָן ליגט ער נעבעך אַ געבונדענער, דער האָן, אַ צער בעלי חיים נעבעך. גיב אַ שלאָג אָפּ כפּרות, עס מען אים גיין שעכטן...

דוד האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער פֿאַרשטיינערטקייט, וואָס די אייפֿערזוכט, דער כעס, און די אייגענע געפֿאַלענקייט האָבן אים גורם געווען. ער האָט זיך פֿון גרויס צרות פֿונאַנדערגעלאַכט, ער האָט געלאַכט ספּאַזמאַטיש, אין די אויגן האָבן זיך אים טרערן געשטעלט פֿונעם משוגענעם־דיקן, קראַנקן געלעכטער. רחל האָט זיך דערשראָקן. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער זון איז פּלוצלונג משוגע געוואָרן.

לייבישן איז לעצטנס געגאַנגען גוט. אַ געוועזענער תלמיד זיינער, אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער, האָט חתונה געהאַט, גענומען אַ פֿיינעם נדן. ער האָט זיך מישב געווען, אַז דער ברודער זיינער איז גערעכט, מ'קען זיין אַ גאַנץ גוטער סאָציאַליסט, כאָטש מ'אַרבעט נישט, כּדי רייכער צו מאַכן רייכע פּאַטראָנען. און ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען... זיין ברודער, אַן אַלטער משכיל, וואָס האָט געקענט העברעאיש און נישט געקענט קיין יידיש, געטראָגן ד״ר הערצלס בילד איינגערעמט אין אַ גאָלדענעם סיגנעט, אַנשטאָט אַ בריליאַנט, אַ ווייכן, שוואַרצן קאַפּעלוש און גאָלדענע פּענסנע, האָט „סימפּאַטיזירט״ מיט לייבישן און געהאַפּט צו מאַכן אים פֿאַר אַ ציוניסט. ער האָט אים צוליב דעם געגעבן אַרבעט. ער פֿלעגט אָפֿט אַרויפֿקומען צו לייבישן אין אָרעמען שטיבל אַריין, איינטענה'ן מיט אים.

— כ'זאָג אייך, אַז סאָציאַליזם איז אַן אַבסטראַקטע אידעע. מאַרקסיזם — אַן אַבסטראַקטע טעאָריע! — האָט ער זיך גערן באַנוצט מיט די צוויי אַרגומענטן — אַ מעשה אָן אַ סוף. דעם בעסטן באַווייז האָט איר דאָך — די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע. און וואָס איז געוואָרן פֿון דער רעוואָלוציע אין ניינצן פֿינף, האַ?

נאָר אַז לייביש איז געבליבן האַרט ווי קיזלשטיין, האָט עס דער באַלעבאָס גענומען פֿילאָזאָפֿיש. זיי זענען געבליבן גוטע פֿריינט. ער האָט פֿאַרשטאַנען לייבישן — אַ געבילדעטער מענטש, האָט ער זיך זיינע אידעען. וועט ער זיך שפּעטער אַרומזען, אַז ער האָט געבלאָנדזשעט. אָבער זיין אייגענער ברודער — ווי קומט ער דערצו?

— דו, מיט דיין קעצן מוחל, ווילסט באַפֿרייען די וועלט? זע באַפֿריי בעסער פֿריער דיין אייגענעם מוח פֿון דער קלאָטשע, וואָס דו האָסט דאָרטן.

די רייד זענען דעם יונגנמאַן געקראָכן אין קאָפּ אַריין. סיי ווי האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט פֿון לייבישעס תורה. פֿלעגט אַנטשלאָפֿן

ווערן אינמיטן די לעקציעס און אַז ער פּלעגט זיך אויפֿכאַפּן און געזען ביי די חברים אַ שמייכל אויף די ליפּן, געהערט ווי בחורים און מיידלעך אַפילו שטעלן פֿראַגן בשעת אַ דיסקוסיע, געהערט ווי לייביש הערט זיי אויס מיט גרויס ערנסטקייט, פֿאַרצייכנט זיך דאָ און דאָרט מיט אַ בליישטיפֿט אויף אַ קריש פּאַפּיר, און דערנאָך ענטפֿערט ער יעדן אויף זיין קשיה מיט אַ סדר, האָט ער זיך סיי געחידושט און סיי מקנא געווען לייבישן מיט די חברים, וואָס זיי פֿאַרשטייען אַזעלכע זאַכן. געזען אַז ער פֿאַרשטייט נישט קיין וואָרט, האָט ער חתונה געהאַט. נאָר ליב געהאַט לייבישן האָט ער, מחמת לייביש האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אים און די אַנדערע חברים. מקרב געווען אים גלייך מיט אַלע. יאָ, קאַרל מאַרקס איז פֿאַר אים געווען אַ האַרטע נוס, האָט ער זיך גענומען צום מסחר און דאָ האָט ער זיך גראָד גוט אויסגע־טויגט.

אָט ביי דעם יונגנמאַנס ברודער האָט לייביש געאַרבעט. ער פֿלעגט אוועקטראָגן די אַרבעט, אַוועקשמועסן מיטן פּאַטראָן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און דאָס, וואָס לייביש האָט כמעט תמיד פֿאַרשפּילט אין שאַך, פֿלעגט דעם פּאַטראָן אַזוי געפֿעלן ווערן, אַז ער פֿלעגט אַזש פֿאַרזעען אַ לאַפּיקע. האָט טאַקע לייביש געמאַכט די אמתע סעודה היינטיקן יום־כפּור.

דרויסן האָט זיך די זון געגאָסן אויף דעם ים צילינדערס, וואָס ס'האָט געטראָגן אָרעם און רייך — יידן, גבירים, דימענטן־הענדלער און „מאַרשאַ־נען"; און יידן, וואָס פֿירן אָרום וועגעלעך, יידן קרעמערס פֿון שפּייז־געוועלבלעך א. א. וו. און אַפילו די שיק־ייִנגלעך מיט די גרויע בערד האָבן געטראָגן צילינדערס היינט.

יידן זענען געגאַנגען אין שול אַריין. ס'זענען געגאַנגען ווייבער אין פֿוטער־מאַנטלען און האָבן געשוויצט סכנות־נפֿשות. ס'זענען געגאַנגען יידן מיט בייכער און גאָלדענע קייטן, מיט זייגערס, ווי די ריבן גרויס. און יידן, מיט אָפּגעבוימלטע פֿראַקן, אין צעבראָכענע צילינדערס, מיט זייערע אָפּגעבוימלטע ווייבער, אין פֿאַרפּוצטע הלבֿות, מיט פֿאַרדעקטן דלות. די גאַנצע שטאָט האָט געשטראָמט אין שול אַריין.

ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָ עקט זיך אַנטווערפּן, אַז אויף יענער זייט בריק איז די שטאָט, וואָס לעבט און וויברירט, פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. די גאַנצע שטאָט איז איין גרויסער יום־טובֿ. די באַנען נאָר קלאַפּן לענגאויס דער בריק,

סאַפּען און פּייפען, גייען זיך זייער טאָג־טעגלעכן גאַנג, הירזשען אויס זייער לאַנגן, אויסגעצויגענעם הילכיקן פּייף און זענען מחלל דעם טאָג.

באַ לייבישן איז אויך יום־טוב׳דיק. די צוויי שטיבלעך זענען אָנגעפּאַקט מיט חברים און חברטעס, „הפקר־מיידן" קאָכן און פּרעגלען, לאָזן נישט גיטעלען צורירן זיך צו קיין שום זאַך. זיי ווייסן, אַז די גאַנצע זאַך איז איר נישט ניחא, גיטעלען. זי האַלט, אַז מען קען זיין נישט פֿרום, זי גלויבט סיי ווי אין גאָרנישט, אָבער קאָכן אום יום־כּיפּור הייסט שוין אַביסל אַריבערגעכאַפּט די מאָס. די מיידלעך פּאָרן זיך, ס׳ברענט ממש אונטער זייערע הענט, זינגען אונטער רעוואָלוציאָנערע לידער, כאַפּן אויף אַ גוט וואָרט פֿון אַ חבר אין דער אַנדערער שטוב. לאַכן, האָבן אַליין עפּעס צו זאָגן. און אָט זיצט מען שוין אַרום טיש.

לייביש רעדט אויס אסור לדבר אויף אַנטווערפּן.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, חברים? — האָט לייביש גענומען אַ סיגאַרעט פֿונעם גרויסן קעסטל פּאַפּיראָסן, וואָס ר׳האָט גרייט אויפֿן טיש פֿאַר די געסט — אין דער היים האָב איך נאָך טיילמאָל געהאַט אַ פֿונק דרך ארץ פֿאַר אַ פֿרומען יידן, כ׳האָב געזען דעם שטות און דעם שאָדן, וואָס דאָס טראָגט מיט זיך; וואָזשע דען? דער הערלעכער גלויבן זייערער האָט מיך טיילמאָל גערירט. גלויבן אַן און פֿאַר זיך איז שיין! אָט גלויבן מיר דאָך אויך. מחמת סוף כּל סוף, לאָמיר זיך נישט נאַרן: ווען מיר לייענען מאַרקסן און הגם מיר מוזן מסכּים זיין, אַז זיינע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען זענען ריכטיק באַוויזן, אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, דער עקאָנאָמישער מצב, די צעפֿוילטע אָרדנונג, מוז זיך צעפֿאַלן, אַז ס׳איז אונזער הייליקער חוב צוצוהעלפֿן שטירצן די געביידע, וואָס גיכער. נישט לאָזן די צעפֿוילטע געביידע וואַרטן ביז זי וועט זיך אַליין צעפֿאַלן, און באַגראָבן אונטער זיך צופֿיל קרבּנות, אַז עס זאָלן דערווייל נישט שווינדזיכטיק ווערן אַזוי פֿיל גוטע מענטשן פֿון אירע טובערקולאָזע ווענט. פֿונדעסטוועגן — האָט לייביש אָנגעצונדן נאָך אַ סיגאַרעט, מחמת דער האָט זיך דערווייל אַליין אויסגערויכערט ביי אים אין ווינקל מויל — פֿונדעסטוועגן וואָלטן מיר פֿאַרלוירן דעם מוט צו אַרבעטן, ווען מיר הערן אויף גלויבן, אַז אַ שענערער מאָרגן וועט קומען, מחמת מיט בלויז מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען וואָלטן מיר נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם עקל פֿון אַזויפֿיל פּאַסקודסטווע, היפּאָ־

קריטסטווע און געמיינקייט, דעם ברוד, אין וועלכן מיר מוזן זיך גראַבלען. נאָר דער גלויבן האַלט אונדז צוזאַמען. דעריבער זאָג איך עס, אַז פֿאַר דעם יידן, וואָס האָט באמת געגלויבט, האָב איך נאָך געהאַט עפּעס אַ ווינקל אין מוח, צו אין האַרץ. כ'האָב אויף אים רחמנות געהאַט, צוליב זיין בלינדקייט, אָבער כ'האָב אים נישט אַזוי פֿיינט געהאַט, ווי זיי דאָ. ווען איך זע זיי גיין אין די שולן אַריין, תשובה טון און בשעת מעשה זינדיקן, אפילו אויפֿן וועג אין שול אַריין, מיטשלעפּן קנאה, שנאה, גרויס־האַלטעריש־קייט, באַרימעריי. מיט איין וואָרט — אַלץ, אויף וואָס זיי וועלן זיך באַלד קלאַפּן אין די בריליאַנטן־באַדעקטע הערצער אַריין גלוסט זיך מיר שטאַרק געבן זיי אַזאַ כראַקע אין די אָנגעפּרעסענע פּנימער אַריין, אַז זיי זאָלן דערטרינקען ווערן אינעם איינעם שפּיי.

חברים האָבן זיך צוגעהערט, איינגאַנצן מסכים געווען מיט לייבישן. אפילו גיטעלע האָט אַ טראַכט געטון, אַז ער איז גערעכט. זי האָט גאָרנישט געוווסט, אַז לייביש איז אַזאַ קלוגער מענטש.

— פֿון וואַנען קומען די בריליאַנטן? — האָט אַ נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע חברטע אַ פֿרעג־געטון.

לייביש האָט שוין פֿאַררויכערט אַ דריטן סיגאַרעט און האָט דערציילט: אַז ביזן סוף פֿונעם 19־טן י. ה. זענען זיי געקומען פֿון אינדיע. איצט קומען זייער אַ סך פֿון זיד־אַפֿריקע — האָט לייביש געוווסט די געשיכטע פֿון די דימענטן בעסער פֿון די אַלע גרויסע סוחרים, דורך וועמענס הענט עס גייען דורך פֿאַר הונדערטער טויזנטער און אפילו מיליאָנען פֿראַנק דימענטן אַ יאָר.

— אין זיד־אַפֿריקע — האָט לייביש ווייטער דערציילט — האָט מען אַנטדעקט דימענטן אין דער ערד צוליב אַ צופֿאַל. אַ קינד האָט זיך דאָרט גראָד געשפּילט מיט אַ שטיינדל. האָט איינער, אַ דאָקטער אָטערסטאָן אַ קוק געטון מיט וואָס דאָס קינד שפּילט זיך און ער האָט דערזען, אַז דאָס שטיינדל איז נישט סתם אַ שטיינדל נאָר אַ דימענט. האָט מען גענומען גראָבן. איצט גראָבן דאָרטן דימענטן אונזערע שוואַרץ־הויטיקע ברידער. זיי מאַכן רייך אַנדערע און שטאַרבן אַליין פֿון הונגער. זיי אַרבעטן ביי שווערע באַדינגונגען און ווען זיי קומען אַרויס פֿון די גרובנס, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, טוט מען זיי אויס נאַקעט און מען באַטראַכט זיי און מען באַשמעקט זיי, אפילו אין די אויערן גראַבלט מען ביי זיי, אַז זיי זאָלן חלילה נישט באַ־

האַלטן אַ שטיינדל פֿאַר זיך אַליין. אַרבעטן פֿאַר אַנדערע — יאָ. זיי האָבן דאָס רעכט צו אַרבעטן, אויסגעריסן צו ווערן, אָבער אַליין האָבן זיי נישט דאָס רעכט אַפֿילו צו עסן צו דער זעט. אַליין מעגן זיי אויסגעריסן ווערן, האָבן מכּות און דאָס האָבן זיי טאַקע. און קיינעם פֿאַלט אַפֿילו נישט איין, אַז דאָס איז אַן אַבסורד, אַן אומגערעכטיקייט. מען זאָרגט זיך נישט פֿאַר קיין ווייסע אָרעמעלייט, וועט מען זיך זאָרגן פֿאַר שוואַרצע?

— ווער נעמט צו די אַלע אויסגעגראָבענע דימענטן? — האָט דאָס מיידל ווייטער געוואָלט וויסן.

— אַ געזעלשאַפֿט, זיי רופֿן זיך „דע בערס קאָמפּאַני” און זיי קאָנטראָלירן די הויפּט־מינען אין קומבערלעי, זיד־אַפֿריקע.

גיטעלע האָט געשטוינט. ס'ערשטע מאָל הערט זי לייבישן רעדן וועגן דימענטן. און זע נאָר ווי ער ווייסט אַזוי אַלצדינג. זי דערמאָנט זיך, זי האָט דאָס אַמאָל געפֿרעגט דורן, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו וויסן. און ער האָט דאָך געענדיקט אַ הויך־שולע, דוד. און לייביש ווייסט זי דאָך אין וועלכער שולע ער איז געגאַנגען. דוד האָט איר דערמאָלט געזאָגט, אַז זיין טאַטע ווייסט אויך נישט. אַבי ער ווייסט צו מאַכן געלט פֿון די דימענטן. — האָט גיטעלע אַ טראַכט געטון און דער דרך־ארץ פֿאַר לייבישן האָט אַביסל געליטן.

נאָכמיטאָג האָבן זיך די חברים מיט לייבישן בראָש, אַוועקגעלאָזט, ווי יעדן יום־כּיפּור, צום אינקוויזיציע־הויז. דאָס איז שוין ביי לייבישן געווען אַ חוק ולא יעבור.

דער גרויער שלאָס, וואָס איז געשטאַנען אין אַנטוועריפּן פֿון הונדערטער און הונדערטער יאָרן, געשטאַנען דאָרט ווען אַנטוועריפּן איז נאָך אַ קליינטשיק שטעטעלע געווען און איז פֿונדעסטוועגן געווען די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. אָט דער שלאָס, וואָס די יעזואיטן האָבן שפּעטער געמאַכט פֿאַר אַן אינקוויזיציע־הויז, זעט אויס ווי אַ ברודיקער פֿלעק אויף דער שטאָט. די גראָבע ווענט זענען ערטערווייז ווייס ווי קאַלך. ערטערווייז שוואַרץ ווי ערד. שוואַרץ ווי די לופֿט אינעווייניק, אין די קעלערן זיינע. די שמאָלע פֿענצטערלעך זעען אויס ווי שוואַרצע שניטן, אין וועלכע עס האַלט זיך נאָך דאָס פֿאַרטריקנט־געוואָרענע בלוט פֿון די געפּייניקטע. צו אָט דעם גרויען שלאָס האָט זיך איצט לייביש אַוועקגעלאָזט מיט זיינע חברים.

ווען לייביש האָט געעפֿנט דאָס פֿאַרקיילעכיקטע, אייזן־געקאָוועטע טירל,

און ער מיט די חברים האָבן אראָפּגעבויגן די קעפּ און זענען אריין אינעוויי־ניק, האָט זיי אָן אַלט גויעצל, אַ קליינס און אַ דאַרס, וואָרים באַגריסט. זיין אָנציינעניק מויל און די העל־בלויע, וואַסערדיקע אויגלעך אונטער די אויסגע־קראָכענע ברעמען, האָבן זיך צעשמייכלט. דאָס געלע פּנימל, צעקנאָדערט, ווי אַלטער פּאַרמעט, מיטן שפּיציקן, אַרויפגעבויגענעם גאָמבקעלע, האָט זיך געטרייסלט. ער האָט פון ערגעץ אַרויסגענומען ליכטלעך, פּאַרזיכטיק איבער־געציילט, סיי די מענטשן, סיי די ליכטלעך, געגעבן יעדן אַן אָנגעצונדן ליכטל און דער האַנט אַריין, אַ זאָג־געטון:

— מ׳קען שוין מאַרשירן!

און זיך נאַרישעוואַטע צעלאַכט.

די חברים מיט לייבישן בראש האָבן זיך, ווי אין אַ פּראָצעסיע, אַוועקגע־לאָזט צום שמאָלן, שוואַרצן לאָך, וואָס פירט אַראָפּ־טרעפּ, אונטן אין די קעלערן אַריין. די מענטשן האָט מען צוליב דער פינצטערקייט נישט געזען. די פלעמעלעך נאָר האָבן זיך געשאַרט שטיל און מרה־שחורה׳דיק, זיך געדרייט און געשלענגלט צוזאַמען מיט די שפּיציקע, שטויב־באַדעקטע גרויע טרעפּ און דערציילט טרויעריקע מעשיות. אויף די טונקעלע ווענט האָבן זיך ציט־ריקע, שוואַרצע סילועטן געצייכנט. דאָס מיידל, וואָס איז אָקאָרשט אַרי־בערגעקומען פון אַ קליין־פּויליש שטעטל, האָט אַ געשריי־געטון, אַ וואָרף־געטון פון זיך דאָס ליכטל. לייביש האָט זיך געריכט דערויף. איז ער טאַקע די גאַנצע צייט געגאַנגען האַרט לעבן איר. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און האָט זי באַרואיקט.

— שרעקט אייך נישט, חברטע! ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן! הלואי וואָלטן מיר אַזוי מורא געהאַט פאַר דער לעבעדיקער רשעות.

דאָס מיידל האָט זיך כלומשרט באַרואיקט, זי האָט אפילו אַ שמייכל געטון, נאָר דער שמייכל איז געווען אַזאַ, וואָס האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין אָט דעם אָרט.

לייביש האָט צוריק אָנגעצונדן דאָס ליכטל, נאָר דאָס מיידל האָט אַ שויר־דער־געטון מיט די אַקסלען, און האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען עס צוריק אין דער האַנט אַריין. זי האָט זיך געטוליעט צו לייבישן, ווי אַ קליין קינד און האָט מיט אַרויסשטאַרנדיקע, צעשראָקענע אויגן געקוקט אויף

דער שוואַרצער גרויזאַמקייט, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַר איר אַנטפּלעקט. לייביש האָט איר אַרויפֿגעפֿירט אויבן, געוויזן איר:

— איר זעט, מיט דעם פֿלעגט מען ברעכן פֿינגער! איר זעט: אָט די אָ שטיקלעך פֿאַראָסטעטע אייזן האָבן געבראָכן הענט, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט בענטשן. הענט פֿון פֿרייע און גרויסע גייסטער.

לייביש האָט אָנגעוויזן אויף אַ מאַשין, וואָס איז זיך געשטאַנען אין אַ ווינקל, אויסגעזען זיך קאַלט, גלייכגילטיק, אומשולדיק.

— אָטאָ דאָ פֿלעגט מען אַריינשטעלן מענטשן, איינקלעמען זיי און לאָזן שטיין אַזוי לאַנג, ביז די נשמות פֿלעגן זיי אויסגיין. דאָס איז די האָק!

— גענוג, חבר, גענוג! כ'וויל מער נישט זעען! כ'קאָן נישט!

זי האָט אַזאַ ציטער געטון ביי לייבישן אונטערן אָרעם, אַז ער האָט באַשלאָסן איר מער נישט צו ווייזן.

— גוט, נאָר איין זאַך וויל איך אייך נאָך ווייזן! איר זעט די אויסקריצונג אויף די ווענט? איר זעט ווי צעראַצט זיי זענען? און ס'איז נישטאָ קיין פּיצל ליידיק אָרט. דאָ, אַז איר וועט ביים צווייטן באַזוך איבערלייענען, וועט איר זען דאַטומס פֿון הונדערטער יאָרן צוריק, דאַטומס, נעמען, פֿאַרלאַנגען, קללות און געבעטן, וואָס עס האָבן אויסגעקריצט די געפּייניקטע און דאַטומס פֿון נעכטן און אייערנעכטן, וואָס עס האָבן אויסגעקריצט טוריסטן, אַ קללה איבערגעלאָזט פֿאַר די יעזואיטן, וואָס האָבן כלומרשט אין נאָמען פֿון דער הייליקער רעליגיע אָנגעטון בלעריליי נגישות, פֿאַרפּייניקט מענטשן צום טויט צוליב דעם אייביקן הייליקן קאַמף פֿאַרן „איך". יעזוסעס טעאָריע, אַז מען שלאָגט דיך אויף איין באַק, זאָלסטו אונטערשטעלן די אַנדערע, האָבן זיי אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופֿן.

דאָס מיידל האָט זיך איינגעהערט, יעדעס וואָרט לייבישעס איז ווי אַ נייע תורה אין אירע אויערן געווען. דאָרט, אינעם שטעטל, אין דער פּראָווינץ, האָט זי אַזעלכעס נישט געהערט און נישט געזען. זי איז אין איינוועגס אַביסל צוגעוווינט געוואָרן צום חושך.

ווען זיי זענען צוריק אַרויף אויבן, האָט דער גוי געגעסן. ער האָט געדרזשאַמדזשעט מיטן אָנצייניקן מויל און גוט און נאַרישעוואַטע געשמייכלט.

— כויען דאָך מאַניער! — האָט ער נישט פֿאַרגעסן לייבישעס פֿאַראַיאָריקן ביער־געלט.

אינדרויסן, קעגנאיבער דעם אינקוויזיציע־הויז, האָט זיך געשפּרייט די שעלדע, אַ צעוואַליעטע, אַ ליכטיקע, אַ ברייטע און אַ פֿריילעכע.

און „אַה אָה אַה" — האָט זיך אַ ריס געטון פֿון אַלע העלדזער. דאָס פּראָווינצער מיידל האָט אַזש אַ קוויטש געטון פֿון פֿרייד.

— אוי, ווי שיין דאָ איז!

— איצט, חברים, צו דער שעלדע! — האָט עמיצער אַ זאָג געטון און זיי האָבן זיך ווידעראַמאָל אַוועקגעלאָזט ווי אין אַ פּראָצעסיע לענגאויס דעם טייך.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן. דאָס וואַסער האָט זיך ערטער־ווייז באַדעקט מיט שטיקער בלוט. ערטערווייז — מיט שטיקער גאָלד, זיל־בער און פֿיאָלעט. „אַזוי שיין האָט נאָך קיין טייך קיינמאָל נישט אויסגע־זען" — האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן מיט קינדערישער התפּעלות.

לייביש האָט זיך געפֿרייט. אים האָט הנאה געטון, וואָס דאָס מיידל האָט הנאה. און ער האָט גערעדט מכוח דער שעלדע מיט גדלות.

— איך האָב ליב די שעלדע צוליב איר ברייטקייט. אַלץ, וואָס איז ברייט, האָב איך ליב. — האָט לייביש געזאָגט.

— אחוץ ברייטע ווייבער! — האָט זיך אַ חבר געחכמעט.

לייביש האָט זיך העל און הויך צעלאַכט.

איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער שעלדע זענען, ביים סאַמע ברעג כמעט, געשטאַנען שיפֿן — שיפֿן פֿון אַלערליי גרויס און קאַליר. איבער יעדער שיף האָט געפֿלאַטערט אַ פֿאָן. פֿלאַטערנדיק אויסגעפּלאַפּלט פֿון וועלכן לאַנד זי קומט. איינע, אַ גרויסע שיף, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ ריזיקן שטח, איז געקומען פֿון האַמבורג. די שיף האָט זיך אויסגעשיילט מיט איר ווייסקייט, מיט איר פּאָלירטער זויבערקייט און לוקסוס. עטלעכע מאַטראָסן האָבן געלופֿטערט און געפּוצט די קאַבינע. די טירן פֿון דער ערשטער קלאַס זענען געשטאַנען אָפֿן. פּליוש, ניקל און שפּיגל האָבן אַ כאַפּ געטון ס'אויג. ס'איז דאָרט איצט קיינער נישט געווען. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך ארויס־געלאָזט איבער דער שטאָט, כדי זיך צו באַקענען מיט אַלץ, וואָס מען דאַרף זיך באַקענען, ווען מען קומט אין אַ נייער שטאָט אַריין...

— מעגלעך, אַז אַ טייל פֿון זיי זענען איצט אין אינקוויזיציע־הויז — האָט עמיץ אַ זאָג געטון.

— און אַ טייל — אין די שולן ! — האָט לייביש געלאַכט.

— להבדיל ! — האָט זיך דאָס פּראָווינצער מיידל אַרויסגעכאַפּט און איז רויט געוואָרן, ווי צונטער.

קעגנאיבער דער שעלדע זענען געשטאַנען אַ לאַנגע רייע וואָרן־הייזער, גרייט אויפצונעמען סחורות פון גאָר דער וועלט. אַן עלטערער פלעמער אין אַ פּאָר שטייפע, גלאַנציקע הויזן, מיט אַן אָפּגעשליסן, ברודיק בלוי רעקל, האָט געטראָגן אויף דער פּלייצע אַ ריזיקן קאַסטן. דער מענטש האָט זיך ממש געבראָכן אונטער דער משא. די דאַרע נאָז איז ביי אים געווען אויסגעצויגן און פאַרשפּיצט. דאָס צעקנייטשטע, אויסגעדאַרטע פּנים, אינגאַנצן נאָס פון שווייס. די אויגן — רויט און אַרויסגעקאָלערט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט וואַרפט אים דער קאַסטן אום, פאַלט אויף אים אַרויף און לאָזט אים ליגן אַ טויטן. נאָר דער מענטש איז געווינט געווען צו זיין עובדה. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שווערע משא, אַוועקגעלייגט זי ווו מען דאַרף, אָפּגעווישט דעם שווייס מיט אַ פאַרפעטסטער שמאַטע, פאַרוויקלט זיך אַ פּאַפּיראָס און ער פליט שוין ווידער איבערן וועג, אויפנעמען אַ נייע משא.

די פּאַרטיערן, אַלע אָפּגעפליקטע, איינגעקוואַרטע, זענען געפלויגן איבער די שטיקלעך שינעס מיט אָנגעפּיקעוועטע, גרינע טוטשקעלעך, וואָס האָבן גע־ליאַרעמט מיט אייזערנעם געקלאַטער, שיעור נישט פאַרמזיבט די מרעגער, וועלכע האָבן אליין אויך געליאַרעמט, איבערגעוואָרפן זיך מיט „האָוס" און „האָאָס". די הויב־מאַשינען האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּברענגען פּעק סחורות, אויפהויבן אַנדערע. אַ מין אויסטויש פון מסחר, וואָס פירט זיך, דאַכט זיך, פון זיך אַליין.

דער פּאַרנעם איז ריזיק. דער האַנדל־וואַנדל, הו־האַ גייט אָן, ווי אין יעדן וואָכנדיקן טאָג. הגם אַ סך פון די אייגנטימער זענען היינט אין די שולן פון גאָר דער וועלט. די גאַנצע לענג פון דער שעלדע האָבן די חברים שיעור נישט אויסגעמאָסטן. ערשט ווען אין מערב זייט האָט זיך די זון אינגאַנצן אויסגעלאָשן, און ס׳האָבן זיך גענומען צינדן הויכע, עלעקטרישע לאָמפּן, באַ־גאָסן דאָס וואַסער, וואָס האָט קיין רגע נישט גערוט, מיט גרויסע שטיקער און אָפּגעריסענע פּיצלעך אַלט גאָלד, איבערגעלאָזט שטיקלעך שעלדע טונקל־בלוי, ערטערווייז אינגאַנצן שוואַרץ און מיט אַ גאַנצן ים שטערן אין וואַסער, זענען חברה אַהיימגעפאָרן.

יידן זענען שוין געגאַנגען פֿון שול. אויסגעלייזטע פֿון עבֿירות און פֿון יעדן טראַפֿן בלוט אין פּנים, מיט פֿעקלעך אונטער די אָרעמס, מיט מחזורים, סליחות, חלשות־טראָפּנס און נישט קיין באַהאַלטענע שמחה, וואָס דער יום־הדין איז שוין פֿאַריבער, וואָס ס'איז מוצאי און נישט ערבֿ יום־כּיפּור. יידן האָבן זיך אַנגעווונטשן, געגעבן זיך די הענט, אַנגעווונטשן אפילו די אָרעמע־לייט פֿון וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט און אַהיימגעאײַלט זיך איבערבײַסן.

קאַפּיטל 19

דעם הײַנטיקןווינטער איז בערמאַנען געגאַנגען ערגער ווי תּמיד. ער האָט זיך כּסדר געמוזט אָפּהיטן פֿון אַ פֿאַרקילונג.

דראַבנע רעגנדלעך האָבן זינט אַנהויב חשוון נישט אויפֿגעהערט קאַפּען מיט זייער נודנעם, מאָנאָטאָנעם, ריטמישן דריפּ־דראַפּ, דריפּ־דראַפּ. נישט אויפֿגעהערט ווייקן די שטאָט, גורם זײַן איר אַ שלאַבעריק, צעקראַכענעם אויסזען. דער הימל האָט זיך כּסדר באַהאַלטן הינטער שווערע דעקן, וואָס האָבן ווי שטיקער צונויפֿגעשטוקעוועטע ברודיק־געוואָרענע קנוילן וואַטע אויס־געזען; אַ פֿאַרהילטער, זיך געטוליעט אַלץ נידעריקער צו דער ערד.

די קעלט איז קיין קעלט נישט געווען, נאָר אַ מין נאַסער וואָרעם, וואָס איז געקראָכן איבערן לײַב און עס געשווידערט, אײַנגעגעסן זיך אין די ביינער, געריסן אין האַלדז און געשטיקט סכּנות נפֿשות.

האָט זיך בערמאַן כּסדר אַרומגעדרייט אינעם רויטן, סאַמעטענעם שלאָפֿ־ראָק איבער די העל־באַלויכטענע, גוט־געהייצטע שטיבן און געהאַט טענות צום רבונו של עולם, הלמאי ער שטראָפֿט אים אַזוי שווער, הלמאי יעדער גאָלע־גאַרנישט, יעדער קבצן, יעדער שלימזל — מענטשן וואָס קענען אַ קאַץ דעם עק נישט פֿאַרבינדן — טראָגן זיך אַרום איבער די גאַסן, דרייען זיך אין די רעסטאָראַנדלעך מיט קעסטעלעך אירים, שאָקאָלאַדע, שוועבאַלעך, פּאַ־פּיראָסן, קנעפּלעך און זאָקן, האַנדלען און וואַנדלען מיט וואָס זיי ווילן און ווען זיי ווילן, גייען אַנגעטון נאַקעט, שלעפּן זיך אין אַלע וועטערן און עס שאַדט זיי גאָר נישט. אפילו, אַז זיי פֿאַרקילן זיך, הוסטן זיי אַביסל אונטער און הערן אויף, צו זיי הערן נישט אויף, אָבער ס'געשעעט זיי גאָרנישט. און נאָר

ער. בערמאן, טאמער כאפט ער די מינדסטע פארקילונג, הייסט אים דער דאָק־טער זיצן אין שטוב און סטראשעט אים כסדר מיט:

— ס׳קאָן נאָך ווערן ערנסט!

אז פונם בראָנשיט קען דאָס האַרץ שוואַך ווערן. און ווער האָט דאָס נישט מורא פאר קיין שוואַך האַרץ? איז ביטער. זיצט ער אין שטוב, בערמאן, און עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט. מ׳קען מאַכן אַ פראַנק און מען לאָזט נישט.

די ביורא שטייט שוין איבער אַ חודש געשלאָסן. מילא, וואָלט דאָס נישט געווען קיין אומגליק. די באַלמעלאָכעס קענען זיך מטריח זיין, קומען צו אים אַהיים אַרויסנעמען די אַרבעט. פאַרקויפן קען ער אויך, זיצנדיק אין דער היים. זיינע מעקלערס ווייסן ווו ער וווינט. די צרה איז נאָר מיטן קויפן.

כדי צו קויפן גוטע סחורה במקח, מוז מען זיין אויפן אָרט, מחמת אויף אַ מציאה׳לע זענען פאַראַן געגוג בעלנים. קיין אויסגעבראָכענע סחורות טראָגט מען נישט אין שטוב אַריין. מען דאַרף קוקן דעם סוחר אין די אויגן אַריין, דורך אַ בליק פון אַן אויג, דורך אַ מינע, כאַפּן זיך, אַז יענער האָט עפּעס צו פאַרקויפן. דאַרף מען האָבן שכל, אָפּגעבן יענעם שלום־עליכם, פרעגן אים וואָס ער מאַכט, וואָס די פרוי מאַכט, וואָס ער לאָזט זיך נישט זען, און פון גרויס פריינדשאַפט, נעמען יענעם אונטערן אָרעם און אַרויסשפּאַצירן צוזאַמען פון דער בערזע אויף אַ גלעזל קאַווע, ערגעץ אין אַ זייטיק געסל, און אָנהויבן מסחרן.

און דאָ זיצט ער אין שטוב. ניין, זיי וועלן נישט טראָגן קיין אויסגע־בראָכענע סחורה אין שטוב אַריין. זיי אַרבעטן נישט פאַר קיין עולם־הבא און וועלן נישט קומען אונטערשטיצן קיין חולה. יאָ, ווער עס איז ביי דער שיסל, דער עסט.

קרעכצט בערמאן, אָכצט בערמאן און בייזערט זיך. רחל שרומפּט כסדר איין אין זיך אַליין. זי וואָלט זיך איינגעמאַכט אין אַ קליין טעפּעלע — ווי רחל אַליין זאָגט — אַבי זיך אים נישט צו וואַרפן אין די אויגן. איז ווי אויף להכעיס. דאַרף ער זי כסדר האָבן. דאָ איז אים צו־וואַרעם אינעם וואַטאָוון שלאַפראָק, דאָ איז אים צו־קאַלט אינעם סאַמעטענעם שלאַפראָק. דאָ דאַרף ער איינ־נעמען די מעדיצין. דאָ איז דאָס פייער אינעם קאַמין צופיל צעגליט, דאָ איז עס צו נידעריק, דאַרף מען צולייגן קוילן. דאָ שטיקט אים דער הוסט. דאָ חליַשט אים ס׳האַרץ, דאָ דאַרף ער זיך בייזערן און ער האָט נישט אויף וועמען.

אַזוי דאַרף ער זי כסדר האָבן. עס העלפֿט נישט קיין אויסבאַהאַלטן זיך און קיין מאַכן זיך נישט הערנדיק און אין שטוב איז אַ גיהנום.

פֿאַר אַ צולאָג האָט זיך דער אַלטער אויך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און ליגט דעם גאַנצן ווינטער. אמת, ער ליגט שטיל, פֿאַר זיך, ער דאַרף גאָר־נישט, אַבי מ׳וויקלט אים אַרום די רצועות, פֿעלט אים גאָרנישט. גיט מען אים צו עסן, עסט ער. גיט מען נישט, עסט ער נישט. נאָר מ׳גיט יאָ און די רצועות וויקלט אים בערמאַן אַליין אַרום. אַזוי, אַז עס פֿעלט אים נישט חלילה גאָר — אַזוי זאָגט ער, דער אַלטער. ווען עס מאַכט זיך, אַז ס׳קומט אים אַמאָל עמיצער אַריין מבקר חולה זיין.

דוד האָט זיך דעם גאַנצן ווינטער אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס, ווי תמיד. אויסגעהערט דעם פֿאָטערס האַרצרייסנדיקע קלאָג־לידער צוליב די היזקות, וואָס דער בראָנשיט איז אים גורם, דער מוטערס שטילע, פּחדנות׳דיקע קרעכ־צעלעך, דער שוועסטערס מעשיות מכוח איר טאַלאַנט בשעת די מצוה־טענץ, וואָס זי פֿירט אויס פֿאַר אַלערליי תלמוד־תורות, ביקור־חולים׳ס און אַזוי ווייטער, צוגעזען דעם זיידנס געל פּנים, ווערן געלער נאָך, דעם פֿאַרגלי־ווערטן שמייכל — טויטער נאָך, און זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון.

ער האָט מיט זיך אַליין צום טויזנטסטן מאָל איבערגעשמועסט אין דער מחשבה, אַז אייגנטלעך איז עס אַן אַבסורד. וואָס האָט זי דאָ געטון, גיטעלע? וועלכער מענטש וואָלט זיך נישט אָנגעטון שענער, ווען ער האָט פֿאַר וואָס? געגעסן בעסער און במילא אויסגעזען בעסער? צום טויזנטסטן מאָל איינגע־טענהט מיט זיך אַליין, אַז ער איז אומגערעכט לגבי איר, אַז חשד איז אַ מיאוסע זאַך, אַז חשד טאָר מען נישט לאָזן וואַקסן, נאָר פֿאַרקערט — אויסוואָרצלען דאַרף מען אים. אַז נישט, פֿאַרסמט ער ס׳אייגענע בלוט. נישט געזען, אַז דער חשד האָט אים שוין געהאַט פֿאַרסמט דאָס בלוט און אַז טאָקע צוליב דעם האָט ער נישט קיין מנוחה, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט און פֿאַרט האָט ער זיך ביסלעכווייז אָפּגעווינט פֿון גיטעלען און אפילו פֿונעם קינד.

הגם טיילמאָל, אין טונקעלע אָוונטן, פֿלעגט ער, שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן, כדי אויסצומיידן די שטוב, נאָך אַלץ נישט ווייסנדיק אפילו, אַז ער טוט עס, צוקומען צום הויז. די פֿיס פֿלעגן אים דאַרט אַליין אַהין פֿירן. דעמאָלט פֿלעגט זיך די בענקשאַפֿט ווידעראַמאָל דערוועקן. אָפֿטמאָל פֿלעגט ער זען דורך די פֿאַרהענגלעך די שאָטנס פֿון די מענטשן אינעווייניק. ס׳האָבן זיך

געהוידערט סילועטן, ער האָט דערקענט לייבישעס צעוואַקסענע פיגור, דעם צעפּאַטלטן קאָפּ האָר, גיטעלעס קליינע פיגור פּלעגט זיך אַ צייכן־טון אויפן פאַרהאַנגל און פאַרשווינדן. אָפטמאָל האָט זיך דורך די פאַרמאַכטע פענצ־טער אַ ניגונדל דורכגעשלאָגן אַ וועג. אַמאָל פלעגט זיך דאָס קינד צעוויינען. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט די בענקשאַפט, כאָטש איין קוק צו געבן אויפן קינד, ווערן ממש אומדערטרעגלעך. נאָר ער האָט עס נישט געטון. ער פלעגט זיך מיט אַלע כוחות אַוועקרייסן, מיט פלינקע טריט אַוועקשפּריזן.

אין אַזעלכע אָוונטן פלעגט שוין דוד נישט אַהיימגיין, ער פלעגט שוין אָפּזיצן, נישט ווי ביז איצט, אין די קאַפּעען, נאָר אין די קאַבאַרעטן, ס'האָט אים שוין אפילו אויפגעהערט האַרן, ווער עס צאָלט. ער איז געוואָרן חבר־לאַפּ מיט זשולן, גאַנצע נעכט געהוליעט צוזאַמען.

אין אַנטוערפּן האָט מען זיך פון דער נבלה גיך דערוווסט. און אַנט־ווערפּן האָט נישט געשוויגן. זשולן האָט מען צורו־געלאָזט. אַ פעטער ביסן איז פאַר זיי געוועזן דוד. אויף צו באַרעדן בערמאַנס אַ זון איז יעדערער געוועזן אַ בעלן. רחל האָט פון אַן אויפגעכאַפּט וואָרט דאָ און דאָרט, אַנגע־שטויסן זיך, אַז מען באַרעדט איר קינד און זי האָט געקלאָגט. פאַר אַ צולאָג האָט גראָד דעמאָלט דאָס דינסט־מיידל אַנעקע אָנגעהויבן קריגן געלע פלעקן אויפן פּנים. זייער אָפּט אָפּקערן זיך צום זליוו און זיך באַפרייען פון דער נישט־גוטיקייט. ביז רחל האָט זיך אַרומגעזען, האָט זיך אַנעקע שוין געריבט אין קימפּעט אַריין.

— וואָס איז דאָס, אַנעקע ? — האָט איר רחל אַ טאַפּ־געטון דעם בייך.

אַנעקע איז רויט געוואָרן, אָבער זי האָט זיך גיך באַרואיקט :

— גאָרנישט !

— וואָס הייסט גאָרנישט ? און וואָס איז דאָס ? — האָט רחל געוויזן דעם שיקסל דעם בויך.

אַנעקע האָט זיך צעוויינט, באַלד אַליין זיך באַרואיקט, אויסגעשנייצט זיך די נאָז, אָפּגעווישט די טרערן און דערציילט רחלען, אַז ער זאָגט איר צו, אַז דאַסמאָל וועט ער מיט איר חתונה האָבן, אַז זי האָט שוין צוויי קינדער אַחוץ דעם.

— דער טאַטע זאָגט, אַז נישט, וועט ער אים דערהרגענען !

רחל האָט זיך נישט צו שטאַרק געחידושט. ביי די פֿלעמער איז עס קיין נייעס נישט געווען.

— און ווער האַלט די קינדער? — האָט רחל געפֿרעגט.

— ס'הייסט ווער? די מאַמע — האָט זיך אַנעקע געחידושט און זי האָט זיך גענומען אָפּוואַשן דאָס געפֿעס, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

— זיי קאָנען לעבן אויף דער וועלט. אַז דאָס לעבט ווי קעץ, נישט גע־שטראָפֿט זאָל מען ווערן פֿאַר די רייד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז רחל האָט באַלד אָפּגעשאָפֿט די דינסט, נאָר שטאָט האָט שוין סיי ווי געריעדט.

— איז עס אמת, מאַדאַם בערמאַן האָט אַוועקגעשיקט די שיקסע?

— גייען זי שוין!

— וואָס וואונדערן זי זיך אַזוי? אַז מען האָט זאַ איין תכשיט אין הויז? — האָבן ווייבער געמאַכט שנעבעלעך, הגם אַנעקע אַליין האָט אפילו נישט אין זינען געהאַט צו באַשולדיקן דורן. זי האָט געוווּסט מיט וועמען זי האָט גע־האַט עסקים, זי האָט אויך געוווּסט, אַז איר „פֿרייער" (חתן), וואָס אַרבעט אין שאַרלעראָא, אין אַ קוילן־מינע, וועט איר סיי־ווי קיין פרנסה נישט קענען געבן און אַז זי וועט סיי־ווי מוזן דינען, אָבער זי האָט זיך דערפֿון ווייניק וואָס געמאַכט. ערגער איז איר געווען דאָס, וואָס אַז דער פֿאָטער קומט אַהיים שיכור, שלאָגט ער זי, די מוטער און אירע קינדער. ווען ער איז ניכטער, איז ער גוט, דערציילט אַנעקע, שפּילט ער זיך מיט די קינדער, לייגט זיך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע, לאָזט זיי רייטן אויף זיך.

— זאָלן זיי טון מיט מיר, וואָס זיי ווילן! — לאַכט ער.

ער זעט אויס אַזוי קאָמיש. די מאַמע בייזערט זיך אויף אים, זי רופֿט אים „אַלטער נאַר" און ער קוועלט. נאָר אַז ער שיכורט זיך אָן, איז אַן אומ־גליק. קאָפּעט ער דער מאַמען אין בויך אַריין. איינמאָל האָט ער שיעור אַרויסגעוואָרפֿן אַ קינד דורכן פֿענצטער. תמיד שלעפּט ער די קינדער צום פֿענצטער און וויל זיי אַרויסוואַרפֿן. ווער ווייסט צו ער וועט זיי נאָך נישט אַמאָל אַוועקהרגענען.

— אַז די טאָכטער איז נישט בעסער פֿון דער מאַמען! — שרייט ער.

— די מאַמע האָט געהאַט צו צוויי און צוואַנציק יאָר פֿיר קינדער, אַן אַ מאַן

און די טאָכטער האָט ערשט ביים געלעגן ווערן מיטן דריטן. טפו, זאָלט עס ווערן, ווייבער. — און ער שפּייט דער מאַמען אין פּנים אַריין.

רחל איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן, מיט אַ שאַל אַרום די אַקסלען און געווישט די טרערן, באַהאַלטן זיך, בערמאַן זאָל נישט זען, אַז זי וויינט. און אַמאָל האָט זי זיך אַפילו אַרויסגעכאַפּט, געוואָלט אָפּרעדן זיך ס'האַרץ פאַר אים.

— ס'איז נאָך מער הארצווייטיק, ווען מען ווייסט, אַז מען האָט אַזאַ אָפּגעהיטן קינד, ווי דוד איז.

— אַ קינד? אַ ילד ורצח! אַ קינד? — אַ שלימזל, אַ פוילענצער, און אַ שונא דעם אייגענעם טאַטן. דאָס איז דאָס קינד אירס! אַ שאָד דו זויגסט אים נישט אָן. כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך בערמאַן צעלאַכט און באַלד צעהוסט זיך מיט אַ וויין, פעט הוסטל, אַזאַס, וואָס קומט פון דער ברוסט, און מען הערט עס דאַרטן ציען זיך, ציען זיך אָן אַן עק און אָן אַ סוף. רחל האָט אים אונטערגעטראָגן די מעדיצין.

— נאַ, נעם!

אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַ פרעסטל, וואָס עס טרעפט אין אַנטוועריפן זייער זעלטן, פלעגט בערמאַן אויפשטיין פרי, כדי צו פאַרכאַפּן דעם דרויסן, אַזוי לאַנג ווי די זון שיינט. רחל פלעגט אים דערלאַנגען אַזויפיל „יעגערס"־לייבלעך, וויפל ר'האָט נאָר געוואָלט און געוואָלט האָט ער אַ סך. דערנאָך פלעגט זי אים אַליין אָפּפוצן די פעדערלעך פון פאַלטן, אַרומוויקלען אים דעם וואָלוטשקענעם שאַליק אַרום האַלדז און אים אַ צעפרידענע אַרויסבאַגלייטן.

— זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט!

זי האָט צעעפנט אַלע פענצטער, אַריינגעלאָזט אַביסל לופט אין שטוב אַריין, אַרויסגעלאָזט דעם ריח פון רפואות און, אַ באַפרייטע, אָפּגעזיפצט:

— אַה גאָט צו דאַנקען!

אין בערזע איז ווינטער געווען פרייליכער ווי זומער. ערשטנס, זענען די סוחרים אַלע אין שטאָט. די גרויסע, אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּן ברענען העלער, די וואַרעמקייט איז געשמאַקער, דער טומל — געדיכטער און היימישער, די דימענטן שימערירן פאַרביקער, די סוחרים זענען אויס פאַרטיפטער אין מסחר. בערמאַן האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט וויפל סוחרים ער האָט נאָר געקענט אין דער בערזע, אַוועקגעלאָזט זיך אין דער „פאָרטונע" אַריין. ער

ווייסט נישט ווען ס'וועט זיך נאָכאַמאָל טרעפן אַזאַ טאָג, האָט ער אַריינגעכאַפּט וויפל ס'האָט זיך געלאָזט.

אין דער „פאָרטונע" זענען די סוחרים געזעסן אַרום די טישלעך, גרופּנווייז, טייל האָבן געשפּילט שאַך, אַנדערע האָבן געקיבוצט, געשפּילט אין דאָמינע. ביי איין טישל זענען געזעסן אפשר צוואַנציק מענטשן, קאָפּ אויף פּלייצע איז מען געזעסן און מיט גרויס ערנסטקייט געשפּילט אין קאָרטן. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער ביליאַרד־טיש, עטלעכע יונגעלייט האָבן געשפּילט ביליאַרד. די ווייסע באַלעכלעך האָבן זיך גיך און חנעוודיק געקייקלט איבערן גרינעם געוואַנט. די מענטשן זענען דאָ געווען אַזוי פאַרטון אין שפּילן, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, זיי זענען לכתחילה אַהערגעקומען, כדי צוצוקוקן זיך צום לויף פון די ווייסע באַלעכלעך, מסחר ליגט זיי נישט אין דער לינקער פּאה אפילו...

איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדעלע און אַ דאַר נעזל מיט אַ פּאָר שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, שיינע אויגן, — אין אַזעלכע אויגן פאַרליבן זיך מיידלעך ביז צום שטאַרבן — איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס ווער ס'וועט וועמען מנצח זיין. דערזען בערמאַנען, איז ער צוגעקומען, אָנטקעגנגעטראָגן אים ביידע ווייסע ווייבערישע הענטלעך מיטאַמאָל:

— אַ, וואָס מאַכן זי הער בערמאַן? מ'האָט אייך שוין זאָ לאַנג נישט געזען! ווי פילן זי זיך? בעסער? געלויבט השם־יתברך!

— יאָ, פיל בעסער, גאָט צו דאַנקען! און וואָס מאַכן זי, הער צווייגנבוים? — האָט בערמאַן אָנגערופן דעם שנעק „הער".

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. בערמאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז קראַנק, געהייסן זיך דערלאַנגען אַ גלאָז הייסע מילך.

דער לאַנגער זאַל פון דער „פאָרטונע" איז געווען פול מיט רויך. ס'איז דאָרט געשטאַנען אַ פּאַרע פון די צענדליקער גלעזער טיי, וואָס די מענטשן ביי די טישלעך האָבן געזופט. די פּאָדלאָגע איז געווען פייכט, אין מיט זאַל האָט זיך אַ גרויסער טעפּיך נאַסע בלאָטע געצויגן, פון דער סאַמע טיר ביז צום בופעט אויבנאָן.

בערמאַן האָט געזופט פון דער מילך און אויסגעפרעגט דעם יונגנמאַן, ווי אַן אויספאָרשונגס־ריכטער. קודם־כל האָט ער געוואָלט וויסן, ווי ס'גייט

אים, און ווי ס׳געפֿעלט אים דאָס פֿאַרהייראַטע לעבן און בעיקר — צו האָט ער שוין אויף אַן אמת איינגעפֿעדעמט. ס׳הייט, צו טוט ער שוין אין מסחר. אויב יאָ — צי רעכנט ער צו האַנדלען מיט „ברוט״, אַזוי ווי דער שווער זיינער, צי מיט געשליפֿנס און אפֿשר רעכנט ער גאָר צו פֿאַבריצירן, וויפֿל נדן האָט ער גענומען. ער פֿרעגט נישט צוליב הוילער נייגעריקייט, גאָט בעוואַרע, נאָר ער איז אים, דעם יונגמאַן, איין גרויסער פֿרײַנד, דעם שווער — אויך. דער שווער ווייסט עס. אָט צוליב וואָס ער וויל וויסן.

נאָר דער יונגערמאַן איז געוועזן קאַרג אויפֿן וואָרט און האָט אויף אַלעם געהאַט איין ענטפֿער:

ער ווייסט נאָך אַליין נישט! און דעם שווער גייט עס ברוך־השם גוט. געוויס. און מכוח דעם נדן — האָט ער זיך בכלל נישט געמישט. דאָס איז שוין געוועזן אַן ענין צווישן דעם פֿאָטער און דעם שווער.

וואָס מער בערמאַן האָט געפֿרעגט, אַלץ ווייניקער האָט ער געוווסט, האָט ער זיך לסוף מישב געוועזן, בערמאַן, זיך געזעגנט מיטן כיטראַק און איז אַ בייזער אַוועק צו אַן אַנדער טישל. אָט די קבצנים, די צווייגנבוימס, האָבן שכל! נאָר זיין בהמה...

פֿון אַלע זייטן זענען צוגעקומען סוחרים, האָבן גוטע פֿריינט געוואָלט וויסן וואָס בערמאַן מאַכט, געפֿרייט זיך וואָס מען זעט אים צוריק אין געשעפֿט, געפֿרווט פֿאַרקויפֿן אים פּאַרטיקעס. בערמאַן האָט פֿאַר יעדן געהאַט אַן אַנדער וואָרט, אַן אַנדער מינע, דאָ געכאַפּט אַ קוק, דאָ אַ שמעק, אַ טו אָן די לופּע, אַ מיש מיטן צווענגל, אַליין אַרויסגענומען עטלעכע פּאַרטיקעס, אויפֿגעמאַכט אַ פּאַפּירל, אַ שאָקל געטון עס, כדי דער גלאַנץ אין די שטיינער זאָל זיך יאַוויען. ס׳האָט אַ בלייטש געטון, ווי טראָפּנס וואַסער, ווען מען שאָקלט זיי אַראָפּ פֿון אַ בלאַט.

ער האָט געמאַכט געשעפֿטן. סיי דאָ, סיי אין דער בערזע. אַרום דרייַ אַזייגער האָט זיך בערמאַן גוט אַרומגעוויקלט דעם שאַליק אַרום האַלדז, צוגעקנעפּלט דאָס לאַנגע אויבער־בגד ביזן לעצטן קנעפּל און איז אַהיימגעגאַנגען, ווייל ס׳איז נאָך טאָג.

קיין סך אַזעלכע טעג האָט ער יענעם ווינטער נישט געהאַט, בערמאַן.

קאַפּיטל 20

ווי אַלצדינג אין דער וועלט, איז דער ווינטער אויך פאַרביי. די זון האָט שוין אָנגעהויבן ווערן הייסער, דער פרילינג איז שוין אויך אוועק, ס'איז שוין געוועזן אָנהויב זומער. בערמאַן איז צוריק אין בערזע, ער האַנדלט, ער מאַכט געשעפטן, ער דערזעט דער ערשטער ווו עס איז פאַראַן עפּעס רעכטס צו קויפן, ער פירט זיך כסדר אַרום מיט קלוגע יונגעלייטלעך, אין פיין־געניייטע אָנצוגער, מיט גרויסע בריליאַנטענע רינגען אויף מיטלסטע און מינדסטע פינגער און סיי ער, סיי די יונגעלייטלעך בלישטשען מיט די אויגן, ווי קעץ אין פינצטערע מערץ־נעכט.

די ביורא אויף פעליקאַן־שטראַסע איז שוין ווידער אָפן. די אַרבעטער שמייכלען שוין ווידער צו דער פראָסטיק־גלעזערנער טיר פון בערמאַנס קאַבינעט. און אַלץ גייט כשורה.

בערמאַן מאַכט גראָד בעסערע געשעפטן ווי ווען עס איז פריער. ער הייבט זיך אָן אָפּנעמען פאַר די היזקות אין ווינטער, דאַרף גראָד דעמאָלט געהרגעט ווערן עפּיס אַ פרינץ אין סערביע און צוליב אָט דעם פרינץ, וואָס בערמאַן האָט נאָך קיינמאָל זיין טריפה'נעם נאָמען נישט געהערט, דאַרף אויסברעכן אַ מלחמה און סטאָפּ!

עס שטעלט זיך שוין ווידער אָפּ דער מסחר, אויף דער בערזע איז שוין ווידער טויט, אַלץ, וואָס מען הערט איז:

— אַ קלייניקייט, אַן עסטרייכישער פרינץ! עסטרייך האָט נישט געשאַנקען, וואָדען?

— עך האָב באַלד געוווסט! עסטרייך עט נישט שענקען! שפּילט זיך מיט עסטרייך!

בערמאַנען ליגט נישט אין דער לינקער פּאה, צי עסטרייך וועט יאָ שענקען, צי נישט. אים איז סתם שלעכט.

קיינער רירט זיך נישט צו נישט צו קיין קויפן, נישט צו קיין פאַרקויפן, מען ווייסט נישט וואָס צו טון, מען האָט מורא צו קויפן, טאָמער פאַלט סחורה, און ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, ס'מוז דאָך פאַלן. ווער וועט דאָס אין זינען האָבן צו קויפן בריליאַנטן, בשעת ס'עט בושעווען אַ מלחמה? טייל סוחרים האַלטן פונקט פאַרקערט: אַז גראָד איצט דאַרף מען זיך אָנגריטן

סחורה. ס׳איז דאָך שׂכל׳דיק. אין מלחמה־צייט, מ׳עט נייטט צופירן פֿון אַפֿריקע קיין רויע וואַרע, און אַז ס׳עט אויספֿעלן ברויט, וועט זיך דאָך דער שטיין מוזן הויבן, וועט דער, וואָס וועט האָבן געשליפֿענע סחורה, מאַכן אַ שׂלל מיט געלט.

אַזוי רעדט מען און מען רעדט און מען זאָגט אַרויס סבֿרות און מען גיט עצות — יענעם, נאָר אַליין ווייסט מען נישט וואָס צו טון. און דער מסחר איז טויט. און קיין פֿרעמדע סוחרים קומען נישט אַהער, וואָס זענען שוין דאָ, איילן זיך אַהיימצופֿאָרן, בעיקר איילן זיך אַהיים די אַמעריקאַנער, וואָס זענען גראָד די אמתע אָפּנעמער. ס׳שטעלט זיך אָפּ די אַרבעט און עס איז אַן אמתער חורבן.

בערמאַן דרייט זיך שוין ווידער אַרום אַ צעטומלטער ביי זיך אין דער היים. די מאַשינען ביי די שנײַדערס שטייען שוין ווידער איבערגעדעקטע און שטילע, ווי די מתים, וואו מיט אַ פֿאַרהענגל, וואו מיט אַ פֿאַרטוך און רייצן זיך מיט די באַלעבאַטים זייערע, די אַרבעטער, און ציען אַרויס פֿון זיי דעם דם התמצית און זיי קענען זיך קיין עצה נישט געבן, די מענטשן. זיי ברעכן זיך נישט די קעפּ, צי זאָלן זיי יאָ אָנקויפֿן בריליאַנטן, צי נישט. זיי ברעכן זיך די קעפּ, צי וועט מען זיי באַרגן אַ ברייטל אין קרעמל, צי נישט. מחמת ס׳איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, ווער וועט דאָס באַרגן אין מלחמה־צייט ברייטלעך?

זענען שוין די מענטשן אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, פֿינצטערע, נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ביי די סאַמע אָנצוהערענישן אין די צייטונגען, אַז ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל אויסברעכן אַ מלחמה, האָבן שוין די אַרבעטער געשלעפּט וואָס מ׳האָט פֿאַרמאָגט אין לאָמבאַרד אַריין.

די גאַסן זענען שוואַרץ פֿון מענטשן. אומעטום — מענטשן. די לעווריק־שטראַסע, אָדער ווי לצים רופֿן די האָזיקע גאַס, בולוואַר דע לעוויריק, האָט זיך אַרויסגעצויגן אין גאַס אַריין און געטומלט.

ייִדן האָבן געאַרבעט מיט הענט, געשאָקלט מיט בערד, אַרויסגעזאָגט אייגענע העשׂרות און צונישט געמאַכט פֿרעמדע. גאַליציאַנער ייִדן האָבן „געגעבן סטראַטעגישע עצות” דעם עסטרייכער, דעם דייטש, אַנולירט דעם שונא מיט אַ מאַך פֿון דער האַנט, מיט אַ קנייטש פֿון שטערן. האָט דאָס אויפֿגערייצט די רוסישע און רוסיש־פּוילישע ייִדן, האָבן זיי געמאַכט אַ וויצעקו:

— סטייטש, ווי איז נאָך אַזױ געהערט און געזען געוואָרן, אַז מען זאָל דערלאָזן שונאים זאָלן שטיין אין מיט גאַס און זאָלן פֿון אונטער רבנישע קאַפּעלושן אַפּער שלעפּן „עצות” פֿאַרן דייטש...

האָבן זיך גאַליציאַנער רבנישע קאַפּעלושן גאווה'דיק פֿאַררוקט אַזש אין סאַמע מיט קאָפּ, געלאָזט האַלבע קעפּ אָפּגעדעקט, געלאָזט פּאות אַפּער קריכן פֿון אונטער אויערן אַפּער און גאַליציאַנער יידן האָבן מיט ווייסע הענטלעך געצופּט די אייגענע בערד און פֿרעמדע בערד און לאַצן און קנעפּלעך און האָבן מיט קוויטשיקע ווייבערישע קולכלעך געפּרוּווט מנצח זיין דעם שונא. אויף דער סאַמע מיט לעוואריק־שטראַסע, געפֿירט אַ מלחמה מיט רוסישע און רוסיש־פּוילישע יידן. האָט זיך דער שונא מישב געווען, האָט פֿאַרשטאַרקט אייגענע פּאָזיציעס דורך שליסן אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. האָבן רוסישע יידן און פּוילישע יידן און אפילו ליטוואַקעס פֿאַרגעסן אַ ווײַלע, אַז איינער דאַרף דעם אַנדערן פֿיינט האָבן ווי חזיר און זיי האָבן מיט פֿאַראייניקטע כוחות צוריקגעוואָרפֿן די חוצפּה'דיקע גאַליציאַנער און אונגאַרישע בלבולים און זיי האָבן צוזאַמען אָפּגעחוזקט פֿון די גאַליציאַנער העלדן, וואָס באַלעקן זיך שוין באַצייטנס מיטן דייטשס גבורה. באַרימן זיך מיטן דייטשס „פֿאַרשריט אויף יעדן געביט”.

אפילו חסידים, וואָס פֿאָרן צו איין רבין, כאַפּן שרײַעם ביי איין טיש, וואָס שוויצן ביי איין טיר פֿון אַ רבינס אַ חדר מיוחד, האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות און האָבן געפֿירט אַ קעגנזייטיקע מלחמה, בייטאָג — אין גאַס, ביינאַכט — אין די בתי־מדרשים, אין די חסידים־שטיבלעך. ס'איז גע־קומען אַזוי ווייט, אַז ברייט־פּלייציקע, רוסישע יידן, אין פּשוטע מאַרינאַר־קעס, נישט קיין פֿראַקן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן וועלכע עס איז מגע ומשא מיט יידן פֿון שונאס צד. האָט אַ גאַליציאַנער „לעקער” גראָד גע־האַלטן אין האַנט אַ נאַר־וואָס דערשינענע צייטונג, אַזאַ, פֿון וועלכער עס האָט זיך נאָך געפֿילט דער פֿרישער ריח פֿונעם טינט, האָט אַ רוסישער ייד באַדאַי נאָכאַמאָל איבערגעלייענט זיין אַלטע צייטונג, וואָס איז מערסטנס נישט מער, ווי צוויי שעה אַלט געווען, איגנאָרירט נייעס, אַבי נישט צו קומען אין באַרירונג מיטן שונא...

ווייבער האָבן די שייטלעך נישט פֿאַרקעמט, געהאַלפֿן די מאַנסבילן אין דער מלחמה מיט „פֿאָניע חזיר”, אָדער מיטן דייטש, ימח שמו. ערגער איז

געווען מיט געמישטע חתונות. האָט זיך געמאַכט, אַ גאַליציאַנער פֿרוי האָט געהאַט אַ רוסישן מאַן, אָדער פֿאַרקערט, האָבן די ווייבער טאָפּלט געבלוטיקט, סיי פֿאַרן מאַן, סיי פֿאַרן פֿאָטערלאַנד. קינדער אפֿילו האָבן זיך באַטייליקט אין די מחלוקת.

און נישט נאָר די לעווריק־שטראַסע, גאַנץ אַנטווערפּן איז געווען אין גאַס. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען היינט נישט אַרויס פֿייערן זייער יערלעכן „קערמעס" אונטערן פֿרייען הימל, די פֿלעמער, ווי יעדעס יאָר אין דער צייט, האָט זיך די זון געגאָסן און געגאָסן, פֿאַרכליאַפּעט אַלצדינג מיט אַ ברייטקייט, מיט אַ רחבותדיקייט. גאַנצע בערגער גאָלד געשאָטן, ווי ס'וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען.

די ברייטע טראָטואַרן אויף דער קייזערליי זענען געווען געפּאַקט. אָפֿיצירן און סאָלדאַטן האָבן געפֿאַרבט די שטאָט מיט זייערע אוניפֿאָרמען, האָבן געטרונקען און געטשעפּעט מיטן שיינעם געשלעכט. פֿון פֿענצטער און באַלקאָנען האָבן פֿאָנען געפֿלאַטערט, פֿאָנען אָן אַ שיעור און אָן אַ ערך. די נאַציאָנאַלע פֿאַרב האָט זיך צעשריגן. ווו מען האָט זיך געקערט און געווענדט, ס'אייגענע: געל, רויט, שוואַרץ. צייטונגס־יינגלעך האָבן שיעור נישט טויב געמאַכט מיט זייערע געשרייען, אַלע ווײַלע פֿריש־געבאַקענע נייעסן אויסגעהילכט, אָנגעפֿילט די לופֿט מיט נאָכניישט קיין אויסגעטריקנטן טינט און פּעטראָל.

פֿלעמישע און יידישע ווייבער האָבן זיך געיאָגט איבער די קראָמען, געוואָלט זיך פֿאַרזאָרגן מיט עסנוואַרג פֿאַר דער „פֿיר־וואָכידיקער מלחמה". די־מענטן־שניידער און שלייפֿערס און קליווערס און זעגערס, זענען אַלע אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצטע, אַרומגעדרייט זיך אין די שבת'דיקע מלבושים, געפּרוווט טרעפֿן ווילאַנג די מלחמה וועט דויערן, געדרייט זיך פֿאַר דער בערזע, געשמועסט פּאָליטיק. ווען נישט די פּנימער, וואָלט מען נישט געוווּסט ווער ס'איז אַ סוחר, ווער אַ באַלמעלאָכע. און די זון האָט זיך אַלץ געטון דאָס איריקע, געגאָסן זיך מיט אַ יום־טובדיקן גלאַנץ, געוואַרעמט און געגלעט אַלע גלייך, שונאים און גוטע פֿריינט, סוחרים און באַלמעלאָכעס, גרויס און קליין, געשיינט מיט איר העלער גלייכגילטיקייט איבער שטות, איבער רשעות. ס'איז איר אַ האָר נישט אָנגעגאַנגען וואָס די מענטשן זענען אַרויס פֿון די כּלים, נישט דאָס, וואָס די באַלמעלאָכעס האָבן זיך אָנגעטון די יום־טוב'דיקע

מלבושים, פֿארהילט מיט זיי די נישט יום־טוב׳דיקע געמיטער. נישט דאָס, וואָס די סוחרים האָבן יאָ און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיטן געלט, קויפֿן, אָדער נישט קויפֿן בריליאַנטן. געגאַסן זיך אפֿילו אויף די איבערגעדעקטע מאַ־שינען, וואָס זענען געשטאַנען שטילע, ווי מתים, כאָטש ס׳איז קיין „קערמעס" נישט געווען.

איין בערמאַן איז געזעסן אין שטוב.

— פֿיר וואָכן! — האָט ער געטייטלט מיטן וויַיז־פֿינגער אין דער פֿלעמי־שער צייטונג, אין וועלכער ער איז נישט געווען שמאַרק באַהאַוונט — זיי וויסן, אַז פֿיר וואָכן. אין אַ מלחמה, אַז מען קריכט אַריין, ווייסט מען אַ סך ווען זי וועט זיך ענדיקן.

די גאַסן זענען אַלץ פֿולער געוואָרן, געדיכטער, רעדלעך אומעטום. לסוף איז שוין בערמאַן אויך אַרויס אין גאַס. ער האָט געוואָלט הערן אַ וואָרט, הערן וואָס זאָגט מען אין בערזע. געזען די רעדלעך אין גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעניויגט אַן אויער.

— בהמות! — האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון זיי — רייסן זיך אַרום צוליב די לענדער זייערע, די קבצנים! דער נעמט זיך אָן פֿאַר אפֿרים־יאָסלס מדינה, דער פֿאַרן צאַר׳ס, אַז אָך און ווי צו זייער שׂכל! מ׳עט זיי צושיקן פּרנסה, די פֿערד, יעדן פֿון זיין קייזער.

— ווי געפֿעלט אייך דאָס אומגליק? — האָט זיך צו בערמאַנען צוגע־שאַרט אַ יונגערמאַן מיט אַ געל, פֿאַרמעטן פּנימל, מיט אַ פּאָר קרומע, קורצע פֿיסלעך, אָנגעטון אין אַ גרין־געוואָרן קאַמגאַרן פֿראַקל, וואָס איז ערטערווייז געווען פֿאַרריכט מיט וויַיסן פֿאָדעם. ר׳האָט אָפּגעשטעקט בערמאַנען אַ פֿייכט הענטל.

בערמאַן האָט מיט אימפּעט אַ צי אַרויס געטון זיין גרויסע, ברוינע האַנט, געלאָזט דעם יונגנמאַנס הענטל הענגען. ער האָט אַ ביטולדיקן שמייכל גע־טון און האָט מיט אָפּענעם חוזק געטרייסט דעם יונגנמאַן:

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן! דיך עט מען אין פֿראָנט אַריין נישט שיקן.

דעם יונגנמאַן האָט בערמאַנס שמייכל, מער נאָך ווי די רייד, אַ ברי־געטון. ער האָט אַ היפּקע געטון מיטן לינקן, צעשפּאַלטענעם שייבל פֿון די

בריל̇ן און ער האָט דערזען צוויי בערמאַנס. ער האָט זיי בײדע צוגעטליקעט אַ ביטערן בליק און אַ זאָג געטון:

— מען ווייסט קיינמאָל נישט ווער ס'וועט וועמען איבערלעבן!

בערמאַן האָט זיך דערשראָקן, ר'איז אַזש צוריק אָפּגעשפּרונגען.

— טפֿוי זאָל ער מיר ווערן, טפֿוי! דאָס הייסט אַ מנובל, אַזאַ שווינד־זיכטיקע שטשאַרע, אַזאַ סובאָטניק, זעץ נאָר ס'מיסט־קאַסטן, וואָס ר'האָט דאָ צעעפֿנט, דער וואָרעם! ס'האָט שוין באַלד די לונגען אויסגעשפּיגן און דאָס ציטערט אויך פֿאַר דער מלחמה! אַז נישט גערעכט זאָל ער ווערן, טפֿוי!

ר'איז אַוועק אַ צערודערטער בערמאַן. דעם יונגמאַנס ווערטער האָבן אים שטאַרק איבערגעשראָקן.

דער יונגערמאַן איז דערפֿאַר אַוועק אַ צופֿרידענער.

— כ'האָב אים גוט אַרײַנגעזאָגט! — האָט ער זיך געפֿרייט, וואָס ס'איז אים געלונגען אַזוי אָנצושרעקן בערמאַנען. אַזוי געפֿרייט זיך, אַז ער האָט אַזש פֿאַרגעסן, וואָס בערמאַן האָט אים אַרײַנגעזאָגט. ער איז זיך אַוועק, אַ רו־איקער. די טילקעס פֿון די אָפּגעפּוצטע קאַמאַשלעך און דאָס שמאָלע פּלייצ־קעלע פֿונעם גרינעם פּראַקל האָבן געגלאַנצט אין דער זון.

בערמאַן האָט אויפֿגעהויבן די אויגן:

— אַ מיתה משונה זאָל ער אײַננעמען! — האָט ער צוגעוואָרפֿן דעם יונג־מאַן נאָך איין קללה. טפֿוי! אַ מאָדנעם טאָג האָט ער היינט געהאַט, בערמאַן. נאָכנישט אײַנגאַנצן באַרואיקט פֿון דער ערשטער באַגעגעניש, האָט ער געשפּרייזט מיט נערוועזע טריט צו דער בערזע צו. פּלוצלונג שטעלט אים אָפּ אַן אַנדער יונגערמאַן, אַ מענטש פֿון אַ יאָר דרײַסיק, און ער רוקט אים אַריין אַ גרויסע, קנאָכיקע, נישט־איבעריק זויבערע האַנט און ער פֿרעגט אים די אייגענע קשיא:

ווי געפֿעלט אייך דאָס אומגליק?

בערמאַן האָט זיך דערשראָקן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יענעם יונגנמאַנס הענטל איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן ביי אים אין דער האַנט און דער יונגערמאַן מיט זיין „מען קען נישט וויסן ווער ס'וועט וועמען איבער־לעבן" שלעפּט זיך אים נאָך. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט, אַרויסגעלאָזט מיט אימפּעט די גרויסע, קנאָכיקע האַנט און אָנגעקוקט דעם מענטשן מיט

שרעק און חידוש, ווי ער וואָלט אים נישט געקאָנט. דער יונגערמאַן האָט גאָרנישט באַמערקט און ער האָט דערציילט:

— כ׳קום איצט פֿון בערזע, איר הערט? ס׳איז אַן אמתער חורבן, ס׳איז אַ ריין אומגליק. מען שמועסט, אַז היינט־מאָרגן וועלן מיר דאָ האָבן דעם דייטש, ימח שמו! מען זאָגט, אַז ביי אים איז עס אַ קאַץ־שפּרונג. ייאָס זאָגט איר דערצו, הער בערמאַן?

— איז וואָס ציטערסטו ווייטער? — האָט זיך בערמאַן געוואָלט צעשרייען, נאָר ער האָט דערזען פֿאַר זיך זיין אייגענעם מעקלער און ער האָט געוואָלט פֿאַרווישן די האַרבע ווערטער, אָבער ס׳איז אים שווער געווען צו באַהאַלטן די מורא. עפּעס האָבן זיך צו אים היינט געיאָוועט אַלע קאַליקעס.

— וואָס הייסט, ווען ארט דאָס נישט? אַזאַ צרה! און דערצו איז מיין פֿרוי אין אַנדערע אומשטענדן און מ׳עסט פֿונעם גרייטן! — האָט דער יונגערמאַן פֿאַרגעסן, אַז בסך־הכל איז די מלחמה נאָך קיין צוויי טעג נישט אַלט.

בערמאַנען, זענען די לעצטע ווערטער גוט אַריין אין קאָפּ. אַז מ׳עסט פֿונעם גרייטן, צערינט עס ווי וואַסער. יאָ, אַזוי איז עס! בערמאַן האָט געוואָלט זאָגן דעם מעקלער, אַז ער איז מיט אים מסכים, נאָר דער יונגערמאַן האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט אויפֿגעהויבן די רעכטע האַנט און אָנגערירט זיך אַ שפּאַלט אין דער לינקער באַק. דער שפּאַלט איז געווען אַ טיפֿער און אַ מיאוסער. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך־טיפֿע שפּעלטעלעך און קנייטשעלעך. דאָס אויג איז ביי אים געווען איינגעבאַקן אינעם אויבערשטן קנאָך פֿון דער באַק און ס׳האָט אויסגעזען ווי פֿאַרגלייזט.

— איר זעט דאָס? — האָט דער יונגערמאַן גאָר אָן בושה אָנגעוויזן אויפֿן מום זיינעם — איר זעט? ס׳האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן, סיי געלט, סיי יסורים. ס׳לעבן האָב איך מיר איינגעשטעלט און נישט געגאַנגען דינען דעם צאַר. איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — האָב איך מיר געזאָגט — אַ ייד טאָר נישט גיין דינען. און אָנשטאָט אַ שיינעם דאַנק, זאָל מען דיך מבזה זיין, געבן דיר צו טון די ערגסטע, די שווערסטע און די שמוציקסטע ארבעט. מען זאָל דיך שלאָגן, הרגענען, דיר שטופּן חזיר אין מויל אַריין, צו דו ווילסט עסן חזיר, צו נישט, חוזק מאַכן פֿון דיר. די אָקסן, די שטומפּיקע קעפּ, וואָס

פֿאַרמאָגן נייִטט אין גאַנצן לייב און לעבן דעם שכל, וואָס דער מינדסטער ייִד האָט אין מינדסטן פֿינגער, אָט זיי מאַכן גאָר חוזק פֿון דיר. מײַן ברודער האָט געדינט ביי פֿאָניען, האָב איך שוין געהאַט גענוג. ווען איך בין אַריבער־געקומען קיין אַנטווערפּן, האָב איך אפילו געזען, אַז דאָ איז אַנדערש, דאָ, אַז מען גייט דינען, איז ערשטנס — בסך־הכל אויף צען חדשים און ס׳אַנ־דערע — באַהאַנדלט מען דאָ דעם ייִד ווי אַ מענטש און דו ווערסט אַ בירגער, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. קעגן וואָס האָב איך דאָס אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, כ׳מיין עס קעגן דעם, אַז פֿאַר מיר האָב איך קיין מורא נישט, מיך עט מען אין פֿראָנט אַריין נישט שיקן. פֿאָניע האָט מיך שוין פֿאַרזאָרגט, נאָר סײַ־ווי איז עס אַן אומגליק. איר ווייסט דען וואָס מען מיינט עסן פֿון גרייטן? כ׳זאָג אייך, ס׳איז זייער ביטער.

ווען בערמאַן איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפֿן די טיר פֿאַרשלאָסן און אין הויז — קיין לעבעדיקן מענטש נישט.

— ס׳זאָל מיר אויסגיין צו זייערע קעפּ. מניא, אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן. צו אַלדי שוואַרצע יאָר — אַ ירידה אויף זיי!

אַזוי וואָרטשענדיק און שעלטנדיק, איז ער צוריק אַוועק און איז. אפשר ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן פֿאַרקראָכן אין אַ פּאַרק אַריין. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, אָנגעשפּאַרט זיך אינעם שטעקן, ווי אַן אַלטיטשקער, און זיך געלאָזט וואַרעמען פֿון דער זון. ער האָט זיך עפּעס פּלוצלונג דער־פֿילט אַזוי עלנט, ווי מ׳וואָלט אים פֿון זיין אייגן הויז אַרויסגעטריבן. „מממ... אַז מ׳עסט פֿונעם גרייטן, אַז מ׳עסט פֿונעם גרייטן!” — האָבן אים דעם יונגנמאַנס ווערטער געקלאַפּט אין מוח.

דער פּאַרק האָט זיך אַזש אויסגעברייטערט פֿון העלקייט — הגם דינינקע, ווייסע פֿעדעמלעך האָבן זיך שוין געצויגן אין דער לופֿט, פֿאַרטשעפּעט זיך אָן ביימער. שפּינען האָבן צווישן קוסטן נעצן שוין געפֿלאָכטן, פֿיר־עקעכיקע, פֿיין־געוועבטע, העל־גרויע נעצן. די זון האָט געהאַט געבריט לאַנגע טעג און וואָכן, געטרוקנט און געשוואַרצט דאָס גראָז. די פֿייגעלעך האָבן זיך שוין גע־טראָגן גרופּנווייז אינדערהויך מיט אַ געפּישטשעריי, ווי זיי וואָלטן דערפֿילט, אַז עפּעס הענגט אין דער לופֿט, אַז אַ סכנה וועבט זיך איבער זייערע קעפּעלעך.

דאָ און דאָרט האָט אַ מיידל שפּאַצירט מיט אַ סאָלדאַט אונטערן אָרעם, פֿאַרבענקט און איינגעטוליעט איינער אינעם אַנדערן. סודותדיק און פֿאַר־

טראכט, געמורמלט ליבע, באנגע ווערטער, געזעגנט זיך. אחוץ דעם איז דער פּארק געשטאנען א ליידיקער אין זיין גאנצער גרויס, א פּארלאזטער.

בערמאן איז אהיימגעגאנגען זען, צי ס׳איז שוין עמיץ דא. ס׳ערשטע מאל אין זיין לעבן האט עס געטראפן, אז ער, בערמאן, זאל פארגעסן מיט־צונעמען דעם שליסל. רחל איז אים אנטקעגנגעקומען מיט א שמחה:

— גדליהו, מיר האבן געסט!

— געסט?!

— גיטעלע מיטן מאן!

— ס׳זאל מיר אויסגיין צו זייערע קעפ! — האט בערמאן אויסגעטון דעם הוט און אנגעטון די פּיר־עקעכדיקע, זיידענע יארמולקע — זיי האבן שוין נישט געפונען קיין בעסערע צייט אויף „גאשטשען" זיך?

ער איז פונדעסטוועגן אריין מיט א שמייכל אין עס־חדר.

— זעטס נאר וועמען כ׳זע דא? המם! א גאסט! א גאסט! — האט ער לייבישן ערשט דערזען, ווען יענער האט אים אפגעשטעקט א האנט — כ׳האב גארנישט באמערקט — דו ביסט דאך אויך דא! זעץ דיך! — האט בערמאן אנגעצויגן א מינע, וואס האט לייבישן דערמאנט אין די טעג, ווען ער פלעגט אים הייסן זיצן, ווארטן, כדי ער זאל אים דערנאך זאגן, אז ליידער האט ער היינט נישט קיין ארבעט.

— כ׳האב געוווסט כ׳על זיי פאקן! — האט זיך רחל געפרייט — כ׳גיי אזוי אין גאס, כ׳זוך דורך. אין אזא צייט איז בעסער א יונגערמאן ווארפט זיך נישט אין די אויגן. כ׳טו א קוק — ס׳איז גיטעלע. ווי מ׳ווייזט זיך דאס נישט אמאל, א פרעג צו טון — הינט, טייוול, וואס מאכט מען? אפשר אנדערטהאלבן יאר נישט געזען זיך. שיינע לאנדסלייט!

רחל האט ווייטער געפלאפלט:

— און וואס זאגסטו צום קינד? שוין א גאנצע פריילין, קיין עין־הרע!

— האט רחל ארויסגענומען דאס קינד פונעם אפגעכוימלטן וועגעלע, וואס איז געשטאנען אין קארידאר. זי האט אריינגעבראכט אן אויסגעדארט, פאר־שלאפן נפשל אין אן אפגעבליאקעוועט וואלן שפּענצערל, מיט א פאר פאר־נעצטע מייטקעלעך.

גיטעלע האט זיך באגאסן מיט שוויים פון חרפה. רחל האט גארנישט

געזען. זי האָט דעם קינד אַריינגערוקט אַ קיכעלע אין הענטל אַריין און גע־רעדט דערצו:

— מ'איז שוין קיין עין־הרע אַ גאַנצע פּריילין, וואָס?

ס'קינד האָט אויסגעזען שטאַרק ערנסט. ס'האָט אַרויסגענומען פון מיילכל דאָס ברודיקע פינגערל, וואָס האָט איר זייער אָפּט פאַרטרעטן אַ וואַ־רעמע מאַמקע. די שוואַרצע אויגעלעך האָבן אויסגעזען גרויס אינעם פּיצל פּנימל, גרויס און מרה־שחורה'דיק און זיי האָבן דערציילט פון אַן אַ שיעור הונגער. רחל האָט אָנגענומען דעם קינדס הענטל און האָט עם מיטן קיכעלע צוזאַמען צוגעטראָגן צום מיילכל. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

— נו, שאַ, נו, שאַ! מ'האָט עס זע איך גוט צעפּיעשטשעט, האַ? נו, שאַ, אוצר!

לייביש האָט צוגענומען ביי רחלען ס'קינד. אין „פּאַטערס" הענדט איז עס גלייך שטיל געוואָרן און גענומען גריזשען פון עם קיכעלע.

דאָס דינסט־מיידל האָט אַריינגעטראָגן טיי. גיטעלע האָט זיך שיעור נישט באַגראָבן פאַר חרפּה. דאָס דינסט־מיידל אפילו איז געגאַנגען אָנגעטון שענער פון איר.

— אַ שאָד די קינדער זענען נישטאָ! דער עיקר — דוד! ער וואָלט זיך געפרייט! ווען ער ווייסט, קומט ער צעלויפן! — האָט רחל אַוועקגע־פּלאַפּלט. ס'האָט זיך איר אפילו נישט געחלומט, אַז גיטעלע ווערט פאַר־ברענט פון חרפּה, אַז מיט יעדן וואָרט, וואָס זי פּלאַפּלט אַרויס, פאַרגיסט זי גיטעלען טייכן בלוט.

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם אומגליק? — האָט גיטעלע געזוכט אַ וואָרט מיט וואָס אָפּצולענקען רחלס רייד.

זי האָט אַ קוק געטון אויף לייבישן און זי איז אין כעס געוואָרן. — צו אַלדי רוחות, ווען עט ער שוין אַמאָל אויפהערן עסן? ר'האַלט אין איין קייען, אַ ווייסטע חרפּה!

און ווי לייביש וואָלט געטראָפן אירע מחשבות, האָט ער געלאָזן אַראָפּ־גענומען נאָך אַ באַרנע פון קליאַש און זי גענומען אָפּשיילן. ער האָט גע־געסן מיט חשק, בשעת מעשה געציילט די שטאָלערנע קרעלן אויף רחלס בלויען, זיידענעם קלייד און געטראַכט, אַז זי, רחל, פּאַסט זיך דאָ זייער גוט אַריין אין דעם העלן, יום־טובדיקן עס־חדר.

גיטעלע האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן נענטער צום טיש, זיך גע־וואָלט פאַרשטעלן מיטן טיש. זי וואָלט גערן איינגעזונקען געוואָרן. זי האָט זיך ממש קיין אָרט נישט געקענט געפינען. און דאָ האַלט רחל אין איין רעדן, פּלאַפּלען און דווקא צו איר. און דאָס זילבער אויפן קרעדענץ, וואָס איז אויך נישט יונג, אַזוי ווי די באַלעבאַטים דאָ, אויך אַזוי נגידיש־פרום, אינ־גאַנצן ענלעך צום זילבער ביי זיי אין דער היים אויפן קרעדענץ, קוקט דאַכט זיך אַראָפּ צו איר מיט ביטול און מיט אַ העלן שמייכל און עס פרעגט:

— וואָס טוט זי עפּעס דאָ? אין אונזער עס־חדר?

— יאָ, ס'איז אַ גרויס אומגליק געשען! — האָט בערמאַן נאָך אַ לאַנגן פויקן מיטן ווייז־פינגער אויפן טיש־טוך, געענטפערט מיט ישוב־הדעת, גיטע־לען, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, וואָס זי האָט געפרעגט. — אַזוי איז עס. מענטשן זוכן כסדר נייעסן. ס'אייביקע האָוועניש און יאָגעניש נאָך דעם שטיקל ברויט, עסט זיך צו. האָט מען שוין פּרנסה, און מ'איז שוין אפילו רייך און מ'האָט זיך שוין געיאָגט נאָך אַלע תאוות פון דער וועלט, ווערט מען איבערגעזעטיקט, ס'ווערט צוגעגעסן און מען דערפילט אַ פּוסטקייט און אַ ליידיקייט און אַ נודנעקייט, פאַרווילט זיך אַביסל ביטערקייט. פּונקט ווי אַ מענטש וויל אַביסל כריין צום פלייש. און וואָס פעטער דאָס פלייש, איז אַלץ מער כריין וויל מען. נו, רייבט מען זיך אָן אַ טאָפּ כריין, אַז ס'פאַר־גייט אין די אויגן. פאַרשטייסטו מיך. און אַז מען האָט שוין פאַרזוכט פון ביטערקייט, פּאַסט דאָך נישט אויסצוזאָגן. ווישט מען די אויגן מיט אָפּ־געקערטע פּנימער און מען שמייכלט צו די מיטזיצער ביים טיש און מען פאַר־בעט זיי אויך פאַרזוכן. מען פאַרזיכערט זיי, אַז ס'איז געזונט און נויטיק. און יענע ציען אַריין נאָך אַנדערע, ווייל ס'פּאַסט דאָך נישט אויסצוזאָגן. פאַרבייסט מען די ליפּן, אַז ס'גייט אַזש בלוט. אָט דאָס איז מלחמה — האָט בערמאַן געגעבן צו פאַרשטיין וואָס מלחמה איז. און האָט מיט ישוב־הדעת געמישט די טיי, ר'האָט אַזש פאַרגעסן אַז „מ'עסט פונעם גרייטן", אַזאַ הנאה האָט ער געהאַט פון זיינע קלוגע רייד.

ער האָט אַ קוק געטון אויף גיטעלען, געזען, אַז זי פאַרשטייט אים און אַ טראַכט געטון: אַ וויל ווייבל! אַ שאָד וואָס זי איז נעבעך אַריינגעפאַלן.

לייביש האָט געזופּט פון דער טיי, פאַרביסן מיט האָניק־לעקעך און גע־

טראַכט, אַז בערמאַן רעדט כמעט ווי אַ מענטש. און אַז אַזאַ גוטן האַניק־לעקעך האָט ער שוין נישט געגעסן פֿון כמה יאָרן.

ווען לייביש מיט גיטעלען זענען אַרויס פֿון בערמאַנס הויז, איז זיי ביי דער סאַמע טיר אַקעגנגעקומען דוד. גיטעלע האָט אַ שוידער געטון מיט די אַקסלען. זי איז ווייס געוואָרן ווי די וואַנט און באַלד דערויף — רויט ווי צונטער. זי האָט זיך שטאַרק פֿאַרשעמט.

פֿאַרוואָס, צום טייוול, האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט אין איר פֿאַרלאַנג צו זען דודן זיך שוואַך אַקעגנגעשטעלט רחלען, וואָס האָט איר מסתמא בסך־הכל איינגעלאַדן, כדי ס׳זאָל זיין אַביסל פֿריילעכער אין הויז אין אַזאַ צייט.

אַזוי טראַכטנדיק ווענגן זיך, און מכוח דעם, ווי זי האָט זיך דערנידעריקט, האָט זי אַ זייטיקן קוק געטון אויף דודן, געוואָלט זען דעם איינדרוק, וואָס עס וועט אויף אים מאַכן איר קומען, געוואָלט זען ווי שטאַרק ער קען זיך באַגיין אָן איר. נאָר אָנשטאָט אַ פֿאַרוווּרף, האָט זיך אַ מורא אַ ריס געטון איר אין די אויגן אַריין. דוד איז געגאַנגען איינגעבויגן ווי אַן אַלטער און ר׳איז געווען געל ווי וואַקס. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, פֿרעגן אים, וואָס איז אַזוינס געשען, נאָר זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איינציק וואָרט. די צונג האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

דוד האָט איבערגעהאַקט דאָס פּיינלעכע שווייגן.

— כ׳האָב מיך נאָר־וואָס אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי! — האָט ער אַ זאָג־געטון.

— וואָס?!

— וואָס האָט איר געטון, דוד? — איז לייביש אויך שטאַרק צערודערט געוואָרן.

— ס׳איז גלייכער אַזוי! — האָט דוד אַ גיכן זאָג געטון און האָט זיך פֿלינק אַריינגעכאַפּט אין הויז. ער האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער איז גלייך אַריין צו זיך אין חדר און האָט זיך פֿאַרשלאָסן.

„זי איז פֿונדעסטוועגן בלאָס געוואָרן. הייסט עס, אַז עפּעס איז נאָך יאָ דאָ אַ פֿונק ביי איר. נאָר ס׳איז גלייכער אַזוי". ער האָט זיך אויסגעטון און זיך געלייגט שלאָפֿן. ער איז געווען זייער, זייער מיד.

— ווען ס׳איז נישט קיין אימפּעריאַליסטישע קריג, וואָלט איך מיך אַליין

אויך אָנגעשלאָסן! — האָט לייביש דער ערשטער געבראָכן דאָס שווערע שווייגן. — שווער, באמת שווער צו פֿאַרשטיין צוליב וואָס דוד האָט זיך געדאַרפֿט אָנשליסן אין אַזאַ מלחמת־מצוה. אַ מענטש לעבט אין אַזאַ רחבות. סוף כל סוף, צוליב וואָס פֿירט ער בכלל די מחלקותן מיטן שיינעם טאַטן זיינעם? אויף וויפֿל מיר איז באַקאַנט, האָט דוד נישט קיין שום אידעאַל. וואָס שטערט אַזאַ צו האַנדלען, אויסצונוצן דעם שוואַכערן פֿון זיך און לעבן ווי אַלע פּראַזיטן? זאָל זיין, ער טויג זיך נישט צום מסחר! דאַרף ער זיך דערפֿאַר אַריינוואַרפֿן אין אַזאַ פֿייער? ס'איז אַ שאָד די מוטער. זי איז אַ ווילע יידינע. ס'עט איר אַוועקהרגענען. זי האָט ליב דעם זון. ס'וואָלט געווען אַ יושר אַז מיין פּאַטראָנס בן־יחיד זאָל אויך אַזוי טון. זאָלן זיי אויך אַמאָל וויסן דעם טעם! די חזירישע בורזשויען! — האָט לייביש גערעדט צו גיטעלען.

נאָר יענע האָט אפילו אַ וואָרט נישט געהערט. זי האָט אַ קוק געטון אויף לייבישן מיט אַזוי פֿיל שנאה אין די אויגן, אַז ר'האָט מער דאָס מויל נישט געקענט עפֿענען. איר בליק האָט אים פֿאַרשטומט.

לייבישעס פּאַטראָן האָט זיך לסוף אַרומגעזען, אַז זיין השפּעה אויף לייבישן האָט־נישט געהאַט קיין גרויסע פּעולה, אַז קיין ציוניסט וועט ער שוין נישט ווערן. ער וועט זיך ווייטער האַלטן ביי ס'זייניקע, אַז קאַרל מאַרקס איז די איינציקע גערעכטע תורה. דערצו האָט ער זיך געכאַפּט, אַז לייביש איז אָן אַן ערך אַ בעסערער שאַך־שפּילער פֿון אים. נאָר, וואָס דען? ער נעמט אים נישט ערנסט, לאָזט אים געווינען, ווי ס'טוט אַ דערוואַקסענער מיט אַ קינד. דאָס האָט דעם פּאַטראָן אַרויסגעבראַכט פֿון די כלים. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן אינטעלעגענט, אַ מענטש, וואָס ווייסט גענוי דעם דאַטום, ווען מאָזעס מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן, ווייסט, אַז לעסינג איז געווען זיין פֿריינט. ער ווייסט פֿאַרוואָס און ווען די יידן אין האָלאַנד האָבן גערודפט און לסוף אויסגעשלאָסן פֿון דער קהלה ברוך שפּינאָזאַן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ציוניסטישע באַוועגונג, ווייסט די גאַנצע געשיכטע פֿון די חובבי ציון, אַ מענטש, וואָס טראָגט הערצלס בילד איינגעפּאַסט אין סיגנעט, אָנשטאָט אַ בריליאַנט, וועט אַזאַ גאָרנישט — ס'הייסט, זיין ביבליאָטעק איז דאָך ווערט מער, ווי לייביש האָט ווען עס איז אין זיין לעבן אָנגעקוקט — וועט אַזאַ שלעפּער אים מאַכן צום נאַר? ער מיינט, ער איז עפּעס אַ פּשוטער עם־הארץ, סתם אַ סוחר, וואָס זוכט צו

מאַכן געלט. באשר, „ער" האָט געלערנט קאַרל מאַרקסן. ווער איז מאַרקס, וואָס איז מאַרקס? — האָט זיך דער פּאַטראָן לייבישעס געקריגט מיט מאַרקסן, און אויפגעהערט געבן אַרבעט, האָט ער ל י י ב י ש ן. פאַר אַ צולאָג, האָט ער גלאַט אַזוי זיך געכאַפּט אַ שמועס אין בערזע, אין דער „פאָרטונע", אין קלוב און אפילו אין שענקל — ווו ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער אַזוי פאַר־בייגייענדיק, ווען ס'איז נאָר געקומען צו רייד (און צו רייד איז געקומען כמעט יעדן טאָג), דערציילט, אַז קיין אַנטווערפּן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּעסט, וואָס רופט זיך ברוקנער — אַ מענטש, וואָס פאַרפירט כשרע קינדער, פירט אַראָפּ פון גלייכן וועג אונזערע זין און טעכטער, מיט אַ נייער תורה, קאַרל מאַרקס תורה.

— דער סוף וועט זיין, אַז אונזערע קינדער וועלן חלילה אַרויס לתרבות־רע. געדענקט מיינע רייד — האָט ער געשאָקלט מיטן פינגער, אויף וועלכן ר'האָט געטראָגן הערצלס בילד, אָנשטאָט אַ דיאַמאַנט.

סוחרים האָבן זיך דאָס גוט אַריינגענומען אין קאָפּ אריין און נישט גע־געבן לייבישן קיין איין שטיינדל. בערמאַן האָט רחלען געמאַכט אַזאַ נאַכט, אַז זי האָט זי געהאַט צו געדענקען.

— כ'וויל נאָר וויסן, צדקת מיינע, ווער ס'האָט דיך געבעטן זאָלסט איינלאַדן דעם ימח שמו'ניק צו מיר אין הויז אַריין? מער פעלט מיר נישט, נאָר מענטשן זאָלן זיך דערוויסן! איין שלעפּער ציט עס צום צווייטן. מניא, נישט געדאַכט זאָל זי ווערן, די בהמה! — האָט בערמאַן געוואַלטעוועט.

דוד האָט געהערט דעם פאָטערס געשרייען ביי זיך אין חדר און ער איז געווען גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. וואָס איז אים איצט אָנגעגאַנגען לייביש? אפילו לגבאי דער מוטער האָט ער עפּעס נישט געפילט קיין רחמנות.

קאַפּיטל 21

בערמאַן איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ־ווייטיק. ר'איז שלעכט גע־שלאָפן. פאַרטאָג האָבן אים שווערע חלומות געמאַטערט. אינמיטן שלאָגן דעם שווינדזיכטיקן יונגנמאַן, האָט ער גענומען מאַכן באַנומענע קולות אין שלאָף. רחל איז ערשט נישט לאַנג געהאַט איינגעשלאָפן. זי האָט זיך אויפ־

געכאַפּט אַ צום־טויט דערשראָקענע. זי האָט אויפֿגעוועקט בערמאַנען, אַראָפּ־גענומען אים די האַנט פֿון האַרצן.

— וואָס איז דיר, גדליהו? וואָס שרייסטו אַזוי?

בערמאַן האָט אויף איר אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, גע־קוקט אויפֿן ווייב, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט, גענומען רייבן זיך די אויגן, זיך דערמאָנט אינעם חלום, און האָט אויסגעשפּיגן.

— טפֿוי זאָל ער ווערן, טפֿוי, אַ מיתה משונה זאָל ער איינגעמען!

ער האָט זיך אָנגעטון, איז אַריין אין קיך, אַרויפֿגערוקט די הילצערנע ראָלעטן מיטן באַקאַנטן געקלאַטער, זיך געהייסן אַריינטראָגן באַוואַרקע. ער האָט אָנגעטון טלית און טפֿילין און זיך געשטעלט דאַווגען ביחידות.

רחלען איז עפּעס זייער שווער געוועזן אויפֿן האַרצן. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס און עפּעס איז איר גיטעלע אויף קיין אייגציקע רגע נישט אַראָפּ פֿון דער מחשבה. און נישט אַזוי זי, ווי דאָס קינד.

— ווײַ, ווײַ! וואָס פֿאַראַ אָרעמקייט! אַזאַ פּיצלס נאָך, דאַרף עס שוין פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון הונגער! ווײַ, ווען גיטעלעס מאַמע שטייט אויף פֿון קבר, און טוט אויף איר אַ קוק, וואָלט זי נאָכאַמאָל געשטאָרבן. אַ טאַטע איז אַ הונט — האָט זי זיך דערשראָקן פֿאַר אירע אייגענע ווערטער, וואָס זי האָט אַזש אויסגעשריגן אויפֿן קול.

ביים אָנבייסן, בשעת בערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין אַריינטון צוקער אין דער קאַווע, האָט זיך דוד פּלוצלונג גענומען דרייען אויפֿן בענקל. ער האָט געזופּט פֿון דער קאַווע און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דער מוטער. ער האָט עטלעכע מאָל געעפֿנט ס׳מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן און איז צוריק אַנטשוויגן געוואָרן. נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן. וואָס וועט זי טון, די מוטער? ער ווייסט: זי וועט זיך נעמען רייסן דאָס שייטל פֿון קאָפּ, זי וועט כליפּן און דערפֿאַר טאַקע ציטערט ער. ער קען נישט פֿאַרטראָגן קיין טרערן, דוד.

ער האָט געהאַט אַ פֿייכטן גלאַנץ אין די אויגן, געזוכט ווי אַזוי אָנצו־הייבן און נישט געפֿונען ס׳לשון. די צונג האָט זיך אים געקלעפּט צום גומען. בערמאַן האָט דאָס באַמערקט.

— ער דאַרף שוין אודאי האָבן געלט, דער שלימזל! — מכות עט ער אים

געבן, נישט קיין געלט. מען זיצט און מען עסט פֿון גרייטן און אַז מען עסט פֿון גרייטן, צערינט עס ווי וואַסער. און — — — —

פּלוצלונג, אינמיטן ציען דאָס שנירעלע מחשבות, האָט ער דערהערט — אָדער האָט זיך אים געדאַכט — אַז דוד האָט אים גערופֿן פּאַפּאַ, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך אַ קליין ייִנגל געווען. יאָ, אָט רעדט ער דאָך טאַקע צו אים, דוד, נאָר ער פֿאַרשטייט נישט אַ וואָרט, בערמאַן. וואָס „פּאַפּעט" ער כסדר, פּאַפּאַ, פּאַפּאַ.

— כ'האָט מיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי! — האָט דוד לסוף אַרויס־געוואָרפֿן די עטלעכע ווערטער אין איין אָטעם.

צו חלומט זיך אים ווידעראַמאָל נישט, אַזוי ווי ביינאַכט?

— וואָס?! וואָס האָסטו געזאָגט?

— כ'האָב געזאָגט, אַז כ'האָב מיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי!

— ביסט משוגע געוואָרן? צי ס'איז אַזאַ קלוגער וויץ ביי דיר?

— כ'בין נישט משוגע געוואָרן און ס'איז נישט קיין וויץ! מאָרגן דאַרף איך מיך צושטעלן.

ביי בערמאַנען זענען די שוואַרץ־אַפּלען אַזוי בולט געוואָרן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט אָט אָט פֿאַלן זיי אַרויס פֿון די אויגן און לאָזן איבער די ווייסלען, מיט די רויטע נעץ דינע אָדערלעך פֿון נישט שלאָפֿן אין די נעכט, מיט צוויי הוילע לעכער.

רחל האָט זיך נישט געריסן די האָר פֿון קאָפּ, זי האָט נישט געבליפּעט, זי האָט בלויז אַ זאָג געטון:

— ס'איז מיר נישט גוט!

אַ גליטש אַראָפּ געטון זיך פֿון דער שטול און איז געבליבן ליגן אויף דעם פּיינעם, בלויען טעפּיך, ווי אַ טויטע.

דער טאַטע מיטן זון האָבן איצט ס'ערשטע מאָל זינט יאָרן געאַרבעט צוזאַמען, האַנט ביי האַנט. ביידע האָבן זיי געריסן די פֿאַרחלשטע, געגאָסן בראָנפֿן אין פֿאַרהאַקטן מויל אַריין, געריבן איר מיט עסיק. ווען זי איז גע־קומען צו זיך, האָבן זיי זי ביידע אַריינגעטראָגן אין שלאָף־חדר, אַריינגעלייגט זי אין בעט אַריין.

זשאַנעט איז געשטאַנען אינעם זיידענעם נאַכט־העמד און געקוויטשעט. די דינסט האָט געבראַנגט צעשלעפּן אַ וואַרעם־פֿלאַש פֿון קיך. זשאַק איז

געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט פֿאַרלוירן, ר'איז געלאָפֿן נאָך אַ דאָקטער. דער אַלטער ר' חיים יוסף האָט זיך מיט צרות דערשלעפּט אין שלאָף־חדר אַריין.

רחל האָט געדענקט. זי האָט זיך באַגאָסן מיט זודיקע טרערן.

— דוד, וואָס האָסטו פֿון מיר געוואָלט? וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?

— וויין נישט, טאָכטער, מיטן אויבערשטנס הילף, וועט מען נאָך געפֿינען אַן עצה! דוד עט חלילה נישט אַריינפֿאַלן אין קיין גוישקע הענט אַריין. וועסט זען, מיטן אויבערשטנס הילף.

בערמאַן איז געזעסן אויף אַ ראָזעווער, שטרוי־געפֿלאָכטענער שטול מיטן קאָפּ אין ביידע גרויסע, ברוינע הענט, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אבל. דוד איז געזעסן אויף דער מוטערס בעט און, איר געווישט די טרערן פֿון די אויגן, געגלעט איר די באַקן, ווי אַ קינד.

— באַרואיק דיך מאַמע! מ'מוז פֿאַרטיידיקן ס'לאַנד. עמיץ מוז דאָך גיין! — האָט ער געפּרוווט בערעכטיקן זיין שריט, דוד.

קאַפּיטל 22

אין שטאָט האָט געשמעקט מיט מלחמה.

ווען מ'האָט געגעבן אַ באַפֿעל די דייטשע און עסטרייכישע בירגער, צו פֿאַרלאָזן די שטאָט אין משך פֿון 24 שעה, האָט עס אַחוץ עטלעכע רייכע האָטעל־באַזיצער, קיין גוים כמעט נישט אָנגערירט. געגומען פּעקלען זיך, שלעפּן זיך, האָבן, ווי תמיד, יידן. האָבן זיך די נעכטיקע האָפֿערדיקע דייטשע און עסטרייכישע פּאַטריאָטן געצויגן צום באַן־הויף מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט איינגעפּאַקטע „האָב און גוטס", מיט פֿאַרוויינטע ווייבער און פֿאַרחידושטע, שלעפֿעריקע קינדער. זענען גאַנצע געסלעך אין דער יידישער געטאָ געבליבן שטיין פֿאַריתומטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן און פֿאַרשלאָסענע טירן. און צווישן זיי האָט, ווי אַ לעבעדיקער, אויף אַ בית־עלמין, דאָ און דאָרט געוווינט אַ רוסישע, אָדער אַ רוסיש־פּויליש־יידישע משפּחה.

ביי די בערמאַנס אין הויז איז געווען שטיל, אימה'דיק־שטיל. די ראָלעטן זענען גאַנצע טעג געווען אַראָפּגעלאָזט. בערמאַן האָט געהאַלטן אין איין אַריינקוקן אין אַ ספר. זשאַנעט איז גאַנצע טעג אָפּגעזעסן ביי אַ חברטע. זי

האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די מרה־שחורה אין הויז, נישט געקענט צוזען, ווי די מוטער דרייט זיך גאַנצע טעג אַרום איבער די חדרים, אַ פאַרהילטע אין אַ שאַל, אַ געבויגענע אין דרייען, ברעכט די הענט ווי נאָך אַ טויטן. און הערט נישט אויף צו וויינען.

ביי די פלעמער האָט מען יעדעס מאָל, וואָס אַ זון האָט זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער משפחה, מיטן הונט און מיט דער קאַץ, אויפגע־נומען די נייעס, ווי די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט. טייל עלטערן האָבן אפילו מקנא געווען די זין, געהאַט עגמת נפש, וואָס זיי קענען נישט טון דאָס אייגענע, גיין פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד (זיי האָבן געהאַט וואָס צו פאַרטיידיקן).

— אוי, וואָלטן מיר זיי געוויזן, די פאַרשאָלטענע דייטשן! — האָבן עלטערע מענער געברומט אין די גרויע וואָנסעס אַריין.

פאַר אַ טיר פון אַן אָרימער הייזקע זענען געשטאַנען עטלעכע צעפלאָמטע גוים, געררייכערט ליימענע ליולקעס, געדיכט און גיך גערויכערט. און מיט גרימצאָרן און מיט צערייצטע שמייכלען גערעדט. געשפיגן אין די פאַר־האַרטעוועטע דלאָניעס אַריין, געקוקט זיך אויף די הענט, שטייפע פון יאָרן לאַנגער שווערער אַרבעט.

— מיר האָבן פאַר זיי קיין מורא נישט! ס'איז נישטאָ קיין קליין פאָלק! — האָט אַ בלאָנדער יונג אַ קלאַפּ געטון זיך אין די היפטן אַריין מיט ביידע אייזערנע פויסטן און אין די העלע אויגן האָט אַ מאָדנער גלאַנץ אַ לויכט געטון.

— מירן זיי וויזן — האָט אַן אַלטער פלעמער אין אַ פּאָר ברוינע גע־שטרייפטע סאַמעטענע הויזן געשפריצט מיטן אָנצייניקן מויל.

— איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען—האָט דער גוי זיך געבעסט. שוין עטלעכע טעג ווי דעם גוי איז עפּעס אַ צערודערונג אַריין אין זיין לעבן. שוין איבער פערציק יאָר איז ער געוווינט געווען זיך יעדן פרימאָרגן אויסצעציען אין זיין גאַנצער גרויס אינעם טיפן וואָגן ליים, פיפקען די ליולקע און צוקוקן זיך מנוחה'דיק ווי דאָס גרויסע בעלגישע פערד מיט די משונה'דיק גרויסע באַרשטן גייט זיך מיט די גראָבע פיס זיין טריט טראָט, טריט טראָט, פירט אַליין אַוועק דעם וואָגן ליים, שטעלט זיך אָפּ ווי מ'דאַרף און גייט אַליין

ווייטער. איצט דרייט ער זיך אַרום פּוסט און פּאַס. ס׳פֿערד שטייט אין שטאַל און פֿרעסט אים אָפּ די ביינער, פֿאַרדינט נישט אויפֿן האָבער.

— אַלץ איז זיי ווייניק, די פֿאַרשאָלטענע דייטשן, זיי מיינען מ׳האָט פֿאַר זיי מורא — האָט אַ גוי אויסגעשפּיגן.

— מורא ? ! „כאַט פֿאַרדומע״, ווער האָט מורא. איר זעט די הענט ? עס בייסט מיך ! — האָט זיך דער בלאָנדער שגץ גענומען קראַצן אין דער דלאָניע. אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— ס׳איז נישטאָ קיין קליין פֿאָלק, האָט עמעץ אויסגערופֿן, — אַז אַ פֿאָלק וויל ! אָהאָ, אַז אַ פֿאָלק איז גרייט צו גיין אין פֿייער און אין וואַסער אַריין פֿאַר זיין לאַנד !

— פֿאַר אונזערע היימען — האָט זיך אַ גויה פֿונאַנדערגעוויינט.

— מירן אים ווייזן, דעם הינטישן קייזער — האָט דער שגץ געבליצט מיטן מויל ווייסע ציין. — מירן אים געבן אַ „דויטשלאַנד איבער אַלעס״.

„דויטשלאַנד אונטער אַלעס״ האָבן זיך עטלעכע מיט אַמאָל צעשריגן. דער עולם האָט זיך ווידער אַמאָל פֿונאַנדערגעלאַכט.

— זאָל לעבן דער קעניג אַלבערט ! — האָט עמיץ אויסגערופֿן.

— זאָל לעבן דער קעניג אַלבערט ! — האָבן די איבריקע אונטערגע־כאַפּט.

— איר זעט די הענט ? — האָט אַ נידריקער גוי מיט אַ פּאָר שטרויענע וואָנסעס, אַ שאַרץ אַרויף געטון דעם רעכטן אַרבל פֿון העמד, באַוויזן אַ מאַסע גראָבע, גרינע אָדערן.

— ווי אין פּאָדעשוועס אַריין וועל איך האַקן קוילן. זאָל מען מיך נאָר צו־לאָזן, נישטאָ קיין צו אַלט. — און ווער וועט נישט אָוועקגעבן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פֿאַר אונזער לאַנד ? ווער וועט נישט לאָזן אַלץ שטיין און גיין, איבערלאָזן ווייב און קינד און זיין האָב און גוטס, כ׳פֿרעג אייך ? — האָט זיך געהערט אַ קול פֿון צווישן דעם עולם.

— מ׳עט אפֿילו איבערלאָזן קו און קאַלב, מ׳עט מוזן איבערלאָזן — האָט געלאַכט אַ פֿאַרבייגייענדיקער מילך־מאַן און אָוועקגעלאָזט זיך מיטן וועגעלע מעש־פֿאַרפּוצטע קענדלעך. — אַלץ פֿאַרן פֿאָטערלאַנד — האָט ער נאָך פֿון דער גרויסער אויסגעפּוצטער קאַן איבערגעלאָזט אַן עכאָ.

— האַ, בין איך נישט גערעכט ? — האָט זיך דער שוסטער נישט גע־

כאַפּט, אַז דער מילך־מאַן האָט עס געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע און ער האָט זיך באַגייסטערט. — זאָל לעבן בעלגיע!

— זאָל לעבן בעלגיע! — האָבן די שכנים אונטערגעכאַפּט.

— בעלגיע און דער קעניג — האָט זיך דער שוסטער געדונגען.

— „כאָט פּאַרדומע" איר זענט „זאָט"! (משוגע). וואָס איז די גדולה אויף אייך? — האָט זיך באַוויזן אַ דיקער, רויט־פּנימדיקער קרעמער אויף דער שוועל פון זיין פיינער קראָם. ער האָט זיך אָפּגעווישט די גלאַנציקע פּוכיקע הענט פונעם חזיר שמאַלץ, וואָס האָט נאָך געטריפט אויף זיי, אַ ברען געטון דעם עולם מיט זיין רויטלעכן גליאַנץ אין די העלע אויגן און זיך ביטער צעלאַכט.

— מיר זענען איינגעשטעלט מיטן לעבן, מיטן האָב און גוטס און זיי יובלען.

— אהאַ, ער ציטערט שוין פאַרן האָב און גוטס! — האָט דער שוסטער אויסגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגן — אָט דאָס איז דאָס אומגליק.

— אַז די מענטשן זענען אַלע משוגע געוואָרן! — האָט דער גוי שטיל אַ ברום געטון און אַריינגעשאַרט זיך צוריק אין קראָם אַריין.

דעם מילך־מאַנס ווייב, די, וואָס דער קרעמער האָט נאַר־וואָס געהאַט באַדינט, איז אַרויסגעקומען מיט אַ פולן קאָשיק אָנגעקויפטע סחורות אויף דער „פיר־וואָכעדיקער מלחמה". זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהערט זיך.

— לאָזט שוין בעסער! איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט! — האָט זי געזאָגט — זיי זענען גרויס און קלוג. וואָס זענען מיר קעגן זיי? ווערעם. מיט איין טריט צעקוועטשן זיי אונדז — האָט זי פאַרגעסן, די גויה, אַז זי איז אַליין אַ בעלגישע, אַז אפילו דער מאַן אירער איז שוין אַ נאַטוראַליזירטער, אַז זי האָט בעלגישע קינדער, אַז אירע אור־אור־עלטערן זענען געווען בעלגיער און זי האָט זיך אָנגענומען פאַר דייטשלאַנד.

— זיי גייען זיך אַקעגנשטעלן דייטשלאַנד! אַ געלעכטער! — האָט די גויה געזאָגט און איז אַוועק.

— זי איז דאָך אַ דייטשקע! איר מאַן איז דאָך אַ דייטש! לעמעשקעס זענט איר, נישט קיין סאָלדאַטן. וואַזשנע העלדן! — האָט אַ גויה געשיט מיט פונקען פון די אויגן — צוריסן ווי אַ הערינג, וואָלט איך זי! אַזאַ פאַרקויפטע נשמה.

די פּלעמער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— צום טייפל! געווען געדאַרפט די ביינער אָנברעכן איר!

— אַוועקלייגן אַ טויטע האָט מען איר געדאַרפט! — האָט דער שוסטער געברענט מיט חשק צו ברעכן ביינער. ער האָט אַזש גערעדט הייזעריק פון רציחה.

אין בערזע זענען סוחרים אַריינגעקומען, געגעבן אַ שמעק, אַ לעק, און צוריק אַהיימגעגאַנגען. ס'איז נישט געווען וואָס צו טון. די ליידיקייט האָט אַהיימגעטריבן.

מער נאָך ווי אין בערזע, האָט זיך געפילט די פוסטקייט אין שענקל. ס'האָבן דאָרט איצט געפעלט די רבנישע קאַפּעלושלעך, די קליינע סוחרים־לעך מיט די רויטע בעקלעך און ווייסע, מיידלשע הענטלעך, וואָס האָבן אַזוי געשיקט געוויגן דראָבנע „וואַרע" אויף באַלאַנסלעך, אַזוי קונציק געשאַרט מיט די צווענגעלעך צווישן הויפּנס „באַקפּאָליעס", אַזוי איידל געפּלאָכטן המציאה'לעך און געשיט „פויער" אין די ווייסע, געפּאָרעמטע פּאַפּירלעך מיט די פּלוס־פּאַפּירענע אונטערשלאַקן.

עס איז געווען שלעכט מיט זיי און נאָך ערגער אָן זיי. ווען „זיי" וואָלטן דאָ איצט געווען, וואָלט פּאָרט נישט געווען אַזוי פּוסט. ס'וואָלט פּאָרט נישט אַרומגעכאַפּט אַזאַ מרה־שחורה, ווען מען קומט אַריין אין שענקל. עפּעס וואָלט זיך פּאָרט אַ ריר געטון. עס האָט זיי שוין באַנג־געטון, די רוסישע און די רוסיש־פּוילישע יידן, נאָך דעמאָלט, ווען זיי האָבן געזען, ווי יידן שלעפּן זיך מיט ווייב און קינד, ווי זיי גייען אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרשטיקטן געוויין פון זייערע היימען, ווו זיי האָבן זיך מיט שווערער מי נעסטן געמאַכט—שוין דעמאָלט האָבן זיך ביי די איבערגעבליבענע יידן טרערן אין די אויגן געשטעלט — זיי האָבן לחלוטין פאַרגעסן דעמאָלט, אַז מען קומט פון פאַרשיידענע לענדער. זיי האָבן בלויז געזען ווי יידן ווערן אַרויסגעטריבן, וואַנדערן, ווייסן נישט וואוהין. האָט וויי געטון און עס האָט באַנג געטון.

בערמאַן איז אַריינגעגאַנגען אין שענקל, סתם אַזוי אַ קוק טון. ער איז אַרומגעקראָכן פון איין אָרט צום אַנדערן, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז עס גייט קיין מסחר נישט אָן, אַבי נישט צו דאַרפן זיצן אין הויז. אָבער ס'איז אים געווען שלעכט אין שטוב און נאָך ערגער אין גאַס. ער האָט מורא געהאַט צו באַ־

גענענען אַ מענטשן, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן — מען טייטלט אים מיט די פינגער נאָך.

— זעטס אַ טאַטן, וואָס האָט געטריבן זיין אייגן קינד דעם טויט אין די הענט אריין.

ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט זיך צוגעזעצט צו אַ טישל. אויף אַן אָפּגעקראַכן שאַך־ברעט האָבן עטלעכע יידן געפירט אַ מלחמה, געזוכט „סטראַטעגישע פּאָזיציעס" צו פאַרכאַפּן. בערמאַן האָט זיך געבייזערט:

— אַזוי ווי קליינע קינדער זענט איר. מער ליגט אייך נישט אין זינען?

די יידן האָבן זיך אי פאַרשעמט, אי געחידושט. בערמאַן האָט זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען.

— שוין? נאָך דער מלחמה? — האָט איינער געלאַכט — הלואי האַלטן מיר שוין אַזוי מיט דער אמתער מלחמה.

— מ'עט האַלטן, מ'עט האַלטן! — האָט עמיץ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט

— לאַנג קען אַזאַ מלחמה נישט אָנהאַלטן — האָט ער געטרייסט — מער ווי פיר האָבן, געוויס נישט.

— כ'מיין עפּעס אַזוי! — האָט זיך אַ יונגערמאַן אַריינגעכאַפּט — ווען נישט, וואָלט די גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען. שפּילט זיך מיט אַזאַ מלחמה! בין איך נישט גערעכט, ר' אליהו? — האָט זיך דער יונגערמאַן געווענדט צו איינעם אַ קיביצער, ווי צו אַ גרויסן מומחה אין הלכות מלחמה.

— חס ושלום! — האָט זיך ר' אליהו נאָך אַביסעלע ישוב־הדעת אָפּגע־רופן — בלאָטע! קיין פיר וואָכן אויך נישט! — האָט ער צוגעגעבן — איך בין אייך מבטיח!

אָבער דער דייטש האָט זיך אַ האָר נישט גערעכנט מיט ר' אליהו'ס הבטחה. ער האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער צו דער שטאָט.

צווישן די אייגענע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן גאַנצע טעג געזשומעט אין די אויערן, האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ מער פרעמדע באַווייזן, אַלץ הפקרדיקער געפליגן איבערן אַנטווערפענער מילדן הימל. מיר־נישט, דיר־נישט האָט מען אינמיטן העלן טאָג געמוזט לאָזן אַלץ שטיין און קריכן אין די קעלערן אַריין. נאָך ערגער איז געווען, אַז ס'איז אויסגעקומען אַרויסצוקריכן אינמיטן דער נאַכט פון די וואַרעמע בעטן אַרויס.

אין אַן אָוונט, בערמאַן האָט נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעדאַווענט מנחה־מעריב, ער האָט זיך נישט געפֿילט גוט און ער האָט זיך געלייגט פֿרי שלאָפֿן. ער האָט קוים געכאַפּט אַ דרימל, עפּעס אַ ליכטיקער חלום האָט זיך אַ פּלאָנטער געטון אין מוח — און שוין, מ'מוז שוין קריכן אין קעלער אַריין. בערמאַן שטייט שוין מיט די הויזן אין די הענט, אַ צום טויט־דערשראָקענער, קוקט זיך אַרום, ווי אַ פֿרעמדער, טוט אַ ציטער אויף און פֿליט אין קעלער אַריין. עפּעס האָט ער יאָ געזען אַ טונקעלע מאַסע אין קאָרידאָר, אַ שוואַרצע קופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט פֿון גאַס בשעת דער וואָרענונג, אַנגעקלאַפּט אין יעדן הויז, ווו זיי זענען גראָד פֿאַרבייגעגאַנגען. די מענטשן זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע.

דערזען בערמאַנען פֿאַרביישוועבן, מיט די הויזן אין די הענט, מיט די שטעק־שיך אויף די באָרוועסע פֿיס, האָבן זיי זיך אַלע אַ שיט געטון נאָך אים. רחל האָט געקלאָגט.

— ווו וועט זיך מיין קינד באַהאַלטן ?

די מענטשן אין קעלער האָבן זי געטרייסט.

— גלויבן זי מיר, אַז ס'זענען דאָ יאָרן, קומט מען אַרויס פֿון אַלע פֿייערן ! און אַז חלילה נישט — העלפֿט קיין באַהאַלטן זיך אויך נישט. וואָס זענען זי — די איינציקע מאַמע ? און אַז ער וואָלט זיך נישט געווען אָנגעשלאָסן, וואָלט ער יעצט שוין סיי־ווי געמוזט גיין ! אַלע גייען — גוים, יידן, יינג און אַלט. די מלחמה איז נישט פֿאַר אינען אַליין, מאַדאַם בערמאַן.

— צרות רבים חצי נחמה ! — האָט אַ ייד געטרייסט.

בערמאַן איז געזעסן אויפֿן קישן אין ווינקל קעלער, די נאָז פֿאַרשפּיצט און בלייך, ביידע פֿינגער אין די אויערן, כדי נישט צו הערן דאָס געברומעריי פֿון די „משחיתים” איבערן דאַך.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס הויז אַ טרייסל געטון. ס'האָט זיך געדאַכט — אָט אָט וועלן זיי אַלע פֿאַרשיט ווערן אין פֿינצטערן קעלער, ווו אַחוץ אַ קליין פֿלעמעלע פֿון אַ חלבן ליכטל, וואָס די דינסט האָט געהאַט פֿאַרשטעקט אינעם ווייטסטן ווינקל, כדי ס'זאָל נישט זיין צו־ליכטיק און אַחוץ שפּינוועבס און חושך, איז דאָרט גאָרנישט נישט געווען. דאָס ליכטל האָט אַ ציטער געטון, אויף די ווענט זענען די שאָטנס משוגע געוואָרן, גענומען קריכן, דערנאָך טאַנצן, אַנגעוואָרפֿן אַ שווידער. עפּעס אַ יידענע האָט געהאַלטן אין איין

שרייען „ששׂשאַ", כאָטש קיינער האָט סיי־ווי קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. און — טראַך! ערגעץ דערלעבן איז אַ הויז איינגעפאַלן. בערמאַן האָט אַ שפּרינג געטון, ווי אַ באַל און איז צוריק אַראָפּגעפאַלן.

ס'איז שוין געווען נאָך אַלעם, מ'האָט שוין דעם אַלטן ר' חיים־יוספן מיט גרויסע צרות אויך געהאַט צוריק אַרויפגעשלעפּט די עטלעכע טרעפּלעך, אַוועקגעלייגט אים אויף אַ שלאָף־באַנק אין קיך, בערמאַן האָט זיך שוין ווי עס איז באַרואיקט, נאָר די יידינע האָט בשום־אופן נישט געוואָלט אַהיימגיין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער גרויסער קיך, געוואַרעמט זיך דאָס פאַרפרוירענע אַלטע לייב און געהאַלטן אין איין שרייען „ששׂשאַ"!

דאָס האָט בערמאַנען אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

— גייט אַהיים, זאָג איך אייך! אַהיים גייט! — האָט ער גאָרנישט מעשה דזשענטלמען געמאַכט קולות אויף דער צערודערטער יידינע.

— גייט זאָגן תהלים! — האָט זשאַק געלאַכט.

ביי אים איז דאָס קריכן אין קעלער אַריין געווען אַ ספּאָרט אַזאַ.

די וואָרענונגען זענען געוואָרן אָפטער, דאָס קריכן אין קעלער אַריין — נמאס'ער. די שרעק — גרעסער. די שטימונג — געדריקטער. די רייכע דימענטן־סוחרים האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזט די שטאָט. זיי האָבן פאַרשלאָסן די הייזער, מיטגענומען מיט זיך אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט נעמען. אַ טייל זענען אַוועק קיין אַמסטערדאַם, אַנדערע — קיין ענגלאַנד. פאַרבליבן זענען אָרעמעלייט און „מאַרשאַנעס". זיי, די מאַרשאַנעס, האָבן זייער סחורה נישט געקענט מיטנעמען אַזוי לייכט. זענען זיי גאַנצע טעג געשטאַנען אויף די טירן פון זייערע קראָמען, צומאָל נישט אויפגעפּאַקט די בינטלעך וואָלענע לייבלעך, האַנטעכער און אונטערקליידלעך און געקוקט אין הימל אַריין, דערקענט אַ פרעמדן אַעראָפּלאַן ביים ערשטן בליק און גענומען שליסן די געשעפטן, די ערשטע געקראָכן אין די קעלערן אַריין.

ס'האָבן זיך באַוויזן אַלץ מער אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן איבער פינקלדיקע שויבן, אַלץ מער פאַרשלאָסענע, ווייס־פּאָלירטע טירן אין עלעגאַנטע הייזער. די שטאָט איז געוואָרן אַלץ ליידיקער. די נודנעקייט, די שרעק — אַלץ גרעסער. איין בערמאַן האָט זיך נישט געריירט. ער האָט געלעבט אויף פּילן און אַלעראַליי מעדיצינען. אין דער באָרד האָבן זיך אַ סך ווייסע פעדים אַריינגעכאַפּט. ער איז שלעכט געשלאָפן, די מורא פאַרן טויט, דאָס אויפטרייסלען

זיך ביי יעדן קלאַפּ, דאָס כסדרדיקע שלאָפֿן אין די מלבושים, דאָס לאַנגע נישט באָדן זיך, טאָמער וועט זיין אַ לופֿט־אַנפֿאַל אינדערמיט, האָבן אים צערייצט, דענערווירט, אָבער ער איז געבליבן.

— פֿאַרפֿאַלן, מען מוז אויסהאַלטן!

— אויפֿבויען אַ הויז, אַווירטשאַפֿט איז שווער, צעשטערן איז גרינג — האָט זיך בערמאַן געזאָגט. און די גאַנצע שרעק פֿאַרן טויט און די גאַנצע ליבשאַפֿט צום לעבן האָבן נישט געקענט גובר זיין בערמאַנס ווילן צו דער־האַלטן דאָס, וואָס ר'האָט מיט אַזויפֿיל מי געבויט.

רחל האָט אויך נישט געהאַט קיין חשק אַוועקצופֿאָרן. איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דאָ, אין אַנטלויפֿן, איז זי נענטער צום זון. אַז טאָמער פֿאָרט זי אַוועק, לאָזט זי אים איבער אַן עלנטן, שטעלט אים אוים אויף גרע־סערע סכנות...

נאָר אין אַ פֿרימאָרגן, ווען די בערמאַנס זענען גאָר־וואָס געהאַט איינ־געשלאָפֿן, נאָך אַ גאַנצער נאַכט טרייסלען זיך צוזאַמען מיט די בעטן, וואָס האָבן זיך פֿון זיך אַליין געהויבן אין דער לופֿט, האָט אַ פּאָליציאַנט אָנגע־קלאַפּט אין זייער שלאָף־חדר (זיי זענען איצט געשלאָפֿן אַלע אין איין חדר), האָט עפּעס אַ ברום געטון אונטער דער נאָז און צוריק אַראָפּגעאײַלט פֿון די טרעפּ. ער האָט געהאַט אַ סך אַרבעט יענעם פֿרימאָרגן, דער פּאָליציאַנט. ווי אַ שמש, וואָס גייט אַרום וועקן צו סליחות, אין קליינשטעטלדיקע הייזקעס, האָט דער פּאָליציאַנט געשפּרייזט פֿון הויז צו הויז און אין אײַלעניש באַפֿוילן די פֿאַרשלאָפֿענע מענטשן, צו פֿאַרלאָזן די שטאָט.

בערמאַן האָט זיך געריבן די אויגן, נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט.

האַנדלט זיך דאָ נישט אין קיין מסירה'לע בנוגע זיינע געקויפֿטע מציאה'לעך אָדער אפשר גאָר שפּיאָנאַזש? אין מלחמה־צייט איז אַלץ מעגלעך!

דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן געל ווי וואַקס. די ברוינקייט איז פֿאַר־שוווּנדן. ער האָט איצט געהאַט אַ העלער פּנים. די אויגן — רויט פֿון נישט שלאָפֿן דורך די נעכט.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

רחל האָט אויך נישט געוווּסט. ס'האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— אפֿשר האָט מען אונדז באַגנבֿעט אונטן ? — איז זשאַנעטן איינגעפֿאַלן.

בערמאַן האָט אויפֿגעלויכטן. ער האָט ממש גאָט געבעטן, אַז דאָס זאָל עס זיין.

נאָר באַלד האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין טיר פֿון אַ שכן.

— קומט, הער בערמאַן, וואַרט נישט קיין רגע !

בערמאַן האָט געכאַפּט אַ בליק דורכן פֿענצטער, ער האָט געזען, ווי מענטשן פֿליען ממש צום באַנהויף. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן מענטשן מיט פּעקלעך, מיט קינדער ביי די הענט, אויף די הענט.

ווען די בערמאַנס זענען פֿאַרטיק געוואָרן, מיטן פֿאַרפּאַקן אַביסל פֿונעם נוויטיקסטן, איז די שטאָט שוין געשטאַנען אַ פֿאַרלאָזטע. די גאַנצע ענגשאַפֿט איז איצט געווען ביים באַן־הויף.

וויסט און ליידיק איז געשטאַנען די שטאָט, איינגעהילט אין רויך און אין פֿינצטערניש. דער הימל נאָר האָט זיך געצונדן, ווי פֿון ראַקעטן, ווײַלנווייז אויפֿגעבליצט און ווידער איינגעהילט זיך אין רויכיקן חושך. ווי אַן אבל איז זי געשטאַנען, די שטאָט. די בערמאַנס האָבן צוליבן אַלטן פֿאָטער געשלעפּט זיך איבער די גאַסן. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי וועלן שוין צום באַן־הויף קיינמאָל נישט דערגיין. נאָר אַ קנאַל פֿון האַרמאַטן האָט אַ הויב־געטון די מענטשן און עפּעס איז געשען. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט אַלע מענטשן צוגלייך, דער אַלטער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך דער צוג געשלעפּט פֿון אַנטווערפּן קיין האָלאַנד. די מענטשן זענען געלעגן אָנגעפּאַקט, ווי סאַרדינען, איינער אויפֿן אַנדערן. עס איז געווען דער לעצטער צוג. פֿון די דערפֿער האָבן זיך שוין די פּויערים געשלעפּט צופֿוס. די שטאָט איז שוין געווען אָפּגעשניטן. בערמאַן האָט זיך דער לעצטער אַריינגעקריגן מיט זיין משפּחה אין אַ וואַגאָן אַריין. די מענטשן זענען געשטאַנען, געלעגן, געזעסן איינער אויפֿן אַנדערן. די אַראָפּגעלאָזטע, שוואַרצע פֿאָרהענגלעך האָבן גורם געווען אַ דערדריקנדיקע שטילקייט, געוואָרגן אין האַלדז, געדריקט די געמיטער, אַפֿילו קינדער האָבן נישט געוויינט. ווי דערוואַקסענע האָבן זיי געקוקט אַרום זיך און איינגעהאַלטן זיך נישט צו וויינען.

קאַפּיטל 23

אַ בלוטיקער איז אויפֿגעגאַנגען דער פֿרימאָרגן.

די האָלענדישע זון האָט אין דער פֿריער שעה שוין געהאַט פֿאַרבליאַפּעט די קליינע דאָרפֿישע כאַטקעס. צעלייגט זיך אויף די געקעסטלטע בלוי־ווייסע טישטיכער. צעפֿינקלט דאָס געשיר. אָנגעגאָסן מיט געזונטן חשק די האָלענדישע פּויערים, וואָס שטייען אויף כּעלות הבקר.

אויף די געדעקטע, לאַנגע טישן איז געלעגן גרייט אייגנגעבאַקן ברויט, שמעקעדיק געלע פּוטער און עכטער האָלענדישער קעז. ס'האָבן געפּאַרעט קריגלעך קאַקאַו, געראָפֿן עסערס, געלאַקט.

די זון האָט מיט דער אייגענער זילבערנער רחבות באַהעלט די טונקלע וואַגאָנען, אַריינגעריסן זיך דורך אַלע לעכער, צעלייגט זיך איבער די צעקנאָדערטע מענטשן, געפּרוווט אַביסל דערוואָרעמען זיי. אויסגעגלעט אַ קינדעריש פּנימל, אַ שמייכל אַרויסגערופֿן, און אַ חן־גריבעלע זיך אַריינגעקריגן, אַריינגעשמוגלט אַ שטראַל אין בערמאַנס שוואַרצע אויגן. נאָך ברודיקער געמאַכט די שויבן פֿון די וואַגאָנען. אפילו די אוועקגעשאַרצטע שוואַרצע פּויער־הענגלעך נישט געשווינט...

בערמאַן איז געשטאַנען האַרט לעבן דער טיר פֿון וואַגאָן. דער צוג איז איצט שוין געגאַנגען מיט זיין געוויינלעכן גאַנג. פֿאַר זיינע אויגן האָבן זיך פֿאַרבייגעטראָגן, זענען געלאָפֿן אויף צוריקוועגס, אָפּגעשניטענע קאָרנפֿעלדער, וווּ ס'זענען געלעגן רויטע, ווייסע און געפֿלעקטע קי, גראָע שעפּסן. גלאַנציקע פֿערד האָבן זיך וווילגעטון, אין דער פֿריער שעה שוין געריסן ס'גראָז, מעלה־גרה געווען... האָלענדישע פּויערים אין ברייטע לייוונטענע הויזן, אין הילצערנע שיך מיט פֿאַריסענע נעז, מיט ברייטע, שטרויענע היטן אויף די קעפּ, וואָס האָבן שוין אין דער פֿריער שעה געאַרבעט אויף די פֿעלדער, איינגעזאַמלט דאָס ברויט, די שפֿע, האָבן נאָכגעקוקט די וואַגאָנען, וואָס האָבן זיך כּסדר געצויגן פֿון בעלגיע, געבערענגט צופֿירן נעבטיקע באַלעבאַטים און היינטיקע „שנאָרערס".

פּויערטעס מיט טיפֿע קאַפּוטשעס אויף אויסגעצוואָגענע קעפּ, אין אָנגעפֿאַלבעוועטע ספּאָדניצעס פֿון אייגנגעוועבטער לייוונט, מיט שטייפֿע סטאַניקעס, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פֿיינע ליניעס פֿון געזונטע ווייבלעכע גלידער,

שטייעפּ, צעוואַקסענע ברוסטן, וואָס האָבן זיך ממש קיין אָרט נישט געפֿונען, געריסן זיך אין דער וועלט אַריין. — אַלע האָבן זיי זיך געצויגן אין פֿעלד אַריין. אַ סך האָבן קינדער מיטגעפֿירט, כּדי צו קענען אָנזויגן זיי און שלאָפֿן לייגן אין האַמאַקעס, אָדער גאָר פּשוט — אויפֿן שמעקנדיקן גראָז.

און די זון האָט זיך געגאָסן אויף פֿעלד און מענטש, אַלץ באַשטראַלט, אַלץ געוואַרעמט. אין פֿעלד אַריין האָבן זיי זיך געצויגן, די מענטשן, כּדי צו פֿאַרברענגען דאָרט דעם טאָג ביי געזונטער, נוצלעכער אַרבעט, אונטער אַ פֿרייען, פֿרידלעכן הימל.

אַנדערע זענען שוין אין דער פֿריער שעה געשטאַנען און געגראָבן קאַר־טאָפֿל. די מאָטיקעס האָבן אויפֿגעגלאַנצט פֿון אונטערגעגראָבענער שוואַרצער ערד, אויפֿגעכאַפּט אַ שטראַל און צוריק איינגעגראָבן זיך. טייל האָבן געמאַכט היי, צונויפֿגעשטעלט סטויגעס. אַנדערע האָבן געשניטן רייף־געוואָרענעם קאָרן. ווייבער האָבן אויסגעלייגט דעם קאָרן צום טרוקענען אויפֿן נאַקעטן פֿעלד פֿונעם נאָרוואָס אָפּגעשניטענעם ברויט. און די גאָלדענע זון האָט גע־גאָסן פֿון איר שפֿע, געטריקנט און געברוינט, געגעבן פֿון איר ברכה, געבענטשט די אַרבעט פֿון שלום און האַרמאָניע. אויף יעדן פּיצל אָפּגעפּאָרענעם שטח האָבן ווינט־מילן דערמאָנט די אויסגעמאַטערטע פּליטים, אַז זיי זענען אין האָלאַנד, אינעם פֿרייען לאַנד, אין דעם „אייביק־נייטראַלן"...

בערמאַן האָט אין זיך אַריינגעצויגן אַזויפֿיל פֿרימאָרגן־לופֿט דורך די אָפֿענע פֿענצטער פֿונעם וואַגאָן, וויפֿל ר'האָט נאָר געקענט. מיט ברייטע אָטעם־צוגן האָט ער געשעפּט די לופֿט. עס איז אים שיעור געוועזן גוט, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין האָב און גוטס אין אַנטווערפּן און פֿאַרשוווּנדן זענען די פֿעלדער, פֿאַרוואָלקנט איז געוואָרן דער הימל, אַ חמורע האָט אַלץ פֿאַרהילט.

אין ראָטערדאַם האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. צעקנאָדערטע מענטשן מיט געלע, אויסגעמוטשעטע פּנימער פֿון אַ גאַנצער נאַכט וואַלגערן זיך אין די דעמפּיקע וואַגאָנען, האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, משונה'דיק הויך געגענעצט, געפּרווט אויסגלייכן די צעווייטיקטע אבֿרים און נישט געקענט, נישט געהאַט ווו. מענטשן האָבן געפּרווט אויפֿשטיין, אַרויסקריגן זיך פֿון די וואַגאָנען, זע־נען זיי געבליבן שטיין ווי אַ וואַנט. אַ פֿאַרשלאָפֿענער, אַלטער ייד האָט

פאַרגעסן וואָס און ווען, ער האָט זיך געריבן די אַלטע, פאַרקלעפּטע אויגן און האָט זיך צעשריגן מיט קולי־קולות:

— שוין ווידער אַ פּאָגראָם? יידן, לאָמיר פאַרהאַקן די טירן!

ס'ווייב און עטלעכע שכנים האָבן אים קוים איינגעשטילט. ער האָט גע־קוקט אויף די מענטשן, זיי נישט דערקענט, נישט געוואָלט גלויבן, אַז ס'איז „גאָרנישט", אַז מ'איז בלויז אַנטלאָפן צוליב דער מלחמה. לסוף האָט ער זיך דערמאָנט, נאָכאַמאָל אויסגעריבן זיך די אויגן, פאַרשלאָסן דאָס אַנציי־ניקע מויל און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַ שיין לעבן! מלחמות, פּאָגראָמען! — האָט עמיץ פילאָזאָפירט. ביסלעכווייז האָבן זיך די מענטשן פאַרט אַרויסגעקריגן. אויף די פּלאַטפאָר־מעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער. מ'האָט פאַרטוישט באַגאַזשן, געטומלט.

נאָר באַלד זענען אָנגעקומען עטלעכע פאָרשטייער פון צדקה־חברות, אויסגערוטע, אָנגעטוענע, געוואַשענע, געקעמטע, האָבן זיי מיט זייער בלויזן דערשיינען, באַרויקט אַביסל די צעטומלטע מענטשן.

מען האָט אַריינגעפּאַקט די פּליטים אין אָמניבוסן, אַוועקגעפירט זיי סתם אין דער וועלט אַריין...

נאָר אָט זעצט מען זיי שוין אויס אַרום טישן, מען קלעפּט אויף נומערן אויף זייערע באַגאַזשן, מען ווייזט אפילו אָן די מאַנסבילן ווו צו דאַווענען. בערמאַן איז נישט צופרידן. ווו קומט ער צו זיצן מיט די־אָ מענטשן ביי איין לאַנגן, הילצערנעם טיש?

— ווער האָט דיך געהייסן וואַרטן אויף דער לעצטער מינוט? כ'האָב דיר געזאָגט, אַז ס'וועט אַזוי זיין! — האָט זיך זשאַנעט געקרימט — זע נאָר, ווער ס'איז דאָ דאָ? בלויז שנאָרערס! קיין איין רעכטער מענטש נישט!

בערמאַן האָט נישט געענטפערט.

— דאָס איז אָן אָנביסן פאַר זיי, נישט פאַר מיר! — האָט בערמאַן אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער ברויט מיט פּוטער.

דאָס פרייליין אינעם ווייסן כאַלאַט, מיטן שנירל עכטע פּערל אויפן רויטן דעקאָלטל, מיטן איידעלען שמייכל אויף די דינינקע, רויטע ליפּעלעך, האָט זיך העלער נאָך צעשמייכלט, באַוויזן אַ מויל ווייסע ציינדלעך און זיך גענומען אַנטשולדיקן. זי האָט דערקאָנט אין בערמאַנען, אָן בערמאַנס באָרד, אַז זי האָט דאָ צו טון מיט אַ „בעסערן מענטשן".

— זי מוסען אונדז אַנטשולדיקן ! עס זענען אומבאַרופֿן דאָ אַזויפֿיל צו באַהאַנדלען, אַז ס'איז איינפֿאַך אוממעגלעך. אָבער איך וועל מעלדן — האָט דאָס פֿריילין, וואָס האָט געטון די אַרבעט פֿרייוויליק און איז אַליין געוועזן אַ רייכע טאָכטער, פֿאַרשטאַנען... זי האָט אַ צי־געטון מיטן דעליקאַטן נעזל און געמאָלדן.

— דערלאַנגט אים עסן באַזונדער ! — האָט דער סעקרעטאַר, אַ בלאָנ־דער יונגערמאַן, מיט דיקע געשליפֿענע ברילן געזאָגט — אפשר איז ער אַ „בעסערער". מ'עט נאָך זען. מעגלעך, ר'איז גלאַט איינער פֿון „יענע". וואָס מיר קענען שוין...

— ער איז אַ „בעסערער" ! ער גייט פֿיין געקליידעט. מ'זעט.

די פּליטים האָבן אַרומגעשמועסט זייער נייעם מצב. טייל האָבן גע־שוויגן. אָרעמעלייט, וואָס האָבן סיי־ווי געחלשט צו אַנטלויפֿן פֿון אַנטווערפּן און נישט געהאַט אויף קיין הוצאות, האָבן הויך אויפֿן קול באַקרעכצט די פֿיינע היימען, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט, דערציילט ווי בדלות זיי זענען דאָס געוואָרן צוליב דער מלחמה. אַזעלכע וואָס האָבן יאָ עפּעס געהאַט, זענען גאָר אַריין אין דער פֿאַנטאַזיע, גענומען אַליין גלייבן אין דעם, וואָס זיי האָבן אָנדערציילט.

— וואָס ווייסט איר וואָס ? — האָט זיך אַן עלטערער ייִד, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן אין אַנטווערפּן מיט אַביסל שאָקאָלאַדע אין די רעסטאָראַנען, באַרימט — פֿאַרן ווירטשאַפֿט אַליין וואָלט איך קיין טויזנט פֿראַנק נישט גענומען.

— ווייל מ'וואָלט אייך נישט געגעבן ! — האָט זיך אַ ייִד געחכמעט.

— און איר זענט דאָס געוועזן דער גרויסער עושר !

— איך באַרים מיך נישט !

— ווייל איר האָט נישט מיט וואָס ! — האָט דער עולם געלאַכט.

בערמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די ראָטערדאַמער גאַסן און גע־רעדט צו זיך אַליין. ר'איז געוועזן בייז אויף דער גאַנצער וועלט.

וואָלטן זיי זיך געוועזן אָפּגעשטעלט אין אַמסטערדאַם, וואָלט ער אפשר דערווייל אַריינגעגאַנגען אין בערזע, אַ קוק געטון וואָס און ווען. אַז אַלץ גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ ! — האָט בערמאַן פֿאַרגעסן, אַז ער קען סיי־ווי אַריינפֿאָרן קיין אַמסטערדאַם, אויב ער וויל און אַ קוק טון וואָס

און וועו. — אַז מ'עט אויפֿעסן דאָס געלט, וועט מען זיך מעגן באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אַ קלייניקייט, אַז מען עסט פֿון גרייטן! צערינט עס ווי וואַסער, — האָבן זיך אים כסדר געבאַמבלט אין מוח די עטלעכע ווערטער.
— יאָ, אַז מ'עסט פֿונעם גרייטן, צערינט עס ווי וואַסער.

פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעל אַוועק געטון זיין אַמאָ־ליקע היים אין שטעטעלע מיט דער גאַנצער העסלעכקייט, וואָס די אָרעמקייט פֿאַרמאָגט. ער האָט פּלוצלונג דערזען זיך אַליין אויפֿן אָרט פֿון פֿאָטער, ווי ער ליגט אין בעט, אַן אומבאַהאָלפֿענער, אונטער דער ברודיקער פּערינע און דער רב שאָקלט זיך איבער אים מיט אַלע שמוישלעך פֿונעם אויסגע־קראָכענעם שטריימל.

אַן אויסגעצויגענער געשריי האָט אים אויפֿגעוועקט, דערמאָנט אים, אַז לעת־עתה איז ער נאָך אַלץ דער גרויסער עושר, גדליהו בערמאַן, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ סכנה, צוליב דער מלחמה. עס איז אים לייכטער געוואָרן אויפֿן הארצן. לעבן אַ קאַנאַל איז געשטאַנען אַ גרופּע מענטשן, גערעדט, געפּילדערט, עפּעס געבייזערט זיך אויף אַ יינגל. בערמאַן איז צוגעגאַנגען נענטער.

דאָס יינגל האָט זיך מיט נאָך חברה־לייט געהאַט געשפּילט לעבן וואַסער, אָפּגעלאָזט פּאַפּירענע שיפֿלעך, געפּרוווט כאַפּן פֿישלעך, סתם געדראַפּעט זיך. פּלוצלונג האָט איינער פֿון זיי פֿאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און ער קריכט שוין ווי אַ זשאַבע אויף אַלע פֿיר אין וואַסער. אָט איז ער פֿון אויבן, כאַפּט כמעט אָן מיטן הענטל די לייוונט פֿון אַ באַרזשע נעבן ברעג, טוט זיך צוריק אַ ריס אָפּ און עס דאַכט זיך, אַז ער פֿאַלט אַרונטער.

אַ רויט־פּנימדיקער פֿישער, וואָס האָט נאָך געטראָגן אויף זיך דעם פּאַנג פֿון מושלעס און זשאַבעס, האָט אָנגעטרויט דאָס געפֿלאָכטענע זעקל אימיצן פֿון עולם, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שיפֿל און אַרויסגעפֿישט דעם חברה־מאַן אונטער אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן, צוריקגעבראַכט אים אַן אָפּגע־צוואָגענעם צום ברעג. ער האָט אים, אַ נאַסן, אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גערעדט צו די יינגלעך:

— אַ גאַנצן טאָג וועט ער ביי מיר דאָ זיצן! אייך וועל איך אײַנגאַנצן לאָזן דערטרינקען ווערן, אַז איר וועט נישט באַלד אָפּציען פֿון וואַסער! ס'עט נאָך דאָ אַמאָל אַן אומגליק געשען.

— דער פּאַליציאַנט ווו איז ? — האָט דער עולם זיך געהאַלפֿן בייזערן.

— ווען מ׳עט אים נישט דאַרפֿן, וועט ער קומען ! — האָט דער פּישער פֿאַרוויכערט די ליימענע ליולקע.

— כאַט פֿאַרדומע ! — האָט ער זיך געבייזערט און אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך דער נאָז.

לסוף האָט ער איינגעהילט דעם קליינעם אין זיין אייגן לעדערן פּעלצל און מיטן זעקל אין איין האַנט, מיטן יינגל — אין דער אַנדערער, אַוועק אָפּפֿירן אים אַהיים.

בערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין אַ צעבראָכענעם פֿלעמיש אַ פֿרעג געטון וואָס אַזוינס ס׳איז געשען. אַ ווייסער האָלענדישער בחור, מיט אַ לאַנגער גלאַנציקער נאָז, אין אַ פּאָר הילצערנע שיך. האָט דערציילט בערמאַנען, אַז אַ יינגל איז דאָ דערטרונקען געוואָרן.

— שיעור דערטרינקען געוואָרן ! — האָט עמיץ אויסגעבעסערט.

דערהערט, אַז שיעור, האָט בערמאַן אויסגעבייטלט אַלע בייזע חלומות צום בחורס קאָפּ און איז אַהיימגעגאַנגען.

— מניא ! אַ באַנדע ליידיק־גייער ! געמיינט גאָט ווייסט וואָס ס׳איז געשען ! אַ שטאָט מיט וואַסער ! ווו מען גייט און ווו מען שטייט — וואַסער ! אַ חידוש זיי ווערן נישט אַלע דערטרונקען ! די גאַנצע שטאָט — איין גרויסער טייך. אַ וואַסער דאָ, אַ וואַסער — דאָרט. וואַסער און פּליטים ! קיינמאָל נאָכנישט געהערט, אַז גוים זאָלן זיך אַרומדרייען ליידיק. און קוקן אין וואַסער אַריין. און פֿאַר זיי, די אַנטוועראַפּענער שלעפּערס, איז עס אַ לעבן ! צו עסן האָבן זיי, פֿאַר זיי איז די מלחמה אַ ברכה, שפּאַצירן זיך אַרום, די הענט אין די קעשענעס, די וועלט איז זייער ! אַז זיי וואָלטן איבערגעלאָזט האָב און גוטס, פֿאַרן שווערע פּראַצע, ווי איך, וואָלט עס נישט געווען קיין יום־טוב ביי זיי.

אַזוי האָט ער זיך געבייזערט, בערמאַן, אויף די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט די ראָטערדאַמער גאַסן, מיט הפקרדיקער רואיקייט, ווי מענטשן, וואָס האָבן שוין סיי־ווי גאָרנישט צו פֿאַרלירן. און פֿאַרגעסן, אַז ער אַליין שפּאַצירט איך אַרום איבער די גאַסן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ וועגעלע, געקויפֿט זיך אַן אויסגעבייכערטן „אוילאַק” (הערינג), פֿאַרשלונגען, באַלעקט זיך, און אַהיימגעגאַנגען. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן מאַטראַץ, וואָס איז איצט געווען זיין גע־

לענער און געפּרוווט דערגיין ביים שכל, וואָס איז בעסער. זאָל ער פאָרן קיין אַמסטערדאַם? זאָל ער פאָרן קיין ענגלאַנד? וואָס פּאָרט איז בעסער? ! ווי פּאָרט קען מען זיך דערשלאָגן צו אַ בעסערן תכלית? גיי ווייס!

אין אַ פרימאָרגן האָט דער בלאָנדער יונגערמאַן גוט אויסגעפּוצט די שפּאַקולן, זייער אָפּגעהיטן אַרויפגעזעצט זיי אויף דער פלייישיקער נאָז, אָנגעטון זיך זייער אַן ערנסטע מינע און איז אַריין אין גרויסן זאַל, וווּ די פּליטים זענען געזעסן אַרום די טישן און געזופּט קאַקאָ פון גרויע, אָפּגעשפּרונגענע בלעכערנע טעפּלעך. ער האָט געפּרוווט רעדן מיט אַ באַסאָווער שטימע, נאָר אַ קוויטשל האָט זיך אַריינגעריסן און קאַליע געמאַכט אים דעם גאַנצן אָנזע.

— קיינעת זאָל היינט נישט אַרויסגיין! — האָט ער געמאָלדן און איז אַן ווייטערדיקע דערקלערונגען צוריק אַריין צו זיך אין ביוראָ. די פּליטים האָבן אים געוואָלט עפּעס איבערפרעגן, געוואָלט וויסן די סיבה, נאָר עס איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן. ער האָט זיך פאַרקייטלט, און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך.

האָבן די פּליטים פאַר איין ברירה געשפּילט שאַך, געפּרוווט טרעפן וואוהין מען וועט זיי ווייטער פירן. טייל האָבן געטראָפן, אַז קיין לאָנדאָן, טייל האָבן געזאָגט: מען וועט זיי צעשפּרייטן איבער האָלאַנד. געוווּסט האָט קיינער נישט. די צערודערטקייט איז געוואַקסן, די שפּילער האָבן זיך אַרומגעריסן איבער אַ פערדל, איבער אַ קעניג, אויסגעלאָזט די אומרואיקייט אין בעסן זיך איינער אויפן אַנדערן.

בערמאַנען איז דאָס עסק נישט געפעלן געוואָרן. וואָס הייסט, אַזאַ שנעק וועט אים הייסן זיצן און וואַרטן? און נישט זאָגן צוליב וואָס און ווען? אָט דאָס פאַרכעוואַטע ייִנגל וועט אַרויסווייזן אַזאַ חוצפּה צו אים, בערמאַנען?

איז ער אויפגעשטאַנען, דורכגעקעמט זיך די באָרד מיט די פינגער און האָט אָנגעקלאַפּט אינעם טירל פון ביוראָ.

דער יונגערמאַן האָט דורכן פענצטערל געזען בערמאַנען, איז ער צו אים אַרויסגעקומען.

— מיין הער!

— איך מעכטע פרעגן, — האָט בערמאַן גערעדט דייטש — די אורזאַכע, כ׳מיין.

— אַך, געוויס, ביטע זייער! — האָט שוין דער יונגערמאַן פאַרשטאַנען

— איך האָב באַקומען אַ באַפֿעל, אַז היינט אָוונט פֿאָרן אַלע פֿליכטלינגע, כ'מיין די ייִדישע, אָפּ קיין לאָנדאָן.

— יאָ. דאַנקע!

קיין לאָנדאָן, איז בערמאַנען גראָד געפֿעלן געוואָרן.

המ׳מ. די השגחה האָט בעסער געוווסט, איז בערמאַן געווען צופֿרידן. ער האָט אַ פֿיין ביסעלע וואַרע, קיין עין הרע, וועט מען דאָרט מסתמא קענען מאַכן געשעפֿט.

— וואָס, קיין לאָנדאָן גאָר? פֿאַרוואָס האָט ער אונדז נישט געזאָגט?

— וואָס האָט מען אייך געדאַרפֿט זאָגן? — האָט בערמאַן געלאַכט.

— אָבער מען זאָגט דאָך, אַז מען וועט אינגיכן קענען צוריק אַהיימפֿאָרן! ווי לאַנג וועט דען אינגאַנצן דויערן די מלחמה? צוליב וואָס לוינט זיך אַוועקצושלעפּן, אַזש קיין לאָנדאָן? — האָבן די מענטשן געהאַט טענות צום יונגמאַן מיט די דיקע שפּאַקולן, ווען ער איז פֿאַרנאַכט אַרויסגעקומען אין זאַל אַריין מיט אַ דיקן ציגאַר צווישן די גראָבע, רויטע ליפּן, אָנזאָגן דעם עולם, אַז אין אַ שעה אַרום פֿאָרט מען אָפּ.

— דאָס פֿרעגט דעם דייטש, נישט מיך! — האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט און איז אַרויס.

צווישן די פּליטים האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ סומאַטאָכע.

— ווער האָט זיך גערעכט אויף אַזאַ אומגליק?

— מ'האָט דאָך אונדז אַריינגענאַרט!

— אַזוי ווי קעץ אין זעק! מיר זענען נישט קיין קליינע קינדער!

— זיי מיינען טאַקע, זיי קענען מיט אונדז טון וואָס זיי ווילן! — האָבן זיך די פּליטים געקאָכט, געשריגן, גערודערט און פֿונדעסטוועגן געבליבן זיצן אויף די ערטער, נישט אַרויסגערירט זיך.

ייִדן, וואָס האָבן געשטופּט וועגעלעך, פֿאַרקויפֿט מציאות אין די רעסטאַראַציעס, ייִדן, וואָס האָבן זיך געמוטשעט, מיט אַ קרעמל, וואָס האָט קיין פּרנסה נישט געגעבן, האָבן זיך געפֿרייט און געליאַרעמט, נישט געוואָלט אונטערשטעליק בלייבן, אַרויסווייזן דעם קבצן. באמת געפֿרייט זיך האָט יינגוואַרג. זיי האָט זיך סתם געוואָלט אַ פֿאָר־טון.

ביינאַכט האָט מען זיי אַוועקגעפֿירט, ווי מען פֿירט אַוועק שאָף. ווייבער

האָבן געוויינט אויף די הײמען, וואָס זײ לאָזן איבער, פֿאַרגעסן, אַז אין האָלאַנד האָבן זײ נישט קײן הײמען.

די שיף איז געווען טונקל. די געלעגערס — אײנע איבער דער אַנדערער — האַרטע טאַפּטשאַנעס פֿון גרוי האָלץ. די באַלויכטונג — אַ טונקל פֿלעמל דאָ און דאָרט. מענטשן זענען געזעסן און געלעגן אײנגעטוליעט אין זיך אַלײן מיט פֿאַרהאַקטע מײלער, געפּרוווט אַזוי־ערנאָך אײנהאַלטן דעם דראַנג צום ברעכן. דאָ און דאָרט האָט זיך עמיץ נישט געקאָנט אײנהאַלטן, אַראָפּ־געבראָכן איבער די מענטשן אונטער זיך. עטלעכע מײדלעך האָבן זיך גרוי־פּירט, געזונגען, זיך פֿרײלעך געמאַכט, געפּרוווט אויסזען בראַוו, אָפּגעלאַכט פֿון אַלטוואַרג, וואָס קרעכצט און קרעקט זיך און ברעכט. און אינמיטן דערינען — אַלײן אויסגעבראָכן מיט דער גרינער גאַל.

אַ גאַנצע נאַכט איז די שיף געגאַנגען פֿון האָלאַנד קײן ענגלאַנד. בער־מאַן איז געלעגן אײנגעדרייט אין דרײען. געהאַלטן בײדע הענט אויפֿן בויך, דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסער, נאַסער פֿאַטשײלע און געשמעקט פֿון אַ פֿלעשעלע. קײנער האָט נישט געהאַט קײן פֿלעשעלע, מ׳איז געפֿאָרן אומ־גערירכט. פֿונוואַנען בערמאַן האָט גענומען אַ פֿלעשעלע, ווײס אײן גאָט.

דער אַלטער ר׳ חיים־יוסף האָט שטיל געשיפּעט. רחל האָט שטיל און פֿאַרביטערט געוויינט. פֿאַר אירע אויגן זענען כסדר געשטאַנען קופּעס טויטע מענטשן, צעהרגטע, אָן הענט, אָן פֿיס און צווישן זײ — איז געלעגן דוד, אין אַ טײך בלוט, אויסגעמישט מיט בלאָטע. זי האָט אים געזען ליגן אַ טויטן אויפֿן פֿעלד און ער האָט צומאָל נישט ווער עס זאָל אים צו קבורה ברענגען. נישטאָ ווער עס זאָל אים די וווּנד פֿאַרבאַנדאַזשירן, כאָטש טויטערהייט פֿאַר־באַנדאַזשירן. און דאָ פֿאָרט זי אַוועק פֿון אים, לאָזט אים איבער אַ טויטן און פֿאָרט אַוועק. אַזוי ווײט, אַזש קײן ענגלאַנד. וואָס מער זי האָט אויס־געשפּיגן, פֿאַריאָגט די בײזע מחשבות, פֿאַרטריבן די שרעקלעכע בילדער, אַלץ מער זענען זײ געקראָכן, אַלץ העסלעכער זענען זײ געוואָרן, און ענגלאַנד — אַלץ ווײטער. ענגלאַנד האָט זיך איר אויסגעוויזן מיליאָנען מײלן ווײט אַוועק. און וואָס ווײטער דער שטח — אַלץ גרעסער די סכנה, פֿאַר דודן.

זי האָט זיך צעהעשעט אויפֿן קול.

בערמאַן האָט געהאַט מיט זיך צו טון. ס׳האָט אים ווײ געטון דער בויך און ס׳האָט אים געאיבלט, אַנטשלאָפֿן ווערן האָט ער נישט געקענט און נישט

געוואלט. ער האט מיט זיך געהאט א סך זאכן, וואס האבן געמוזט האבן זיין אייג. און די שיף האט זיך געשלעפט און געשלעפט אינעם שווארצן, צעבוואליעטן ים, אונטער א פארוואלקנטן הימל, אונטער א קאלטן רעגן, הגם אין האלאנד איז נאך געוועזן ווארעם און ליכטיק.

קאפיטל 24

אביסל אפגערוקט פון די אנדערע פליטים זענען אינעם משונה'דיק־גרויסן באן־הויף געשטאנען, מיט די וואליזקעס צופוסנס, די בערמאנס.

בערמאן, מיט א גרויסן, זיידענעם שירעם אין האנט, וואס ער האט זיך געקויפט אין ראטערדאם, ווייל ער האט געהערט זאגן, אז אין לאנדאן רעגנט כסדר, איז געוועזן שטארק אומגעדולדיק.

ווי ווי, א גערודער אביסל! א געפילדער! א געגייערײ. אביסל מענטשן! ווי, וואס דא טוט זיך! די אויסגעשרייען פון די צייטונגס־יינגלעך האבן אים שיער נישט פארדולט. נעמען פון אלעראליי פערד, קעפלעך פון אלעראליי מלחמה־נייעסן האבן געהילכט איבערן באן־הויף.

בערמאן האט געפרווט די אויערן פארשטעקן, נאר די געשרייען האבן זיך מיט געוואלט דורכגעריסן.

— אל די ווינערס! אל די ווינערס!
— א דזשערמאן איירעפלאן איז אראפגעפאלן.
— אכט מענטשן זענען פארברענט געווארן!
— די פערקין טעמזע טרייעל!
— די מערדער קעיס רעזאלט!
— פערקין סענטענסט טו דעט!

ווי פארלוירענע, זענען די פליטים געשטאנען אינעם משונה'דיק ריזיקן באן־הויף, צוגעהערט זיך צו די משונה'דיקע, פרעמדע ווערטער, וואס האבן זיי געקלונגען אין די אויערן מיט א טעמפ געקלאפעריי, ווי מען וואלט געווארפן ארבעס אויף אייזן.

בערמאן האט זיך געבייזערט, וואס מען דארף אזוי לאנג ווארטן אין באן־הויף, פארוואס דער באן־הויף איז אזוי גרויס און פארוואס עס רודערט זיך דארטן. און געבייזערט האט ער זיך אויף רחלן.

— אַ משוגעים־הויז איז עס, נישט קיין באַן־הויף. — אין באַן־הויף זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס פלעגמאַטישע הויכע ענגלענדער אין גרויע רעגן־מאַנטלען, מיט גלאַט־ראַזירטע פּנימער, מיט רואיקע, הגם עטוואָס פאַרחידושטע, גרויע און העל־בלויע אויגן, מיט שניטן אין די דאַרע פּנימער, אָנשטאָט מיילער, באַהאַלטענערהייט געכאַפּט בליקן אויף די פּליטים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ מחנה קליינשטעטלדיקע מחותנים וואָלטן זיך אַהער אָנגעקומען פון אַ סך קליינע שטעטלעך, אויף עפּעס אַ רייכן לאָנדאָנער פעטערס אַ חתונה און דער פעטער האָט פאַרגעסן אָדער געוועזן פאַרנומען און איז נישט געקומען אָפּנעמען זיי.

צוויי ענגלישע פרויען, אין גרויע ספּאָרט־קאָסטיומען, מיט ברוינע, כמעט־מענערישע שיך, מיט ברוינע לעדערנע הענטשקעס אויף די גרויסע הענט, מיט ברוינע, גוטע לעדערנע וואַליזקעלעך אין די הענט און ברייטע, פילסענע הוטן אויף די גלאַט־פאַרקעמטע, קליינע קעפּלעך, האָבן געלאָזן געשאָקלט מיט די קעפּ און אין דער שטיל באַדויערט בערמאַנען, וואָס איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען אָפּגערוקט פון די איבעריקע.

— פּור מען! איזנט איט אַ שיים!

— זעט אוים צו זיין אַ דזשענטלמען!

— יעס! — האָט די אַנדערע מסכים געווען.

— ער זעט אוים אַנדערש פון די איבעריקע.

— יעס! — האָט די אַנדערע מסכים געווען.

— הייסט עס, אַז דאָס איז לאָנדאָן! — האָט זיך בערמאַן געקרימט ווי ער וואָלט זיי פאַרשטאַנען, און זיך באַקלאָגט פאַר זיי.

— ער זעט אוים צו זיין אַ פיין פעלאָו! — האָט די עלטערע, פון איר שטאָל־גרויען אויג אַרויס, אַרויסגעוואָרפן בערמאַנען אַ זייטיקן בליק.

— יעס! — האָט די אַנדערע מסכים געווען.

און זיי האָבן זיך ביידע אָוועקגעשפּאַצירט — די מאַמע מיטן גרויען גרעקל אויף דער דאַרער פּלייצקע, די טאָכטער — מיטן בלאָנדן.

— יעס! איטס אַ שיים!

לסוף זענען זיך אָנגעקומען עטלעכע יידן, מיט זאַטע פּנימער, מיט ברייטע האַנט־זייגערס, מיט גאָלדענע זייגערס אויף די בייכער, מיט מגן־דודלעך אין די קראַוואַטן, און שירעמס אין די הענט—באַגעגענען די פּליטים, זענען זיי געקומען.

אַ הויכער יונגערמאַן, אַן אונטער־סעקרעטאַר פֿון אַן אינסטיטוציע, האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די צוויי לאַכעדיקע שפּילקע־קעפּלעך, אַנשטאָט אויגעלעך, אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז, וואָס קוקט ביי אים אינדערזייט קרומלעך און שפּיציק, און עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין. דער בלאָנדער סעקרעטאַר פֿון ראָטערדאַם האָט זיך אַרויסגערוקט. צוויי שמייכלען פֿון צוויי געהילף־סעקרעטאַרן פֿון ווילטעטיקער אַרבעט האָבן זיך אַ גאָס געטאָן, ווי האָניק. צוויי הענט, איינע אַ ווייסע, אַ פּוכיקע, די אַנדערע אַ ברוינע, אַ ביינערדיקע, האָבן זיך אַ פֿרײַנטלעכן דריק געטאָן, זיך גאָרנישט געוואָלט צעשיידן.

דער לאָנדאָנער סעקרעטאַר האָט אַ צי געטאָן מיט דער נאָז און אַ זאָג־געטאָן כּתם אין דער וועלט אַריין:

— גייטס מיר נאָך!

די פּליטים האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס מיינט ער?

— וואָס זאָל ער מיינען? ער מיינט, אַז מיר זאָלן אים נאָכגיין.

— גוט, מיר וועלן אים נאָכגיין, אָבער ער לעבט דאָך נאָך! — האָט זיך איינער געחכמעט. קיינער האָט נישט געלאַכט. ס'איז די מענטשן געווען שווער אויף די געמיטער. ס'האָט זיך זיי נישט געגלוסט צו לאַכן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין נאָך די לאָנדאָנער פֿעטערס, וואָס זענען זיי יאָ געקומען אַפּנעמען.

הדויקן האָבן געוואַרט עטלעכע אָמניבוסן. די פּליטים זענען שוין ווידער צונויפֿגעפּאַקט, ווער עס זיצט, ווער עס שטייט און זיי פֿאָרן שוין ווידער. וואוהין — ווייסן זיי נישט.

בערמאַן האָט זיך מיט זיין אוועקשטעלן באַזונדער געקויפֿט ביים אונטער־סעקרעטאַר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. — רעספּעקט. ער האָט אים מיט דער פֿאַמיליע זיינער אָפּגעגעבן צוויי באַזודערע בענק אין אָמניבוס. געזעען זיי זאָלן זיך נישט דאַרפֿן קוועטשן און באַלד געמאַכט אַ חקירה ודרישה מכּוח אים, בערמאַנען, ביים ראָטערדאַמער אונטער־סעקרעטאַר.

— ווער איז דער דאָרטן אויבן? — האָט ער אָנגעוויזן מיטן שפּיציקן פֿינגער אויף בערמאַנס בכבודיקער פּלייצע.

— אָ, דער? דער איז אַ בעסערער מענטש! — האָט דער ראָטערדאַמער־

אינפֿאָרמירט דעם לאַנדאַנער מיט „אַלץ", וואָס ער האָט געוווּסט מכּוח בערמאַנען.

מ'האָט אַוועקגעפֿירט די פּליטים אינעם האָטעל „איסט" — אַן אַלטע ייִדישע אינסטיטוציע, אַן אָנגעזאַפּטע מיט אַלע צרות פֿון ייִדישע עמיגראַנטן פֿון גאָר דער וועלט, אַ דורכגעווייקטע פֿון ייִדישע טרערן. אַ רויט־ציגלדיקע, אַלטע מויער — אַ מרה־שחורה'דיקע, אַ שוואַרץ־געוואָרענע, מיט אַ גרויסן, פֿאַרשמאָדערטן פֿונדאַמענט, איינגעהילט אין שטויב פֿון אַ סך טרוקענע זומערס, פֿון אַ סך יאָרן רויכיקע, שוואַרצע נעפּלען אין די ווינטערס.

דאָס איז געווען דער האָטעל „איסט".

האָבן זיך געחידושט די אַלטע ווענט פֿונעם אַלטן האָטעל אויפֿן נייעם מין עמיגראַנט, וואָס מ'האָט דאָ היינט אַרײַנגעבראַכט און ס'האָט זיך גע־חידושט דער גוישקער פּאָרטיער. עפּעס זענען די היינטיקע עמיגראַנטן נישט אַזוי אומגליקלעך, נישט אַזוי אויסגעזשאַוועט, אויפֿגעפּרעסן און פֿינצטער, ווי די אַלע טויזנטער און טויזנטער, וואָס זענען שוין דאָ פֿריער איינגעשטאַנען. עפּעס גייען די היינטיקע עמיגראַנטן לייטישער אָנגעטון און אין די פֿאַר־חידושטע בליקן זייערע כאַפּן זיך אַרײַן איראָנישע שמייכעלעך, אָנשטאָט טרערן.

— הייסט עס, אַז דאָס איז אונזער עיר־מקלט! — טראַכטן זיי, דאַכט זיך, די היינטיקע עמיגראַנטן און שמייכלען מיט אַ חוזקדיקן שמייכל, ווי אַ מענטש, וואָס דאַרף אָפּזיצן אַן איינציקן טאָג אין תּפֿיסה.

נאָר באַלד האָט דער לאַנדאַנער געהילפֿס־סעקרעטאַר אָנגעהויבן שפּאַצירן צווישן די בענק מיט אַ געלאַסן גענגעלע און מיט אַן אייליק שטימעלע גענומען אויספֿרעגן די נעמען, די באַשעפֿטיקונג און די אַדרעסן פֿון אַנטווערפּן.

— אַ שלייפֿער? אָלרייט!

— וואָסער שניידער? אַ לײדיס, אָדער אַ דזשענטלמענס?

— וואָס הייסט?

— נו, אַ דאַמסקע, אָדער אַ מענסקע?

די מענטשן האָבן זיך באַליידיקט.

— וואָסער דאַמסקע, וואָסער מענסקע?

— אַ בריליאַנטן־שניידער! — האָבן די אַנטווערפּענער באַלמעלאָכעס נישט געליטן דעם חילול לגבי זייערע בריליאַנטן און האָבן צוגעטליקעט דעם

הויבן געהילף־סעקרעטאַר אַ האָפֿערדיק שמייכעלע, געקוקט אויף אים פֿון אויבן אַראָפּ.

נאָר דער געהילף־סעקרעטאַר האָט זיך נישט דערשראָקן. די בריליאַנטן האָבן אויף אים קיין רושם נישט געמאַכט, און ער האָט זיך מיט אַ הילכיק קול אָפּגענומען דאָס זייניקע.

— זעצט אייך אַרום די טישן!

פֿון זיין הילכיקן אויסרוף, פֿון זיין גלענצלען מיט די פֿאַרגראָבענע אויגלעך און די בייזלעכע ערנסטקייט אינעם ברוינעם, קנאָכיקן פּנים, זענען די פּליטים אַזוי אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך, אַז זיי האָבן שיעור נישט אָנגעהויבן אויסזען ווי יענע אַלערליי עמיגראַנטן פֿון גאָר דער וועלט, מיט וועלכע דער סעקרעטאַר טוט זיך אַן עצה.

איין בערמאַן איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפֿאַלן. אַ האָר אויך נישט. ווען דער סעקרעטאַר מיטן הילכיקן קוויטשל איז צוגעקומען צו בערמאַנען, האָט בערמאַן נישט געוואַרט ביז יענער וועט אים פֿרעגן, נאָר ער האָט גאָר גענומען אויספֿרעגן דעם סעקרעטאַר.

— זאָגט נאָר, ר׳ ייד, — האָט בערמאַן שפּיציק געשמייכלט — צוליב וואָס טראָגט איר זיך אַרום מיט גאַנצע צוויי בליישטיפֿטן?

דער סעקרעטאַר, וואָס איז נישט געוווינט געוועזן, אַז מען זאָל אים פֿרעגן קשיות, האָט אַ קוק געטון אויף דעם שמייכל, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער גאַנצער לענג פֿון בערמאַנס ברוינער נאָז און ער איז אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דאָס לשון. און דאָ דאַרף ער אים אויספֿרעגן, בערמאַנען, מוז פֿאַרשרייבן אין בוכל.

— איך... איך וואָלט געוואָלט פֿרעגן, כ׳מיין... ווי איז אייער נאָמען, ביטע? איר פֿאַרשטייט, כ׳מוז דאָך איבערגעבן אין ביוראָ, כ׳מיין...

— אַזוי, דאָס ווילט איר! נו, גוט! איז צוליב דעם דאַרפֿט איר האָבן אַזש גאַנצע צוויי בליישטיפֿטן? נו, כ׳פֿאַרשטיי, דער פֿון אונטערן אויער איז אַ רעזערוו. נו, מיין נאָמען איז — האָט בערמאַן ענדלעך אַ טובה געטון דעם געהילף־סעקרעטאַר.

פּטור געוואָרן דעם העלדישן יונגנמאַן, האָבן זיך יידן דערפֿילט פֿרייער, איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער.

— ווי געפֿעלט אייך אַזאַ ברוך־הבא? גלויבט מיר, זיי וואָלטן אונדז

נישט געוועזן אויפֿגעפּרעסן, די דייטשן! — האָט אַן עסטרייכער ייִד מיט רוסישע פּאַפּירן פֿאַרזיכערט.

— זיי זענען גאַנץ פֿיינע מענטשן.

— נו, טאָ פֿאָרט אייך צוריק צו אייערע פֿיינע מענטשן! — האָט אַן אָדעסער יידענע געדעדט מיט אַ מאַנסבילש קול — אין דער מאַמעס בויך האָב איך זיי נאָך געהאַסט, די חזירישע דייטשן. כ'האָב נאָך זינט איך לעב נישט געהאַט מיט זיי צו טון. נאָר ווען איך האָב זיי דערזען אין בערלין, בעת איך בין געפֿאָרן קיין אַנטווערפּן, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָנגעקראָכמאַליעטע חזירים, מיט אויגן פֿון הינט־שלעגערס — דאָס זענען אייערע פֿיינע מענטשן. מ'האָט טאַקע געזען ווי פֿיין זיי האָבן אַ תל געמאַכט פֿון אזאַ טייער לאַנד, פֿון בעלגיע, ווו מען לאָזט מענטשן לעבן און לאַכן.

— געוויס זענען זיי פֿיינע מענטשן, זיי וועלן נאָך אַהער אויך קומען. עך פֿאַרזיכער אייך! — האָט דער ייִד געקוואָלן.

— בייסט אייך אָפּ די צונג! מען וואָלט אים געדאַרפֿט מסרן, ער איז דאָך אַ דייטשישער פּאַטריאָט! — האָבן זיך שוין איצט אַלע געקאָכט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ס'האַלט ביים אויסברעכן נאָך אַ מלחמה צווישן דעם גאַליציאַנער ייִד מיט די איבעריקע פּליטים.

נאָר אַ קליינע פֿרוי, מיט אַ טונקל און ענערגיש פּנים, מיט אַ גרויסן, שוואַרצן גרעק אין סאַמע מיט קאָפּ, אין אַ ווייס, שטייף פֿאַרטוך, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט אַ בליץ געטון מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, אַ פּיר געטון די אַפּלען איבער די געלע ווייסלען, אַ פּאַרצי געטון מיטן ברייטן נעזל, מיט די גרויסע, קיילעכיקע נאָז־לעכער, אַ פּיר געטון מיט אַ גרויסן בינט שליס־לען אַהין און צוריק און אויסגערופֿן:

—זעצט אייך אַרום די טישן און שטיל זאָל זיין!

האַרט הינטער איר איז געגאַנגען טריט ביי טריט אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט אַ שלעפֿעריק פּנים, און אַ פּאָר גרויסע, קיילעכיקע אויגן ווי ביי אַ סאָווע.

— זעצט אייך אַרום די טישן און שטיל זאָל זיין! —

האָט דער יונגערמאַן איר נאָכגעזאָגט ווי אַ גוטער מימיק.

— ששאַ! ששאַ! — האָט די קליינע נאָך פֿון יוצא וועגן אַ זאָג געטון. צום מאָן אירן האָט מען זיך קנאַפּ וואָס צוגעהערט. נאָר די קליינע האָט אויס־

געזען ווי אַ מענטש, וואָס איז געווינט צו באַפעלן און אויך — אַז מען זאָל איר פאָלגן.

זי האָט צוגעוואָרפן דעם מאַן אַ ביטולדיקן בליק.

די מענטשן האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום די טישן, נאָר אינגאַנצן רואיק איז נישט געווען. דאָ האָט עמיץ גערעדט, דאָ האָט אַ יונגערמאַן אַ פייף־געטון, אַ מיידל האָט שטילערהייט נאָכגעמימיקט דער קליינער און אַלע האָבן זיך צעלאַכט. די קליינע האָט געזען, אַז עפּעס האָט זי דאָ צו טון מיט אַ לחלוטין אַנדער מין עמיגראַנט, האָט זי פאַרביסן מיט די ליפּן און געמאַכט אַ שווייג.

בערמאַן האָט אפילו נישט אינזינען געהאַט צו בלייבן דאָ. ער האָט גערעכנט אַרויסצוגיין אין העטן־גאַרדן, אַרומזען זיך, נאָר אָפּוואַרטן אַ צוויי טעג שאַדט נישט. קודם כל דאַרף מען נישט וויסן, אין העטן־גאַרדן, אַז ער איז פון די לעצטע אַנטרונענע צוגלייך מיט אַלע שנאָרערס. אַחוץ דעם האָט ער שוין געהערט זאָגן, אַז רייכע דימאַנטן־סוחרים האַלט מען סיי־ווי דאָ נישט. מען פאַרזאָרגט זיי מיט דירות און מען צאָלט זיי אויף חיונה.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. מען האָט זיך אַרומגעזען ווער עס איז ווער און מען האָט צעטיילט די פּליטים אין צוויי מחנות — די געמיינע לייט האָט מען אַוועקגעשיקט אין האָטעל „פּאַלמאַליוו", ווי מען האָט זיי פאַרזאָרגט מיט די נויטיקסטע הצטרכותן. די „בעסערע" — אין האָטעל „צענטראַל".

קאַפּיטל 24

דער האָטעל „פּאַלמאַליוו" איז געווען געפּאַקט מיט פּליטים. מען האָט שוין אַהין מער נישט געקאָנט שיקן. יעדעס מאָל, וואָס מען האָט אַהינגעשיקט אַ נייע משפּחה, איז דאָס שטיקל שטח, וואָס מ'האָט גערופן וווינונג, אַלץ קלענער געוואָרן. די פאַלדן פון די געבלימלטע פאָרהאַנגען אויף די אייזערנע שטאַנגען — געדיכטער און די פּנימער פון די מענטשן — אומרואיקער.

— מ'עט זיך דאָ שוין באַלד נישט האָבן וווּ אַהינצוטון!

לויטער באַלמעלאָכעס האָבן דאָרט געוווינט. די מאַנסבילן זענען יעדן פרימאָרגן געגאַנגען אַרבעטן. דימענטן־שניידערס און שלייפערס האָבן זיך אין מיטך פון עטלעכע וואָכן אויסגעלערנט פרעסן, נייען אויף מאַשינען. פון

די מאַגערע פֿאַרדינסטן האָבן זיי בייגעשטייערט לגבי די הוצאות פֿון האָטעל. און מאַגער זענען די פֿאַרדינסטן געווען, מחמת די באַלעבאַטים האָבן זיי ווייניק געצאָלט. געוווּסט, אַז זיי קריגן סײַ ווי אַלץ אומזיסט — האָט מען זיי אויסגענוצט, די „רעפֿיודזשים", אַרומגעגריזשעט זיי ווי הונט ביינער. אַז עמיץ האָט געדאַרפֿט לויט זיינע פֿעיִקייטן פֿאַרדינען צוויי פֿונט די וואָך, האָט ער באַקומען נישט קיין גאַנץ פֿונט. מ'האָט זיי איינגערעדט, אַז זיי קענען נאָכ־נישט אַרבעטן, אַז זיי דאַרפֿן זיך נאָך לערנען, האָבן זיי עס געמעגט מאַכן נאָך אַזוי געשיקט און גיך.

די מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צו אַרבעטן שווער און וואָלוויל, צו וווינען הינטער פֿאַרהאַנגען, אַנשטאָט ווענט, ווו מ'איז קיינמאָל ביי זיך אין דער היים נישט געווען. אַ מאַך אַוועק דעם פֿאַרהאַנג — און מ'איז אויס־געשטעלט געוואָרן אויף דער גרעסטער הפקרות. פֿאָרט זענען פֿון הינטער די געבלימלטע פֿאַרהאַנגען אָפֿער צוגעקומען אַ שיין ביסל ענגלישע בירגער, און די דייטש־ענגלישע כלל־טוער, די, וואָס האָבן זיך געזאָרגט פֿאַר די פּליטים, זענען טאָג־טעגלעך באַערט געוואָרן מיט סנדקאות. און זיי האָבן פֿאַר יעדער מצווה באַצאָלט מיט מתנות פֿאַר די „בייבים", וואָס מען האָט אין ענגלאַנד ליב סכנות־נפֿשות, בפֿרט אין מלחמה־צייט...

זיי האָבן גיך דערשנאַפּט, די עלטערן, אַז צוליב די קינדער ווערן זיי אַליין אויך שטיקלעך מיוחסים און האָבן זיך „געסטאַרעט". און אַלץ איז צו־געגאַנגען כשורה, חוץ אַ טייל רעוואָלוציאָנערן, „טראַבל־מייקערס", ווי די קאָמיטעט־לייט פֿלעגן אַזעלכע רופֿן, וואָס האָבן געהאַט אַ גערעכטע טענה, הלמאי זאָלן זיי דאַרפֿן אָפּצאָלן לגבי דער הוצאה און רייכע יידן, דיאַמאַנ־טערן, וואָס פֿאַרדינען שטיקער גאָלד, זאָלן זיך וווינען אין „האָטעל־צענטראַל", ווי די לאָרדן און גאָרנישט אָפּצאָלן.

פֿאַרוואָס מיסטער ברוין שטייט ביים אַרויסגאַנג יעדן פֿרימאָרגן און היט אָפּ יעדן אַרבעטער, ער זאָל זיך פֿאַרשרייבן, כדי נישט צו קענען אַרויסדרייען זיך אַמאָל מיט אַ פּאָר שילינג; פֿאַרוואָס די דיאַמאַנטערן קוקט קיינער נישט נאָך, בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי קענען זיך פֿאַרגינען אַוועקצוגיין ערשט אַרום עלף דעם זייגער און דעמאָלט גייט מען נישט צו קיין אַרבעט.

אָט צוליב די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אינעם האָטעל אַ שנאה צעפֿלאַקערט און וויפֿל מיסטער זעלצער, אַ רייכער, ענגליש־נאַטוראַליזירטער

ייִד, מיט אַ גרויסן גלאַנציקן צילינדער אין וואָכעדיקע טעג, האָט מיט זיי נישט איינגעטענהט, אַז אַלע מענטשן זענען נישט גלייך, אַז אַלע מענטשן קענען נישט לעבן גלייך, האָט ער זיי נישט געקענט „איבערצייגן", נישט געקענט לעשן די קנאה, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעוואַקסן צווישן די צוויי לאַגערן, דעם האָטעל „צענטראַל" און דעם האָטעל „פּאַלמאַליוו".

יעדעס מאָל, וואָס אַ פּליט איז געגאַנגען צו גאַסט צו זיינס אַ פֿריינט אָדער אַ משפּחה אינעם האָטעל צענטראַל, פֿלעגט ער צוריקקומען מיט אַזעלכע גרוסן, אַז ביי די מענטשן פֿונעם האָטעל „פּאַלמאַליוו" האָבן זיך די אויגן געצונדן.

— מילא, לעבט זיך דאָרטן מיין קוזינקע. האָבן זי שוין געדאַרפֿט זען שטיבן, מעבל. זי האָבן שוין געדאַרפֿט זען שפּיגלען, מאַרמאָרנע ווענט, דעם פּאָרטיער ביי דער טיר.

און אַזוי דערציילנדיק האָט זיך ביי די מענטשן די פֿאַנטאַזיע אַזוי צע־וואַקסן, זיי האָבן גענומען מאָלן אַזעלכע בילדער, אַז פֿון גלוסטעניש פֿלעגט זיך ביי די „געמיינע לייט" אַזש שטעלן טרערן אין די אויגן. ס'איז שוין דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויב עמיץ האָט געהאַט אַ קרוב אינעם האָטעל צענ־טראַל, האָט ער זיך שוין אויך געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל מיוחס, איז נישט אַרויס־געקראָכן פֿון הינטער די פֿאָרהענגלעך אַפֿער, נישט געוואָלט מישן זיך מיטן „פּעבל".

אָבער די קאָמיטעט־לייט האָבן זיך מיט די רעוואָלוציאָנערן אויך אַן עצה געגעבן. מ'האָט אויף זיי גוט אָנגעשריגן, געסטראַשעט מיט אַרויסשיקן און אַראָפּנעמען די גאַנצע התחיבות פֿון זיך, איבערלאָזן זיי אויף הפקר. האָבן די רעוואָלוציאָנערן געמאַכט אַ שוויג און געליטן אינדערשטיל. און וואָס די יהודים פֿונעם קאָמיטעט האָבן קאַליע געמאַכט, האָט איינער אַ יונגערמאַן אויך אין קאָמיטעט, צוגעגלעט, פֿאַרריכט. דער יונגערמאַן, אַ מענטש פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע צייט — און צייט האָט ער געהאַט אַ סך — דעם האָטעל „פּאַלמאַליוו", איז געווען גוט צו די מענטשן דאָרט, יעדן איינעם געקאָנט, געוווּסט יעדנס פֿאַרגאַנגענהייט, יעדנס פֿאַרלאַנגען, צרות און נחת, געדענקט יעדן קינדס געבורט־טאָג און נישט פֿאַרגעסן צו געבן אַ קליינע מתנה ביי דער געלעגנהייט.

האָבן אים די קינדער ליב געהאַט סכנות־נפֿשות און אפֿילו די ווייבער

אויך. פֿלעגט ער זיך נאָר באַווייזן אין הויף, מיטן פֿיינעם שמייכל אויפֿן ברוינעם פנים, מיטן הויכן, גלאַנציקן צילינדער אויפֿן פּאָמאַדירטן, לענגלעכן קאָפּ, אינעם פֿיין־געניײטן, ענגלישן אָנצוג, מיט די שניי־ווייסע געטרעס אויף די גוטע שיך, איז גענוג געווען ער זאָל אַ פּאָכע טון מיט דער געלער, זאַמשענער הענטשקע, אַז קליינוואַרג זאָל זיך צוזאַמענלויפֿן פֿון ארבע פינות הויף, אַרומרינגלען אים, ווי בינען האָניק. חברה האָט געבעטלט, ווער מיט אַ חנדל, ווער — מיט רייד. זיי האָבן גערעדט צו אים ענגליש, איידער די גרויסע האָבן זיך אַרומגעזען, האָט שוין קליינוואַרג גערעדט ענגליש. דערמיט האָבן זיי געוווסט, נעמען זיי שטאַרק אויס ביים הערן גרינבערג — האָבן זיי זיך געסטאַרעט און דער הער גרינבערג האָט זיך נישט געאיילט, געלאָזט חברה קליינוואַרג אָפּפּילדערן, אָפּליאַרעמען, דערנאָך האָט ער זיך אַ זאָג געטון, סתם אין דער וועלט אַריין:

— וועמענ׳ס געבורטס־טאָג איז היינט?

האָבן אַלע געהאַט געבורטס־טאָג, נאָר דעם הער גרינבערג האָט מען נישט געקענט אָפּנאַרן, ער האָט געכאַפּט אַ גוטן קוק אַרום זיך און מיט איין בליק דערזען ווער ס׳זאָגט אמת און ווער — ליגנט. האָט ער צוגעלייגט אַ מאַנעקירטן פֿינגער צו דער נאָז, געמאַכט אַ שטרענגע מינע און געוואָרנט:

— קיין ליגנס וויל איך נישט הערן! וועט עמיץ זאָגן ליגנט, קריגט ער דריי חדשים נישט קיין „סוויטס" (ציקערלעך). איך ווייס סיי־ווי — איז ער צוגעגאַנגען צום ענין פּסיכאָלאָגיש.

— קום אַהער, מיס בלום! — האָט ער צווישן זיי אַלע אויסגעקליבן אַ מיידעלע און איר דערלאַנגט אַ פּעקל „נעסטלס" שאָקאָלאַד. — ס׳איז דיין געבורטס־טאָג, נײש וואָר?

האָבן די קינדער געזען, אַז ער ווייסט טאַקע, האָבן זיי אויפֿגעהערט זאָגן ליגנט און גענומען מוטשן דער מאַמען.

— מאַמע, ווען על איך האָבן געבורטס־טאָג?

האָבן די מאַמעס געשריגן, געשלאָגן, נישט געקענט אָפּטשעפּן זיך, האָבן זיי צוגעטראַכט געבורטס־טעג און זיך באַקלאָגט:

— וואָס זאָגן זי צום אומגליק? ער מאַכט דאָך אונדז אַ תל פֿון די קינדער. ער צעפּיעשטשעט זיי! — האָבן זיי געהאַט טענות, די ווייבער, און אַזוי געקוואָלן, אַז די מענער זענען אַזש אייפֿערזיכטיק געוואָרן.

גאָר אַנדערש איז געווען אין האָטעל צענטראַל. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט פאַר די פּליטים, וואָס זענען זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָנגעקומען פון האָלאַנד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קיין אָרט קען מען נישט געפינען, נאָר אַן עלעגאַנטן האָטעל, וואָס האָט פריער געהערט צו אַן עלטערן דייטש, נאָר היות דער דייטש האָט צוליב דער מלחמה פאַרלאָזט ענגלאַנד, האָט די רעגירונג באַוויליקט אָפּצוגעבן דעם דאָזיקן האָטעל פאַר די פּליטים. האָבן זיך די רייכע יהודים אַ נעם געטון צו דער אַרבעט און אין מיטך פון עטלעכע וואָכן געשאַפן אַן אינסטיטוציע, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון פילאַנטראָפּישן ווילן. זיי האָבן זיך אַ האָר נישט געהאַט צו שעמען פאַר דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די קריסטלעכע פּליטים.

— צ׳האָט געזען דעם שפּייזע־זאַל? זינט איך לעב! שפּיגל און מאַרמאָר! מאַרמאָר און שפּיגל!

— ס׳קאָסט זיי דען געלט? זיי האָבן עס דאָך צוגענומען פונעם דייטש!

— יעקע האָט זיך שיין דערלעבט! האַ־האַ־האַ!

— מיר וועלן דאָ לעבן ווי די קסרים!

— ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס קייזער ווילהעלם איז דאָ נישטאָ!

— ער וואָלט געשעפּט נחת!

— און עך זאָג, שמח בחור בילדותך! — האָט דער גאַליציאַנער ייד מיט די רוסישע פּאַפּירן אָפּגעגעסן זיך ס׳האַרץ — ער עט נאָך דאָ אויך זאַאַן, דער קייזער! און פראַנץ־יאָזעף, זאָל לעבן, עט נאָך דאָ זאַאַן! די קריג איז נאָכנישט צו ענדע.

ס׳איז געוואָרן אַ געוואַלד.

— וואַרפט אים אַרויס!

— מסרן דאַרף מען אים!

— ס׳אַ מצוה!

— לאָזט אים, ער עט זיך שוין אַליין מסרן, דער שוטה! אַז ר׳עט נישט האַלטן די צונג צווישן די ציין.

— טוט עס, עך שטער אייך? מסרט! עך לאַך פון ענקער טאַטן. עך האָב פּאַפּירן, כע־כע־כע!

אַן עלטערער ייד האָט זיך געקאָכט:

— איך אַליין על אים מסרן!

— גייט, מאַכט אייך נישט קאַליע ס׳מויל, ר׳ מרדכי! ס׳איז דאָ פֿון וועמען צו רעדן! גאַליציאַנער פּאַטריאָטן! איר ווייסט, זיי פֿאָרן דאָך צום קייזער פֿראַנץ־יאָסל! ר׳איז דאָך זייער רבי!

— מיר פֿאָרן טאַקע צו די אמתע רביים! און צו וועמען פֿאָרט איר, צו קאַצאַפּעס! און פֿאָרן קייזער פֿראַנץ יאָזעף מעגט איר אַלע זיין איין גרויסע כפרה!

ס׳איז געוואָרן אַ געוואַלט.

— ער שעלט יידן! ער איז אַ כופר בעיקר! וואַרפֿט אים אַרויס!

און ס׳איז שיעור נישט געקומען צו פּעטש באַלד דעם ערשטן טאָג ווי זיי זענען אָנגעקומען אין האָטעל צענטראַל, די גליקלעכע פּליטים.

אָבער די מלחמה צווישן די גאַליציאַנער מיט די רוסישע יידן האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך נישט געקענט גענוג אָפּחידושן פֿון דער רייכקייט, פֿון דעם רחבות. אַלץ אַרום האָט געגלאַנצט. שפּיגלען און מאַרמאָר און קריסטאַלענע קאַנדעליאַברעס.

— טסאַ טסאַ טסאַ — האָבן עלטערע יידן אויף צומאָרגנס געקנאַקט מיט די צינגער.

מ׳איז געשלאָפֿן אונטער באַרכנטענע קאָלדרעס, מ׳איז שיעור נישט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. דער מאַרמאָר האָט אסור נישט געוואַרעמט. — אַ האָר אויך נישט.

באַלד האָט זיך גענומען פֿילן אין דער לופֿט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט און פֿאָרט איז עס גענוג, אַז דער שפּיגל מיטן מאַרמאָר זאָלן לחלוטין פֿאַרשטעלט ווערן, מען זאָל לגמרי פֿאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך אין האָטעל, וואָס איז געוואָרן אויס האָטעל. ס׳האָט דאָרט גענומען שמעקן מיט אינסטיטוציע. אָט דער ריח האָט זיך געטראָגן פֿון די סאַמע טיפֿענישן, אונטן אין די קעלערן, ביזן זעקסטן שטאָק, אויבן, אין די שלאָף־חדרים. דערצו האָבן די ווייבער זיך בשום־אופֿן נישט געוואָלט לאָזן איינשפּאַנען אין דער קיך, נישט געוואָלט זיצן גאַנצע טעג און שיילן קאַרטאָפֿליעס, וואַשן געפֿעס. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רייבונגען צווישן די פֿאַרזאָרגער און די פֿאַרזאָרגטע.

פֿאָרט איז די מענטשן דאָ געגאַנגען כמעט גוט. זיי האָבן געהאַט באַזונדערע שלאָף־חדרים, גרעסערע משפחות — צו צוויי און אפֿילו צו דריי

שטיבן. פֿאַר די קינדערסוועגן האָט מען געמאַכט אַ באַזונדערע קיך. מ׳האָט אוועקגעשטעלט אַן ענגלישע שוועסטער מיט אַן אָנגעריבן פּנים, מיט אַ קאָפּ גלאַטע, שטרויענע האָר, אין אַ גרויסן, ווייסן טשיפּיק, אַ שטייפֿן און אַ פֿרומען טשיפּיק. אָט די שוועסטער האָט אויסגעטיילט פּאָרציעס מילך און רייז־„פּודינג" און אַנדערע גוטע זאַכן, פֿון וואָס ס׳האָבן ביי די דערוואַקסענע די מיילער געוואַסערט. נאָר די פֿרומע שוועסטער האָט זיך אַרומגעדרייט אונטערן בופֿעט אין איר העל־בלוי געדיכט־אָנגעפּאַלבעוועט קלייד, מיטן קיילעכיקן שטייפֿן קאָלנער, וואָס האָט איר גורם געוועזן סיי אַ שטיקל גוידער, סיי אַן אָנגעריבענע מאָרדע, און גערעדט צו די מענטשן, געפּרוווט געבן זיי צו פֿאַרשטיין, אַז מ׳האָט איר אָנגעזאָגט — נאָר פֿאַר קינדער.

די שיקסע האָט בשום־אופֿן נישט געקענט משיג זיין, אַז מענטשן זאָלן נישט פֿאַרשטיין קיין ענגליש, נישט געגלויבט די ווייבער, וואָס האָבן דווקא געוואָלט אַרויסקריגן פֿון איר אַביסל מילכיקס פֿאַר זיך אַליין, אַז זיי פֿאַרשטייען נישט וואָס זי רעדט צו זיי. די ווייבער ווידער האָבן בשום־אופֿן נישט געקענט משיג־זיין, ווי אַזוי די שוועסטער מיט די נאַאיווע אויגן קען פֿאַרשטיין זיך אַליין, ווי אַזוי זי קען אונטערשיידן צווישן איין וואָרט און אַנדערן, אַז אַלע ווערטער זאָגט זי אין איין אָטעם, אַלע ווערטער קלינגען ווי איינס און פֿאָרט פֿאַרשטייען איר די ענגליש־דייטשע כּלל־טוער אויסגעצייכנט. טייל־מאָל צעלאַכן זיי זיך אפילו, ווען זי רעדט מיט זיי און זי לאַכט מיט, קענטיק שטאַרק צופֿרידן מיט זיך.

— ווייזט אויס, אַז ס׳איז פֿאָרט אַ לשון, אָט דאָס ענגליש!

איינמאָל האָט זי זיך אפילו צעשריגן אויפֿן קול, אָנגעטון דעם שטרויענעם הוט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז זי גייט אַוועק אויף אייביק. די ווייבער האָבן זיך דערשראָקן, נאָר איינע אַ פֿרוי, אַ כּלל־טוערין, האָט עפּעס געגודערט. זי האָט צוריק־געגודערט, לסוף האָט זי זיך צעשמייכלט, געזאָגט, ס׳עט זיין „אָלרייט" און זי דרייט זיך שוין ווידער אַרום אונטערן בופֿעט און צעחושט די ווייבער, מיט איר מאָדנע געקלאַטער. נאָכמער משונה׳דיק פֿון אָט דער שוועסטער איז געווען דאָס „מיידל", וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט אונטן, אין דער קעלער־שטוב און איר אָנגעטרויעט גאַנצע פּעק מלבושים פֿאַר די פּליטים ס׳וועגן.

ווען די ווייבער, די נעכטיקע באַלעבאָסטעס, האָבן דערהערט, אַז אין

קעלער טײַלט מען מלבושים, האָבן זײ זיך אַ לאָז אַראָפּ געטון װי די הײשע־ריקן. פאַרלױרן יעדע בושה. די אַלטע מױד מיטן אײביקן הוט אױפן קאָפּ, מיט די ריזיקע שפּאַקולן און גרױסע, פערדײשע צײן, איז נעבעך אױסגעריסן געװאָרן. זי האָט זיך ממש אױסגעריסן דאָס דײטש־ענגליש־יידישע האַרץ, געהאַלטן אין אײן אײנטענהן מיט די „נישט־ציװיליזירטע" װײַבער, װאָס האָבן איר באַלאַגערט, דװקא געװאָלט אַרױסקריגן בײַ איר אַביסל װעש, װער אַ פּאָר שיך, װער — אַ װינטער־מאַנטל, װער — אַלץ צוזאַמען, און זי האָט דװקא געװאָלט נישט געבן.

הגם די זאַכן האָבן איר גאָרנישט נישט געקאָסט, האָט זי נישט געהאַט דאָס האַרץ אַרױסצוגעבן אַזעלכע טײַערע מלבושים, װאָס אינגאַנצן מיט אַ צען־פופצען יאָר צוריק, האָבן זײ געטראָגן אמתע „לײדיס", מענטשן פון דער הױכער געזעלשאַפט. ס'האָט איר פאַרדראָסן, אַז אַזעלכע זאַלן איצט אָנטון פּשוטע לײַט, פּליטלינגע. האָט זי נעבעך נישט געקענט טון איר חוב.

איז דאָרטן אין קעלער אָנגעגאַנגען נאָך אַ מלחמה.

— זעען זי אַלײן, מיס דזשײקאָבס, — האָט זיך אַ װײַבל געבעטן בײַ דער אַלטער מױד — איך װאַרט שױן דאָ שעה'ן און זי לאָזן אַרײַן מענטשן, װאָס זענען די מינוט אַראָפּגעקומען. און זי גיבן זײ אַװעק די בעסטע און די שענסטע זאַכן, בכן זײ קומען אַראָפּ אין די פוטערנע מאַנטלען. זײ דאַרפן עס אױף כפּרות, זײ עלן זיך אַזױ אױך נישט פאַרקילן. און איך גײ אַרום אין דעם זומערדיקן מאַנטעלע און װער פאַרפרױרן!

— און איך לײד אױף רעמאַטן. װער קראַנק אינעם פײַכטן קעלער — האָט אַן עלטערע יידינע געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. — באשר זײ האָבן די־מענטענע רינגען, קומט זײ נאָך צוצוגעבן פון שענסטן און פון בעסטן און דעם אָרעמאַן קומט גאָרנישט. — האָט די אַלטע געהאַט אַ גערעכטע טענה.

— אַז מען האָט נישט קײן מזל, דאַרף מען גאָר נישט געבױרן װערן — האָט אַן אַנדערע געפילאָזאָפירט.

— איבערגעלאָזט אין דער הײם פון אַלעם גוטן! — האָט זיך אַ יידינע מישב געװען, אַז אפשר װעט דאָס העלפן.

אָבער די אַלטע מױד האָט געקענט אירע מענטשן. זי האָט געװוּסט װער עס האָט איבערגעלאָזט און װער עס האָט נישט איבערגעלאָזט. האָט זיך אַמאָל געמאַכט, זי האָט שױן פאַרלױרן ס'געדולד, און אָנגעגעבן דער

ערשטער בעסטער וואָס איז אַריינגעקומען אַזויפֿיל זאַכן, אַז יענע האָט זיך קוים דערשלעפּט מיטן פּאַק, האָט ווידער נישט געטויגט.

— כ'זאָל נישט געשטראָפֿט ווערן מיט די רייד, נאָר די שנאָרערס האָבן מזל! אסור, צי זי וואָלט עס מיר געגעבן אין זעקס מאָל. אַז מען דאַרף קענען וויינען, קלאָגן, אַז איך קען עס נישט! — האָט אַן איינגעדאַרטע יידינע אַריינגעצויגן די גרינע באַקן צווישן די ציין און זיך שיעור אויפֿגעגעסן די בלויע ליפּן, וואָס האָבן זיך ביי איר געשפּאָלטן פֿון טרוקנקייט.

— און איר ליגט צו צו דעם עסק! — האָט אַ דיקע יידינע געשאָקלט מיטן גרויען בערדל און געקנייטש דעם טאָפּלטן גוידער.

בשעת די ווייבער האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך, איז דערווייל פֿונעם גלוסטיקן חדר אַרויסגעקומען אַ יידינע, אָנגעטון אין אַ פֿיינעם פֿוטער־מאַנטל, מיט אַ פֿיין פּעקל אונטערן אָרעם. ס'פּעקל איז געווען איינגעפּאַקט אין ברוין פּאַפּיר, אַרומגעבונדן מיט נייעם שפּאַגאַט, ווי פֿון אַ געשעפֿט אַרויס.

— זעטס נאָר, ווי מען האָט עס איר איינגעפּאַקט! אַריינפּאַקן זאָל מען זיי שוין ווו איך וויים!... — האָט אַ יידינע געשאָלטן און זיך געהיטן פֿאַר די ווייבער אין די פֿוטער־מאַנטלען.

— וואָס ציטערט איך אַזוי פֿאַר זיי? — האָט די יידינע מיטן גרויעם בערדל פּראָטעסטירט — זאָגט זיי אין די אויגן אַריין, די רייכע שנאָרערס, ווי מ'האָט עס נישט קיין חרפּה פֿאַר זיך אַליין, אַראָפּצוקומען אין אַזעלכע מאַנטלען מיט אַזעלכע בריליאַנטן שנאָרן און ווי זיי האַלטן זיך נאָך אַזוי פֿונדערווייטנס.

— זיי זענען דאָך געקומען צושטייער געבן, איר ווייסט גאָר נישט?

— האָט זיך אַ יונגערמאַן צעלאַכט.

— האַ? וואָס גייט איר עפּעס נישט צו די מענער? וואָס טוט איר דאָ?

— האָבן זיך די ווייבער געחידושט.

— מיין ווייב איז קראַנק, בין איך געקומען נעמען אַ מאַנטל פֿאַר אירעטוועגן. מיך וואָלט עז דאָ געדאַפּט האָבן.

— אַזאַ לעבן אויף אים, ווי ר'איז גערעכט! — האָט די יידינע מיטן בערדל געקוואָקן. — אַ מאַנסביל האָט טאַקע שכל.

— אָהאָ, ער האָט אַ גבורה! — האָבן די ווייבער געלאַכט און זייער

פֿאַרדומפּט ווידערקול האָט אָפּגעקלונגען אינעם קאַלטן, פֿייכטן קאָרידאָר פֿון טונקעלן קעלער.

די יידינע איז לסוף אויף אַן אמת אין כּעס געוואָרן, זיך מיישב געווען און גאָר פּשוט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

דאָס אַלטע פֿריילין איז אַרויסגעקומען. אַרומגעקוקט זיך אין דער טונקל־קייט, געפּינטלט מיט די רויטע אויגן.

— ווער האָט עס געוואָגט ?

— איך ! — האָט די יידינע געקוקט דער מויד גלייך אין די אויגן אַריין.

— הערן זי אַמאָל, איך מוז דיזע לויטע ערסט באַדינען ! די וואַרטן שאָן זאָ ווי זאָ פֿיל צו לאַנגע !

— ס'אַליגנט ! מיר וואַרטן שוין אַ סך לענגער !. זי גיבן אוועק „זיי" די שענסטע זאַכן, וויקלן זיי אין ברוין פּאַפּיר. מיר וועלן...

די מויד האָט זיך דערשראָקן. נאָך אַלעם איז זי דאָ איינע אַליין און זיי — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע. און אויפֿן נאַרישן שגץ, וואָס העלפּט איר איינפּאַקן די פּעקלעך, קען זי זיך קנאַפּ־וואָס פֿאַרלאָזן. ער וועט אויסגלאָצן די נאַרישעוואַטע אויגן זיינע און ביז ער וועט זיך כאַפּן, וואָס ער האָט צו טון, קען זי דערווייל אַריינכאַפּן קלעפּ. זי האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרענטפֿערן :

— עס איסט יאָ ניכט מיין שולד ! איך בין יאָ בעאויפֿטראַגט. זי וויסן דאָך דאָס ווערטכען — איז זי פּלוצלונג געוואָרן דעמאָקראַטיש — מען זאָגט יאָ : „האַסט דו פֿיל, ווירסטו באַלד דאַצו פֿיל מער נאָך באַקאָמען, ווען דו אַבער וועניק האַסט, ווירד דיר אויך דאָס וועניקע גענאָמען"...

— יאָ, אָבער פֿאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין ! — האָבן די ווייבער נישט געוואָלט פֿאַרשטיין.

נאָר די מויד האָט זיך דערווייל צוריק אַריינגעכאַפּט אין איר חדר און מיטגענומען מיט זיך איינע פֿון די, וואָס וועלן באַלד פֿיל מער נאָך באַקומען.

אַזעלכע און ענלעכע סצענקעס זענען געווען טאָג־טעגלעכע זאַכן אינעם האָטעל. די מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט. צוגעוויינען האָט זיך נאָר נישט געוואָלט די הויפּט־אָנפֿירערקע פֿונעם קאָמיטעט, אַ הויכע, מאָגערע פֿרוי, מיט אַ פּאָר גרויסע נאַאיווע בלויע אויגן מיט אַ צו־להכעיס'דיק יידישע נאָז, און אַ מרה־שחורהדיקן, ימים־נוראים'דיקן אויסזען, פֿרוי צעדערבוים.

פֿרוי צעדערבוים, מיטן שטענדיקן הוט פֿון שוואַרצן שטרוי, וואָס האָט

שיעור נישט באַדעקט ס׳לאַנגע, קנאָכיקע פּנים אירס, אַ געוועזענע גאַליציאַנערין, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ נאַטוראַליזירטן ענגלענדער, איז געווען אַ מיליאָנערטע. איר גאַנצער לוקסוס איז באַשטאַנען אין אַ טייערע, שוואַרצע ·שטרויס־פּעדער, וואָס זי האָט געטראָגן סיי זומער, סיי ווינטער. זי האָט געטון אַ סך צדקה, אין אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס איז זי געווען אַ מאַכערקע.

אַ קלאַפּ אין טיש אַריין, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט, פלעגט מודיע זיין די פּליטים, אַז מאַדאַם צעדערבוים איז שוין דאָ, אַז זי גייט שוין זאָגן אַ דרשה, אַז זי האָט שוין ווידער געפינען עפּעס אַ נבלה אין האָטעל. די דאָזיקע דרשות האָט פרוי צעדערבוים תמיד אויסגעקליבן צו האַלטן גראָד דערמאָלט, ווען די מענטשן זענען געזעסן אַרום די טישן און געגעסן מיטאָג. זי פלעגט זיך אַרויפשטעלן אויף אַ שטיקל רויטן פּליוש, אַ סאָרט קאַטעדרע און מחיצה צווישן זיך און „די אַרעמע לויטע”, און אָנהויבן בזה הלשון:

— מיינע געעהרטע דאַמען אונד הערן! עס טוט מירווירקלעך לייד, צו שטערן אייך גראָד אינמיטן עסן. נאָר כ׳קען שוין לײדער לענגער נישט שווייגן. כ׳האָב שוין ווידער געפונען אַ פאַרריסט טעפּל פון מילך אונטערגעוואָרפן אין קאָרידאָר. און אַלע פאָרשונגען, וואָס אונזער געעהרטער אויפזעער האָט וועגן דעם געמאַכט, האָבן נישט געהאָלפן צו אַנטדעקן איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווער עס איז אַזוי אומפאַרשעמט, אונטערצווואַרפן אויסגעריסטע טעפּלעך. עס איזט ווירקלעך אומפאַרשעמט! דאַדורך, מיינע געעהרטע לײדים און דזשענטלמען, וועלן מיר באַשולדיקן אַלע איינוווינער פונעם האָטעל, אַלע וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך. מיר ווערדן מוסן אויפהערן אַרויסצוגעבן מילך, מאַן ווירד אויך נישט געבן קיין קוילן פאַר די שלאָף־צימערן, ווען נישט זיין מיט וואָס קיין טעפּלעך צו פאַרריסן. — האָט זיך די מיסעס צעדערבוים באַמיט צו רעדן יידיש...

און כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק, נעמט זי אַרויס דאָס טעפּל, די מאַדאַם צעדערבוים, וואָס דער אויפזעער, וועלכער איז אגב דער פאָרזיצער ביים פאָרטראַג, דערלאַנגט איר זייער צערעמאָניאַל. זי הויבט עס אויף אינדערהויך, וויקלט עס אויס פונעם פּאַפּיר, אַז אַלע זאָלן עס זען.

די פּליטים בלייבן זיצן מיט די לעפל אין דער לופט, נישט דערטראָגענע צום מויל, הערן זיך בלומרשט איין מיט גרויס ערנסטקייט, האַלטן זיך איין

מיט אַלע כּוחות נישט אַרויסצופּלאַצן מיט קיין געלעכטער. די לאַנגע מאַדאַם צעדערבוים גייט אַראָפּ פון דער קאַטעדרע, לאָזט זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר צווישן די טישן, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און הויבט אָן אויספרעגן זיך מכּוח דעם מיטאָג.

— שמעקט עס גוט?

זשאַק גייט אַפּער פון טיש, גייט איר נאָך טריט ביי טריט און פרעגט מיט אַ שטיל, איינגעהאַלטן קול:

— שטינקט עס גוט?

דער עולם שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. עס פאַלן אַרויס פון די הענט לעפל עסן, פאַרפלעקן די בלוזקעס, פאַרנעצן די פּאַפּירענע טישטוכער. מאַדאַם צעדערבוים שאָקלט מיט דער שוואַרצער פעדער. זי איז נערוועז, זי שאַרט זיך אַרויס שטילערהייט. די פליטים בלייבן זיצן שטיל און מרה־שחורה׳דיק. דער אַפּעטיט איז זיי שוין פאַרגאַנגען.

פון כּסדרדיקן ליידיק אַרומגיין זענען די ווייבער געוואָרן אַזוי פויל, אַז אפילו אַ טעפל אויסוואַשן איז זיי געוואָרן צו שווער.

די מאַדאַם צעדערבוים האָט זיך נישט געמישט אין אַזעלכע ענינים און זי וואָלט זיך ווייטער נישט געמישט, נאָר דער קעניג פון די קאַרטאָפליעס — האָבן די ווייבער געזאָגט — שאַרט איר אומישנע אונטער די דאָזיקע טעפלעך, וואָס האָבן זיך שוין געמאַכט אַ שם־דבר אין האָטעל צענטראַל.

געווען איז ער, דערדאָזיקער קעניג, אַ ייד מיט אַ געדיכטער, פייערדיק־רויטער באָרד, מיט אַ פּאָר געדיכטע וואָנסעס, פאַרשניטענע און גליטשיקע. אַ נאָז האָט דער קעניג געהאַט, פּונקט אַזוי קיילעכיק און פּונקט אַזוי רויט, ווי דעם „קעניג עדוואַרדס״ קאַרטאָפליעס, וואָס ער מיט זיין ווייב האָבן דאָ גאַנצע טעג געשיילט. ער האָט געאַרבעט ערנסט, דער קעניג. די דריי טיפע קנייטשן אין דעם נידעריקן שטערן פלעגן זיך אים בשעת דער אַרבעט טיפער נאָך איינשניידן, דיקער ווערן.

דאָס ווייב זיינס, די קעניגין, איז געווען אַזוי ענלעך צום מאַן, אַז ווען נישט דאָס, וואָס זי טראָגט ווייבערישע מלבושים, וואָלט מען נישט דערקענט ווער ס׳איז ווער. אפילו אַ בערדל האָט זי געהאַט אַ רויטס, נאָר אַ קלענערס, פאַרשטייט זיך.

אַט דאָס פּאָרל איז אַריבערגעקומען פון בעלגיע צוזאַמען מיט אַלע איר־

בעריקע פּליטים. קיינער האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס מ׳האָט זיי גראָד אויס־געקליבן צו העלפֿן אין קיך, צו שיילן די קאַרטאָפֿל, וואָס מ׳האָט דאָ געקאָכט יעדן טאָג.

פּונקט ווי מ׳האָט נישט געוווּסט, ווער ס׳האָט זיי געקרוינט מיטן נאָמען קעניג און קעניגין. האָבן די פּליטים פֿאַרגינען זיי די נעמען, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי ערלעך פֿאַרדינט. אלא, וואָס דען? זינט ער האָט איבערגענומען די מלוכה, אין קיך, האָט ער זיך גענומען פֿירן ווי אַן אמתער זעלבסט־הערשער. שטרענג און אומבאַגרעניצט איז ער געוואָרן. זיך נישט צוגעהערט צו קיינעם, נישט געפֿרעגט ביי קיינעם קיין עצות, אַ מין ניקאָלאַי דער דריטער...

האָט דער עולם רעוואָלטירט, איז ביי יעדן מיטאָג געווען אַ נייער ביר־גער־קריג. די פּליטים האָבן חושד געווען דעם קעניג, אַז ער טוט נישט אַריין אַלע קאַרטאָפֿליעס, נישט ס׳גאַנצע פֿלייש אין דער זופּ, איז צוליב דעם די זופּ שוואַך און מען ווערט נישט זאַט פֿון איר. האָבן זיי געפֿאָדערט טאָפּעלע פּאָרציעס. דער קעניג ווידער האָט זיי אפילו נישט געענטפֿערט. אמת, ער האָט געגעבן טאָפּעלע פּאָרציעס, אָבער נאָר וועמען ער האָט געוואָלט. טאָפּל־טע פּאָרציעס האָבן באַקומען די, וואָס האָבן געפֿונען חן אין קעניגס אויגן און חן האָבן ביי אים געהאַט די רייכע (נאָך וואָס פֿאַרא חן!). איז נישט אַדורך קיין איין מיטאָג אָן געשרייען, נאָר רעד צו דער וואַנט.

אַ גערעכטע טענה האָבן די מענטשן געהאַט: אָדער — יעדן, אָדער — קיינעם נישט.

האָט זיך געמאַכט — עמיץ האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אַריין אין ביוראָ, איבערגעבן די זאַך אין די הענט פֿון די אויטאָריטעטן, די כּלל־טוער, און זאָלן זיי אַליין משפּטן, פֿלעגט דער „דעלאַטער”, ווי די דזשענטל־לייט פֿון דער ביוראָ האָבן אַזאַ גערופֿן, אַרויסקומען פֿון דאָרט ווי אַן אָפּגעשמיסענער און דער קעניג פֿלעגט נאָך אַזאַ מעשה הערשן מיט מער שטרענגקייט נאָך ווי פֿריער. האָט מען געזען, אַז מיטן קעניג וועט מען גאָרנישט נישט מאַכן, האָט מען זיך גענומען רייסן צווישן זיך, אויסלאָזן דעם כּעס איינער צום אַנדערן.

בערמאַנען איז, אָט דער האָטעל כּלל נישט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך קנאַפּ וואָס באַגייסטערט פֿונעם שפּיגל מיטן מאַרמאָר, ער האָט אַ צי געטון

מיט דער גרויסער, ברוינער נאָז און אָפֿן דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין אָרט פֿאַר זיינעטוועגן.

מאַדאַם צעדערבוים האָט אַ מאַך געטון מיט דער ווייסער, דורכזיכטיקער האַנט, וואָס האָט געהייסן:

— עט, עסט זיך שוין צוגעווינען!

נאָר אַז זי האָט געזען, אַז דאָס וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט, אַריינצושטעלן מער מעבל אין זיינע חדרים אויפֿן ערשטן שטאָק, אַוועקצושטעלן אַ לען־שטול אויפֿן באַלקאָן און אפילו אַ גאַז־אויוון אין שלאָף־שטוב אַריינצושטעלן, האָט בערמאַנען קנאַפּ וואָס געריִרט, האָט זי איינגעזען, אַז זי האָט דאָ טאַקע באמת צו טון מיט אַ בעסערן מענטשן און ס׳האָט איר געריִרט.

— אַלזאָ, הער בערמאַן, וויר ווערדען זען, וואָס וויר קענען טון! ביים ערשטן מיטינג וועל איך די זאַך פֿאָרברענגען און פֿערלאַסען זי זיך אויף מיר! זי ווערדן העכסט וואַרשיינלעך באַקומען איינע פּריוואַטע וואָנונג.

האָט איר בערמאַן לסוף צוליב געטון און איז געבליבן נאָך עטלעכע טעג.

— ער איזט יאַ איין זייער נעטער מאַן! — האָט זי געזאָגט צו מיסטער גרין, איר משמש.

— יאַ, דאָס זעט מאַן גלייך! — האָט מיסטער גרין מסכים געווען.

דער קעניג פֿון די קאַרטאָפֿליעס האָט געהערט פֿון בערמאַנען נאָך אין אַנטווערפּן. ווי אַ הונט האָט ער דערשמעקט, אַז מאַדאַם צעדערבוים האַלט פֿון אים, און אים אויפֿן אָרט באַשטימט אַ טאָפּלטע פּאָרציע.

אין אַ פֿרימאָרגן, ווען בערמאַן איז אַראָפּגעקומען צום מיטאָג, איז ביים טיש געוועזן אַ גערודער. אַ יידינע פֿון אַ יאָר פֿופֿציק האָט געמאַכט געוואַלטן, געזידלט עפּעס אַן איינגעדאַרט ווייבל פֿון אַ יאָר דרייסיק, וואָס האָט זיך קנאַפּ־וואָס אַריינגעפּאַסט דאָ ביי דעם לאַנגן טיש אויבנאָן, ווו ס׳איז געזעסן דאָס שמאַלץ פֿון אַנטווערפּן — פֿעטע יידן מיט לאַנגע בערד, מיט דיקע בייכער און נאָך דיקערע ווייבער. דאָס ווייבל האָט געהאַלטן אַ קינד אויף דער שויס, מיט אַ נישט־איבעריק ריינער קעשענע־פֿאַטשיילקע געפּרוווט טריקענען די טרערן, וואָס האָבן איר גענעצט די פֿינגער, בשום־אופֿן נישט געלאָזט אַוועקווישן זיך.

די יידינע האָט געפּרייכט מיטן ריזיקן בוזעם אונטער דער זיידענער בלוזע, די בריליאַנטענע אויערינג האָבן זיך איר געבאָמבלט אין די בלויע, צע־

צוויגנע אויערן. דאָס בערדל אויפֿן גוידער האָט זיך נערוועז געשאָקלט, די דיקע ליפּן זענען איר אַזש בלוי געוואָרן פֿון שווימיקן כעס.

— אַזאַ „פּופּלאָקס״! אַזאַ נאַרישער דראַפּיק! זי איז, זאָגט זי, פּונקט אַזאַ יחסנטע ווי איך! אַ נס אַלע קענען מיך, געלויבט דער אויבערשטער, פֿון אַנטווערפּן. ווי קומט זי דאָ אַהער צו דעם טיש? די שנאָרערקע. מען שטעלט אַוועק אַביסל זופּ, טוט זי אַ שטעק אַוועק די שמוציקע הענט און כאַפּט. זי ווייסט גאָרנישט, אַז מען כאַפּט, קלאַפּט מען איבער די הענט, דער שפּאָן.

דאָס ווייבל האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן, נישט געוווּסט פֿאַרוואָס אַזוינס עס קומט איר. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, פֿרעגן ביי די מענטשן אַרום טיש, וואָס האָט זי אַזוינס געטון, נאָר די מענטשן האָבן געלאַכט, האָבן זיך אַמוזירט, טייל האָבן געבעטן די ייִדינע זי זאָל אויפֿהערן, אַלע זענען געווען פֿאַרנומען, ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל איר ענטפֿערן. אַחוץ דעם האָט זי סיי־ווי נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איינציק וואָרט פֿון צעדרודערטקייט.

בערמאַן האָט אַ קוק געטון אויף דער ייִדינע. ער האָט זי באַלד דערקענט. ער האַנדלט מיט איר מאַן — אַ ייִד אַ גביר. ער האָט געכאַפּט נאָך אַ קוק אויפֿן ווייבל.

— ווי קומט אַזאַ טאַקע דאָ אַהער צו דעם טיש? ווייַ־וויי, ס׳איז דאָך גיטעלע!

— וואָס איז דאָ געשען?

בערמאַן האָט זיך באַלד דערוווּסט. אים האָט מען שוין געענטפֿערט. מ׳האָט אַוועקגעשטעלט נאָך אַ פּאָרציע פֿאַר דער ייִדענעס וועגן, האָט גיטעלע אויסגעשטעקט די האַנט, געמיינט, אַז ס׳איז פֿאַר איר, מחמת זי האָט נאָך אפֿילו די ערשטע נישט באַקומען. דאָס האָט די ייִדינע אַרויסגעבראַכט פֿון די כלים. און זי איז אַרויס מיטן לשון.

פֿאַר אַ צולאָג איז אַרויסגעקומען דער קעניג פֿון די קאַרטאָפֿליעס און האָט זיך צעשריגן אויף גיטעלען:

— זאָל זיין שטיל! מ׳האָט אינען נישט דערהרגעט, הערן זי אויף צו פּישן מיט די אויגן! „זיי״ האָבן דאָ נישט ליב קיין סקאַנדאַלן. ס׳דאַרף באַלד אָנקומען מאַדאַם צעדערבוים. אַז זי וועט זען די אַוואַנטורעס, וואָס זי

מאַכן דאָ, עס מען אינען באַלד אַוועקשיקן אין האָטעל „פּאַלמאַליוו״, עלן זי שוין האָבן פּאַרוואָס צו וויינען.

בערמאַן האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זאָגן דעם קעניג, אַז גיטעלע איז אַ רייכע טאָכטער פון דער היים. ער האָט זיך אָבער באַלד מישב געווען, אַז עס איז גלייכער ער זאָל זי גאָרנישט קענען. אַחוץ מזה האָט ער זיך פּיינט געהאַט צו מישן אין יענעמס געשעפטן. ער האָט אַ ווונק געטון צו רחלען. רחל האָט פאַרשטאַנען. זי האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט בלויז נישט גע־וואָלט צונעמען די טאָפּלטע פּאָרציע וואָס מ׳האָט איר דערלאַנגט. דער אַלטער ר׳ חיים־יוסף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַזוי נידעריק, אַז די באָרד איז אים געלעגן אויפן טיש. ער האָט שווער געזיפצט, זיך געשטיקט מיטן צעווייקטן ברויט אין דער זופּ, שטילערהייט אַ זאָג געטון צו רחלען, וואָס האָט געהאַט פולע אויגן מיט טרערן:

— אַזוי איז עס, טאָכטער!

נישט נאָר האָט דער קעניג געהאַט זיינע אויסגעווײלטע, נאָר די מענטשן אַליין האָבן זיך אויך גרופּירט צווישן זיך. די טישלעך האָבן זיך ווי פון זיך אַליין באַזעצט מיט מענטשן פון איין שטאַנד. ביי אַ טיש זענען געזעסן עטלעכע יונגע מענטשן און האָבן גאַנצע טעג צווישן די מאָלצייטן און נאָך די מאָלצייטן און פאַר די מאָלצייטן געהאַלטן אין איין רעדן פון גאָר הויכע ענינים. שעקספּיר איז דאָרט נישט אַראָפּ פון טיש אויף קיין רגע, בערנאַרד שאָו, איבסען, היינע, געטע, האָמער, רעמבראַנדט, מיכאל אַנזשעלאָ האָבן דאָרט פאַרנומען אַ גאָר וואַזשנע אָרט. און גערעדט האָבן די אינטע־ליגענטן דווקא אויפן קול, דיסקוטירט איבער אַלץ אין דער וועלט. געווען באַ־האַוונט אין אַלץ — פּלאַסטישע קונסט, מוזיק, ליטעראַטור...

די עסערס, אַפילו די יידן מיט די בערד אויבנאָן, און די יידינעס מיט די זיידענע בלוזעס, האָבן זיך גענומען איינהערן, נישט געוווּסט אַזוי וואָס דאָרטן קומט פאָר, נאָר עפּעס האָבן זיי דערפילט אַ דרך־ארץ פאַר יענעם טישל.

דער קעניג פון די קאַרטאָפליעס האָט צוגעלייגט אַ האָריק אויער, גוט איינגעהערט זיך, געוואָלט וויסן, וואָס די „סמאַרקעס״ פּלאַפּלען, געהערט ווי זיי היפּן כסדר אָן נעמען אַזעלכע, וואָס ער האָט זינט ער לעבט פון זיי נישט געהערט, נישט אין אַנטווערפּן, נישט אין לאָנדאָן, אַפילו נישט אין גאַליציע.

האָט ער זיך גענומען נאָכפֿרעגן, דערהערט, אַז דאָס רעדן זיי פֿון ביכער, האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן דיקן קאָפּ און געפֿרעגט:

— איז פֿון ביכער דאַרף מען רעדן? ביכער קען מען דאָך לייענען! און נישט דולן קיין קאָפּ. מנע, געמיינט, ווער ווייסט וואָס...

און ער האָט אויפֿן אָרט באַשלאָסן, אַז עס קומט זיי נישט קיין טאָפּלטע פּאָרציעס.

— אַ חברה ליידיקגייער, ווייטער גאָרנישט! — האָט ער געזאָגט צום ווייב.

און האָט זיי פֿונדעסטוועגן אוועקגעשטעלט דאָס עסן אָן אַ טראַסק.

לעבן דעם טישל האָט ער אוועקגעזעצט גיטעלען. דאָ איז זי נאָכמער אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך. חברה האָט געזען אַ ווייבל מיט אַ קינד, האָבן זיי זיך אויף איר אפֿילו נישט אומגעקוקט. האָט זי זיך אַליין אָפּגעזוכט אַן אַנדער טישל. זי האָט זיך אוועקגעזעצט צווישן פּראָסטע ווייבער, אַזעלכע, וואָס זייערע מענער גייען אפֿילו דאָ אַרויס אַרבעטן, גיבן צושטייער לגבי דער הוצאה און זיי אַליין העלפֿן אָפּוואַשן די כלים אין קיך, וואַרפֿן נייטש אונטער קיין פֿאַרריסטע טעפּלעך, זיצן גאַנצע טעג אין דער ווייבער־שטוב און נייען ציכעלעך און ליילעכער פֿאַר די בעטן אויבן אין האָטעל. לעבן דעם דאָזיקן טישל האָט מען זיך געפֿרייט מיט גיטעלעס קינד. מ'האָט עס געטשעטשקעט, איר אַליין אָנדערציילט מעשיות, דערציילט וואָסערע שיינע היימען זיי האָבן געהאַט; כאָטש זייערע מענער זענען באַלמעלאָכעס, האָבן זיי געהאַט פֿיינע קיכן, פֿאַרפּוצטע מיט שטאָל, קרעדענצלעך און אפֿילו גראַמאָפֿאָנען.

דאָ איז גיטעלע געווען יאָ אויפֿן אָרט און נישט אויפֿן אָרט.

קאַפּיטל 26

אין אַ פֿרימאָרגן האָט זיך בערמאַן אויסגעפּוצט ווי אַ חתן־בחור און אוועקגעלאָזט זיך אויף אַן ערשטן באַזוך אין „העטן־גאַרדן”.

ער האָט היינט אָפּגעגעבן אַ סך צייט דער באָרד זיינער. אַרויסגעצופּט כמעט אַלע גרויע פֿעדימלעך, וואָס האָבן זיך דאַרטן אינעם משך פֿון די לעצטע עטלעכע חדשים אַריינגעכאַפּט, ער האָט זי געקעמט, געבערשט, געגלעט, צעטיילט אויף צוויי העלפֿטן.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער באָרד, האָט ער זיך אָנגעטון דעם שבת'דיקן פראַק, מיט די זיידענע לאַצן, מיטן בכבודיקן שפּאַלט פון הינטן, אָנגעטון דעם פיינעם טוכענעם איבער־מאַנטל, מיטן גוטן, סאַמעטענעם קאָלנער, די ברוינע לעדערנע הענטשקעס, גענומען מיט זיך דעם שוואַרצן, זיידענעם שירעם, וואָס ר'האָט געקויפט אין ראָטערדאַם — האָט ער אויסגעזען ווי אַ יידישער באַנקיר.

געלאָסן איז ער אַראָפּ די ברייטע, מאַרמאָרנע טרעפּ, געלאָסן דורכ־געגאַנגען דעם ברייטן קאָרידאָר, אָפּגעשטעלט זיך אויפן לענגלעכן טרעטער, וואָס איז געלעגן ווי אַריינגעוואַקסן אינעם אויסגעשניטענעם שטיק קאָנקריט, געכאַפּט נאָך איין בליק אינעם גישליפענעם שפּיגל אין דער אויבערשטער העלפט וואַנט.

מיסטער גרין האָט אים באַגריסט.

— גוטמאָרגן, מיסטער בערמאַן! אין אַזאַ וועטער?

— אַז מען דאַרף גיין, גייט מען! — האָט בערמאַן שטרענג געשמייכלט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

די גאַס איז געלעגן איינגעהילט אין אַ געדיכטן, שוואַרצן נעפּל. אַ פייכט־קייט האָט באַלד גענומען נעצן בערמאַנס פּנים, כאָטש ס'האָט נישט גערעגנט. קיין הימל האָט מען נישט אַרויסגעזען. די גרויע פּלאַכטע, וואָס איז געלעגן אַזוי נידעריק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, מען וועט זיך באַלד אָנשלאָגן אין איר מיטן קאָפּ, האָט לגמרי נישט אויסגעזען ווי קיין הימל. דער אַספאַלט איז געווען נאַס, געגלאַנצט מיט שוואַרצער קעלט.

— בררר! — בערמאַנען איז אַדורך אַ פרעסטל דורך די רייכע מלבושים, אַריינגעכאַפּט זיך אין די ביינער אַריין. ר'איז געבליבן שטיין נעבן דער ברייטער טיר פון האָטעל.

זאָל ער גיין, זאָל ער נישט גיין? צוריקגיין איז נישט מזלדיק און גיין האָט ער מורא געהאַט.

די הויכע געביידעס פון דער „סיטי", דער רייקער פּאַרקער, — אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטער שוואַרצקייט. די גאַז־לאַמטערן האָבן אויסגעזען, ווי פלעמעלעך פון גראַטשעדיקע ליכטלעך וואָלטן געהאַנגען צעזייטע אינעם נעפּל. אַ טעמפּ קלאַפּן פון שווערע משא־וועגענער, אַ געקלינגעריי פון טראַמווייען, וואָרנונגס־אויסרופן פון קאָנדוקטאָרן און באַלעגאָלע־יינגען

האָבן דרעמפּיק אָפּגעקלונגען אין דער געדיכטעניש. דער פֿאַרקער אין מיט גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער וואָלקן וואָלט זיך געוואַלגערט אויף דער גאַנצער לענג פֿון דער ברוק, געוואַקלט זיך, אויסגעשיילט זיך און באַלד ווידער פֿאַרקנוילט געוואָרן.

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך די דורכגייער לעבן ווענט געשאַרט, מורא געהאַט אַ טריט צו טון.

בערמאַן האָט אויסגעשפּרייט ביידע הענט, ווי צוויי שוואַרצע פֿליגלען, געפּרוווט אַזויערנאָך פֿאַרהיטן פֿון צוזאַמענשטויסן זיך מיט אַנדערע מענטשן. אָפּגעגאַנגען עטלעכע מעטער, איז ער אינגאַנצן מבולבל געוואָרן. נאָר דאָ האָבן ביים סאַמע טראָטואַר עטלעכע אַרבעטער פֿאַרריכט די קאַנאַליזאַציע. די שטיינער זענען געווען אַרויסגעהאַקט און האָבן זיך געוואַלגערט אין עק ברוק. דער לענגלעכער גרוב איז געווען אַרומגעשטעלט מיט רויטע לאַמטערלעך, גרויסע שטורקאַצן האָבן זיך געוויגט אינעם נעפּל, באַהעלט אַ שטיק גאַס. אין אַ קליין הילצערן ביידל איז געזעסן אַן אַלטער מאַן, געוואַרעמט זיך לעבן אַ צעלייגט פֿייער. די צעגליטע קוילן האָבן אַרייַנגעגאָסן קאָליר אינעם קאָלירלאָזן נעפּל, אויף אַ היפּשן שטח אַרום אַ וואַרעמקייט געשפּרייט. די אַרבעטער זענען געשטאַנען מיט די הענט אויף די רידלס אָנגעשפּאַרט, געפּיפּקעט ליולקעס און געמיטלעך געשמועסט, אַרומגערעדט דעם נעפּל, ווי ס'וואָלט ביי זיי אַ נייעס געווען. טייל האָבן זיך שטיל ביים פֿייער געוואַרעמט. דער אויפֿזעער, וואָס האָט געדאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט באַלאַמוטשן, האָט מיטגעשמועסט, מיטגעלאַכט. דער גרוב האָט געוואַרט... לסוף האָט זיך איינער פֿון זיי מישב געווען, אַז ס'איז נישט קיין יושר, אַז מען דאַרף פֿאַרט עפּעס טון, איז ער אַריין אין גרוב, גענומען אַרויסוואַרפֿן די ערד. די איבעריקע האָבן ווייטער געשמועסט, נישט געמישט זיך. „ווילסט, אַרבעטן, אַרבעט".

לאַנג האָט זיך נאָך בערמאַן געשאַרט לעבן ווענט. געטאַפּט אין דער פֿינצטער, ביז ער איז צוגעקומען אין עק גאַס. דאָ האָבן זיך עטלעכע גאַסן געקרייצט. אַ הויכער פּאָליציאַנט האָט אויפֿגעהויבן די האַנט מיט דער ווייסער הענטשקע, וואָס האָט אויסגעזען ברודיק צוליב דעם נעפּל. דורכגייער האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, ס'האָבן זיך פּלוצלונג אַ שאָט געטון אַ מאַסע

מענטשן, וואָס מ'האָט זיי פֿריער גאָרנישט געזען, ווי פֿון ערגעץ נישט זענען זיי זיך אָנגעקומען.

בערמאַן האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ טראַמוויי. דער טראַמוויי האָט געטריפֿט מיט נעץ. אַ בלויע פֿאַרע איז געשטאַנען אין דער לופֿט, פֿאַרשטעלט דאָס גרינע ליכט. די פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעזען פֿייכט, די בענק — פֿייכט, די בילעטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן שוואַרצן דיל זענען געווען נאַס און ברודיק. בערמאַן האָט שווער געאָטעמט.

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופֿן זײַן באַקאַנטן „טיקעטס פּליעז" און האָט כמעט יעדן פּאַסאַזשיר דערציילט די נײַעס, אַז ס'איז אַ שרעקלעכער נעפּל. די פּאַסאַזשירן האָבן מודה געווען.

— שרעקלעך!

ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער קאַפּע, בערמאַן.

אַ ברודיק, פּירקאַנטיק הויז, נישט געטונקעוועט, די ציגל — שוואַרץ, די וויטרינע איבער אַ העלפֿט באַשפּריצט מיט בלאָטע, מיט אַ האַלב־אָפּגעבּרעקלטן, ברודיק־געוואָרענעם נאָסן „כשר", איז איצט געווען די בערזע אין „העטן־גאַרדן".

בערמאַן האָט אויסגעקאָלערט אַ פּאָר אויגן.

— דאָס איז עס אינגאַנצן?

דערצו האָט ער זיך דאָס געדאַרפֿט אַזוי אויספּוצן? נאָר באַלד האָט ער דאָ דערזען גאַנץ אַנטוועקן. אַלץ באַקאַנטע סוחרים, אַלץ אייגענע מענטשן און זיי האָבן שוין באַוויזן אויסצוטוישן די אַנטוועקן פֿראַקן אויף אַנצוגער, כמעט אַלע טראָגן זיי שוין ענגליש־געניייטע מלבושים און אַ האַנדל גייט אָן, נישט ערגער ווי אין דער בערזע אין אַנטווערפּן. ס'זיצן די סוחרים אַרום די לענגלעכע טישלעך, איבערגעצויגענע מיט שוואַרצער צעראַטע און שאַרן אין קופּעס דימענטן, ווי ביי זיך אינדערהיים. ס'טוישן זיך קאָלירן, בלוי, רויט, גרין, גאָלד, ליכטיק־ווייס, ס'גליען די בריליאַנטן, ברענען, פֿאַרכאַפּן ס'אויג. נאָר די סוחרים קוקן זיך אפילו נישט אום אויפֿן פֿאַרבן־שפּיל. זיי שאַרן מיט די צווענגעלעך און זוכן „גלעצעס", פֿילן זיך אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן.

בערמאַן האָט זיך אַ רגע פֿאַרלוירן. עפּעס זעט ער אויס ווי אַ בטלן היינט. מניא, אַ פֿראַק קען מען אויסטוישן. אַזוי, **הייסט** עס עט מען דאָ פֿון

היינט אַן דאַרף זען זוכן צו פֿאַרדינען אַ פֿראַנק, זאָל זיין דאָ. אַבי נאָר ס׳זאָל זיך לאָזן פֿאַרדינען.

לאָנדאָנער סוחרים האָבן געטרונקען טיי מיט מילך, וואָס האָט ווי קאַווע אויסגעזען, גערעדט ענגליש, אַריינגעמישט אַ יידיש וואָרט דאָ און דאָרט, זיך געוויזן אַחוץ דימענטן, שנירלעך פּערל, פּלאַטין און גאָלד. קליינע סוחרים׳־לעך און מעקלערלעך, וואָס אין אַנטוועריפּן קומען זיי אין בערזע נישט אַריין, האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט צווישן די גרעסטע סוחרים.

— פֿאַר זיי איז עס אַ לעבן! — האָט בערמאַן זיי נישט פֿאַרגינען די מלחמה.

ביים סאַמע פענצטער, לעבן אַ טישל, איז געזעסן אַ בלאָנדער יונגערמאַן און האָט געשאַרט נישט אין קיין קופּקעס, נאָר אין גאַנצע בערגער דימענטן.

— הייסט עס, אַז דאָס איז „העטן־גאַרדן״!... הממם...!

— ער מאַכט געשעפֿטן, דער צוציק! — האָט אַ סוחר זיך צוגעזעצט צו בערמאַנס טישל.

— זאָל ער מאַכן!

— אַזאַ שנעק נאָך און דאָס, זאָגט מען, איז שטיין־רייך. איר קענט אים? — האָט דער סוחר געפֿרעגט.

— ווער קען אים נישט? ס׳איז דאָך ליבערמאַנס עלטערער איידעם! קופּער.

— אָה, אַזוי, איצט פֿאַרשטיי איך. איז ער דאָך, הייסט עס, אַן אַנט־ווערפּענער.

— ער איז אַן אַנטווערפּענער, ער איז אַ לאָנדאָנער! ער איז דאָ און ער איז דאָרט. ער וואַקסט! מען זאָגט, ער וועט נאָך אַריבערוואַקסן דעם שווער.

— יאָ, — האָט בערמאַן אַ זיפֿץ געטון און אַריבערגעקוקט צום בלאָנדן יונגנמאַן.

אַן עלטערער ייד מיט אַ פּאָר געלע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן בערמאַנס טישל, אויסגעהוסט זיך, אַ כאַפּ געטון זיך מיט דער האַנט ביי דער איינגעפֿאַלענער ברוסט און אַ פֿרעג געטון בערמאַנען, צי ער האָט אַ פּאָר קאַראַט. ער האָט אַ קונה. און איידער בערמאַן האָט צייט געהאַט צו ענט־פֿערן, איז ער אַוועק, דער אַלטער, ווי ער וואָלט געפֿרעגט לשם פֿרעגן און גאָרנישט געדאַרפֿט די פּאָר קאַראַט, און נישט געהאַט קיין קונה.

— אַנדערש שטייט אים נישט אָן! ווי געפֿעלן אייך מײַנע קונים? — האָט בערמאַן געלאַכט.

דער סוחר האָט אַ מאַך געטון מיט דער פּוכיקער האַנט.

— עט. ווער קוקט זיך אויף זיי אום! אָט רעדן זיי זיך אַליין איין, אַז זיי האַנדלען.

— זיי רינגלען אים אַרום ווי די פ..גן, אָט די מעקלערלעך — האָט דער סוחר ווייטער גערעדט — און ער גיט זיי, ר׳איז אַ גוטער יונג, דער קופּער בנאמנות.

— יאָ, ווען זײַן גוטסקייט וואָלט אין אַ הונט אַריין, וואָלט ער משוגע געוואָרן. — האָט בערמאַן געלאַכט.

דער יונגערמאַן האָט דערווײַל אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ, אַ שאַר אַרויף געטון די געדיכטע פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן זיך אים צעוואָרפֿן איבערן רויטן פּנים, אַ בלישטש געטון מיט די בלויע אויגן און זיך ווידער גענומען שאַרן מיטן צוועננגל, זיך געמאַכט נישט זעענדיק די חברה מעקלערס, מיט די דורש־טיקע אויגן, וואָס האָבן געשלונגען זײַנע בערגער דימענטן, מיט זייערע גיריקע בליקן.

— איי גאָט נאָטינג! — האָט ער צו זיי גערעדט ענגליש, געפּרוּווט זיך אַזויערנאָך אָפּיאָגן פֿון זיי, נאָר די מעקלערס האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— הער קופּער, בהן שלי, איך האָב אַ קונה! כ׳דאַרף נייטיק האָבן אַ פּאָר קאַראַט.

— טאָ וואָס בין איך שולדיק? אָט זיצן דאָרט אויך סוחרים, פֿאַרוואָס גייט איר נישט אַריבער צו אים? — האָט ער אָנגעוויזן אויף בערמאַנען און געלאַכט.

— געטראָפֿן ס׳אָרט. ער׳ט פֿריער די קאַפּיטעם אויסציען, איידער געבן עמיצן אַ פֿראַנק צו פֿאַרדינען.

די קעלנערין האָט צוגעבראַכט אַ גלאָז קאַווע, אַוועקגעשטעלט עס אויפֿן טישל. דער יונגערמאַן האָט איר צוגעצויגן צו זיך און איר אַ קניפּ געטון. דאָס מיידל האָט זיך כלומרשט אַרויסגעריסן, אַ זאָג געטון עפּעס נישט קיין שיין וואָרט און איז אַוועק צו אַן אַנדער טישל.

— נו, זאָגט, אדרבה, קען איך מיר נישט אַליין קיין עצה געבן? אַז עך דאַרף נישט קיין מעקלערס!

— שוין, ער דאַרף שוין נישט קיין „קאַרטיערס״! — האָבן די יידן גערעדט מיט האַרצווייטיק.

— פֿאַרלאָזט זיך אויף אים, ר׳איז גענוג געשמדט! — האָט זיך אַ מיטל־יעריקער מעקלער געצויגן ביים שפּיציקן בערדל. ער האָט אַ בלינצל געטון צום יונגנמאַן מיט איין אויג, ווי איינער זאָגט:

— זיי האָבן דיך נישט פֿאַרשטאַנען, די בהמות! איך — יאָ!

— נאַט אייך! — האָט קופּער פּלוצלונג גענומען איינטיילן „פּאַרטיר־קעס״ — נאָר זעט באַקומט דעם פֿולן פּרייז. מער גיב איך היינט קיין סחורה נישט אַרויס. אַרויסגעבן סחורה, מיינט צולייגן געלט. סחורה שטייגט.

די מענטשן האָבן שוין נישט געהערט, וואָס ער רעדט צו זיי. זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט אינעם גערדיכטן נעפּל. באַ דער טיר שוין פֿאַרשריבן עפּעס אין די ביכלעך אַריין און זענען אַוועק איבער די ביוראָען.

— אין אַנטווערפּן שליסט זיך די בערזע דריי אַזייגער ווינטער — האָט בערמאַן דערציילט דעם לאָנדאָנער סוחר.

— אַ שיינע מעשה! — האָט דער סוחר געלאַכט — ווען מען זאָל אין לאָנדאָן וואַרטן אויף טאָג־ליכט, וואָלט מען אינגאַנצן מיט קיין דיאַמאַנטן נישט געהאַנדלט. דאָ איז שטענדיק נאַכט.

דאָס מיידל האָט דערוויל צוגעטראָגן צוויי גלעזער טיי מיט לימענע. בערמאַן האָט געזופּט פֿון דער טיי און נישט אויפֿגעהערט אַריבערצוקוקן צו קופּערן.

אַ גאַליציאַנער ייד מיט אַ בכבודיקער גרויער באָרד, אין אַ רבנישן קאַפּע־לוש, וואָס האָט זיך געדרייט אין „העטן־גאַרדן״, אַ מעקלער געווען, און קיינ־מאָל גאָרנישט נישט אויסגעמעקלט, איז צוגעקומען.

— איר הערט, הער בערמאַן? עך זאָג אייך, אַז דאָס, וואָס זיי האַלטן זיך מיט דער וואָרע, איז אַ גרויסער שטות. ס׳איז מלחמה, ווער עט קויפֿן בריליאַנטן, ווער? ווער? וועמען ליגן בריליאַנטן אין קאָפּ? זיי האָבן זיך איינגע־רעדט, אַז וואָרע שטייגט און האַלטן זיך מיט איר! ווען איר פֿאָלגט מעך לאָזט איר אַרויס, וואָס איר האָט. אירט מיר דערנאָך דאַנקען פֿאַר דער עצה. דעם קאָפּ וועלן זיי צולייגן, די בהמות.

בערמאַן האָט געלאַכט.

— יוען עך האָב זיין געלט, וואָלט איך דאָך משוגע געוואָרן. אַזאַ שניעק

און דאָס פֿאַרלאָזט זיך לחלוטין אויף זיין אייגענער דעה, ווייל נישט הערן וואָס אַן עלטערער מענטש ראָט אים. — האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אויף קופערן.

— געזונטערהייט, ווער לאָזט אייך דען נישט! — האָט זיך בערמאַן געוויצלט און ר׳איז אויפֿגעשטאַנען.

ער איז צו צו קופערן. דער אַלטער איז אים נאָכגעגאַנגען.

— וואָס הערט זיך, הער קופער, מ׳אַן מאַכט געשעפֿט, וואָס?

— אַזוי!

— זי האָבן געבראַכט די סחורה?

— יאָ און ניין!

— ס׳הייסט?

— ס׳הייסט, אַז כ׳האָב זיי גאָרנישט קיין חשק צו פֿאַרקויפֿן! סחורה שטייגט.

— ווייסעך וואָס! לאָסן זי זיך נישט אַריין אין משוגענעם עקסטאַז, וואָס איז זיי פּלוצלונג באַפֿאַלן. זיי וועלן אַלע ברעכן די קעפּ. אין מלחמה־צייט, ווע‌מען וועט דאָס ליגן אין קאָפּ בריליאַנטן? — האָט זיך בערמאַן באַנוצט מיטן אַלטנס עצה.

קופער האָט אים צוגעוואָרפֿן אַ ממזרישן בליק און נישט געענטפֿערט.

— וואָסזשע, פֿאַראַן, צו נישט?

— פֿאַראַן! אָבער אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַנדערש וועט עס נישט גיין. און נאָך עפּעס.

— און וואָס נאָך?

— כ׳וויל האָבן, אַז ר׳ מרדכי זאָל אויך עפּעס פֿאַרדינען. איר ווייסט דאָך שוין.

דער אַלטער האָט אַזש באַקומען פֿאַרב אין די געראָנצלטע געלע באַקן. הייסט עס, אַז ער וועט נאָך אפֿשר היינט פֿאַרט עפּעס פֿאַרדינען?

בערמאַן האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. קופער האָט אַרויסגענומען פֿון דער ברוסט־קעשענע אַ פּאַרטיקע, אויסגעשיט אויף דער שוואַרצער צעראַטע אפֿשר אַ טוץ שטיינער. עס האָט אַ בליץ געטון, ס׳איז ממש ליכטיק געוואָרן, ווי די זון וואָלט פּלוצלונג אויפֿגעשיינט.

— ריין? — האָט בערמאַן אַ פֿרעג געטון לשם פֿרעגן. און געזוכט צו באַהאַלטן דעם איינדרוק.

קופּער האָט נישט געענטפֿערט.

בערמאַן האָט נאָך נעכטן געזען די סחורה ביי קופּערן אין דער היים, געהאַט באַקוקט יעדעס שטיינדל שוין. פֿונדעסטוועגן האָט ער אָנגעטון די לופּע, גענומען אויפֿסניי דורכקוקן. ער האָט אָן אַ וואָרט אַרויסגענומען דאָס טשעק־ביכל, אויסגעשריבן קופּערן אַ טשעק.

— ניין, מיין הער! — האָט קופּער, אַ בייזער צוריקגעגעבן דעם טשעק.

בערמאַן איז אַזש פֿינצטער געוואָרן. ס'האָט אים שוין באַנג געטון — ער קען נאָך אַמאָל חרטה האָבן, קופּער, און פֿונעם גאַנצן עסק זאָל זיך אויסלאָזן אַ טייך. ער איז אַ ביטערער יינג. ער האָט זיך גענומען צופּן די באָרד, דערמאָנט זיך, אַז ס'איז זיין אייגענע באָרד און נאָכגעלאָזט.

— וואָס האָבן זי צוגעכאַפּט די סחורה? כ'האָב דאָך אינען געגעבן וויפֿל זי האָבן געוואָלט? וואָרום קלאַפּן זי נישט צו מזל־ברכה?

— כ'האָב אייך נאָך נעכטן געזאָגט און היינט ווידעראַמאָל, אַז איך וויל האָבן פֿינף פֿונט פֿאַר ר' מרדכי'ן.

בערמאַן האָט אַ ברום געטון ווי אַ לייב אַ בעל־יסורים. וואָלטן נישט דימענטן געשטיגן, פֿון טאָג צו טאָג, וואָלט ער אים אָנגעלערנט, דעם געמיינעם יינג. נאָר וואָס קען ער מאַכן, אַזאַ סחורה טאָר ער נישט אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט, אַזוינס זעט מען נישט יעדן טאָג.

— דער שוואַרצער יאָר ווייסט אים, ווו ער פּאַקט אַזאַ סחורה! די שענסטע שטיינער פּאַלן אַריין צו אים אין די הענט אַריין. האַלט אויס אַ כאַליאַסטרע מעקלערס, וואָס ער דאַרף אויף תשעה נייענציק כפּרות, וואַרפֿט מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס און איז רייך ווי קורח. די געמיינע יינגען העלפֿט גאָט, ס'איז תמיד אַזוי.

ר' מרדכי האָט זיך שוין מיאש געווען.

— ס'האָט נאָכנישט געטראָפֿן, אַז דער שוואַרצער כלב זאָל געבן עמיצן אַ פֿראַנק צו פֿאַרדינען. ס'עט סיי־ווי גאָרנישט ווערן דערפֿון. אַז ער וואָלט געקויפֿט, וואָלט איך אפשר פֿאַרט עפּעס געהאַט, כ'ווייס נישט צוליב וואָס ער דינגט זיך מיט אים, דער קופּער? כ'וואָלט אַ דרייערל אויך צוגענומען. צוויי

פֿונט וואָלט אויך צונויץ געקומען — האָט דער אַלטער כּסדר אַראָפּגעלאָזט פֿון פּרייז.

אָעבער ס'האָבן נישט געהאָלפֿן אַ האָר, נישט בערמאַנס טענות, אַז ער קויפֿט פֿון האַנט צו האַנט און ער זעט נישט ווו ר' מרדכי קומט דאָ אַריין, אַז בסך הכּל האָט דער ייִד קיין שום שייכות נישט מיט דער קניה, נישט דעם אַלטנס תּפֿילה, קופּער זאָל ווייכער ווערן.

— אַנדעריש וועט עס נישט גיין! — האָט קופּער געשאַרט מיטן צווענגל אין אַ בערגל רויע שטיינער און האָט אונטערגעשמייכלט מיט טאָפּלטן תּענוג.

בערמאַנס בעטן זיך האָט אים גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט. נאָך אַ גרעסערן תּענוג האָט אים דאָס מיידל אָנגעטון. זי האָט זיך כּסדר געדרייט פֿאַר זיין טישל און ער האָט מיט איר יעדעס מאָל אַ טשעפּע געטון און זי האָט כּסדר געהאַט טענות, אַז ער פֿירט זיך נישט אויף ווי קיין דזשענטלמאַן. בערמאַנען האָט ער גאָרנישט געזען.

לסוף האָט בערמאַן אָנגעשריבן נאָך אַ טשעק, איבערגעגעבן אים קופּערן.

— נאַ, וואַרג דיך מיט אים! —

האָט קופּער אַראָפּגעלייענט פֿון בערמאַנס פּנים אַראָפּ און געקוועלט.

— נאַט, ר' מרדכי, פֿינף פֿונט!

ר'האָט דערלאַנגט ר' מרדכי'ן פֿינף גרינע, קנאַקעדיקע באַנקנאָטן.

דער אַלטער האָט זיינע אייגענע רויטע אויגן נישט געגלויבט.

— עך, קופּער, זי זינט איין סוחר, מען קען נישט זאָגן! — האָט בערמאַן געמאַכט קופּערן אַ קאָמפּלימענט און זאָל ער נישט מיינען, אַז ער האָט אים בדלות געשטעלט. נאָר אויף ר' מרדכיס ציטערדיקער האַנט האָט ער נישט געוואָלט און נישט געקענט קוקן.

— איר זעט, ר' מרדכי? ווי אַזוי מען רייסט אויס ביי אַ חזיר אַ האָר?

— האָט קופּער געלאַכט.

— בזכות זה, זאָלסטו מיר האָבן ברכה און הצלחה, ווו דו וועסט דיך קערן און ווענדן! — האָט דער אַלטער אַזש געציטערט פֿון געריִרטקייט.

בערמאַן האָט אויסגעשיט די שטיינער אויף דער שוואַרצער צעראַטע, אָנגעטון די לופּע, כאָטש ר'האָט גאָר צו די שטיינער קיין לופּע מער נישט געדאַרפֿט, געדרייט זיי פֿון אַלע זייטן. יעדעס שטיינדל האָט געלויכטן, אָפּגעשלאָגן זיך אין דער עלעקטרי, געביטן קאָליר. אין זייער ליכטיקער דורכזיכטי־

קייט, ווי אַ גוטע, געטרייע מאַמע, וואָס קוקט אַריין אין די אויגעלעך פֿון איר איינאונאייינציק קינד און קוויקט זיך מיט זייער לויטערקייט, אַזוי האָט בערמאַן צום הונדערטסטן מאָל אַריינגעקוקט און געקוואָלן פֿון דער העלער ליכטיקייט פֿון זיינע שטיינער, ס'איז אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיי. ר'האָט זיי געשאַרט מיטן צווענגל, כאָטש מען האָט צו זיי גאָר קיין צוועגל נישט געדאַרפֿט האָבן. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו צעלאַכן זיך אויפֿן קול פֿון גרויס תענוג.

— אַזאַ סחורה, אַזאַ סחורה!

— קופּער עט נאָך ברעכן דעם קאַרק, נישקשה! ר'האָט מער אינזינען די מיידן, ווי ס'געשעפֿט. אין אַזאַ צייט, ווען בריליאַנטן שטייגן, פֿאַרקויפֿט מען אַזאַ סחורה? דאָס איז אַ סוחר? באַשר ער האָט דעם שווער ביי דער זייט, ר'איז אַ ווייסטער שאַרלאַטאַן, נישט קיין סוחר! — האָט זיך בערמאַן אָנגעטון אַביסל נחת־רוח פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט, פֿאַר דעם עגמת־נפש, וואָס קופּער האָט אים פֿאַרשאַפֿט און ער האָט זיך באַשטעלט אַ בעפֿשטיק.

די פֿאַרע פֿון דער ברוינער, שמעקנדיקער בראָט־יויך האָט געשאַרפֿט דעם אַפּעטיט. בערמאַן האָט זיך פֿאַרשטעקט אַ גרויסן, ווייסן סערוויעט, אַריינגעלאָזט די באָרד, מיט אַפּעטיט געטונקען דאָס ברויט אינעם שמעקנדיקן ביפֿשטיק, אינעם שאַרפֿן כריין און זיך אָנגעטון אמתע עולם־הזה.

— אַ, זעטס נאָר ווער מען כ'זע דאָ? — איז צוגעקומען שאַפּירא. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן בערמאַנען ווי אַן אַלטער גוטער פֿריינט, נישט אויפֿגעהערט דריקן אים די האַנט. בערמאַן האָט זיך אויך דערפֿרייט.

— שוין לאַנג געקומען? — האָט בערמאַן געפֿרעגט.

— אודאי, באַלד ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן!

— וואָסזשע הערט זיך? זי מאַכן עפּעס געשעפֿטן?

— וואָס דען, איך שרייב מזוזות? און איר?

— אַזוי! כ'קום דאָך ערשט בסך־הכל ס'ערשטע מאָל אַריין אין „העטן־גאַרדן", ווי אַזוי האָב איך געקאָנט מאַכן געשעפֿטן? זיי האָבן זיך דאָ אַלע אָנגעטון ווי די ענגלענדער — האָט בערמאַן געקוקט אויף שאַפּיראס נייעם אָנצוג.

— אַז מ'איז אין רוים, טוט מען ווי די רוימער טוען! — האָט שאַפּירא הנאה געהאַט, וואָס בערמאַן האָט נישט פֿאַרפֿעלט צו זען זיין נייעם טראַכט.

אַ ייד איז צוגעקומען, אַוועקגעזעצט זיך.

— אַה, הער מאַנדלבוים!

— נישט רעדן קיין דייטש דאָ — האָט שאַפּירא געזאָגט — ס'איז גלייכער.

מאַנדלבוים האָט אַראָפּגענומען דעם הוט. דער פּליך האָט אַ גלאַנץ געטון, אַ שימער געטון מיט ווייסקייט. די גרויסע אויערן האָבן זיך ביי אים אויפגעשטעלט. די פאַרגראָבענע אויגלעך האָבן געגלאַנצט, די ווייסע, פּליי־שיקע באַקן האָבן זיך געבלאָזן, די ליפּן זענען ביי אים געווען רויט, ווי גע־פאַרבט און גראָב. ר'האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ חזיר, איידער אַ מענטש.

בערמאַן איז געווען פאַרטיפט אינעם טעלער בראָטן און ער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ער האָט אים פון תמיד אָן פיינט געהאַט, דעם מאַנדלבוימען. אַ ייד אַ דבר־אחר.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, הער בערמאַן? — האָט מאַנדלבוים זיך גע־מאַכט נישט וויסנדיק, אַז בערמאַן האָט אים נישט אַזוי ליב.

ליב האָבן און פיינט האָבן איז ביי מאַנדלבוימען געווען אַ קנאַפּער ענין.

— און איר? — האָט בערמאַן נישט אויפגעהויבן די אויגן.

— איך בין אָלרייט! — האָט שוין מאַנדלבוים אַריינגעמישט אַן ענגליש וואָרט — נאָר ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן! זיי זענען קראַנק און געשוואָלן צו גערענקען, וואָס מען באַשטעלט ביי זיי. כ'האָב ליב אַ ביסל לאָקשן צום מיטאָג, קען איך דאָך עס פאַר מיין געלט קריגן, נישט אַזוי? אַז נישט, איז באַ מיר „ס'דינער" קיין דינער נישט — די פיש זענען קיין פיש נישט, ס'פליש קיין פלייש נישט. „עט איר היינט עפּעס אַנדערש" — זאָגט זי, די פאַרשיוועט מויד. עסן זאָלן איר די ווערים. ווען איך דאַרף מיך נישט טרעפן מיט אַ סוחר, אסור צי איך וואָלט אַריינגעשמעקט אין דעם „שמיעטניק"! — האָט זיך מאַנדלבוים געכעסט, ר'האָט צוריק אַרויפגעזעצט דעם הוט אויפן גראָבן קאָפּ און איז אָן אַ זיי־געזונט צוריק אַוועקגעגאַנגען.

— זאָל מיר אויסגיין צו זיין קאָפּ! — האָט בערמאַן געלאַכט — ער נאָר מיטן עסן.

— און איר נאָר מיט די געשעפטן! — האָט זיך פּלוצלונג דערנענטערט קופער צו בערמאַנס טיש.

ער האָט זיך שוין געגרייט אַהיימצוגיין, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַרײַנ־פֿאָרן בערמאַנען כאָטש נאָך איין מאָל היינט.

שאַפּירא האָט דראָבנע געלאַכט:

— כע, כע, כע!

קופער האָט זיך געזעגנט מיט בערמאַנען און שאַפּיראָן און איז אַרויס.

— מיר וועלן אויך מעגן גיין! — האָט בערמאַן געזאָגט, זעענדיק ווי די געדיכטע, שוואַרץ־גרויע פּאַסמעס נעפּל ציען זיך שוין אַריין דורך אַלע שפּאַרעס.

שאַפּירא האָט אַן עפֿן געטון די טיר, אַ שטיק מאַסיווע שוואַרצקייט האָט זיי אַ זעץ געטון אין די פּנימער אַריין. אַ ביטערקייט אין די אויגן און אין די נעזער גורם געווען.

זיי זענען אַרויס אין גאַס. אַ קעלט האָט זיי אַרומגענומען. זיי האָבן זיך ביידע אָנגענומען, געאָרעמט ווי חתן־כּלה, געציטערט אַ טריט צו געבן און אַזוי, געאָרעמטע, זענען זיי אַוועק אין דער שוואַרצקייט אַריין זוכן אַ טאַקסי.

קאַפּיטל 27

גיטעלע איז גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אויפֿן אייזערנעם בעטל אינעם שטיבל אויבן אויפֿן זעקסטן שטאָק (וואָס איז געוויינטלעך געווען אַן אָרט פֿאַר די דינסטן פֿון האָטעל) און זיך אַליין געפּייניקט.

פֿאַרוואָס איז ער אַוועק, דוד? — און פֿאַרוואָס האָט ער זיך אַפֿילו נישט געזעגנט מיט איר, אַפֿילו מיטן קינד זיך נישט געזעגנט, איידער ער איז אַוועק אויף אַזאַ וועג, פֿונוואַנען מען קערט זיך שוין אפשר מער צוריק נישט אום. וואָס אַזוינס האָט זי דען געטון? צום טויזנטסטן מאָל האָט זי זיך געפֿרעגט די אייגענע קשיא און פֿאָרט נישט געקענט זען קיין שום סיבה, וואָס זאָל האָבן גורם געווען אַזאַ ריס צווישן זיי.

זאָל זי זאָגן, ער האָט זיך פּשוט געוואָלט פֿון איר באַפֿרייען? אפשר האָט ער זי שוין מער נישט ליב? אָבער וואָס איז דאָס קינד שולדיק? אַחוץ דעם, ווייסט זי דאָך ביי זיך, פֿילט זי דאָך נאָך איצט זיין ליבשאַפֿט. איז פֿאַרוואָס פֿאָרט האָט ער עס געטון?

און אַזוי גריבלענדיק זיך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, שווימט איר אַלץ

צוריק אויף, ווי ס׳וואָלט איצט געשען. זי פילט יעדן גלעט זיינעם, יעדן באַריר. זי זעט אים. ער קוקט אויף איר אַזוי, און אַזאַ וועלט מיט ליבשאַפט קוקט אַרויס פון די שוואַרצע אויגן זיינע. אַזויפיל וואַרעמקייט נעמט זי אַרום, אַז זי קאָן זיך פשוט קיין עצה נישט געבן, אַזש ס׳ווערט איר ענג. זי ווערט מבולבל און זי ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, פאַרוואָס זי האָט אים געלאָזט טון מיט זיך וואָס ער האָט געוואָלט.

אַ חרטה צוזאַמען מיט אַ בענקשאַפט פילט איר אָן. ס׳ווערט איר הייס. פאַרט ווייסט זי, אַז ווען דוד קומט איצט צוריק, וואָלט זי נישט געטראַכט קיין איינציקע רגע און ס׳וואָלט ווידער אַמאָל געשען דאָס אייגענע, זי וואָלט געגאַנגען מיט אים, זי וואָלט אים ליב געהאַט, זי וואָלט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זיך איבערחזרן.

און לייביש? וואָס גייט איר אָן לייביש? זי ווערט פּלוצלונג אין כעס אויף לייבישן, פאַרוואָס ער פלעגט טיילמאָל גוטמוטיק אָפּלאַכן פון דודן, צוליב דעם, וואָס דוד טראָגט מיט זיך ביכער אונטערן אָרעם.

וואָס איז לייביש? אַ „סאָציאַליסטל אָן אַ האַרץ״... ווען דוד קומט צוריק, ווען ער שרייבט איר כאָטש אָן אַ בריוו...

ווען זי ליגט אויף אין די נעכט, — ס׳איז איר קאַלט אונטערן ברוינעם באַרכנטענעם קאָלדרעקאָלע, וואָס זיי האָבן איר געגעבן — שווימען איר אויף דודס אויסגוסן. אינעם אָרעמען שטיבל אויף דער זאַמער־שטראַסע איז אַחוץ איר מיט דודן קיינער נישטאָ. דוד נעמט זי אויף די הענט, ווי מען טוט עס מיט אַ קליין קראַנק קינד און זי לאָזט אים. זי איז אפילו נישט בכוח צו ווערן זיך. און הלמאי זאָל זי לייקענען? זי האָט זיך גאָרנישט געוואָלט ווערן. זי באַגיסט זיך מיט אַ רויטקייט און שפינט ווייטער די מחשבות. זי פילט נאָך איצט דוד׳ס ווייכע פינגער, וואָס גייען אַרום איבער איר לייב. זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר דוד דערלאָזט נישט. „רעד נישט, גיטעלע, רעד נישט, קינד!״ ער פאַרשטעלט איר ס׳מויל מיט זיינע דיקלעכע, רויטע ליפּן און קושט זי נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל. ער דערשטיקט זי שעור.

און איצט — אפילו קיין בריוו נישט. זי גראָבט איין דעם קאָפּ אין דעם לענגלעכן, האַרטן קישעלע און זי וויינט, אַ פאַרשעמטע און אַ גליקלעכע מיט די זכרונות.

אסתר קרייטמאַן

פֿונעם קינדערשן, גרינעם בעטל מיט די הויכע ווענטקעס הערט זיך אַ געוויין.

— מאַמע!

זי וויל אַ רוף טון לייבישן, ער זאָל אַראָפּגיין צום קינד, זעען וואָס ס'קינד וויל. זי דערזעט לייבישעס בעטל קעגנאיבער אַ פֿאַרבעטס, אַ פֿרעסטל גייט איר אַדורך דורכן לייב. זי גייט אַראָפּ פֿון בעט. די קליינע שרייט:

— פּאַפּאַ, כ'וויל פּאַפּאַ זאָל אַהיימקומען!

זי גיט דעם קינד אַ טרינק, שאָקלט אונטער ס'בעטל, זינגט עפּעס אַ לידעלע און ציטערט אינגאַנצן פֿון קעלט און געווירטקייט. ס'קינד שלאָפֿט שוין איין, זי זעט ווי די שוואַרצע טיפֿע אויגן — אינגאַנצן דודס אויגן — ווערן שמעלער, די וויעס — געדיכטער. זי קוקט אויפֿן קינד אַ ווײַלע און ס'פֿאַלט איר איין — אַז זי וועט אויפֿוואַקסן, וועט זי זיין אינגאַנצן ענלעך צו דודס שוועסטער, אַ שיינקייט וועט זי זיין.

שוין, די קליינע שלאָפֿט שוין...

זי איז מיד, ס'איז איר קאַלט, דודן זעט זי שוין איצט נישט. זי פּרוווט ווייטער שפּינען די זכרונות, נאָר זי זעט אים שוין בלויז ווי דורך אַ נעפּל. זי זעט ס'קינד, אָבער נישט דודן.

לייביש קומט איר אויפֿן זינען. ווי ער גלאָצט דאָס אויפֿן טעכטערל. גלאָצט, גלאָצט און יעדעס מאָל, וואָס ער באַטראַכט איר אַזוי, קומט ער טעג נאָכאַנאַנד נישט אַהיים...

פֿאַרטאָג ערשט שלאָפֿט זי איין, גיטעלע.

ווען זי כאַפּט זיך אויף, דערזעט זי ס'ערשטע, אַז לייבישעס בעטל שטייט נאָך אַלץ אַ פֿאַרבעטס. ס'קינד טוט זיך אַ זעץ אויף מיט אַ געלעכטער, נעמט אַראָפּוואַרפֿן דאָס ביסל שמאַטקעס און רופֿט דעם פּאַפּאַ, ער זאָל גיין אויפֿהייבן. פּלוצלונג צעוויינט זי זיך:

— ווו איז פּאַפּאַ?

זי נעמט בריקן מיט די פֿיסלעך:

— כ'וויל לייביש זאָל אַהיימקומען.

דאָס, וואָס זי רופֿט אָן דעם טאַטן לייביש, געפֿעלט איר און זי צעלאַכט זיך.

JEWISH TOWER LIBRARY
3160 HOWELL MILL RD, N.W.
ATLANTA, GEORGIA 30327
TEL. 351-2536

לייבש איז כמעט קיינמאָל אין האָטעל נישט געוועזן. ער איז געוועזן פֿאַרהאַוועט. אַלע לאָנדאָנער קרייזלעך האָט ער שוין געקענט. נאָר עפּעס האָט מען זיך אין לאָנדאָן פֿון לייבישן נישט שטאַרק איבערגענומען. עס זענען געוועזן דאָרטן גרעסערע „קניאַקערס" פֿון אים. דאָס, וואָס לייבייש איז געוועזן אַ גרויסער למדן אין קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל", אָדער „פּאָליטיישע עקאָנאָמיע", האָט די לאָנדאָנער קנאַפּ וואָס אימפּאָרנירט.
סאָציאַליסטן קנאַפּ וואָס אימפּאָרנירט.

לייביש האָט געהאַט ברייטע אַקסלען און פֿאָרט קיין אַקסלען נייטט געהאַט. האָט מען אים גיך אָפּגעשטופּט אינאַזייט, נישט צוגעלאָזט צו קיין שום וויכטיקער אַרבעט. לייבישעס באַהאַוונטקייט איז געוועזן איינע פֿון די סיבות פֿאַרוואָס מ'האָט אים געזוכט אַרויסצושטופּן. האָט ער אַמאָל געוואָלט נעמען אַ וואָרט ביי אַ דיסקוסיע, האָט תמיד דער „טשערמאַן", אָדער נישט דערזען דעם פֿינגער, וואָס לייביש האָט אויפֿגעהויבן, אָדער צעריסן דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט צוגעשיקט און ס'האָט זיך תמיד אַזוי געמאַכט, אַז אַ מינדסט יינגל האָט געקריגן דאָס וואָרט. לייביש — נישט.

האָט זיך לייביש ביסלעכוויז דערווייטערט פֿון סאָציאַליסטישער אַרבעט, אָבער אין די הענט האָט אים געביסן. שאַפֿן אַן אייגענעם קרייז האָט ער גע־פּרווט און נישט געקענט. חברים, וואָס האָבן אויך געהאַט טענות צו דער „קליקע", האָבן געוואָלט, געחלשט אָפּצורייסן זיך און גיין מיט לייבישן. אָבער זיי זענען עפּעס נישט געגאַנגען.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין האָטעל אַריין בריוו און אַלע האָבן זיי געהאַט איין אינהאַלט: מען זאָל שיקן אַרבעטער. קלענערע אַר־בעטס־געבער זענען אַליין געקומען נאָכפֿרעגן זיך אויף מענטשן. צוליב דער מלחמה איז געוועזן אַ סך אַרבעט און עס האָבן אויסגעפֿעלט „הענט". שנייי־דער־מייסטערלעך, וואָס האָבן פֿריער געאַרבעט מיט ווייב און קינד, ביי פּריי־וואַטע אַרבעט, האָבן איצט געדאַרפֿט האָבן אַ דרייסיק־פֿערציק „הענט". מ'האָט קאָנטראַקטן מיט דער רעגירונג געמאַכט און נישט געקאָנט צושטעלן די אַרבעט אין צייט. „קהאַקי" האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרטיק מאַכן פֿאַר די סאָלדאַטן, וואָס מען האָט געגרייט אין פֿראָנט אַריין, שיך, העמדער און היט־לען האָט מען געדאַרפֿט האָבן. האָבן זיך היטל־מאַכערס געקראַצט, קיין עצה נישט געקענט געבן זיך.

לייביש איז דער ערשטער אַוועק אַרבעטן. ער האָט זיך געפֿרייט ווי אַ קליין קינד. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן זוכט מען זיינע הענט, מען דאַרף אים האָבן, אָבער באַלד איז אים די שמחה פֿאַרשטערט געוואָרן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער באַטייליקט זיך אַליין אויך אין דער „אימפּעריאַליסטישער" קריג.

ער האָט געזען ווי די מיידלעך מיט די אָפּגעשוירענע האָר, מיט די ברייטע, לעדערנע פּאַסקעס פֿאַרלייגט איבער די שמאָלע אַקסלען, מיט די הויכע, געשנורעוועטע שיך און קורצע, געוואַנטענע ספּודניצעס, רוקן אַראָפּ די מאַנסבילישע היטלען איבער די חנוודיקע קליינע קעפּעלעך און רופֿן אויס מיט אַ טרויםפֿירנדיק גלענצל אין די אויגן:

— „טיקעטס פּליעז" !

און מאַכן, מאַכן זיי עס געשיקט, ווי זיי וואָלטן אַ גאַנץ לעבן געוווינט געווען דערצו. און ס'האָט אים געאַרט. ווען אַט די מיידלעך פֿון גאָר דער וועלט וואָלטן פֿאַרווענדט זייער פֿרישע ענערגיע אויף אַן אַנדער אופֿן, געעפֿנט די הייטערע, לויטערע אויגן זייערע אויף צו העלפֿן פּטור ווערן פֿון רעגירונגען, וואָס זענען די סיבה פֿון אָט דער נוצלאָזער בלוט־באָד, וואָס פֿאַרא הערלעכע פּרינציפּן זיי וואָלטן געקענט העלפֿן דורכפֿירן. אים האָט געאַרט די באַפֿריידיקונג, וואָס זיי געפֿינען אין דער דאָזיקער אַרבעט. אַזעלכע לויטערע אויגן און אַזוי בלינד !

און וואָס טוט ער ? גייט ער דען נישט אַליין אין פֿאַבריקל אַריין פּרעסן זעלנערישע הויזן ? ווער ווייסט וועלכער דור ס'וועט פֿאַלן אין זיינס אַ פּאָר אויסגעפּרעסטע הויזן ? וועלכע מאַמעס, גוישקע און יידישע, ס'שרומפּן איין פֿון טאָג צו טאָג צוליב אַ זון אויפֿן שלאַכטפֿעלד ?

אָבער די וועלט האָט זיך לגמרי נישט צוגעהערט צו לייבישעס טראַכטענייען. נישט נאָר מיידלעך, אפֿילו מיטליעריקע פֿרויען האָבן זיך אָפּגעשוירן די האָר, אָנגעטון זיך בלויע אוניפֿאָרמען, העלמעטס אויף די קליינע, ווייבערישע קעפּ, ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, גראָבע מענערישע שיך און קורצע, געוואַנטענע ספּודניצעס. די פּנימער — געהאַרטעוועט פֿון אַלע וועטערן, האָבן זיי אָנגענומען אַ מאַנסבילישן אויסזען און זיי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, אָפּגעהיטן דעם פֿאַרקער, נישט ערגער פֿון די מענער־פּאָליציאַנטן.

דורכגעפֿירט דעם „חוב" לגבי „קינג ענד קאַנטרע" מיט חידושלעכער געדולד און געזונטער ענערגיע.

אומעטום, אין די אַמוניציע־פֿאַבריקן, אויף די טראַמווייען, אָמניבוסן, אפֿילו אויף די אייזנבאַנען האָבן געאַרבעט ווייבער. אַלץ מער און מער פֿאַר־טרעטן די מאַנסבילן, וואָס זענען אַוועק אויפֿן פֿראָנט. אַלע האָבן זיי פּלוצלונג פֿאַרגעסן, אַז ווייבער דאַרפֿן זיין שוואַכלעך, דאַרפֿן זיך פּיעשטשען, אפֿילו די „סאָהאָ"־לייט, קעשענע גנבים און אַלדגייט־„באַיעס" האָבן זיך שוין אָנגעג־הויבן רעכענען מיט דעם ווייבערישן כוח. האָבן אויפֿגעהערט אַריינלאָזן די פּאָליציאַנטקעס אין די אויגן אַריין, אונטער די אַראָפּגערוקטע העלמעטס, אויפֿ־געהערט וויצלען זיך איבער זיי, מאַכן זיי נישט קיין שיינע פֿאַרשלאָגן.

זיי האָבן ליב געהאַט די אַרבעט, די פֿרויען, זיי האָבן פּלוצלונג דערפֿילט, אַז זיי זענען אַ כוח אין לאַנד, אַ כוח, מיט וועמען מ'עט זיך רעכענען אַמאָל און ס'האָט זיך זיי נישט געוואָלט זיצן אין קיין פֿאַבריקן באַנייען הויזן. יידישע מיידלעך ווידער האָבן זיך דערוווסט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ נאָכפֿראַגע אויף ביוראָליסטקעס, אַז אין משך פֿון אַ זעקס חדשים קען מען זיך אויסלערנען סטענאָגראַפֿיע און שרייבן אויף מאַשינקעס. האָבן די אָרעמסטע מאַמעס אָפּ־געשפּאָרט דעם ביסן פֿון מויל און נישט געשיקט מער די קינדער, ווען זיי האָבן צו פֿערצן יאָר פֿאַרלאָזט די שולע, אין קיין פֿאַבריקלעך אַריין, נישט געוואָלט מאַכן זייערע טעכטער פֿאַר קיין „הענט". „קעפּ" האָבן די מאַמעס פֿון זיי געוואָלט מאַכן...

איז די אַרבעטער געוועזן ווויל און ליכטיק... מ'האָט זיי אָפּגעהיטן ווי די שוואַרצאַפּלען פֿון אויג... ווען די יידישע שניידער־מייסטערלעך זענען גע־קומען זוכן הענט צווישן די פּליטים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אַנטווערפּן איז אַזאַ זאַך כמעט נישט בנמצא. אַלץ האָט מען געקענט קריגן, דימענטן־שניידערס, שלייפֿערס, קליווערס, קליינע סוחרימלעך און מעקלערלעך, מאַרק־הענדלער, „מאַרשאַנעס", גאַסן־הענדלער, בעטלער — אַלץ אין דער וועלט, אחוץ שניידערס און היטלמאַכערס.

אָבער יידן האָבן זיך אַן עצה געגעבן:

— עט מען אייך אויסלערנען! זעסטו אויך מיר אַ ביזנעס. איר קומט נאָר, ס'עט שוין זיין „אָלרייט"! ווער קען דאָס נישט פּרעסן? אַ בייבי קען

דאָך פֿרעסן. און „מאַשינען” קען מען זיך נישט אויסלערנען? אין אַ וואָך אַרום עט איר ביי מיר ווערן אַ מאַשינער!

און צו די מיידלעך האָבן זיי געזאָגט:

— ס'שפּילט אַ גרויסע ראָלע אויסצולערנען זיך פֿעלען? וואָס איז עס, אַ שטיקל היימישע אַרבעט? טאָמער עלן די הויזן נישט זיין אַזוי אָפּגעטאָקט, עלן די „סאָלדזשערס” נישט קענען ליגן מיט זיי אין די טרענטשעס? איר קומט נאָר! ס'עט שוין זיין „אָלרייט!”

לייביש איז דער ערשטער אַוועק. דער באַלעבאָס האָט אים אָפּגעגעבן אַ שטיבל און דעם ערשטן דאָנערשטיק, וואָס ער איז אַהין אָנגעקומען, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט, דער באַלעבאָס:

— וואָס דאַרפֿט איר פֿאָרן אין האָטעל אַריין עסן? ס'איז „סאַטש אַ שלעפּ”! ביי מיר שפּילט אַ ראָלע אַביסל עסן? ס'עסן צען, עט זיין פֿאַר אַן עלפֿטן. זיי גיבן דען דאָרט אַביסל פֿריש עסן? כ'זע דאָך, אַז איר זענט אַן איידעלער יינג!

האָט זיך לייביש אָנגעכאַפּט אין דעם מיט ביידע הענט. ער האָט גע־וואָלט זיין וואָס ווייטער פֿונעם האָטעל, פֿון גיטעלען, פֿונעם קינד.

פֿאַרנאַכט, ווען מ'האָט שוין געדאַרפֿט אויפֿהערן פֿון דער אַרבעט, האָט לייביש אַוועקגעלייגט ס'פּרעס־אייזן צו דער מינוט און צו דער רגע. נאָר דער דאַרער יינג, דער פּרעסער (לייביש איז געווען אַן אונטער־פּרעסער), מיט די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, וואָס האָט אים געלערנט, האָט נאָך אפילו נישט אינזינען געהאַט אויפֿצוהערן. דערצו האָט זיך דער באַלעבאָס געצופּט ביים פּיצל בערדל און גערעדט אַזוי תחנונימדיק, מיט אַזאַ געבעט אין די אויגן, אַז מען זאָל אים צוליב־טון און אַרבעטן איבער־שעהן.

— כ'אַרבעט נישט שבת! — האָט ער דערקלערט לייבישן. — די טעג זענען קורצע און כ'מוז ליווערן פֿרי.

לייביש האָט זיך געקווענקלט. ער איז פּרינציפּיעל געווען קעגן אַרבעטן איבער־שעהן, און די מצוה, וואָס ער וועט טון, מיט העלפֿן דעם באַלעבאָס אָפּהיטן שבת, איז אים אויך נישט געווען צום האַרץ. נאָר דער באַלעבאָס האָט אויסגעזען צו זיין אַזאַ ווילער, אַז ער האָט אים פּשוט נישט געקענט אָפּזאָגן און ער האָט אַוועקגעאַרבעט ביז העט־העט אין דער נאַכט אַריין.

דזשעק, דער רבי לייבישעס, האָט געטראַסקעט מיטן אייזן, אַרויסגע־

לאָזט גאַנצע וואָלקענס רויך דורך די נאָזלעכער און זיך געהאַלטן אין איין בייזערן אויף לייבישן, פֿאַרוואָס ער מאַכט אַ תל פֿון די בריטשעס, פֿאַרוואָס ער גיט נישט אַכטונג, נאָר אָדער ער נעצט צו פֿיל, אָדער ער פּרעסט איינגאַנצן אויף טרוקן.

דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט נישט הערן, האָט זיך אונטערגעזונגען אַ חסידישס, אַלעמאָל אויפֿגעריסן די מידע אויגן, וואָס האָבן זיך פֿון זיך אַליין געקלעפּט. לסוף האָט ער געהייסן די עלטסטע טאָכטער קייטין אַרױפֿגיין שלאָפֿן. נאָר קייטי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער פּריווילעגיע, איז געזעסן און געאַרבעט צוגלייך מיט די מאַנסבילן, באַנייט און געקוקט אויף לייבישן, נישט אויפֿגעהערט קוקן אויף אים.

ענדלעך האָט מען צעהאָנגען די אַרבעט אויף שטולן און געמאַכט נאַכט. אינדערפֿרי, ווען לייביש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, פֿויל אָנגעטון זיך, איז שוין דער באַלעבאָס געשטאַנען מיט אַ ליכט אין דער האַנט און שטיל געקלאַפּט אויף איינעם פֿון די טירן אין פֿעדער־הייזל:

— קינדערלעך, צייט אויפֿצושטיין! — האָט ער שטיל, ווי אַ שולדיקער, גערופֿן. — שוין באַלד נאָך זיבן אַ זייגער.

— אָלרייט! — האָט זיך פֿון יענער זייט טיר דערהערט אַ פֿאַרשלאָפֿן קול, באַגלייט פֿון אַ הויכן גענעץ.

— גוטמאָרגן! וואָס האָבן זיי זיך אַזוי געאײַלט? — איז די באַלעבאָסטע אַקעגנגעקומען לייבישן מיט אַ קריגל מילך אין דער האַנט.

— געהערט אַ משוגעת אַביסל? נאָכנישט קיין זעקס אַזייגער, ס׳גאַנצע הויז וועקט ער אויף. פֿרעמדע מענטשן ווילן שלאָפֿן, לאָזט ער נישט. אַזוי ווי די קינדער וואָלטן נאָכנישט געוווסט פֿונעם „טריק”! סיי־ווי הייבן זיי זיך ערשט אויף אין אַ שעה אַרום. וואָסזשע פֿירט ער אוים? משוגע, דאַטס־אָל! — האָט זיך די יידינע געבייזערט.

— וואָס פֿאַרשטייט אַ יידינע? — האָט זיך דער באַלעבאָס געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן — כ׳קען איר בשום־אופֿן נישט אַריינהאַקן אין קאָפּ אַריין, אַז טאָמער עלעך זאָגן דעם אמת, עלן זיך די קינדער איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט און אַ זייגער זיבן, עט מען זיי ווידער דאַרפֿן גיין וועקן! ס׳איז קאַלט, פֿאַגיק, פֿינצטער, שלאָפֿט זיך!

— שלאָפֿט זיך, שלאָפֿט זיך, — האָט די יידינע נאָכגעקרימט דעם מאַן און איבערגעדרייט אַ „קיפּער" אויף דער רעכטער זייט.

— זיי ווילן אפשר עפּעס עסן? — האָט די יידינע אַ פֿרעג געטון לייבישן און איבערגעדרייט נאָך אַ „קיפּער".

עסן האָט לייביש געוואָלט, נאָר דער ריח פֿון די „קיפּערס" האָבן אים פֿאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט.

— כ'וויל, אַ גלאָז קאַווע, ווען איר האָט, וואָלט איך געטרונקען, אַ זעמל.

— פֿאַרוואָס נישט אַ „קיפּער"? זיי זענען אָלרייט! אויף מיר אַזאַ מזל. איך בין נישט די נעקסט דאָריגע, מיינע „קיפּערס" פֿאַרשטונקען נישט דאָס גאַנצע הויז! ביי מיר מעג עסן דער קינג אַליין, כ'לעבן.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גערודער אין קאָרידאָר, ס'האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ ביסל מיידן, איינע נאָך דער אַנדערער.

— האַלאָ! שוין ווידער „קיפּערס"? — האָט אויסגערופֿן אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוואַנציק, קענטיק די מוזינקע.

— אָלרייט, סיידעלע! מאָרגן עלעך שוין מאַכן עפּעס אַנדעריש!

— מאָרגן עסטו מאַכן בלאָטערס, פֿאַר אַ טשיינדזש. — האָט זיך סיידעלע צעלאַכט און באַוויזן אַ מויל ווייסע, שפּיציקע ציינדלעך, ווי ביי אַ יינג הינטל.

דערזען לייבישן, איז זי שטיל געוואָרן און האָט זיך צוגעזעצט צום טיש.

די אַנדערע מיידלעך האָבן זיך געדרייט איבער דער שטוב, עפּעס געזוכט, זיך געקעמט די האָר, צוגעפּודערט אַ נעזל. דזשעק איז אַראָפּגעקומען, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, אין שטעק־שיך, די שלייקעס אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן, ס'העמד — צעכראַסטעט, די ברוסט — באַוואַקסן, שוואַרץ.

— גוטמאָרגן, סיידעלע! — האָט ער אַ נעם אַרום געטון די מוזינקע.

יענע האָט אים אָפּגעשטופּט פֿון זיך מיטביידע הענט, אַזש געקוויטשעט פֿון הנאה און געזידלט.

— גאָו אַוויי, יו דערטי דאָג! (גיי אַוועק, די ברודיקער הונט).

דער בחור איז געווען גרייט אָנצוהויבן אויפֿסניי, נאָר ער האָט אַ קוק געטון אויף לייבישן און ער האָט עס נישט געטון.

אָפּגעגעסן, האָבן די מיידלעך שטייענדיקערהייט שוין, אויסגעטרונקען די „קאָפּ אָף טי", צוגעוואָרפֿן אַ „גוט־באַי" סתם אין דער וועלט אַריין און

איילנדיקע אַוועקגעלאָזט זיך כאַפּן אַן אָנגעפּיקעוועטן אָמניבוס, אָדער טראַמ־ווײַ, אַוועקגעלאָזט זיך אין די ביוראָען אַרײַן.

אַז זיי זענען אַלע אַרויס פֿון שטוב, האָט די אַלטע אָפּגעזיפֿצט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגאַנסן פֿון דער שטילקייט.

— אָה, גאָט צו דאַנקען!

מיסטער מאַרקס, דער באַלעבאָס, האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, דאָס שטיבל איז איינגעהילט געוואָרן אין פֿינצטערניש. די אַלטע האָט זיך צעשריגן, איז אויפֿגעשטאַנען און האָט צוריק אָנגעצונדן דעם גאַז. אינעם געדיכטן נעפּל, וואָס האָט זיך פּאַסנווייז געצויגן איבערן שטיבל, האָט זיך אַ גרינע מרה־שחורה מיטגעצויגן. מיסטער מאַרקס האָט זיך פֿאַרקעמט ס'פּיצל בערדל, די פּאָר גרויליכע האָר, וואָס האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן אין מיט קאָפּ, אָנגעטון טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען.

די יידינע האָט געגרייט צום טיש, אַוועקגעשטעלט אַ הערינג, אַ זויערע אוגערקע, אַ ברוין ברייטל. לייבישן איז אַזש געקומען דאָס וואַסער אין מויל אַריין. ער האָט גענומען אַ שטיקל הערינג.

— אָה, גיטס מיר אַ היימישן מענטשן! — האָט זיך דער באַלעבאָס דערפֿרייט.

געזען דזשעקן אַרויסלויפֿן נאָך אַ פּעקל סיגאַרעטן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— וואָס דען? דער פּרא־אדם, דזשעק, ער עט פֿאַרזוכן אַ שטיקל הע־רינג? ס'האָבן מיר אַ טעם זייערע מאכלים! כ'וואָלט נישט גענומען קיין הונ־דערט „קיפּערס" פֿאַר איין שטיקעלע זויערע אוגערקע.

— אַז מ'איז ביי זיי אין גלות! — האָט די יידינע געזיפֿצט — אַז זיי זענען די פּרנסה געבערס, האָבן זיי די דעה, פֿאַרשטייסט?

מיסטער מאַרקס האָט זיך פֿאַרקרימט. ס'איז אים נישט אָנגעשטאַנען, אַז לייביש זאָל ווייסן, אַז ביז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט ער געלעבט פֿון די קינדער. נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט.

— אַ נס ס'איז מלחמה! — האָט די יידינע געקוקט מיט ביטל אויפֿן מאַן.

פֿרייטיק צונאַכטס האָט מיסטער מאַרקס פֿאַרבעטן לייבישן אין שול

אַריין. לייביש האָט מסכּים געווען, ער האָט זיך סיי־ווי נישט געהאַט וווּ אַהינצוטון. מיסטער מאַרקס האָט זיך באַגייסטערט.

— איי, איי, אַ היימישער מענטש! וואָס דען, דזשעק וועט מיטגיין אין אַ שול אַריין? פֿאַר אַ פֿוטבאָל, פֿאַרקויפֿט ער אייך אַלע בתּי־מדרשים פֿון דער וועלט.

מיסטער מאַרקס האָט זיך אָנגעטון אַ פּאַפּירן הערצל, אַ פּאָר פּאַפּירענע מאַנזשעטן, אויסגעזוכט דעם צילינדער און איז אַוועק מיט לייבישן אין שול אַריין.

די שול איז געווען אויסגעפּוצט, העל־באַלויכטן פֿון אַ סך גרויסע, עלעקטרישע לאָמפּן. דער ארון־קודש איז געווען באַהאָנגען מיט אַ סאַמעטענעם פּרוכת, אויסגעהאָפֿטן מיט אמתן גאָלד, וואָס די „טשער־לײדי" אַליין האָט געמאַכט. אויפֿן באַלעמער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בינע להבדיל, איז געשטאַנען דער חזן, אַ רויטער, אַ פֿעטער, אין אַ שוואַרצן פֿראַק, מיט אַ ווייס־געפּרעסט האַרץ, מיט אַ קיילעכיקן קאָלנער, אַ גלאַנציקן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רויער בייגל, ווען מען טונקט אים איין אין וואַסער, איידער מען רוקט אים אַריין אין אויוון אַריין. אַרומגערינגלט פֿון זיינע משוררימלעך, איז ער געשטאַנען און געהאַלטן אַ „ספּיטש" פֿאַר קבלת־שבת.

אין שול האָבן זיך אַרומגעדרייט קלעצער, נישט קיין ייִדן.

— האַלאָ, מיסטער מאַרקס!

— גוט שבת, גוט שבת! — האָט מיסטער מאַרקס געשמייכלט מיט תּענוג. ער האָט געקוקט אויף לייבישן — איצטער זעסטו שוין ווער איך בין? כאָטש איך בין נישט קיין פּרנסה־געבער! גיט מען מיר פֿונדעסטוועגן אין שול אָפּ כּבֿוד, ווי דעם בעסטן שניידער־מייסטער.

— ווער איז „דאָס יאַנג מען"? — האָט אַ דיקער ייִד מיט אַ גרויסן, גילדערנעם מגן דוד אויף דער גראָבער קייט געפֿרעגט און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, אַ זאָג געטון:

— סאָ סאָ! מיסטער מאַרקס! איך פֿאַרשטיי שוין, נו, זאָל דיר זיין מיט מזל.

און צו לייבישן:

— ביסט אָלרייט, יאַנג מען! מיסטער מאַרקס איז אונזער בעל־„קורח" (בעל־קורא). און דאָס קען נישט „עניבאָדי" זיין. וועל, איך שור נישט.

האַ, האַ, האַ! — האָט זיך דער ייד געפֿרייט, וואָס ער קען נישט זיין קיין בעל־קורא.

מיסטער מאַרקס האָט געעפֿנט ס'מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך מיישב געווען: זאָלן זיי מיינען! שאַטן קען עס נישט...

— דאָס איז אונזער פּרעזידענט! שטיין־רייך! — האָט זיך מיסטער מאַרקס באַלעקט פֿון דעם פּרעזידענטס עשירות. — אפשר צוואַנציק שאַפּן האָט ער. א היימישער שניידער געווען, ער וואָלט יעצט אויך געקענט ווייזן זיינע מענטשן ווי אַזוי אויפֿצונייען אַ פֿערסט קלאַס ראָק.

גייענדיק אַהיים פֿון שול, האָט לייביש געגאַפֿט. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

פֿון די געבויגענע, אָרעמע הייזקעס האָט פֿון יעדער וויטרינע כמעט אַרויס־געקוקט אַ פֿאַרשעמטער, דער שבת. אין די הינטערשטע שטיבלעך פֿון די וואָרק־שאַפּן, זענען אויף גערעקטע טישן געשטאַנען צו צוויי און צו פֿיר מע־שענע לייכטער מיט געבענטשטע ליכט. די פֿלעמלעך האָבן פֿאַרשעמטע אונטערגעציטערט, געזען ווי די אייגענע הענט, וואָס האָבן מיט אַ שעה צוריק פֿאַרדעקט די אויגן בישעתן ליכט־בענטשן, זענען איצט געפֿלויגן איבער די זעלנערישע הויזן און רעקלעך און מיט גרויס בריה'שאַפֿט אָוועקגעאַרבעט, באַ־נייט, געשליפֿן לעבער, אָנגענייט קנעפּ, אַרויסגעצויגן פֿאַסטריגעס, און די מאַנס־ביל זענען געזעסן ביי מאַשינען, געשטעפּט שטיקער אָנגעקריידטן געוואַנט. פּרעסערס האָבן געוואָרפֿן די פּרעס־אייזנס אינדערלופֿט, געשפּיגן אויף זיי, אויסגעפּרובירט די היץ און מיט די קלעפּ אויף די אויסגעפּאַרטיקטע אַרבעט גורם געווען די שבת־ליכט אַ ציטערן און אַ פֿלאַטערן, געטריבן שאַטנס אויף ברודיקע ווענט. אין איין שטיבל אַזאַ'ס איז געזעסן אַן עלטערע יידענע מיט אַ פּיצל פּנימל, אַ שוואַרצס, בלויז קנייטשן און קנייטשעלעך, מיט אַ שוואַרץ שייטל אויפֿן אַלטן קעפּל און האָט זיך געשפּילט מיט אַ קינד. זיך געמאַכט, אַז זי רירט אָן די שבת־ליכט מיט די פֿינגער, דערנאָך אַ פֿיר געטון מיטן דאַרן הענטל איבערן קינדס העלדזל און אַ זאָג געטון:

— כיק!

דאָס קינד האָט זיך הילכיק צעלאַכט, געפּרוווט נאָכטון דער אַלטער. די אַלטע האָט מיטגעשטיפֿט מיטן אייניקל, פֿאַרשפּילט עס, כדי טאַטע־מאַמע זאָלן קענען אַרבעטן. יידן זענען געגאַנגען פֿון שול, זיך גוט צוגעקוקט צו דער

אַרבעט אין די שאַפּן און זיך אַ האָר נישט געחידושט. זיי האָבן בלויז געוואָלט דערגיין וויפל „הענט" דער אָדער יענער באַקאַנטער האָט.

לייביש האָט אויסגעשטעלט זייגע גרויסע, גרוי־בלויע אויגן, נישט געקענט פאַרשטיין.

— צוליב וואָס צינדן אָט די יידענעס ליכט? זענען זיי פרום? — האָט ער געפרעגט.

— האַ,האַ! אַלע „גרינע" ס'אייגענע! אַיאַ, ס'איז אַ חרפה פאַר די ליכט? אַזוי איז שוין דאָ! איר האָט געזען די אַלטע? ווען זי איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען פון זשילקעווקע, האָט זי נאָר געוואָלט צוריק אַהיימלויפן. זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען פאַרוואָס מען אַרבעט שבת, גאָרנישט נישט געוואָלט טועם זיין ביי דער טאָכטער און אַצינדערט, שוין — זי האָט זיך שוין צוגעוווינט. וואָס ווייסט איר, מיסטער ברוקנער? אין לאָנדאָן צו היטן שבת איז זייער שווער! — האָט זיך מיסטער מאַרקס געפילט דערהויבן.

נאָכן עסן האָט מיסיס מאַרקס אויסגעשיט פון אַ בייטל אַ באַרג „מאַנקע־נאַטס", אַוועקגעשטעלט אַ קליאַש מיט אַפּעלסינען און באַנאַנען און ווייַנטרויבן און איז אַ מידע אַרויף שלאָפן.

מיסטער מאַרקס האָט געזאָגט לייבישן, אַז ער מוז אַוועקגיין מחמת די „חברת־אחים" מ'זשילקעווקע קומען זיך צונויף יעדן פרייטיק צונאַכטס לערנען אַ שטיקל עין־יעקב.

— און אַ מעמבער קאָן קיין חזיר נישט זיין! — האָט זיך מיסטער מאַרקס פאַרענטפערט און איז אַרויס.

קאַפּיטל 28

בערמאַנען איז דאָ אַוועק אַ גאַנג. קודם־כל האָט ער באַקומען אַ פיינע דירה מיט אַ פענסיע. אַחוץ דעם האָט ער געמאַכט גוטע געשעפטן אין „העטן־גאַרדן". ער האָט געהאַלטן אין איין קויפן, מיט פאַרקויפן האָט ער זיך קיין סך נישט אָפּגעגעבן. מיט פאַרקויפן האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף זיינע מעקלערס. אויף בערמאַנס סחורה האָבן זיך תמיד געפונען בעלנים, מחמת ער איז געווען אַ קינסטלער, בערמאַן, אין אויסגעפונען, דערשנאַפּן, וווּ עס איז פאַראַן עפּעס רעכטס און במקח.

איידער די סוחרים האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי פֿאַרקויפֿן עפּעס אַזוינס וואָס קיין בעלנים וועלן שוין דערויף נישט פֿעלן, האָט עס שוין בערמאַן דערזען מיט אַ בליץ פֿון אַן אויג. ער איז שוין אונטערגעקומען, פֿאַרקרימט זיך, פֿאַרדרייט מיט דער נאָז און אַזוי כּלאַחר יד אַ פֿרעג געטון דעם פּרייז. צעלאַכט זיך, געפּרוווט איינרעדן דעם סוחר, אַז ער חכמעט זיך.

און הגם די סוחרים פֿון דער בערזע און אַזוי ווייטער זענען אויך קיין מלמדים נישט געווען, האָט בערמאַן פֿונדעסטוועגן געהאַט זיינע וועגן און אופֿנים אַרויסצוקריגן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע און במקח. און הגם סוחרים האָבן געוווסט, אַז בערמאַן קויפֿט נאָר מציאות, האָט זיי אָבער געלאָקט זיינע פֿונטן (בערמאַן האָט תמיד געקויפֿט פֿאַר מזומן).

סוחרים האָבן געוווסט, אַז זיי וועלן נישט דאַרפֿן ציטערן אויף די געלטערס, טאָמער מאַכט ער אַ באַנקראָטל, האָבן זיי גערן געהאַנדלט מיט אים. אויך האָבן זיי געוווסט, אַז בערמאַן איז אַן אָפּנעמער פֿון אַזוינס, וואָס איז נישט כּדאַי צו האַלטן און זיי האָבן געזוכט צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט אים.

ס'אייגענע איז געווען מיט זיין אייגן פֿאַבריצירטער סחורה. ר'האָט געצאָלט דעם קלענסטן אַרבעטס־לוין, געשונדן די הויט ממש פֿונעם בעל־מלאכה, אויסגעזויגן אים; קיין שום שניידער, אָדער שלייפֿער האָט נישט געקענט פֿאַרדינען ביי בערמאַנען אויף קיין פּרנסה, סיידן, אַז ער האָט געאַרבעט פֿופֿצן שעה אין מעת־לעת. פֿאַר אַ צולאָג האָט די אַרבעט געמוזט אַראָפּקומען ערשטקלאַסיק. פֿונדעסטוועגן האָבן אים די באַלמעלאָכעס נישט אויסגעמיטן, פֿאַרקערט, מ'האָט זיך נאָך געריסן אָנצוקומען צו אים. מחמת בערמאַן האָט נישט געוווסט פֿון קיין סעזאָנען. ער האָט נישט געביטן קיין מענטשן. האָט שוין עמיץ יאָ זוכה געווען צו געפֿעלן בערמאַנען, האָט ער ביי אים געקאָנט אָפּאַרבעטן דאָס גאַנצע לעבן. מיט קיין גוישקע אַרבעטער האָט ער קיין מגאַומשא נישט געהאַט, ער האָט פֿיינט געהאַט זייערע וועגן, זייער גוישקן שכל. מחמת די מענטשן האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן פֿון דאַנען ביז דאַנען. יעדער קלייניקייט האָבן זיי געמוזט אָנפֿרעגן ביים סעקרעטאַר פֿון „באַנד", אַן אים זיך נישט אַ ריר געטון. האָט דער סעקרעטאַר עפּעס געזאָגט, האָט מען שוין געקענט פּלאַצן, זענען די גוישקע קעפּ באַשטאַנען אויף ס'זייעריקע. און די עטלעכע יידן וואָס זענען יאָ געווען אין באַנד זענען אויך נישט „בעסער" געווען...

צוליב דעם האָט בערמאַן זיי אויסגעמיטן, ווי די פעסט. ר'האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס אַזויפֿיל יידישע אַרבעטער דרייען זיך אַרום ליידיק, לעבצן נאָך אַביסל אַרבעט און יידישע פֿאַבריקאַנטן נעמען דווקא אַריין גוים.

ניין, אים וועט שוין גאָט פֿאַר אַזאַ זאַך נישט שטראָפֿן.

ער איז אַליין אַ ייד און זעט אַז אַנדערע יידן זאָלן „לעבן" אַרום אים...

איצט, ווען ער האָט נישט פֿאַבריצירט, האָט ער געהאַט אַ סך צייט צו זוכן און נישטערן און ער האָט להכעיס אַלע שוועריקייטן איינגעקויפֿט אַ סך סחורה. ער האָט פֿאַרטריבן די מחשבות, וואָס האָבן אים טיילמאָל געמאַטערט, אַז אפשר וועט סחורה פֿאַלן, מיטן אייגענעם כוח, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט לגבי אַ סך זאַכן, וואָס האָבן זיך אים לחתחילה אויסגעוויזן נישט שכלדיק און האָבן זיך תמיד אויסגעלאָזט אַזוי ווי ער האָט געטראַכט.

איין 'זאַך האָט ער יאָ געטון: ער האָט אָנגעהויבן פֿירן אַן איינגעהאַלטן לעבן, אָפּגעזאָגט זיך פֿונעם גאַנצן לוקסוס. די דריי שטיבן, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער געלאָזט אַזוי, ווי מען האָט זיי אים אויסמעבלירט פֿון קאָמיטעט. גאָרנישט נישט צוגעקויפֿט.

צוליב דעם, וואָס ר'האָט נישט פֿאַבריצירט, האָט ער געהאַט אַ סך ליידיקע צייט. און ליידיק אַרומגיין איז ביי בערמאַנען געווען די שווערסטע אַרבעט. האָט ער זיך אָנגעהויבן אַליין אָפּגעבן מיט דער ווירטשאַפֿט, אין הויז. נאָכגעקוקט רחלען יעדע פענע, וואָס זי האָט אויסגעגעבן.

האָט זיך געמאַכט, רחל איז אַמאָל קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן, האָט ער אַליין געקאָכט. און רחל איז לעצטנס זייער אָפֿט קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ שוואַך האַרץ, זי טאָר נישט אַרבעטן און בעיקר — נישט זאָרגן. האָט זיך בערמאַן געקויפֿט אַ ווייסן כאַלאַט און באַוויזן, אַז קאָכן קען ער פונקט אַזוי גוט, ווי האַנדלען מיט דימענטן. פֿלעגט דאָך בערמאַן נישט איינמאָל האַקן פֿיש פֿאַר דער מוטערס וועגן, ווען זי איז געווען פֿאַרנומען אין קרעמל. ער האָט געוווסט, אַקוראַט, וויפֿל פֿעפֿער מען דאַרף אַריינטון, זאַלץ, צוקער, ביטערע מאַנדלען.

— פֿיש — האָט ער געלערנט רחלען — דאַרף מען קאָכן דריי שעה, קאָכן פּאַמעלעך, אין ווייניק וואַסער און בעיקר — נישט צודעקן זיי.

דאָנערשטיק האָט ער אַליין געמאַכט די הון, כשר געמאַכט, אָפּגעבריט,

באקוקט זי מיט דער אייגענער אַפּגעהיטנקייט, ווי ער באַקוקט די דימענטן. געזען ס׳זאָל אויף איר נישט בלייבן קיין פּעדערל, קיין הערעלע. אָבגעשאָבן דעם פּיש, באַטאַפּט אים מיט די הענט, אַכטונג געגעבן ס׳זאָלן אויף אים קיין שופּן נישט בלייבן. אָפּגעשניטן דעם קאָפּ און אַריינגעלייגט אים אין אַ טיפער שיסל, כדי ער זאָל נישט קענען אַרויסשפּרינגען, דאָס בלוט זאָל זיך נישט פּאַרלירן. האָט זיך געמאַכט דער קאָפּ האָט זיך גענומען וואַרפן אָפּגעשני־טענערהייט, וואַרפן זיך אין זיין אייגן בלוט אַזוי לאַנג, ביז דאָס חיות פלעגט אים אויסגיין, אָדער געבן אַ טאַנץ אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און בלייבן ליגן אַ טויטער. האָט בערמאַן באַ־אָכצט דאָס ביסל בלוט, ווי ער אָכצט ווען ער מיינט ער האָט געקויפט אַ „סטראָפ״ (שלעכט געקויפט).

אַז זשאַנעט האָט דערזען דעם טויטן קאָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זי זיך פונאַנדערגעשריגן, און די אויגן זענען איר שיעור נישט אַרויס פון די לעכער.

— פּאַפּאַ, כ׳על שטאַרבן! טו עס נישט! — האָט זי געשריגן.

נאָר זשאַקן איז דאָס עסק געפעלן געוואָרן. מיט פאַרגעניגן פלעגט ער צעהאַקן דאָס פּאַמעראַנצן־קעסטל, מאַכן אַ פייער און אָנקוועלן, וואָס דער פּאָטער דרייט זיך אַרום אין קיך אינעם ווייסן כאַלאַט, וואָס איז געוועזן ערטער־ווייז פאַרבלוטיקט.

— אוי, פּאַפּאַ, דו זעסט אויס פונקט ווי אַ שוחט!

איז זשאַנעטן דאָס נישט אָנגעשטאַנען.

— ווידער נישט געטראָפן — ווי אַ דאָקטאָר.

בערמאַן האָט מיט דער אייגענער הנאה געפּאָרעט זיך ביים שבת מאַכן, ווי אַמאָל, אין ביוראָ, אויף דער פּעליקאַן־שטראַסע, ביים אויסטיילן פּאַרטיקעס.

רחל האָט ביי איר בעסטן ווילן נישט געקענט פּאָלגן דעם דאָקטער. ס׳האָט איר קיין זאָרג נישט געפעלט. האָט זי געקריגן אַ קאָרטל פון דודן, האַלב־אויסגעמעקט פון דער צענזור. האָט זי געזאָרגט, נישט געגלויבט דודן, עפּעס גייט אים דאָרטן צו־גוט און וואָס אַזוינס האָבן זיי פאַרמעקט? האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקל צייט די פּאָסט, האָט זי געזאָרגט. האָט זי זיך אינמיטן זאָרגן דערמאָנט, אַז זי טאָר נישט זאָרגן, האָט זי געזאָרגט פאַר־וואָס זי זאָרגט.

דערצו האָט זיך זשאַנעט אָנגעהויבן אויפפירן עפּעס גאַרנישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. און רחל האָט געציטערט עס זאָלן זיך נישט אָנהויבן איבער־

חזרן די אייגענע צרות, וואָס זי האָט געהאַט מיט דודן. אַ מיידל וואַקסט אונטער.

זשאַנעט איז גאַנצע טעג אין דער היים נישט געווען. רחל האָט געציטערט בערמאַן זאָל זיך נישט דערוויסן און זי האָט סתם מורא געהאַט — אַ יינג מיידל, אַ שיין מיידל. און דערצו — אַזאַ שטיק משוגעת, ווי עס איז זשאַנעט... אויך האָט זי מורא געהאַט צו פאַרהוילן פאַרן מאַן דער טאָכטערס גענג. זי האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות, הגם דער שווער האָט איר געעצהט נישט צו דערציילן בערמאַנען קיין מעשיות.

— דו ווייסט דאָך, ער איז אַ שטיקל כעסן, ס'עט מיטן אויבערשטנס הילף זיין אַלדאָס-גוטס! פאַרקערט, אַז מ'עט איר פאַרווערן אַרויסצוגיין, עט זיך איר ערשט רעכט גלוסטן. ס'איז בעסער, אַז מען לאָזט אַ קינד צורו. איך האָב מיינע קינדער אויך קיינמאָל נישט געהאַלטן אין דער צוים. פונדעסטוועגן זעסטו דאָך, זיי זענען ברוך־השם אויסגעוואַקסן מענטשן. נעם גדליהון. איז ער נישט ברוך־השם אַן ערלעכער ייד? איי, ער איז אַ שטיקל כעסן, נו, מילא, דאָס איז אַ טבע אַזאַ. — האָט דער אַלטער געטרייסט דעם שנור און געזיפצט.

האָט רחל געפאָלגט דעם שווער און נישט דערציילט בערמאַנען קיין מעשיות.

אין האָטעל צענטראַל זענען זייער אָפט פאָרגעקומען קאָנצערטן. עס פלעגן זיך מעלדן פרייוויליקע אַרטיסטן, אָפטמאָל פלעגן קומען אמתע טאַלאַנטן, אָפטמאָל אמתע טאַלאַנטלאָזיקייטן. די, וואָס האָבן אַראַנזשירט די דאָזיקע קאָנצערטן, זענען נישט געווען קיין גרויסע איבערקלייבער. צווישן די פליטים אַליין האָט מען אויסגעקליבן זשאַנעטן.

דאָס איז געווען פאַר איר אַזאַ געוואַלטיקע איבעררעשונג, און אַזאַ געוואַלטיקער כבוד, אַז פון צופיל גליק האָט זיך איר אַזש דאָס חנוודיקע קעפל פאַרדרייט.

זי האָט זיך געקויפט אַ פאָר ברייטע הויזן פון געשטרייפטן גרינעם סאַמעט, אָנגעהויבן רויכערן סיגאַרעטן פון אַ לאַנג, בורשטינערן סיגאַרן־שפּיצל, אַרומגעדרייט זיך איבער די דריי חדרים מיט אַראָפּגעלאָזטע האָר, לאַנגע און פונאַנדערגעשפּרייטע איבער דער פּלייצע. נישט אויסגערעדט צו קיינעם קיין וואָרט, געהאַלטן אין איין טאַנצן, מאַכן רעפּעטיציעס, אָנגעטון זיך לאַנגע

אויערינג אויף די קליינע, חנוודיקע אויערן, מיט אפשר אַ טוץ בראַסלעטן אויף די הענט און מיט אירע גענג געשראָקן רחלען.

— ווער ווייסט צו זי איז נישט, חלילה, אַראָפּ פֿון זינען? — האָט רחל איבערגערעדט מיטן שווער.

אויף איינעם פֿון אָט די קאָנצערטן האָט זיך זשאַנעט באַקאַנט מיט אַ יונגנמאַן, אַ פֿידלער און אַ שריפֿטשטעלער... און זי האָט זיך אין אים „שטערבלעך" פֿאַרליבט.

זשאַנעטס געליבטער האָט קיינמאָל קיין פּעני ביי דער נשמה נישט געהאַט, הגם געוועזן איז ער אַ רייכן פֿאַבריקאַנטס אַ זינדל. איידער ער איז געוואָרן אַ קינסטלער, האָט ער געאַרבעט ביי זיין טאַטן, אַ רייכן ענגלענדער, אַ קאָנסערוואַטיוו. אַ וואָיאַזשער איז ער ביים פֿאָטער געוועזן. ער איז גאַנצע טעג אַרומגעפֿאָרן אין אַ גרויסן, שוואַרצן אויטאָמאָביל, צוגעשטעלט מינעראַלוואַסער און אַנדערע געטראַנקען אין רייכע רעסטאָראַנען. האָט ער זיך אָבער אַמאָל באַקענט מיט אַ שרייבער, אַ נויטבאַדערפֿטיקן כיטראַק, האָט יענער אַנטדעקט אין אים ליטעראַרישע פֿעיקייטן, גענומען ביי אים פֿאַר דער דאָזיקער אַנטדעקונג געלט אויף אָפּצועסן אַ גוטן מיטאָג, געראויכערט פֿון זיינע סיגאַרעטן, אַרומגעשפּאַצירט מיט אים אין פֿאָטערס אויטאָמאָביל איבער די לאָנדאָנער נאַכט־קלובן, כדי צו שעפּן מאַטעריאַל פֿאַרן וואָיאַזשער און דער וואָיאַזשער האָט אָנגעהויבן שרייבן.

אָנגעשריבן דעם ערשטן ראָמאַן, האָט דער נייער טאַלאַנט איבערגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל אינעם גרויסן, נאַסן הויף פֿונעם פֿאָטערס מינעראַלפֿאַבריק, אַרויסגעשפּאַצירט פֿון געשעפֿט, איבערגעלאָזט אַ באַרג נישט קיין אין אָרדענונג־געבראַכטע רעכענונגען און איז גלייך אַוועק אין דער ליטעראַרישער קאַפֿע איבער דער טעמזע. אַוועקגעזעצט זיך, אויסגעצויגן די פֿיס מעשה באָהעם און געוואַרט אויפֿן אַנטדעקער זיינעם.

די דאָזיקע קאַפֿע איז געשטאַנען אין אַ געסל, ווו מען פֿאַרקויפֿט איבערגעברענטע, ליימענע קריגלעך, פֿון וועלכע עס האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק געטרונקען גליענדיקן וויין אַלערליי פּרעה׳ס און אַנדערע קסרים; ווו כמעט אין יעדער אַנדער שויפֿענצטער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט צום פֿאַרקויף אַלערליי עגיפּטישע, רוימישע און גריכישע געטער און ס׳האָבן אַראָפּגעלאַכט פֿעט־בייכיקע כינעזישע געטער, געוויזן די גראָבע, נאַקעטע בייכער מיט די

נאָפּלען אַרויס און ס׳האָבן געהאָנגען שנירלעך קרעלן, וואָס זענען שוין הונדערטער יאָרן אַלט געווען, און ס׳האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ צעוואָרפּענער אָרדנונג אַלערליי הירשן, עלפאַנטן, קעצלעך און פּיפּערנאָטערס און ס׳איז געשטאַנען די מאַדאָנע מיט אַ פאַרהויבענער, געפאַלדעוועטער, שטיינערנער ספּודניצע, מיטן נאַקעטן יעזוס אין די פּיינע אָרעמס, מיט די פּיינע ווייבערישמאַמישע ברוסטן אַנטבלויזט און האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ גאַנצער וועלט הייליקער וואַרעמקייט אויפן וואַקסנדיקן משיח. און דערנעבן — דער משיח אַליין, אַ געקרייצטער שוין. מיטן פאַרגליווערטן בלוט אויף הענט און פּיס. אין אָט דעם געסל האָבן רייכע פאַבריקאַנטן באַשטעלט קלאַסישע מייסטער־ווערק, וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעקלאַפּט, אָדער געמאָלט ווערן ערגעץ אין אַן אַטעליע אויף אַ בוידעם־שטיבל אין משך פון אַ וואָך.

אין דעם דאָזיקן געסל האָבן זיך אַרומגעדרייט קינסטלער אין פלאַנעלענע הויזן מיט סאַנדאַלן אויף נאַקעטע פּיס און משוגענע, צעשויבערטע קעפּ האָר.

אין אָט דעם געסל איז געשטאַנען די קינסטלערישע קאַפּע, ווי אַ דערגענצונג. אַהין האָט איצט אַריינגעפירט זשאַנעטן דער געליבטער אירער. זשאַנעט איז דאָרט געוואָרן אַן אָפטער גאַסט, גיך געוואָרן גוטע פריינט מיט דער קעלנערין־אייגנטימערין — אַ מיידל מיט גרינע באַקן, גרויסע בלויגרויע אויגן, אַ צעפּאַדערט, אָנגעשמירט מויל, מיט אפשר אַ פּוד קרעלן אַרום דעם דאַרן העלדזל און אַ פּאָר לאַנגע אויערינג אין די קליינע, בלאַסע אויערן, וואָס האָבן זיך איר געבאָמבלט בשעתן באַדינען און געריבן די באַקן. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ, אַטלאַסן קלייד, מיט אַן אויסגעשניטענער נאַקעטער פּלייצע, באַוויזן דער וועלט דעם טיפן שפּאַלט און די עטלעכע, רויטע קרעצלעך, וואָס זענען געווען צעזייט איבערן אויסגעפּרווירענעם לייב.

אָט די קעלנערין־אייגנטימערין איז געווען אַ גאַנצער מחותן מיט די גראַפּאָמאַנען און נישט אָנגענומענע קינסטלער, וואָס פלעגן דאָרטן אָפּזיצן גאַנצע טעג, נישט געבן צו לייזן, אָנפילן די קאַפּע מיט רויך, שונד, נישט פאַרגינערישקייט, שטעכווערטלעך, ביטול און אָפּגעלאָזנקייט.

זשאַנעט האָט זיך אויך באַלד באַקענט מיט דער חברה, געוואָרן מיט זיי אַ גאַנצער מחותן, גערעדט מיט זיי אויף אַלערליי לשונות, אַביסל ענגליש, אַביסל פראַנצויזיש, אַביסל דייטש. די חברה־לייט האָבן איר יאָ פאַרשטאַנען,

און נישט פֿאַרשטאַנען. אַ קוש איז איר יעדערער גרייט געווען צו געבן. בלויז די עטלעכע אַלטע מיידן, וואָס זענען דאָרטן אָפּגעזעסן גאַנצע טעג, אַרומגעטראָגן זיך מיט געל־געוואָרענע, צום הונדערטסטן מאָל איבערגעלייענטע כּתבֿ־ידן, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט דרוקן, האָבן זשאַנעטן פֿײַנט געהאַט ווי דעם טויט. זיי האָבן זיך אײַנגעהילט אין אַ בלוילעכן רויך, געשפּריצט מיט פֿונקען פֿון סיגאַרעטן און שׂנאה און נישט געוואָלט אָננעמען זשאַנעטן פֿאַר קיין אייגענע.

אַז זי האָט צו זיי גערעדט, האָבן זיי אויף איר אויסגעגלאָצט זייערע שטאָלענע אויגן, געשמייכלט, באַוויזן די גרויסע, פֿאָדערשטע ציין און נישט געענטפֿערט.

זשאַנעטס געליבטער, ראָנאַלד, האָט מיט זײַן קרעמערישן אינסטינקט באַלד גוט אַרײַנגעפּאַסט זיך אין דער דאָזיקער קאַפֿע. ער האָט געהאַט אַ פֿײַנעם שמייכל, געווען עלאַסטיש, בויגעוודיק ווי אַ שלאַנג און על־כּולם — דאָס ביסל בילדונג האָט אים געהאָלפֿן. ער איז גיך געוואָרן חבֿר־לאַפּ מיט דער חבֿרה שרײַבערס, אַפֿילו אָנגעזעענע שרײַבער און טעאַטער־דירעקטאָרן.

נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין ניצוץ פֿון קיין טאַלאַנט. דער ראָמאַן זײַנער איז באַלד געוואָרן אַ וויץ צווישן די שונדיסטן און אַ פּחד צווישן שרײַבער. ער האָט זיי אַלע פֿאַרנודיעט מיט אים. ער האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבן אײַנזען, אַז ער איז נישט פֿעיק, געוואָלט צוריק אין דער פֿאַבריק אַרײַן, אָבער דער טאַטע זײַנער איז געווען אַ האַרטע נוס. ער האָט אים בשום־אופֿן נישט געוואָלט מוחל זײַן דעם ערשטן חטא, וואָס ער האָט נישט, ווי די אַנדערע ברידער זײַנע, אָנגעשלאָסן זיך אין דער אַרמיי, באַוויזן, אַז ער איז אַ גוטער ענגלענדער, אויסגעצייכנט זיך און פֿאַרשאַפֿט די עלטערן אַביסל כּבֿוד.

צוזאַמען מיטן איצטיקן חטא, איז יענער געוואָרן אין זײַנע אויגן אַ מין פּענאָם. ער האָט נישט געוואָלט הערן פֿונעם זון, נישט געלאָזט אים איבער דער שוועל. האָט ראָנאַלד פֿאַר איין ברירה אַרומגעדרייט זיך אַרום די טירן פֿון די טעאַטערן, אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין דער קאַפֿע, געכאַפּט נישטיקע הלוואות און לסוף זיך פֿאַרשאַפֿט אַ נײַע פּרנסה — ס'האָבן זיך אין אים אָנגעהויבן פֿאַרליבן מיידלעך איינע נאָך דער אַנדערער.

איצט האָט ער זיך גאַנצע טעג אַרומגעשלעפּט מיט זשאַנעטן. און זשאַ־

נעט איז געוואָרן אַ נצרך, גאַנצע טעג זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אַרויס־צוקריגן פון פאָטער עפּעס געלט. רחל האָט שוין איצט געהאַט אַ נייעם פּראָב־לעם. פון איין זייט האָט זי געדאַרפט היטן, אַז בערמאַן זאָל זיך נישט דער־וויסן מכוח דער טאָכטערס גענג און פון דער אַנדערער זייט — געמוזט קעגן איר ווילן פאַרשטופּן זשאַנעטן דאָס מויל. און זשאַנעט איז געוואָרן אַ גרע־סערע באַדערפעניש פון טאָג צו טאָג. ראָנאַלד האָט געדאַרפט האָבן גוטע וועטשערעס, בילעטן אין טעאַטער אַריין, פּאַפּיראָסן, האָט רחל געוויינט און געצײלט.

און די צוויי האָבן זיך גאַנצע טעג אַרומשפּאַצירט איבער דער רייכער אָקספאָרד־סטריט, איבער פּיקאַדילי, אויסגעמישט זיך מיט רייכע ליידיקגייער, מיט משונה׳דיק הויכע דאַמען און הערן, וואָס האָבן מיטגעפירט מיט זיך פּיצינקע קודלעוואַטע הינטלעך, מיט בעלגישע און פראַנצויזישע פּליטים, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טון, מיט אָפיצירן און סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואַרט אָפּגעשיקט צו ווערן אויפן פראָנט און האָבן דערווייל אַ לעב געטון מיט צוויי־פּלהאַפּטיקע דאַמען.

ראָנאַלד האָט געהאַלטן אין איין שאָקלען דעם קאָפּ צו פאַרבייגייער, נאָך יעדער באַגריסונג דערציילט זשאַנעטן, וואָס פאַרא גרויסע מענטשן זיי זענען.

— דער מיט דער באָרד איז דער גרעסטער ענגלישער סקולפּטאָר. דער מיט דער דאַמע איז אַ לאָרד. יענער מיט די לאַנגע האָר, מיטן סאַמעטענעם רעקל, איז דער באַרימטער שרייבער פּינקערטאָן...

זשאַנעט איז געשוואומען. ראָנאַלד איז אַלץ מער אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן און זי האָט געשלעפּט פון דער מוטער אָן רחמנות.

די שפּאַציר־גענג איבער דער רייכער אָקספאָרד־סטריט זענען איר געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנקוקן אין די רייכע געשעפטן. די פּרעכטיקע פּעלצן, די אַטלאַסענע באַל־קליידער מיט די לאַנגע שלעפּעס, וואָס זענען געלעגן צעלייגט אויף רויטן און גריזן פּליוש, די ווייסע, פּוטערנע פּע־לערינעס, די הוטן, שיך, זאָקן, הענטשקעס און אַלערליי שמאָכטעס, וואָס האָבן באַצירט די ריזיקע, געשליפענע שויפענצטער, האָבן גערעדט צו איר האַרץ. זי האָט זיי ליב געהאַט, זי וואָלט זיי אַלע אַהיימגענומען, זי וואָלט זיי געקושט, זי וואָלט זיי אַלע אָנגעטון מיטאַמאָל.

נאָר זי האָט אפילו נישט געהאַט קיין געלט אויף קיין נייעם הוט זיך צו קויפֿן. ראָנאַלד האָט אַלץ פֿאַרשלונגען.

פֿריער פֿלעגט אים נאָך די מוטער זיינע צושיקן אַ טשעקל, נאָר אַז ראָנאַלד האָט צוגענומען, אפילו נישט געדאַנקט און געבעטן נאָך, ווי עס וואָלט אים געקומען, האָט זי דאָס אויך אויפֿגעהערט שיקן. אָנשטאָט שיקן אים געלט, האָט זי גענומען איבעררעדן מיטן מאַן, געפרוווט אויפֿווייזן אים, אַז מען טאָר אַ קינד נישט פֿאַרטרייבן, אַז זיי קענען נאָך אַמאָל האָבן כבוד פֿון אים אויף אַן אַנדער אופֿן, ער קען נאָך אַמאָל ווערן אַ שרייבער, וועלן זיי האָבן פֿון אים פּינקט אַזוי פֿיל נחת, ווי פֿון די אָפּיצירן אויפֿן פֿראָנט.

איינמאָל אין אַ זונטיק, בשעת זי האָט אַראַנזשירט די בלומען אין סאַלאָן, האָט זי זיך דערמאָנט אין ראָנאַלדן. זי האָט אַ זיפֿץ געטון:

— ווער ווייסט, צי ער האָט כאָטש אויפֿן זונטיקדיקן מיטאָג? — און ס'האַרץ האָט איר וויי געטון.

נאָכמיטאָג, ווען זי מיטן מאַן זענען געזעסן אויף ווייכע אָנלען־שטולן לעבן צעגליטן קאַמין, האָט זי זיך איינגעשטעלט און האָט איבערגערעדט מיט אים מכוח דעם זון, געבעטן ער זאָל אים צוריק אַריינגעמען אין געשעפֿט. נאָר דער מאַן האָט אַוועקגעלייגט די ביבל אויף די קניען, אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעשטעלט אַ פּאָר אכזריותדיקע, העלע אויגן, אַ ריר אָנגעטון די ליולקע אין ווינקל מויל און צווישן די צונויפֿגעשנורעוועטע ליפּן אַ הייזעריקן ברום געטון:

— „נעווער"!

די אַלטע האָט אָפּגעזיפֿצט, ביידע האָבן ווידער אַריינגעקוקט אין דער ביבל, ביז דער אַלטער האָט אָנגעבויגן דעם גרויען קאָפּ אויף דער לען־שטול און גענומען שנאָרכן. איז ראָנאַלדס מאַמע אויפֿגעשטאַנען, אַ ריר געטון דעם מאַן ביים אַקסל און שטיל פֿאָרגעלייגט:

— עסט זיך אפשר צולייגן אויפֿן בעט, טייערער?

דערמיט האָט זיך דאָס איינשטעלן זיך פֿאַרן זון געענדיקט און אויסגעגאַנגען איז עס צו רחלס קאָפּ.

קאַפּיטל 29

ביי די בערמאַנס אין שטוב איז שטיל און מרה־שחורה׳דיק. כמעט יעדן אָוונט זיצן זיי ביים שוואַרצן, אייזערנעם אויוון, וואָס איז איינגעמויערט אין דער וואַנט, וואַרעמען זיך און טוען גאָרנישט. זשאַק און דער אַלטער גייען פריי שלאָפן. זשאַק מוז און דער אַלטער וויל, חלשט צו שלאָפן. נאָר שלאָפן קען ער נישט. און די בערמאַנס זיצן איינע קעגן די אַנדערע, זי — מיט פאַרלייגטע הענט, ער — מיט אַ ספר אויף די קני, ווי אַן אַלטער עובר־בטל און אינווייניק אין האַרצן ביי אים רעדט אַ שטילער טרויער. ביידע וואַרטן זיי אויף זשאַנעטן, זי זאָל זיך שוין אַמאָל צוריקקערן פון טאַנצן. ביידע ציטערן זיי, אַז פון איר כסדרדיקן טאַנצן זאָל חלילה קיין בייז נישט אַרויס־קומען. און פאַרט ברענגען זיי עס נישט פאַרן מויל.

דוד האָט אים געגעבן אַ פיינע לעקציע, בערמאַנען.

— הייסט עס, אַז מען מוז שווייגן? מעג אפילו ס׳האַרץ פּלאַצן, נו, יאָ!

קוקט ער איינעם ספרל, נאָר באמת זעט ער גאָרנישט. די טיר איז דער פונקט, וואוהין דער בליק זיינער שטעלט זיך אָפּ ביי יעדער שאָרך — די טיר און דער זייגער.

אַזוי ציען זיך טעג און וואָכן און חדשים, ביז ס׳מאַכט זיך, אַז ער קען שוין נישט מער און ער פּלאַצט אַרויס אויף זיין שטייגער. נאָר מערסטנס געשעט, אַז גראָד דעמאָלט, ווען בערמאַן פּלאַצט אַרויס מיט געשרייען, מיט געוואַלטן, קומט אַריינצולויפן זשאַנעט, פאַלט צו צום פאָטער, לייגט אַרויף איר קליין, וואַרעם הענטל אויף זיין באַוואַקסן מויל און האַלט עס צו. נעמט אים קושן אין דער באָרד אַריין און רעדט צו אים ווי צו אַ קליין קינד.

— אַזוי בייזערט מען זיך? פאַפּאַקעלע, ע? פע, נישט שיין!

דער־נאָך כאַפּט זי קושן די מוטער און רעדן צו איר:

— מיין אָרעמע מאַמאַקעלע! פאַפּאַ איז אַ שלעכט יינגל, ניין?

בערמאַנען גלוסט זיך צו לאַכן פון דער משוגענער, נאָר דאָס דויערט אפשר איין רגע. עס פאַרגייט אים באַלד ס׳געלעכטער. עפּעס איז די טאָכ־טער אַזוי אַנדערש, עפּעס קלינגען די משוגענע רייד אירע נישט אַזוי אינ־גאַנצן פריי ווי אַמאָל, אין אַנטוועדפן. עפּעס זעט זי אויס רואיקער, עלטער — אַ סך עלטער. דאָס אַרויספאַלן אויף אים, דאָס קושן אים — אַלץ זעט

אוים ווי אַן אָנשטעל אַזאַ, אַ שפּיל אין מאַכן זיך משוגעוואַטע. עפּעס באַ־האַלט זי פון זיי. ס'האַרץ ציטערט אים, ר'איז נישט רואיק. ער צעשמייכלט זיך נישט, ווישט נישט אָפּ די וואָנסן מיט תענוג, ווי אַמאָל, ווען די טאַכטער פלעגט אים קושן.

רחל איז שוין האַלב־משוגע.

— אַ מיידל...

ביז איינמאָל האָט בערמאַן אויפן געלעגער גוט איבערגעטראַכט דעם ענין זשאַנעט און ר'האָט זיך געזאָגט, אַז ער טאָר עס אַזוי ווייטער נישט דערלאָזן. אפשר טאַקע געמאַכט אַ טעות דערמיט וואָס ר'איז געווען צו שטרענג לגבי דודן און אַזויערנאָך אים פאַרטריבן. וועד ווייסט צו נישט חלילה, אַ...ער וויל גאָרנישט טראַכטן... איז מעג ער צוליב דעם לאָזן אַ מיידל אַרומשלעפן זיך גאַנצע נעכט אין אַזאַ לאָנדאָן? און אפשר טון איר דערמיט מער רעה נאָך ווי דודן.

— אַ מיידל!

האָט בערמאַן געטראַכט און געטראַכט, ביז ר'האָט זיך דערטראַכט. ער איז איר אַמאָל נאָכגעפאָרן און ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אין בלומסבורי, פונקט לעבן בריטישן מוזעאום, האָט זיך די טאָכטער זיינע צעקושט מיט אַ בלאָנדן שייגעץ.

יענע נאַכט האָט בערמאַן נישט געשריגן אויף רחלען. ליגנדיק אין בעט, האָט ער מיט איר איבערגערעדט, ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן זיך מיט איר אַן עצה געהאַלטן. ביידע האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, ווי אַזוי אָפּצושניידן זשאַנעטן פונעם שייגעץ, שוין מאָרגן.

— יאָ, — חתונה מאַכן, נאָר חתונה מאַכן!

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט זיך בערמאַן דערפרייט — רובינען קענסטו?

— דעם אַלטן בחור מיינסטו?

— ר'איז גאָרנישט אַזוי אַלט! און דערצו האָט ער געירשנט אפשר פופ־ציק טויזנט פונט לעצטנס און אַליין האָט ער אַ מטמון מיט געלט.

— גיי שוין, יענער איז אַ משוגענער, ער האָט גאָרנישט אינזינען חתונה צו האָבן און אחוץ דעם מיינסטו, אַז זשאַנעט וואָלט געשוויגן? זי עט יענעם די אויגן אויסדראַפּן. וואָס עט איר רעדן דעם שידוך. אַן איינפאַל!

— און איך זאָג דיר, אַז מען קען נישט וויסן. זשאַנעט ווייסט וואָס עס מיינט האָבן אַ רייכן מאַן. פּרווון מעג מען דאָך.

— און ווי קען מען דאָס האָבן אַ „יאַנדעס". זי איז דאָך נאָך אַ קינד. ער וואָלט דאָך געקענט זיין איר זיידע. — האָט זיך רחל צעוויינט.

— וואָס קלאָגסטו, בהמה? מיטן שייגעץ עט זיין אַ בעסערער שידוך?

— כ'בעט דיך, גדליהו, שיט מיר נישט קיין זאַלץ אויף די ווונדן! דעם שייגעץ טאָר זי טאַקע מער נישט זען, אָבער אַזאַ יינג קינד ווי זשאַנעט, קען נאָך קריגן אַ שידוך, נישט נעמען אַן אַלטן משוגענעם עפּעס. עט מען געבן נאָך עטלעכע טויזנט פראַנק נדן. וואָס איז זי, אַן אַלטע מויד, אַ מיאוסע? צו ווייסטו, אַז זשאַנעט איז אַ שיינקייט.

— כ'וויים און דעם שידוך מיט רובינען וועט מען איר סיי־ווי רעדן. וואָס פאַרשטייסטו?

ווען זשאַנעט האָט זיך דורכן זיידן דערוווסט, אַז מען ווייסט אין שטוב מיט וועמען זי שלעפט זיך אַרום, איז זי געווען צופרידן. זי האָט סיי־ווי שוין געטראַכט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונעם געליבטן. זי האָט אים שוין פיינט געהאַט בתחלית השנאה. מחמת אַחוץ, וואָס ער האָט פון איר כסדר גע־שלעפּט געלט, האָט ער זיך לעצטנס געמאַכט אַ מאָדע צו פאַרפירן אַ שמועס מיט אַלעראַליי מיידלעך, וואָס זענען אַריינגעקומען אין דער קאַפע און זי לאָזן זיצן אַליין, ווי אַ הונט. טאָמער האָט זיך געמאַכט, זי האָט אים נישט געהאַט צו געבן וויפל ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך אויף איר גאָר צעשריגן, ווי אַ שלעכטער מאַן. ער האָט איר געפייניקט, אָפטמאָל האָט ער איר אינ־דערשטיל אויסגעקניפּט שטיקער פלייש, כסדר איר געסטראַשעט, אַז ער עט אַהיימקומען צו אירע עלטערן און איר מאַכן אַ סקאַנדאַל, הגם ער האָט עס נישט אין זינען געהאַט צו טון.

זשאַנעט האָט אים געגלויבט. זי האָט זיך מיט אים אַרומגעשלעפּט, געטאָן וואָס ר'האָט איר געהייסן און איז אַלץ ווייטער פאַרקראָכן.

ווען דער פאָטער האָט מיט איר איבערגערעדט מכוח דעם שידוך, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן. די טאָכטער איז אויף אים אַרויפגעפאַלן און האָט זיך אַזוי צעהעשעט, אַז ער האָט זי נאָך געדאַרפט איינגעמען. זי האָט זיך געשוווירן, אַז זי וועט זיך מיטן שייגעץ מער נישט באַגעגענען.

— דער פּאַפּאַ וועט זען, כ׳וועל אין די אָונטן אפילו פֿון שטוב נישט אַרויסגיין.

דאָס האָט בערמאַנען צוגעגעבן מוט און ער האָט געשיקט נאָכן שדכן.

דאַנערשטיק ביינאַכט, בשעת דער שבת האָט זיך געקאָכט, און אין יעדער פּייערקע איז געשטאַנען אַ טאָפּ מיט אַן אַנדער מאכל, און פֿון צווישן די שפּאַלטן אויף דער פּליטע האָט אַ צעפּאַסקעוועטע רויטקייט און אַ מחיה׳דיקע וואַרעמקייט געשלאָגן, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. בערמאַן האָט אין דער גיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם ווייסן כאַלאַט, גלייך געמאַכט זיך די באָרד און אויסגערופֿן:

— אַריין!

איידער דער שדכן האָט צייט געהאַט אַראָפּצוקריכן די עטלעכע טרעפּ־לעך, וואָס פֿירן פֿונעם פּאַרטער אין דער האַלב קעלער־שטוב אַריין, איז שוין בערמאַן געזעסן אין דער הילצערנער פּאַטער־שטול אויבנאָן ביים טיש. די יאַרמולקע האָט אויסגעזען רואיק און זיידן־באַלעבאַטיש. בערמאַן האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר.

— אַ גוטן אָונט אייך, הער בערמאַן! אַ פֿינצטערקייט, אַ חשכות, מען קען חלילה געהרגט ווערן. אומעטום האָבן זיי כאָטש טרעפּלעך אין די „יאָקישע״ הייזער. קיין שכל האָבן זיי נישט, האָבן זיי כאָטש טרעפּ. אַ משונה׳דיק פֿאָלק, די ענגלענדער. — האָט דער שדכן נישט געליטן נישט זייערע הייזער, נישט זייער קלימאַט.

בערמאַן האָט אָפּגערוקט אַ שטול, נאָר דער שדכן האָט זיך ליבערשט געזעצט לעבן דער קיך.

— אַאַאַ, ס׳אַ וואַרעמקייט! ביי אייך. ביי מיר ווערט מען פֿאַרפֿרוירן. וויפֿל קוילן מען זאָל נישט אַריינפּאַקן, איז ווי אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס. איי ס׳אַ תענוג אַביסל — האָט דער אַלטער אַרויסגעלאָזט אַ פּאַרע איבער דער וואַרעמער שטוב.

די באָרד מיט די וואָנסעס זענען אים נאָס געוואָרן, האָט ער זיי געווישט מיט דער שטייפֿער פּלאַך פֿון דער געפֿרוירענער, אַלטער האַנט און אַזש גע־קרעכצט פֿון הנאה.

— איז וואָס האָט איר עפּעס צו זאָגן, ר׳ ביינישׂ?

— ווייסעך וואָס! יענער וויל נישט הערן און גערענקען! ווייניק שידוכים,

מיינט איר, האָב איך אים שוין אַליין געַרעדט? רעד צו דער וואַנט. אַז ער איז קלוגער פֿונעם רבונו של עולם! איר הערט, בהן שלי, ווי אַזוי האָט ער מיר אָנומעלט געענטפֿערט, ווען כ׳האָב אים אַ פֿרעג געטון „און וואָס איז מכות פריה ורביה״?

נאָר באַלד דעם אַנדערן טאָג איז דער שדכן געקומען צולויפֿן מיט די אַלטע פֿיס און איידער נאָך ער האָט צייט געהאַט פֿונאַנדערצוקנעפּלען זיך דעם פּאַלטן, מיטן קאַראַקולענעם קעלנערל, אָנצוווארעמען זיך, האָט ער אויס־געשאָסן מיט אַ שמחה:

— איר ווייסט, איך האָב דאָך געפּועלט ביי אים, אַז מען זאָל מאַכן אַ זעעכטם!

— המם. געפּועלט! טאַקע גאָטס וווּנדער! איך וועט מיך מיט אייך, אַז ער וועט שוין היינטיקע נאַכט נישט קענען שלאָפֿן, נישט קענען דער־וואַרטן זיך אויפֿן זעאַכטם!

— נו, מילא, וואָס איז דער חילוק? דער עיקרשט איז, אַז דעם זונטיק איה״ש עט ער אַרויספֿאָרן קיין באָרנמוט. דאָרט, האָב איך אים געזאָגט, שטייט איין אייער ווייב מיט דער טאָכטער צוליב אייער ווייבס געזונט. אַזוי האָט איר דאָך געוואָלט, וואָס?

— יאָ, יאָ! נו?

— נו, גאָרנישט! מ׳עט זיך אָנקוקן! איינער ווייסט מכלומרשט נישט צוליב וואָס דער אַנדערער איז גראָד אין באָרנמוט... און אַז זיי וועלן זיך גע־פֿעלן... עט זיין מיט מזל, הע, הע, הע! — האָט דער אַלטער אַרויסגענומען אַ שמעק טאַבאַק, געקלאַפּט אינעם ביינערדיקן שקעטעלע, דער טאַבאַק זאָל זיך יאָוויען, מכבד געווען בערמאַנען מיט אַ שמעק טאַבאַק, זיך צעגאָסן.

בערמאַן האָט זיך איידל אָפּגעקערט, נאָר דער פֿאָטער בערמאַנס האָט אויסגעשטרעקט די געזונטע האַנט און געבעטן אַ שמעק טאַבאַק.

— נאָט אייך און זאָל אייך זיין צום געזונט!

— אַבטשיק, אַבטשיק, פֿיינער טאַבאַק!

— הכלל, פֿאָרסט אַרוים מיט זשאַנעטן קיין באָרנמוט.

— און דער שבת? מ׳האָט אָנגעגרייט? — האָט זיך רחל געפּרוווט אָנכאַפּן אין אַ שטרוי.

— רעד צו אַ בהמה! שאַ, צוריקגעשמועסט קענסטו טאַקע מיטנעמען

פיש און פלייש. דאָרטן איז דאָס יקרות גרויס... הערזשע, דאָ עט מען מוזן ווייסן ווי אַזוי זיך צו באַגיין, אַז דאָס טעכטערל זאָל זיך נישט אַמאָל פאַר־קרימען, מחמת דער בחור איז ביי זיך גרויס און ער האָט זיך מיט וואָס צו גרויסן.

— אַז אָך און אַז וויי! — האָט רחל געלאַכט און געזיפצט.

— ער האָט נאָך צייט, דער צוציק! — האָט זיך פלוצלונג אַריינגע־מישט זשאַק.

בערמאַן האָט אַ קוק געטון אויף זשאַקן, געוואָלט אָנשרייען אויף אים, ער זאָל זיך נישט אַריינמישן ווען גרויסע רעדן, נאָר זשאַק האָט געהאַט אַזויפיל לצנות אין די קלוגע, שוואַרצע אויגן, און אַזויפיל שנאה אינעם בייסיקן שמייכל, אַז בערמאַן האָט זיך פלוצלונג פאַרשעמט און דערשראָקן פאַר זשאַקן. ער האָט אַ קוק געטון אויף אים און ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, אַז ביי זשאַקן אונטערן פאַרשאַרצטן נעזל וואַקסט אַ דין, דין וואָנסעלע, וואָס דערציילט, אַז ער איז שוין נישט מער קיין קינד און ער מעג זיך שוין אַריינמישן ווען גרויסע רעדן.

בערמאַנען איז עפעס פלוצלונג שווער געוואָרן אויפן האַרצן, אַזוי ווי דאָס, וואָס זשאַק איז שוין מער קיין קינד, איז אויך אַ פּראָבלעם.

אינעם גרויסן, רחבותדיקן זאַל פון האָטעל איז געזעסן זשאַנעט. אַ האַלב־צעלייגטע, אויף דער טיפער, פליושענער זאָפע און האָט בגנבה גערויכערט אַ סיגאַרעט. אַלע ווײַלע אַ וואָרף געטון בײדע שוואַרצאַפּלען צו דער טיר, איבערגעלאָזט אין די אויגן בלויז ווייסלען און אַרויסגעלאָזט גרויסע זײלן רויך. די דיקלעכע ליפּן אָנגעשמירט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי צוויי רויטע מאַרמע־לאַדקעס, פייכט און זיס... די האָר — געשייטלט אין סאַמע מיט קאָפּ און אַזוי אויסגעגלעט, אַז קיין אײנציק הערעלע האָט זיך נישט אָפּגעזונדערט, נישט אַראָפּגעלאָזט זיך איבערן קײלעכיקן שטערן.

אין קאַמין האָט דאָס פייער געברענט ריין, העל, פריילעך און וואַרעם. געלע און בלויע פלאַמען האָבן געלעקט די קוילן, דאָס ווענטל פונעם אויוון, געלעקט איינע די אַנדערע, פאַרשלונגען און צוריק אויסגעשפּיגן זיך. דירא־זיקע שפּיל האָט זיך אָפּגעשפּילט אינעם גרויסן, באַגילדטען שפּיגל איבערן קאַמין, צעלייגט רויטע פאַסן אויפן טונקעלן טעפּיך און אַ יום־טוב'דיקייט איבערן רייכן זאַל צעגאָסן.

אויף די זאָפֿעס, אויף די פּאָטעלן, אין די ווינקלען אויפֿן טעפּיך, אומעטום זענען געלעגן ווי אַוועקגעוואָרפֿענע סאַמעטענע און זיידענע קישעלעך. די זייַדענע פֿאָרהאַנגען ביים ברייטן פֿענצטער זענען געווען פֿאַרצויגן. אינדרויסן האָט דער ים גערוישט. דער טאָג איז געוועזן אַ קאַלטער און אַ טונקעלער. די שטוב האָט צוליב דעם אויסגעזען אינטימער נאָך. עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר, ס'איז אַריין די מוטער מיט אַן אַלטן, אפשר אַ זעכציק־יעריקן — אַזוי האָט ער אויסגעזען, דער בחור, אין זשאַנעטס אויגן. זשאַנעט האָט פֿלינק אויסגעלאָשן דעם סיגאַרעט, אַריינגעוואָרפֿן אים אין אַש־בעכער און זיך באַמיט צו טרעפֿן, ווער עס איז. אָבער זי האָט זיך באַלד דערמאָנט.

— דאָס איז ער דאָך, דער משוגענער!

זי האָט זיך געוואָלט פֿונאַנדערלאַכן, — אָט דאָס גייט זיין איר חתן? „מיטשטיינס געזאָגט, ביי וועמען ס'געלט שטייט איין”.

זשאַנעטן איז אַזש קאַלט געוואָרן פֿון זיין האַנט.

— וואָס מאַכן זי, הער רובין? — האָט זי זיך אַליין געבענטשט.

— אַזוי, וואָס זאָגן זי עפּעס צו דער קעלט דרויסן? אין די ביינער עסט זי זיך איין.

זשאַנעט האָט אים געבעטן זיצן. זי האָט אים אַרויסגערוקט אַ שטול, נאָר רובין האָט, פּונקט ווי דער שדכן דערמאָלט, ליבערשט אַוועקגעזעצט זיך לעבן קאַמין, געוואַרעמט די טרוקענע הענט.

— אַאַאַ!

ער האָט געקרעכצט ווי אַן אַלטיטשקער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיין יונג און געשמייכלט.

זשאַנעט האָט געלאַכט:

— אַזוי קאַלט איז אינען, הער רובין?

רובין האָט זיך אַ ביס געטון אויף דער ליפּ.

— אינדרויסן איז קאַלט! — האָט ער געוואָרפֿן די שולד אויפֿן דרויסן.

זשאַנעט האָט געלאַכט, זי האָט נישט געקענט וויינען — האָט זי געלאַכט.

זי איז היינט אינדערפֿרי אַוועק אויף אַ שפּאַציר אינעם אָרעמען קוואַרטאַל, אויפֿגעזוכט אַ דאָקטערס קאַבינעט און איז אַריין.

אינעווייניק, אין וואַרטע־זאַל, זענען געזעסן פּאַציענטן בסך־הכל צוויי פֿרויען, איינע אַ יונגע מיט אַ פֿאַרהויבענער ספּודניצע, די אַנדערע — אַ מרה־

שחורה׳דיקע, א דארע, מיט א יינגל פֿון א יאָר צען. דאָס יינגל האָט געהאַט א רויט נעזל, א גרין פּנים און א פּאָר אַלטע אויגן. דאָס קעפּל איז ביי אים געווען דין־פֿאַרשוירן, ווי געגאָלט. נאָר ביים סאַמע פֿראָנט — א בלאָנד בערשטל, ווי איבערגעלאָזט אויף א זכר.

ס׳האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון דאָקטערס קאַבינעט, ס׳האָט א בלענד־געטון: א רויט פּנים, א ווייסער כאַלאַט און א גרינער פּאַס ליכט. די שטולן אין וואַרטע־זאַל זענען כמעט אַלע געווען ליידיק. די לעדער אויפֿן דיל איז געווען פֿאַלירט און צעריסן. אויף א קיילעכיק טישל זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן פּאַראַיאָריקע זשורנאַלן. א דריטע פּאַציענטקע איז אַריינגעקומען — א קליינ־טשיקע פֿרוי אין שוואַרצן, מיט א שרייענדיק קינד אין א צעבראָכן קינדער־וועגעלע. ס׳קינד האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, מיט די צעשראָ־קענע אויגלעך און ווי א דערוואַקסענער, זיך אַליין געבענדיקט.

דער דאָקטער האָט ברייטער נאָך צעעפֿנט די טיר פֿון קאַבינעט און אַריינ־געלאָזט זשאַנעטן. נאָכדעם ווי ער האָט זי אויסגעהערט, האָט ער זי אַרונטער־געשיקט אונטער א שפּאַניש־ווענטל און אַריינגעלאָזט די גויה מיטן יינגל.

— יעס, מיי לעד! — האָט דער דאָקטער געזאָגט הויך אויפֿן קול.

דער קליינער האָט א קוק געטון אויף דער מוטער:

— ער הוסט, דאָקטער, און ס׳שטעכט אים אין דער לינקער זייט.

—טו דיך אויס, נאָר מאַך עס גיך, ווייל א דאָקטער איז א „וועריבּיזי מען", מיי לעד!

דעם קליינעם איז אַלץ געפֿאַלן פֿון די הענטלעך.

— יעס, מיסעס בראַון, א דאָקטער איז היינטיקע צייטן א „וועריבּיזי מען"! — האָט זיך דער דאָקטער היינט געפֿילט געהויבן צוליבן וויזיט פֿון דער דאַמע אינעם רייכן פֿוטער־מאַנטל.

די מוטער האָט געשאָקלט מיטן מרה־שחורה׳דיקן קאָפּ:

— אודאי, כ׳ווייס!

ער האָט צוגעלייגט ס׳רערל, דער דאָקטער, געהייסן דעם קליינעם אָטע־מען, זאָגן נאָכנאַנד 99, 99. דער קליינער איז געשטאַנען א האַלב־נאַקעטער, מיט די הויזן איןביידע ברודיקע הענטלעך, פֿאַרלוירן געקוקט דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויפֿן דאָקטער און געציטערט פֿון קעלט. דער דאָקטער איז אַריין אין א זייטיק חדרל, אַרויסגעקומען מיט א פֿלעשל ברוינע ציקאָריע־וואַסער.

— גיט אים דאָס דריי מאָל אַ טאָג און קומט אַריין אין עטלעכע טעג אַרום!

ער האָט צוגענומען די צוויי שילינג און איז אַריין צו זשאַנעטן.

— ס'איז גאָרנישט, מאַדאַם, איר זענט פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. ראַטס־אַלל.

זשאַנעט האָט זיך אַ וואַקל געטון, דער דאָקטער האָט איר אונטערגע־כאַפּט מיט ביידע הענט.

— זעצט זיך, מאַדאַם! וואָס האָט איר אייך אַזוי דערשראָקן?

— כ'וויל נישט האָבן קיין קינדער! און אַז כ'וועל פּטור ווערן דערפֿון, כ'מיין... — האָט זשאַנעט געשטאַמלט.

— ניין, דאָס טו איך נישט! פֿאַר אַזעלכע זאַכן גייט מען זיצן, מאַדאַם!

זשאַנעט האָט גאָרנישט געזען וואָס עס טוט זיך מיט איר, אַלצדינג אַרום איר איז פּלוצלונג אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן. דער דאָקטער האָט איר אַוועק־געלייגט אויפֿן בעטל, געגעבן איר עטלעכע טראָפּנס. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אַזוי צעהעשעט, אַז אפֿילו דער דאָקטער האָט אויסגעזען פֿאַרזאָרגט. נאָר ס'האָבן געוואַרט פּאַציענטן, האָט ער זי געלאָזט רוען און איז אַריין צוריק צו זיך אין קאַבינעט טון זיין עובֿדה.

— בעסער? — האָט ער איר צוגעלייגט דאָס רערל צום האַרץ.

זשאַנעט האָט געהעשעט.

— הערט, מאַדאַם, דערמיט וועט איר גאָרנישט אויפֿטון! זעט, ער זאָל מיט אייך חתונה האָבן! — האָט שוין דער דאָקטער פֿאַרשטאַנען — איר זענט אַ היגע?

— ניין! — האָט זיך זשאַנעט ווידעראַמאָל צעהעשעט און באַצאָלט דעם דאָקטער, וואָס האָט איר געגלעט איבערן ווייכן פֿוטער־מאַנטל און זי אַרויס־באַגלייט.

רחל האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט דער טאָכטער. אַ גאַנצן טאָג זיצט זי אין ווינקל אויף דער זאָפֿע און טראַכט, וויל גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין. און וואָס איז דער חידוש?

הייסט עס אַז זי דאַרף זיך האַלטן. און זי האָט זיך געהאַלטן, זשאַנעט. ווי אַן עלטערע, דערפֿאַרענער מענטש, ווי איר טאַטע, ווען ער האַנדלט מיט די בריליאַנטן. זי האָט געלאַכט, געהאַלטן אין איין לאַכן.

— נו, ס'איז נאָך אַלץ קאַלט, הער רובין?

— אַז איך טו אַ קוק אויף אייך, ווערט מיר וואַרעם! — האָט זיך רובין אַ רייב געטון אַ האַנט אָן אַ האַנט, פֿון נחת, וואָס עס האָט זיך אים אַזוי גוט איינגעגעבן צו בייטן זיך און אָנשטאָט אַ געפּרווירענער אַלטער, וואָס וואַרעמט זיך דאָס אָפּגעקילטע בלוט ביים אויוון, גאָר רעדן מיטן מיידל ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַ חתן־בחור.

— אויב אַזוי, מוז איך צוקומען נענטער'און לאָזן אייך געבן אַ רעכטן קוק אויף מיר.

זי האָט זיך'אויסגעגלייכט, אַ פֿיר־געטון מיטן הענטל איבער דער שויס, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿון דאָרטן קרישקעס אַראָפּשאַרן און איז צו צום אויוון, אָוועקגעזעצט זיך לעבן רובינען. דער'חתן בחור האָט זיך אַ גליקלעכער צע־שמייכלט.

זשאַנעט האָט היינט אויסגעזען שענער נאָך'ווי תמיד. זי האָט היינט איינגעריבן מער קרעם אינעם גלאַטיקן, אַליוו־קאַלטן פּנימל, גלאַטיקער נאָך פֿאַרקעמט די האָר, לאַנג זיי געגלעט'און געצערטלט, ווי די האָר וואָלטן היינט אויך געוועזן געוויינט. אונטערן שיין פֿונעם שטיי־לאָמפּ מיט דער גרינער אַבאַזשורע, האָט זי אויסגעזען פֿאַנטאַסטיש־שיין. 'די זאָרג האָבן איר גורם געווען אַן ערנסטערן אויסזען, האָבן פֿיינערע שטריכן אינעם יינגן פּנים אַנט־פּלעקט.

— זי איז נישט נאָר שיין, זי איז קלוג אויך! — האָט רובין באַשלאָסן.

אַ הויכע'שיקסע מיט אַ ווייסן טשיפּיק אויפֿן בלאָנדן קאָפּ האָט געמאָלדן אַז ס'מיטאָג איז גרייט. רובין האָט צוגערופֿן די שיקסע, געהייסן איר נאָכ־אַמאָל אָפּווישן די שטול, איידער ער האָט'זיך געזעצט, הגם די שטול האָט געגלאַנצט און ס'איז קיין שפּרענקעלע אויף איר נישט געווען. זשאַנעט האָט אַליין פֿאַרשטעקט רובינען די סערוועטקע אין קאָלנער אַריין, ווי מ'טוט עס מיט אַ קינד.

— איר ווייסט, פֿריילין בערמאַן, אַז אייער'סערוועטל שטיקט מיך אין האַלדז! — האָט רובין אַריבערגענאַרט זשאַנעטן צו זיך, ווי אַ שטיפֿעריש יינגל.

זשאַנעט שטייט שוין ווידער לעבן רובינען, פֿאַרריכט אים דאָס סער־

וועטל, באַרירט אים דעם דאַרן האַלדז מיט איר זוייך, וואַרעם הענטל. רובין באַגיסט זיך אַזש מיט שווייס פֿון חרפּה און הנאה.

— איי אַ מיידל! מיט אַזוינס לוינט זיך חתונה צו האָבן!

פּטור געוואָרן די גרעיפּ־פּרוכט, וואָס איז ביטער און האָט קיין שום טעם נישט, עסט שוין רובין די געהאַקטע ציבעלקעס מיט לעבער און ער שיינט, ס׳איז אים גוט. דורך די איינגעדאַרטע באַקן זעט זיך יעדעס פּיצל ברויט, אַדם׳ס עפּל פּליט ביי אים אַרום האַלדז, די סערוועטקע ליגט שוין אויף די קניען, זי האַלט אין איין אַראָפּפּאַלן. רובין נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון זשאַנעטן. ער פּילט דאָס געלויף פֿון זיינע אַלטע בלוטן, ס׳איז אים וואַרעם, ס׳איז אים גוט. ער קוקט זיך צו, ווי זשאַנעט האַלט די גאָפּל־מעסער צווישן אירע לאַנגע, מאַניקירטע פּינגער, זי עסט אַזוי איידל.

— אַ דאַמע! — טראַכט רובין.

און עס פּאַלט אים איין, אַז זי וועט זיך גוט אויסלאַכן פֿון אים, ליצי לצנות וועט זי מאַכן, ווען זי וועט זיך דערוויסן צוליב וואָס ער איז געקומען.

אָבער זשאַנעט שמייכלט צו אים אַזוי שיין, אַזוי באַחנט, און זי זעט אויס אַזוי ערנסט, כאָטש זי שמייכלט. זי מוז זיין פּאַרליבט אין אים — פּאַלט אים איצט גאָר איין. ער כאַפּט אַ בליק אין אַקעגנאיבערדיקן שפּיגל:

— המ! פּאַרוואָס נישט?

ער זעט זיין לענגלעכן, ווייסן קאָפּ, די האָר גלאַנצן ביי אים, כאָטש זיי זענען ווייס. ער זעט אויס אינטעליגענט און ס׳איז נישט קיין חידוש — ווייניק ביכער לייענט ער אויס? אַ קלייניקייט, וואָס ער צעלייענט אין איין שלאָפּלאָזער נאַכט! זעט זיך עס טאַקע אָן אויפֿן פּנים.

— די קליינע האָט כ׳לעבן געשמאַק! זי ווייסט וואָס זי וויל! — ווערט ער שוין ביי זיך אינגאַנצן זיכער.

ווען בערמאַן איז אינמיטן מיטוואָך אַרויסגעקומען קיין באַרנמוט, גע־נומען טאַפּן ביי דער טאָכטער דעם דופּק, האָט ער זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

— רחל, ס׳עט זיין גוט! גיי שוין אַריין, רעד מיט איר איבער, ווייל דער אויוון באַקט. צי ער וויל? נאָך אַ מין ווערן!

רחל האָט אָפּגעווישט אַ טרער.

— גדליהו, באַרעכן דיך! זי איז דאָך נאָך אַ קינד. ער וואָלט דאָך געקענט זיין איר זיידע!

„דאָס הייסט אַ פערד! ער דאַנקט גאָט, וואָס די טאָכטער האָט זיך נישט צעשריגן, נישט גענומען מאַכן קיין באַנומענע קולות, אַזוי ווי ער האָט זיך געריכט, דינגט רחל זיך נאָך".

— הער, מאַך נישט קיין פוילע שטיק, פיש נישט מיט די אויגן, נאָר רעד מיט איר איבער מיט שכל, אויב דו האָסט! אַז נישט — עט זי ביי דיר חתונה האָבן מיטן שייגעץ, הערסט? און דער בחור איז אַ גביר, אַן אדיר. הער שוין אויף צו יאָפן, אָקס!

ביי רחלען האָבן אַזש די קני געציטערט. אַזאַ יינג קינד. אַ טאַטע איז אַ הונט. אַ תירוץ האָט ער — דער שייגעץ! אַז זי קוקט אים שוין צומאָל נישט אָן, זי זיצט גאַנצע טעג אין שטוב. נאָר ער האָט דערוויל אַן אויסרייד צו פראַקויפן אַן אייגן קינד.

רחל האָט דערפילט אַ מאָדנע ווייטיק ביים האַרצן, עפּעס האָט זי זיך היינט איבערגענומען מיט בערמאַנס זידל־ווערטער, כאָטש זי איז אַזוי געוווינט צו זיי, כאָטש אחוץ אויפן געלעגער הערט זי קיינמאָל קיין גלייך וואָרט נישט פון אים, פאַרט האָבן זיי איר היינט געשטאָכן.

— גיי אַליין, רעד מיט איר! זי עט מאַכן אַ געוואַלד, ס'איז אַ פרעמד הויז. ווילסט זי פאַרקויפן, פאַרקויף זי. וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך רחל איינגעשטעלט, טאַקע, ווייל ס'איז אַ פרעמד הויז.

קאַפּיטל 30

— איז וואָסזשע זאָל איך אים זאָגן? — האָט רחל איבערגעפרעגט די טאָכטער, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, כדי צו געבן איר צייט, אפשר וועט זי פאַרט חרטה האָבן.

זשאַנעט האָט אַ קוק געטון אויף דער מוטער, זי האָט שטאַרק חשק געהאַט אויסצוגיסן זיך פאַר איר, דערציילן איר דעם גאַנצן אמת, פרעגן ביי איר אַן עצה. זי האָט געזען, אַז די מוטער איז דערשלאָגן, אַז זי ליידט צוליב דעם, וואָס זי, די טאָכטער, גייט זיך פאַרבינדן מיטן אַלטן שאַרבן.

זי האָט לאַנג געטראַכט, נישט געפֿינען דעם מוט און זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות:

— וואָס שטייסטו, וואָס? כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז יאָ. מיר געפֿעלט ער. ער געפֿעלט מיר! ער געפֿעלט מיר! ער געפֿעלט מיר!! אויב דיר געפֿעלט ער נישט, קענסטו פּלאַצן! — האָט זי געשאָלטן און האָט זיך פּלוצלונג פֿונאַנדערגעלאַכט ווי אַ משוגענע. — זאָג אים, אַז ער געפֿעלט מיר, אַז איך וויל אים! הערסט?

רחל האָט זיך דערשראָקן. זי איז געווען זיכער, אַז די טאָכטער איז פּלוצים פֿון זינען אַראָפּ און זי האָט געבליפּעט.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט זיך בערמאַן ארומגעדרייט אַהין און צוריק אויפֿן ווייכן טעפּיך אין דערבייאיקן חדר און געוואַרט. ער האָט געהערט די טאָכטער לאַכן, דאָס ווייב — וויינען, ער האָט אפילו אַריינגעקוקט דורכן שליסל־לאָך, נאָר אחוץ אָפּגעהאַקטע קולות, וואָס האָבן זיך צו אים דערטראָגן, האָט ער גאָרנישט געהערט, נישט געקענט אויפֿכאַפּן קיין איין לאָגישן זאַץ.

— כ'מיין, אַז זי איז גאָר אַראָפּ פֿון זינען, — זי איז קראַנק זאָג איך דיר, זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי פּלאַפּלט. ס'הייסט זי וויל אים? זי גייט אויס נאָך אים. אָדער אפשר האַלט זי טאַקע אַזוי ווי דער טאַטע אירער, אַז זי דאַרף זיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט צו דער אַלטער נבלה! — האָט רחל אויסגעלאָזט דעם כעס צום חתן.

— אַזוי? הייסט עס, אַז איך בין טאַקע געווען אַ מבין אויף איר! כ'האָב תמיד געזאָגט, אַז פֿון איר וועל איך, מיטן אייבערשטנס הילף, האָבן נחת!

— נחת! — האָט זיך רחל אָפּגעקערט — מיר איז שוין סיי־ווי אַלץ איינס, ס'האַרץ עט מיר סיי ווי פּלאַצן — דאָס עט זיין דער סוף!

בערמאַן איז אַריין צו דער טאָכטער:

— מזל־טוב דיר! זשאַנעט, קינד מיינס!

ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט זי מיט זיינע גרויסע, שטאַרקע הענט, ווי אַ געליבטער, און איר געקושט אויף ביידע באַקן, אין שטערן אַריין.

— דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פֿאַראַ גליק ס'איז דיר באַשערט. די רייכסטע פֿרוי אין אַנטווערפּן עסטו זיין, ווען מ'עט אם ירצה השם נאָך דער

מלחמה צוריק אַהיימפֿאָרן. און אין לאָנדאָן וואַלגערן זיך אויך נישט אַרום קיין חתנים מיט קיין הונדערטער טויזנט פֿונט אין קעשענע.

זשאַנעט האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט און אויפֿגעהערט. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַליין איינרעדן, אַז נאָך אַלעמען איז עס אַ גאַנץ גוטער שידוך און איז פֿונדעסטוועגן אַרומגעלאָפֿן פֿון איין דאָקטער צום אַנדערן און אומעטום האָט זי באַקומען די אייגענע תשובה:

— פֿאַר אַזעלכע זאַכן גייט מען זיצן, מאַדאַם!

האָט זי זיך גענומען ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צוצויאָגן מיט דער חתונה. זי האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס טוט שוין במילא דער טאַטע אירער, מחמת ער ציטערט, זי זאָל נישט דערווייל קיין חרטה האָבן.

זשאַנעט זיצט אויבנאָן ביים טיש. זי גייט אָנגעטון אין אַ שוואַרץ־זיידן קלייד. דער זשעט שימערירט אונטער דער עלעקטרי. דער חתן גייט אָנגעטון אין אַ נייעם אָנצוג, די גרויע האָר זענען פֿיין פֿאַרקעמט; די גרויע, דינע אָדער־לעך אויף בײדע זייטן שטערן, לעבן. די הויט פֿונעם פּנים גלאַנצט ברוינלעך. די פענסנע שפּיגלען, די לענגלעכע נאָז־לעכער ציטערן. די פֿינגער־נעגל זענען מאַניקירט. ער זעט אויס יום־טובדיק. ר׳זיצט לעבן זשאַנעטן און באָדט זיך אין תענוג.

אָט אַזאַ מיידעלע, אַזאַ פֿרישס, אַן אומשולדיקס, אויף דעם האָט ער דאָך טאַקע געוואַרט די גאַנצע צייט. אַז זיי האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען, די בהמות! די שדכנים, אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וויל נישט חתונה האָבן, ווייל ער גלויבט נישט די היינטיקע מיידלעך, האָבן זיי געמיינט, אַז ער זוכט תירוצים. דאָ איז עפּעס אַנדערש. ס׳איז דאָך נאָך אַ קינד פֿון דער מאַמעס מילך אַוועק. ווי אַ יינג ביימל נאָך, גרין און באַחנט, ווי אסתר המלכה. יאָ, עס האָט זיך ערלעך געלוינט צו וואַרטן. איין זאַך שטערט אים אַביסל די שמחה — ר׳איז בייז אויפֿן מחותן.

יעדעס מאָל, וואָס עס טוען אַ גלי די גרויסע שטיינער פֿון זשאַנעטס לאַנגן פֿינגער אַראָפּ, פֿון דער בראָש ביים דעקאָלט, נעמט אים פֿרייש אָן אַ רציחה. בשום־אופֿן האָט ער זיך נישט געקענט אַרויסדרייען. בערמאַן האָט אים דוקא געמוזט פֿאַרקויפֿן זיינע שטיינער און גענומען אַ פּרייז האָט ער, ווי ער, דער חתן, וואָלט געוועזן אַ מלמד, נישט אַליין אַ דימענטן־הענדלער. נאָר

וואָס האָט ער געקענט טון, אַז בערמאַן האָט זיך צוגעטשעפּעט ווי אַ פּיאַווקע? אוי, האָט ער באַצאָלט! שוין איינמאָל באַצאָלט! נאָר ער האָט זיך געטרייסט. פאַרפאַלן. פאַר אַזאַ מיידל לוינט זיך אַלץ. נאָר אַ דבר־אחר איז ער, דער מחותן, אַלץ איינס. און כדי זיך נאָך מער צו טרייסטן, האָט ער געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַצירן זשאַנעטן איבער דער האַלב־נאַקעטער פּלייצע מיט די קאַלטע, טרוקענע פינגער זיינע. זשאַנעט האָט געשווידערט.

דער שדכן איז אויך אַרויסגעקומען. ער האָט היינט צוליב זיין איינע־נעם גרויסן טריומף אויסגעטון דאָס אויבער־בגד מיטן קאַראַקולענעם קעלנערל. איז געזעסן ביים טיש אין אַ גרינעם, פאַרשמאַלצענעם פראַק, מיט צוויי אָפּ־געשיילטע קנעפּלעך איבערן סאַמע שפּאַלט פון הינטן.

רחל האָט זיך אויך אויסגעפּוצט. געגלעט זיך ביים שבתדיקן שייטל, געשמייכלט כלומרשט צום חתן און אַזוי זיך געשעמט, ווי זי וואָלט עס געווען דאָס כלה־מיידל.

בערמאַן האָט זיך געגלעט ביי דער פיינער באָרד, זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווי דער אַלטער ביין נעמט נישט אַראָפּ אויף אַ רגע די האַנט פון דער טאָכטערס פּלייצע, ווי די טאָכטער פּרוווט זיך כסדר אָפּרוקן און האָט נישט וואָהין.

די איינגנטימערין פון האָטעל האָט געהאָלפן דער שיקסע אַריינטראָגן וועטשערע. אַ קליינע, אַ בלאַסע, מיט אַ פּלאַטשיק, קורץ נעזל, און אַ פּאָר העל־גרויע, ווייט אָפּגערוקטע אויגן איינס פונעם אַנדערן, מיט אַ ראָזע פּלאַס־טערל אויפן נידעריקן שטערן, צוליב אַ בלעטערל, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעצויגן, איז זי פונדעסטוועגן נישט געווען קיין מיאוסע. זי האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פונעם חתן, די איינגנטימערין — אַזאַ שידוך וואָלט זי דאָך טאַקע נייטיק געדאַרפט טון.

דער שדכן האָט זי גוט באַטראַכט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי איז אַן אַלמנה.

— הממ, הממ... זי איז אַ נישקשה'דיק ווייבל. מ'עט נאָך מיט איר אויך קענען עפּעס אויפטון.

ער איז היינט געווען זיכער, דער שדכן, אַז וואָסער שידוך ער זאָל נישט רעדן עמיצן, וועט ער אים דורכפירן.

קעגנאיבער חתן־כלה איז געזעסן שאַפּירא. ער האָט אַזש אָפּגעזויפצט

פון קנאה. — וואס געלט קען אלץ אויפטון! צוליב געלט האט ער זיך אמאל פארקויפט צו זיין „העסלעכער בהמה" און צוליב געלט פארקויפט אן אייגע־נער טאטע אזא גאלדן מיידל, אזא יינגע שיינקייט צו אזא אלטן מנובל.

מאדאם שאפירא האט מקנא געווען די כלה. — א פרוי דארף תמיד נעמען א מאן, א סך עלטער פון זיך; היינטיקע מיידלעך האבן טאקע שכל, האט מאדאם שאפירא באדויערט.

— הכלל, בלייבט עס, אז ראש־חודש אדר וועט מיט מזל זיין די חתונה! איצט לאמיר נאכאמאל טרינקן לחיים! — האט בערמאן אויפגעהויבן דאס גלעזל איבער זיין אייגענעם קאפ.

— לחיים חתן־כלה! לחיים! לחיים!

אין העטן־גארדן האט מען שוין געוווסט פון דעם שידוך. ווען בערמאן איז צומארגנס אריינגעקומען, האבן צענדליקער הענט זיך געשטרעקט לגבי דעם גליקלעכן טאטן, וואס איז איצט שוין טאפלט „פעטט".

— מזל־טוב, זאל זיין מיט גרוים הצלחה!

— אזא גליק טרעפט זעלטן! — האבן אים סוחרים מבטיח געווען.

— אז ווער זאל זיך דאס געווען ריכטן, אז רובין האלט ביי א שידוך טון! — האבן טאטעס פון דערוואקסענע טעכטער מקנא געווען.

— כ'האב געהערט זאגן, אז רובין האט אויפגעבונדן דעם זאק! — האט קופער באגעגנט בערמאנען מיט א מזל־טוב און מיט א שמייכל — די שטיי־נער זענען אייך גוט צונויץ געקומען, וואס?

בערמאן האט אויסגעגלאצט א פאר אויגן:

— ס'הייסט?

— גארנישט, דער „פאסער" האט זיי מיר געוויזן. איר ווייסטאך, אז א ליאדע פארך גיט מען נישט אזעלכע שטיינער צו „פאסן". נו, ווילן זיי מען זאל וויסן!

— זא? ער טראגט ארום מיינע שטיינער צו ווייזן! גוט צו וויסן! די באלמעלאכעס, דאס זענען פלאפלערס, גארנישטן! — האט בערמאנען פאר־דראסן, וואס קופער ווייסט, אז ער האט פארקויפט דעם חתן זיינע שטיינער.

— מזל־טוב אייך, הער בערמאן! השם־יתברך זאל העלפן, אז דער שידוך זאל עולה־יפה זיין. איר זאלט אם ירצה השם האבן גרוים נחת פון דער

בת־יחידה אייערע! — האָט זיך דער אַלטער ר׳ מרדכי צוגעזעצט צו בער־מאַנס טישל.

בערמאַן האָט געשמייכלט.

— ער מיינט מסתמא, אַז אָט נעם איך אַרויס דעם טייסטער און צייל אים אויס נאָך אַ פֿינפֿער! דער אַלטער „פּאַסקודניאַק!"

ווען דער חתן איז אין עטלעכע טעג אַרום אַריין אין העטן־גאַרדן, האָט זיך איבערגעחזרט ס'אייגענע. הענט און מזל־טוב'ס און באַהאַלטענע שמייכלעך און נישט־דערזאָגטע וויצן.

רובין האָט געשיינט.

— זאָלן זיי פּלאַצן! זענען דאָך דאָ פֿאַראַן אַ סך יינגערע סוחרים פֿון אים, רובינען, וואָס האָבן שוין איצט צעיורענע ווייבער, אָפּגעבליאַקעוועטע, אַלטע ווייבער און ער, רובין, אַזאַ מיידעלע.

די דיאַמענטערס דיקע ווייבער האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה מער פֿון דער מחותנתטע. איינע האָט געוואָלט די אַנדערע איבערשטייגן, זענען זיי גאַנצע טעג אַרומגעקראָכן איבער די וועסט־ענד־ער געשעפֿטן.

די מלחמה האָט שוין איצט געהאַלטן אין פֿולן ברען. יינגעלייט, מיטל־יעריקע און אפילו עלטערע מענער און צווישן זיי אַ סך יידן, האָבן באַלאַגערט די רעקרוטן־ביוראָען, פֿרייוויליק אָנגעבאָטן זייער דינסט, „פֿאָר קינג ענד קאָנטרי". גאַנצע טעג האָבן זיך געשלעפּט איבער די גאַסן שורות רעקרוטן אין אוניפֿאָרמען, די שלאַנקע פֿיס אַרומגעבאַנדאַזשירט מיט כאַקי־בענדער. די געקאָוועטע שיך — ניי און גלאַנציק. אין די אויגן — אַ סודותדיקער גלי, אַ גלי פֿון נצחון, פֿריש און פֿריילעך, ווי זיי וואָלטן צו אַ באַל געגאַנגען, האָבן זיי ריטמיש אונטערגעקלאַפּט מיט די שווערע טשוועקעס, לוסטיק אונטערגע־זונגען:

„איטס אַ לאָנג וויי טו טיפּערערי"...

קריסטלעכע און יידישע פֿרויען און מיידלעך האָבן גאַנצע טעג שפּאַ־צירט אויף די טראָטואַרן, מיט דרך־ארץ און נייגעריקייט נאָכגעקוקט די זעל־נער אויף דער ברוק. עלטערע ווייבער האָבן זיי פֿרום אַ ברכה צוגעוואָרפֿן, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן צום הימל געקוקט, מיט דינע ליפּן געמורמלט, געבעטן גאָט ער זאָל באַהיטן און באַשיצן די „באָיעס". מיידלעך האָבן זיי

לופֿט־קושן צוגעוואָרפֿן, די זעלנער האָבן זיי מיט די הענט אויפֿגעכאַפּט, זיך אַליין אין די פֿלאַבן אריין געקושט, העכער נאָך צעזונגען זיך:

איטס אַ לאָנג ווייַ טו גאָ...

דער הימל איז שוין איצט אַביסעלע העכער געוואָרן. דורך שווערע וואָלקנס דאָ און דאָרט אַ שטיקל בלוי געוועב דורכגעלאָזט. אין ווינטיקע טעג גאַנצע שטיקער אויסגעברייטערטן הימל באַוויזן און די זעלנער האָבן אַלץ מאַרשירט.

רחל מיט דער טאָכטער האָבן געלאָזט שטיקער זיידנס אָפּשניידן, סאַמעט און שיפֿצן. בערמאַן האָט אַלץ באַקוקט, אַלץ אָפּגעשאַצט. ביים איינקויפֿן פֿוטערוואַרג איז ער אַליין מיטגעגאַנגען, נישט פֿאַרלאָזט זיך אויף די ווייבער. ס'האָט אים אַ האָר נישט געאַרט, וואָס עס גייט אַוועק אַזויפֿיל געלט.

— אדרבה, זאָל זי האָבן אַן אויסשטייער, ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר בערמאַנס איינציקע טאָכטער!

זשאַנעט האָט אָנגעטון די קליידער, געמאָסטן, געדרייט זיך פֿאַרן שפּיגל און געקוואָלן. צוליב איר שטאַרקער ליבשאַפֿט צו קליידער, האָט זי פֿאַרגעסן אין איר מצב, אינעם חתן, אין אַלץ. זי איז געשוווּמען צווישן זייד און אַטלאַס. זי האָט אויפֿגעהויבן די הענט, צושפּרייט זיי ווי צום פֿליען, דער זייד האָט אַ שימער געטון און אין דער זייט האָט אַ שטאָך געטון. זי האָט צום ערשטן מאָל דערפֿילט אַן איבלקייט, זי האָט זיך פֿאַרהוסט און גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל. די אויגן זענען איר שיעור פֿון די לעכער אַרויס. ס'האָבן זיך גענומען גיסן פֿון זיי טרערן. דאָס קלייד איז פֿאַרפֿלעקט געוואָרן.

— זשאַנעט, וואָס איז, ביסט חלילה קראַנק?!

— כ'בין!... — איידער זי האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, האָט זי שוין ווידער געבראָכן.

ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי אויסגעזען גרין און אָפּגעצערט, ווי זי וואָלט אין משך פֿון די עטלעכע מינוטן פֿון גאַנצע פֿאַרלוירן.

רחלען איז פֿאַרבייַ אַ מחשבה.

— טפֿו זאָל עס ווערן! זינט דוד איז אַוועק, זעט זי נאָר בייזע ווינטן אַניאָגן זיך אויפֿן הויז. מען טאָר גאָרנישט אַזוי. מען קען חלילה מיט די בלויזע מחשבות דערנענטערן אַ צרה.

און פֿאָרט האָט זי כסדר געזען עפּעס אַן אומגליק רוקן זיך, רוקן זיך פּאַמעלעך, ווי אַ בייזע שלאַנג.

— טפֿו, טפֿו! — און שווער אויפֿן האַרץ איז ווייטער.

און הגם זי האָט די מחשבות פֿאַרטריבן, ווי אַ הונט פֿאַרטריבן זיי פֿונעם מידן קאָפּ, האָט זי אַליין נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, פּלוצלונג זיך געגומען פֿרייען, וואָס די טאָכטער האָט חתונה, בדאי מיטן אַלטן רובין.

אין גרויסן, ליכטיקן זאַל האָבן פֿונעם געוועלבטן סופֿיט אַראָפּ געהאָנגען טונקל־געלע שיסלען מיט עלעקטריש ליכט. שטיל און באַשיידן האָט זיך דאָס ליכט געגאָסן איבער די לאַנגע, ווייסע טישטוכער, איבערן גלאַנציקן פּלאַטין, און די וואַזעס בלומען אויף דער גאַנצער לענג פֿון די טישן. איבער די אָנגעפּודערטע, ווייבערישע פּנימער, איבער די נאַקעטע אָרעמס, האַלבע ברוסטן און גאַנצע פּלייצעס — העלער געמאַכט הפקר׳דיק אַנטבלויזט לייב. אויפֿגעוועקט דאָס פֿייער אין אויערינג, בראָשעס, בראַסלעטן, און אַלעראַליי שמאָכטעס. ווייסער געמאַכט די גאָרסן, מיט די קראַוואַטן און שוואַרצער געמאַכט די פֿראַקן, די זיידענע און פּאַפּירענע יאַרמולקעס אויף שפּיץ קעפּ.

זשאַנעט מיטן חתן זענען געשטאַנען בײַ דער ברייטער טיר, אויפֿגענומען געסט, געשמייכלט צו זיי, געקושט זיך מיט זיי, ווייטער געשמייכלט, ווידער געקושט זיך.

דער עולם איז שוין פֿאַרטיפֿט אין דער אכילה. זשאַנעט זיצט אַן איינגעשנורעוועטע אין קאָרסעט און קלעמט די ליפּן, כדי נישט אויסצוברעכן וואָס זי האָט געגעסן פֿאַר צען יאָרן נאָך.

די פּאָרלעך זענען שוין אַריין אין טאַנץ־זאַל, האָבן זיך געדרייט. די מוזיק האָט געשפּילט, מגושמדיקע מאַנסביל האָבן געגראָבן פֿעטע פֿינגער אין נאָך־פּעניזערע, ווייבערישע פּלייצעס, בחורים האָבן געמאָסטן טאַליעס פֿון שלאַנקע מיידלעך.

און פּלוצלונג — פּליוך! די כלה האָט נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין אַ זייטיקן חדר און האָט אינמיטן זאַל געבראָכן מיט דער גרינער גאַל.

די מוזיק איז פֿאַרשטומט געוואָרן, די פּאָרלעך זענען געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט. הענט אַרום טאַליעס, אויף פּלייצעס.

אַ רגע נאָר האָט די שטיינערנע רואיקייט געדויערט. באַלד איז אַלץ

געגאַנגען קאַראַהאַר, די געסט האָבן געטומלט. רחל האָט פֿאַרבראַכן מיט די הענט, דער חתן איז געוואָרן ווייס ווי דער טויט. דער רעכטער פֿוס האָט זיך ביי אים געגומען טרייסלען, ווי ביי אַן אַלטיטשקען. פֿון אַלע זייטן האָט מען געטראָגן וואַסער, עסיק, לימענע, שטולן. רחל האָט געפֿילט, אַז אָט־אָט און ס׳וועט זיין אַ נייע סצענע. זי אַליין וועט אַוועקפֿאַלן. די פֿאַר־בייגעפֿליוגענע מחשבה דעמאָלט איז איר איצט געווען קלאָר און נאָר דער געוואַלטיקער פּחד פֿאַר דער שאַנדע האָט זי דערהאַלטן אויף די פֿיס.

איין בערמאַן האָט זיך נישט פֿאַרלוירן. אַ בלייכער, איז ער אַריינגעקומען פֿונעם עס־זאַל, וווּ ער מיט נאָך יידן בני־תורה האָבן נישט געטאַנצט, נאָר זענען געבליבן זיצן אַרום די טישן און האָבן געשמועסט. אינעם נייעם שוואַרצן פֿראַק, מיטן געפּרעסטן, ווייסן, גלאַנציקן האַרץ, מיט דער פֿיינער, לאַנגער באָרד, האָט ער אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע אין זיין פּאַמעלעכן דער־נעענטערן זיך צו דער שטול, וווּ די כּלה איז געזעסן.

ס׳איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז מען טאָר זי נישט לאָזן פֿאַסטן! ווייסטאָך, אַז ס׳איז תּמיד ס׳אייגענע! איז זי דאָך אָבער אַן איינגעשפּאַרטע,—האָט ער פֿאַטערלעך אַ גלעט געטון דער כּלה איבערן ווייסן טויל, איבערן קאָפּ און גערעדט צו רחלען:

— נו, מילא, אין איר חופּה־טאָג, אַז זי האָט דווקא געוואָלט — האָט ער ווייטער גערעדט — וועט די מצווה זיין טאָפּלט גרויס — האָט ער זיך אַפילו צעשמייכלט...

ווייבער האָבן אויפֿגעהערט איבערקוקן זיך, די כּלה אַליין האָט שוין איצט אויך געשמייכלט. דעם פֿאָטערס זיכערקייט האָט איר אויך אַ זיכערקייט גורם געווען. די ווערטער זיינע האָבן איר געשטאַרקט, באַפֿרייט פֿונעם שרעק־לעכן געדאַנק, אַז ס׳קען נאָך וועמען איינפֿאַלן. זי האָט זיך צוריק אָנגעפֿור־דערט, פֿאַרוואָרפֿן דעם שלייער, די רעשט פֿון דער חתונה איז צוגעגאַנגען כּשורה.

הגם בערמאַן אַליין האָט זיך נישט בלויז אָנגעשטויסן, נאָר ער האָט שוין געוווּסט, האָט ער געברענט רחלען דאָס אָרט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען די כּלה. ער האָט גענומען פיניקן דאָס ווייב, זי זאָל זען אַרויסקריגן ביי דער טאָכטער דעם גאַנצן אמת.

רחל האָט זיך געאַמפּערט, אפשר איז זי טאַקע עפּעס קראַנק געווען. ווי קען זי איר אַרויסזאָגן אַזאַ חשד? זי עט דאָך איר מיט הייסע וואַסער אַפּגיסן. נאָר רחל האָט אומזיסט מורא געהאַט. אַנשטאָט מיט הייס וואַסער, האָט איר די טאָכטער מיט הייסע טרערן אָפּגעגאָסן, געבעטן זיך ביי דער מוטער זי זאָל איר העלפן, זאָגן וואָס צו טון.

ווען רחל איז אַהיימגעקומען, האָט זי זיך אין די קליידער אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין, און זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז זי האָט שוין נישט געהאַט מער קיין טרערן.

בערמאַן איז אַהיימגעקומען פון העטן־גאַרדן, פולע קעשענעס מיט מזל־טובֿ'ס, מיט ברכות און אַ פול האַרץ מיט שטיינער. דאָסמאָל פּראָסט־פּשוטע שטיינער, נישט קיין בריליאַנטן.

וואָס וועט זיין, אַז זיין חשד וועט זיך אויסלאָזן אַ באַגרינדעטער? וועט ער האָבן אַן אייניקל פון אַ גוי. און ווער ווייסט אין וועלכן חודש זי איז. און וואָס וועט דער אײדעם זאָגן? וואָס וועט די וועלט זאָגן? פאַרט האָט ער נאָך געהאָפט, אַז רחל וועט אים באַגעגענען מיט אַ געלעכטער, זי וועט זיך אפילו גוט אָנבייזערן אויף אים און דאָסמאָל וועט ער בלייבן דער נאַר.

דערזעענדיק רחלען אין בעט, אין אָנטון, אפילו דעם מאַנטל האָט זי נישט אויסגעטון, האָט אים אַ שניידנדיק פּרעסטל פאַרשטייפט. דערנאָך האָט ער אויפגעציטערט, ער האָט געגומען וועקן ס'ווייב.

רחל האָט ברייט צעעפנט די אויגן. עטלעכע רגעס געקוקט אויפן מאַן, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט, געגומען רייבן זיך די רויטע אויגן.

— נו, קום שוין אַרויס דערמיט! נו, קום, קום!

רחל האָט אַלץ געריבן די אויגן. איין באַק איז ביי איר געווען רויט ווי פייער, די אַנדערע — בלייך ווי דער טויט און צעקנייטשט. אַלע יאָרן האָבן זיך איר אַרויסגערוקט — אינעם משך פון די עטלעכע שעה — אויפן פּנים.

רחלען האָט מען תמיד געהאַלטן פאַר אַ סך ייִנגער, ווי זי איז באמת געווען. איצט איז זי געווען אַן אַלטע ייִדענע.

— ניין, ניין, איך וועל שוין פון מיינע בענקאַרטעס קיין נחת נישט האָבן! ווי, אַז עס איז אַ שמחה, פרייט מען זיך, ביי מיר — וויינט מען. אויס־געהונגען האָבן זיי געדאַרפט ווערן אין דיין בויך, אויסגערונען האָסטו גע־

דאַרפֿט ווערן, איידער כ׳האָב דיך דערקענט. די נכפה זאָל איר טרעפֿן אויפֿן אָרט. זי זאָל מיטן ממזר צוזאַמען איינגעמען אַ מיתה משונה. נאָך היינט. היינט נאָך! און „ער" זאָל נישט דערלעבן אַהיימצוקומען, אַ קויל זאָל אים דאָרט אַוועקלייגן! — האָט בערמאַן געשאָלטן און האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ יידינע.

רחלס אויגן זענען געווען טריב. זי האָט כמעט נישט געזען אויף זיי. אַלץ אַרום איר איז געווען פֿינצטער. זי האָט בלויז געהערט דעם אויסגוס פֿון בערמאַנס קללות אויף זיינע אייגענע קינדער, אויף דודן, געהערט אים כליפּען.

זשאַנעט האָט נישט גערוט, אָבער אַלע האָבן זיי געהאַט איין ענטפֿער, די דאָקטוירים:

— מען גייט זיצן!

האָט זי געפּרוּווט כאַפּן אַ שמועס מיט יינגע ווייבלעך מכוח דעם, אַז ס׳איז נישט גוט צו האָבן קיין קינד באַלד נאָך דער חתונה, מען דאַרף פֿריער לעבן אַ גוטן טאָג — האָט זשאַנעט געהאַלטן... ס׳מאַכט אַ תל פֿון דער טאַליע.

די ווייבלעך האָבן מסכים געווען מיט זשאַנעטן, איר געלערנט ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן. זי האָט געטון אַלץ אין דער וועלט, נאָר עס האָט נישט גע־האָלפֿן. אַ שטיק אייזן וואָלט זיך צעגאַנגען און ס׳קינד ביי זשאַנעטן אין בויך איז זיך געלעגן, ווי נישט אים, אָדער זי מיינט מען. און דאָ רוקט זיך די צייט און ס׳וועט איר אויסקומען געלעגן צו ווערן כאָטש זעקס חדשים נאָך דער חתונה.

זי האָט איבערגערעדט מיט דער מוטער. האָט די מוטער אַ קוק געטון אויף איר מיט אַזעלכע אויגן, אַז זשאַנעטן האָבן אָנגעהויבן אַרומקריכן ווערים אונטער דער הויט.

נאָר גאָר אומגעריכט האָט די דינסט מערי באַפֿרייט איר באַלעבאָסטע, די עלטערן, דעם מאַן און די גאַנצע וועלט פֿון אַ גרויס אומגליק... זשאַנעט האָט איר געזאָגט, אַז זי אַרבעט פֿויל און געזאָגט האָט זי עס מיט גוטן, מחמת זי איז ביי זיך געווען געפֿאַלן, זשאַנעט. און איז צוליב דעם געווען גוט צו דעה דינסט. האָט איר די דינסט צוגעזאָגט, אַז אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום וועט זי אַרבעטן ווי אַ פֿערד, זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ס׳איז צוליב דעם, וואָס זי איז אָקאָרשט אַרויס פֿון קליניק.

אסתר קרייטמאַן

— וואָס איז דיר דען? — האָט זשאַנעט געפרעגט.

— יעצט איז מיר שוין גאָרנישט — האָט די דינסט אָפּגעזיפצט און האָט, ליגנדיק אויף דער פאָדלאָגע, מיט אַ באַרשט אין איין האַנט און אַ שטיקל רויטן קאַרבאָל־זייף — אין דער אַנדערער, דערציילט דער באַלעבאָסטע, אַז דער „באָי“ אירער האָט זי איבערגעלאָזט אין דריטן חודש און האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, ר'האָט נישט געהאַט צו פרעסן, דער אָרעמער טייוול, האָט ער זיך אַנגעשלאָסן—און מיך האָט ער איבערגעלאָזט אָט אַזוי־אַ! איז וואָס האָב איך געקענט טון? האָב איך געמאַכט אַן אַבאָרט — האָט דאָס דינסט־מיידל זיך פאַרענטפערט און האָט אַריינגעלאָזט אַ טרער אין דער מידלינע.

זשאַנעטן איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

— און האָסט עס טאַקע געמאַכט?

— כ'האָב געמוזט!

— ווער טוט עס, מערי?, זאָג מיר, טייערע — איז זשאַנעט אַריין אין איינע פון אירע ליבעס־אַנפאַלן און גענומען קושן די דינסט, ווי אַמאָל — דעם טאַטנס באָרד.

מערי האָט געמיינט די באַלעבאָסטע איז פּלוצלונג משוגע געוואָרן.

— מערי, קריגסט צוויי פונט פאַרן אַדרעס!

— ס'איז נישט לעגאַל, איך טאָר נישט!

— מערי כ'על זיין שטיל ווי דער טויט, קיין לעבעדיקער מענטש וועט נישט וויסן! גיב אַהער, גיך!

און זי האָט געשטופּט דער דינסט צוויי גאַנצע פונט אין דער האַנט אַריין. מערי האָט געציטערט און געגעבן.

— כ'וואָלט עס נישט געטון! — האָט זיך מערי אַלץ פאַרענטפערט — ווען די מאַמע וואָלט עס געקענט אָפּהיטן, ס'קינד, אָבער די מאַמע גייט אַרויס וואַשן פאָדלאָגעס, דער טאַטע האָט זיך אויך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, איבערגעלאָזט דער מאַמען מיט די קינדער און איז אַוועק, איז וואָס האָב איך געקענט טון? אַז זיי זענען אַלע „משוגע געוואָרן“.

זשאַנעט איז אַוועק מיט דער דינסט. דער „קליניק“ איז געווען אַ מיטל־יעריקע פרוי, מיט אַ געראָנצלט פּנים, אַ קאָפּ דינע, גרויע האָר און אַ מאָדנע

אומהיימלעך גלענצל אין די אויגן. תחילת האָט די פֿרוי נישט געוואָלט הערן און געדענקען. זשאַנעטס פֿוטער־מאַנטל האָט איר געשראָקן.

זי גיט זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט אָפּ! — האָט זי פֿאַרזיכערט.

נאָר זשאַנעט האָט אָנגעבאָטן אַזאַ פּרייז, אַז די פֿרוי האָט מסכים געווען. זשאַנעט האָט באַשטעלט די גויה צו זיך.

ווען רובין איז אויפֿדערנאַכט אַהיימגעקומען, איז זיין יינג ווייבל געלעגן אין בעט. דער דאָקטער, וואָס די גויה האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, האָט דערקלערט רובינען, אַז די פּאַציענטקע האָט געחלשט. איצט איז די סכנה פֿאַראיבער, נאָר זי מוז כסדר רוען, למען השם נאָר נישט אַרויס פֿון בעט.

רובין האָט נישט פֿאַרשטאַנען:

— אַזאַ יינג קינד?

ער האָט געכאַפּט אַן אויטאָמאָביל און איז געלאָפֿן אָנזאָגן שווער און שוויגער מכוח דער קראַנקהייט.

בערמאַן האָט געכאַפּט אַ בליק אויף רחלען, אַ זאָג געטון:

— זאָל זי...

געוואָלט נאָכאַמאָל אַרויס מיט דער תוכחה, זיך גיך באַרעכנט און איז מיט רחלען צוזאַמען מיטגעפֿאָרן מיטן איידעם צו דער קראַנקער טאָכטער.

זשאַנעט האָט אויסגעזען בלאַס און אָפּגעצערט און מיד. שטאַרק מיד. די דינסט מערי האָט זי באַדינט, כסדר געשטעקט די צווייער־שילינגס און די האַלבע קראָנען, מיט וואָס די באַלעבאָסטע האָט איר געפּאַשעט, אין בוזים אַריין און האָט געשוויגן.

אַ מידע, האָט זי געקוקט אויף טאַטע־מאַמע, זשאַנעט, אַ מידע, האָט זי געשמייכלט צום מאַן.

— הכלל, אַלץ איז אַריבער בשלום! הייסט עס. אָבער די נפקא איז סיי־ווי נישט מער מיין קינד. כ׳וויל פֿון איר נישט וויסן. אַזאַ — אַזאַ — האָט בערמאַן אַזש געציטערט פֿון געמישטע געפֿילן, ווען ער איז אַהיימגעקומען.

רחל האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פֿון דער טאָכטער, זי איז ווי אַ מאַמע געקומען יעדן טאָג, אָפּגעהיטן אַגר אין דער צייט פֿון דער קראַנקהייט. אַרומגעדרייט זיך איבער זשאַנעטס רייכע שטיבן און געשפּיגן, געשפּיגן און געוויינט, נישט אויפֿגעהערט וויינען.

זשאַנעט שמייכלט מיד און צוגעלאָזט — צום מאַן. זי לאָזט זיך פֿון אים קושן הונדערט מאָל אַ מינוט, ווישט אפילו נישט אָפּ די ליפּן מיטן הענטל. זי איז נאָך אַלץ אַזוי ליב און גוט צו אים, ווי באַלד נאָך דער חתונה. מיטן חילוק, וואָס באַלד נאָך דער חתונה האָט זי זיך באַמיט צו האַלטן דעם אַלטיטשקין אין איין גרויסן טראַנס און איצט האָט זי אים שוין לגמרי נישט צוגעלאָזט צו זיך. זי האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן תירוץ.

— דער דאָקטער זאָגט, אַז זי מוז למען־השם זיין אָפּגעהיט.

רובין האָט געגלויבט און געקרעכצט. אַזויפֿיל יאָרן געוואַרט אויף אַ פֿרוי און איצט, אַז ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַזאַ הון רב, האָט ער ווידער נישט קיין ווייב. נאָר ער האָט געהאָפּט, אַז עס וועט איר בעסער ווערן, דערווייל האָט ער זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער האָט אַ היים און אַ געטרייע, ליבע פֿרוי. יעדן איינעם אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זשאַנעטס געטריישאַפֿט. רובין וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגער, קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיך, איז פּלוצלונג געוואָרן בערעדעוודיק.

— איר הערט, כ׳האָב לאַנג געוואַרט און גוט געטראָפֿן! הערט נאָר אַ געטריישאַפֿט: כ׳קום אַהיים, טרעף איך מיין פֿרוי אין בעט און זי זעט אויס, אַז כ׳בין שיעור אַליין נישט אַוועקגעפֿאַלן, ווען איך האָב זי דערזען. טענה איך מיט איר: גזלן, פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט געשיקט רופֿן? כ׳וואָלט דאָך די מינוט אַהיימגעפֿלויגן. שמייכלט זי ווי אַ קינד מיט אַזויפֿיל גוטסקייט אין די אויגן, אַז ס׳האַרץ צעגייט און ענטפֿערט מיר: קינדעלע, כ׳האָב דיך נישט געוואָלט איבערשרעקן. איך בין גאָר איר קינדעלע! אַז היינטיקע צייטן גיבט גאָר אַזוינס נישט! קיין ברעקל עגאָאיזם און דאָס איז אַ בת־יחידקע ביי טאַטע־מאַמע. היינטיקע ווייבער ווייסן נאָר אַרומצולויפֿן גאַנצע טעג, פֿרעסן, נאַשן, פֿלירטעווען. אַז זיי זענען געזונט ווי די פֿערד, פּיעשטשען זיי זיך אויך, לויפֿן צו דאָקטוירים. און דאָ ליגט אַ פֿרוי קראַנק און שיקט נישט נאָכן מאַן, ווייל אים נישט איבערשרעקן. אַ יינג קינד — ווייסט עס נאָכנישט פֿון די אַלע שמד־שטיק, ווייסט עס, אַז אַ מאַן דאַרף מען אָפּהיטן, אַזוי ווי אונזערע מאַמעס האָבן געטון.

קאַפּיטל 31

ליביש אַרבעט שוין לאַנג נישט ביים ייד, וואָס קען זיין אַ בעל־קורא. ער אַרבעט אין אַ גרויסער פֿאַבריק אין דער „וועסט ענד״, ער איז שוין איצט אַ פּרעסער, נישט קיין אונטער־פּרעסער. די פֿאַבריק גייט אויף רעדער. גאַנצע טעג קלאַפּן און עס ציטערן די עלעקטרישע מאָטראָן און מיט זיי — די צוויי לאַנגע רייען מאַשינען אינעם לאַנגן, אָפּגעשיילטן זאַל. עס פֿליען די צעשטאָכענע אויסגעקרימטע פֿינגער ביי די מיידלעך, עס גלאַנצן שפּיציק די נאָדלען אין זייערע הענט, בשעתן באַנייען די גרינלעכע בריטשעס פֿאַר די זעלנער. דער אויפֿזעער טרייבט אונטער.

— גיכער, נאָר גיכער! שאַט נישט, אַז מ׳עט דורכאויסאַרפֿן־אָגובזגעוודו גיט ער זיי אָן ווערטער צו פֿאַרשטיין. — דער עיקר, גיך, נאָר גיך! נישקשה, מען קען אין אַזעלכע בריטשעס אויך ליגן אין די „טרענטשעס״, דער עיקר איז וואָס מער בריטשעס אויפֿנייען.

טרייבן די מיידלעך די נשמות פֿון זיך אַרויס, זינגען אונטער סענטימענטאַלע און כלעריי אויסגעלאַסענע מלחמה־לידלעך, כדי צו פֿאַרטרייבן די מידקייט פֿון די הענט, פֿון די גופים, איבערצושרייען דאָס געקלאַפּעריי פֿון די מאַשינען, פֿון די שווערע פּרעס־אייזנס, וואָס האַלטן אין איין געבן טעמפּע קלעפּ און שפּרייטן אַ פֿייכטע פּאַרע איבערן זאַל. פֿליען זיי מיט די נאָדלען איבער דער אַרבעט און דערציילן זיך אָן מעשיות, פֿון פֿלירטעוועץ אין די אָוונטן מיט זעלנער ביי די ווענט, ווי הינט און אין הייד־פּאַרק, אויפֿן גראָז און זיי לאַכן און זיי וויצלען זיך און זיי שעמען זיך נישט אַ האָר. עפּעס ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַזויערנאָך אויסלעבן זיך, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ רעכט דערצו, מחמת סיי ווי ווי וועלן זייערע חתנים אויסשטאַרבן אויף די שלאַכט־פֿעלדער און זיי דאָ וועלן פֿאַרבלייבן אַלטע מיידן. קליינוואַרג וועט אונטערוואַקסן, וועט חתונה האָבן, נאָר זיי די וואָס נייען איצט בריטשעס, אפשר פֿאַר אָן אייגענעם חתן, געהרגעט צו ווערן אויפֿן פֿעלד — וועלן בלייבן עלנט.

זינגען זיי און לאַכן און וואַרפֿן צו נאָך אַ פּאָר הויזן צום ריזיקן באַרג שוין באַנייטע, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע אין מיטן זאַל און וואַרט אויפֿן פּרעס־אייזן. און לעבן דעם באַרג ליגט נאָך אַ באַרג שוין געפּרעסטע, ווו

לייביש מיט זיינע חברים לייגן צו נאָך אַ פּאָר שוין אויסגעפּרעסטע, גרייט פֿאַרן אויפֿזועער צו באַקוקן און זאָגן צו זיך אַליין:

— נישקשה, מען קען אין זיי אַזוי אויך „פּייטן“. נאָר גיכער!

אַרבעט מען און מען זינגט און מען לאַכט און עס הילכן די מאַשינען און עס פּאַרטויבן די פּרעס־אייזנס און עס שלענגלט זיך אַריין אינעם גאַנצן געדרודער דאָס מיידלשע געזאַנג:

— „איי וואָנט סאַם לאַוו דזשאַסט רייט נאַו“...

אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער, לייביש. אין די אָוונטן גייט ער אויף קורסן לערנען זיך ענגליש. דער לערער פֿרייט זיך מיט אים. ער איז דער בעסטער שילער אין קלאַס. ווי נאָר ער זעט אים אַריינקומען אינעם קאַלטן גרינעם זאַל, מיט די משונה'דיק־הויכע, געקראַטעוועטע פֿענצטער, טוט ער גלייך אַ שאַר־פֿונאַנדער די צוויי ליפּן. אויפֿן אַרט פֿונעם שפּאַלט אין פּנים, באַווייזט זיך אַ מויל, אפֿילו ציין.

— גוטנאָוונט, מיסטער ברוקנער! איר זענט היינט ווידער פֿרי!

לייביש איז צופֿרידן און ער שעמט זיך ווי אַ קינד.

— וועלל, ס'איז נישטאָ וואָס אַזוי צו טון, כאַפּט מען זיך אַריין. — זעצט זיך לייביש אַוועק ביי איינעם פֿון די לאַנגע טישן, וואָס שטייען כמעט אַלע ליידיק.

דער לערער גרייט אָן די ביכער, די העפֿטן, נאָר עס איז נישטאָ מיט וועמען אָנצוהויבן. לסוף קומען זיך אָן עטלעכע פּליטים, אַלץ עלטערע מענטשן, יינגוואַרג האָט עפּעס בעסערעס צו טון אין די אָוונטן... דער זאַל איז כמעט ליידיק. די לאָמפּן — אַלע אָנגעצונדן, ברענען העל אונטער די גרינע, בלעכערנע אַבאַזשורקעס, ווי אין אַ שפּיטאָל.

די לעקציע הויבט זיך אָן. ס'איז אַזוי פּשוט דאַכט זיך, וואָס איז דאָ נישטאָ צו קענען?

„איי רעמעמבער, איי רעמעמבער,
אין די האַוז ווער איי וואַז באָרן...“

פֿאָרט קענען זיי זיך עס בשום־אופֿן נישט אויסלערנען פֿון אויסנווייניק. אָט הויבט עמיץ אָן, די ערשטע ווערטער האָט ער דאַכט זיך, ווייטער גייט עס נישט. אָט־אָט, נאָר ס'וואָרט פֿליט אַוועק ווי אַ פֿויגל, ווען מען האַלט אים שוין ביים כאַפּן.

לייביש איז דער איינציקער אין שולע, וואס קען שוין באלד ענגליש. ער איז אויסגעקאכט אין דער פאליטיק, לייענט מיט דער הילף פון א ווערטערבוך אלע ענגלישע צייטונגען. צוקריגן זיך יידן אין האטעל, איבער פאליטיק, קוקן זיי זיך ארום און זוכן לייבישן.

— א שאד מיסטער ברוקנער איז נישטא! ער וואלט אייך באלד געזאגט, אז איך בין גערעכט — איז יעדער איינער זיכער, דאס לייביש וואלט געזאגט, אז נאר ער און נישט דער צווייטער, איז גערעכט.

נאר מיסטער ברוקנער איז קיינמאל נישטא. ער לערנט זיך, ער ארבעט, ער טראכט. האלט לעצטנס אין איין טראכטן.

האט ער אמאל צייט, שפאצירט ער ארום איבער די גאסן, מעסט אויס היידפארק ווי גרויס ער איז. ער האט אים ליב, דעם היידפארק, וואס ליגט א ריזיקער, א צעבראסטעטער אין דער סאמע רייכסטער געגנט פון לאנדאן, ליגט ווי א באלעבאס א שליאך, ביי זיך אין דער היים, ס׳גאנצע פארמעגן צעווארפן. אן שום סדר שטייען דא די בענק, ווי אוועקגעווארפענע. און די שטולן שטייען דא אויך נישט ווי אין אנדערע פארקן, מיט קיין סדר און אין שורות, נאר צעווארפן, צעשיט. און דיביימער וואקסן דא אויך אזוי: ווו עס געפעלט זיי, דארט וואקסן זיי — דא א בוים, דארט א בוים. דא א ריזיק שטיק ליידיק פעלד, אונטער א גרויעם, שטאלערנעם הימל אין ווינטערדיקע טעג, און דיק באלאגערט מיט מענטשן, — אין זומערדיקע טעג, מיט יינגעלייט און מיידלעך, וואס וואלגערן זיך אויפן גראז הפקר׳דיק און פריי, ווי ביי זיך אין די שלאף־חדרים. פארהילכן דעם ריזיקן שטח מיט זייער קליינגענדיק געלעכטער, וואס ציט זיך, שפרייט זיך, געפינט אן עכא אין דער ריזיקער ליידיקייט אויף שטחים ווייט, וואס ציען זיך דא אן אן אנהויב און אן א סוף. גרויס זענען זיי, די שטחים, און ברייט און ווילד. און באלד — א רייע גוט־געפלעגטע, קולטיווירטע און אפגעצוימטע ביימער, סימעטריש פארשניטענע פלאכן גראז, אונטער אייזערנע שטאכעטן, מיט אויפשריפטן: „ארייננגאנג פארבאטן” און באלד — ווידער הפקר׳דיקע צעווארפנקייט. דער הימל איז שוין ווידער ברייט, שפרייט זיך שוין ווידער ווי א זילבערנע פלאכטע, פארט־שעפעט זיך ערגעץ אין א האריזאנט.

קומט זונטיק, איז לייביש ווי אויף א יריד. באלד אינדערפרי שפאצירט ער זיך מעשה־דזשענטלמען אוועק אין היידפארק, אין „ראטן־ראו”.

אויפן לאנגן פאס צעקאפעטע ערד רייטן דאמען און הערן אין שווארצע, געפאסטע פראקן, מיט שטייפע הוטן אויף אריסטאקראטישע קעפ, מיט געלע, גלאנציקע שטיוועלעך, נידעריקע און עלעגאנטע. סיי די דאמען, סיי די הערן טראגן ברימשעס: עס איז שווער צו דערקענען ווער ס'איז ווער. מען יאגט זיך אין דער פרישער פרימארגן־לופט, אויף גלאנציקע פערדלעך, מיט דינע, געשניצטע פיסלעך, מיט באחנטע, קלוגע קעפ און דאכט זיך, לאכנדיקע אויגן. אדער מען שפאצירט זיך פאמעלעך, פערד לעבן פערד, און מען שמועסט זיך דורך און מען לאכט אזוי זארגלאז, שיין און קלינגענדיק און פריילעך, ווי ס'וואלט גאר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען.

לייביש קוקט, קוקט, לסוף טוט ער א שפיי און שפאצירט אוועק צום „משוגעים־הויז", אין עק פארק. ער הערט זיך איין און איז נישט אינגאנצן מסכים מיטן איינגעקווארטן פאציפיסט, וואס שטייט אויף א זייפן־קעסטל און רייסט זיך ממש ס'הארץ אויס. ער וויל איבערשרייען די שכנים, די רעדנער, וואס שטייען אפשר איין ארשין אפגערוקט פון אים. ער וויל מען זאל אים הערן. עס איז ביי אים א „וויכטיקער" ענין. ער שוויצט און איןביידע ווינקלען פונעם נידעריקן שטערן ווערן די אדערן אלץ מער אנגעצויגן, אלץ בולטער. די הויט ווערט ביי אים געראנצלט און רויט ווי ציגל.

אינעם הויכן, דארן העלדזיל ווערן די אדערן ווי שטריק גראב. נאר אויסזען זעט ער אוים רואיק, ער שמייכלט אפילו צו די קעגנערישע אויסרופן צווישן די פארזאמלטע, ער שמייכלט, כאפט אויף די רגע, ווען דער עולם איז ווידער רואיק, און ער רעדט ווייטער:

— צו זעט איר דען נישט אליין דעם שטות דערפון, איר וועט זיך אנשליסן אין דער ארמיי, איר וועט צעקריפלט ווערן, צעפליישט ווערן, אדער שטארבן. איר וועט מאכן אייערע קינדער פאר יתומים, אייערע ווייבער — פאר אלמנות און אפשר נאך פאר מעטרעסעס.—פון די, פאר וועלכע איר וועט זיך מוסר־נפש זיין. ס'איז דאך אן אימפעריאליסטישע מלחמה. די קאפיטאליסטן שלאגן זיך, ווילן אוועקרויבן איינער ביים אנדערן — דאס, וואס זיי רויבן אוועק פון אונדז יעדן טאג. און אונדז, די בארויבטע, שיקן זיי אויף די שלאכטפעלדער פירן זייערע מלחמות. זיי רעדן אונדז איין, אז עס איז „פאר קינג ענד קאנטרי" און אז יא — וואס גייט עס אונדז אן? וועמענס „קאנטרי" איז עס? נישט אונדזער אלנפאלס. מיר האבן א סך פונעם לאנד?

אַלץ, וואָס מיר האָבן, איז אַ רעכט צו אַרבעטן שווער און ביטער און צו הונגערן. און אַז מיר האָבן נישט קיין אַרבעט, קענען מיר אויסגיין פֿון הונ־גער. זיי נעמען אַראָפּ דעם שמאָנט פֿונעם לאַנד, שיקן זייערע קינדער אין די אוניווערזיטעטן. זאָלן זיי זיי שיקן, די הולטאַיעס, אויף די שלאַכטפֿעלדער, אויסגעהרגעט ווערן. וואָס קענען זיי אייך טון, אַז איר וועט נישט וועלן גיין? העבסטנס — איינזעצן. נו, פֿרעג איך אייך, איז דען נישט גלייכער אָפּצוזיצן די צייט פֿון דער מלחמה? דערנאָך אַהיימקומען צו ווייב און קינד אַ געזונטער, אַ פֿעיקער, אָנצוהויבן אַ לעבן אויפֿסניי. וואָס האָט איר דען איינצוּשטעלן?

ס'דערהערן זיך קולות:

— וואַרפֿט אים אַראָפּ, ער איז אַ פֿאַררעטער! ער פֿאַרראַט זיין אייגן לאַנד — ער איז אַ שפּיאָן! אַרעשטירט אים! ער וויל דער קייזער זאָל גע־ווינען די מלחמה — לינטשט אים!!!

—חברים! — שרייט פּלוצלונג אויס לייביש — פֿריינט! איין וואָרט נאָר! איין איינציק וואָרט!

נאָר דער טומל איז גרויס. פּלוצלונג שרייט עמיץ אויס:

— לאָזט אים רעדן, הערט אים אויס, ער ווייסט וואָס ער וויל!

און מען ווייסט נישט ווי אַזוי און פֿאַרוואָס, ס'ווערט פּלוצלונג שטיל ווי אין אַן אויער, און לייביש רעדט:

— פֿריינט! אַלע שרייען ס'אייגענע! פֿאַרטיידיקט אייער אייגן לאַנד! געוויס דאַרף מען זיך פֿאַרטיידיקן. מ'דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז די וועלט געהערט דעם, וואָס אַרבעט. דער, וואָס בויט איר. נאָר אַזעלכער און קיין שום אַנדערער האָט נישט קיין רעכט צו געניסן פֿון קיין לאַנד.

ס'ווערט אַ געפּאַטשעריי:

דער פּאַציפֿיסט שרייט: — נידער מיט די „וואָרמאַנגערס"!

— גייט אַרויס אין ראָטן ראָו! — רעדט לייביש ווייטער — וועט איר זען ווי געזונטע יינגעלייט יאָגן זיך אַרום אויף פֿערדלעך, שפּילן זיך מיט מייד־לעך, שעפּן פֿרישע לופֿט, ס'זאָל זיך זיי שאַרפֿן דער אַפּעטיט, וועלן זיי קענען פֿאַרשלינגען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מיר גרייטן פֿאַר זיי אָן.

דער פּאָליציאַנט הערט זיך איין. ער שמייכלט דין. ס'פֿאַלט אים אפילו

ניִשט איין, אָפּצושטעלן די רעדנער — זאָל ער רעדן, ווען עמען האַרט עס? — ער האָט ברייטע פּלייצעס, דער ענגלישער פּאָליציאַנט...

האַרט לעבן דעם איינגעדאַרטן ענגלענדער שטייט אויף אַ קליינטשיקער באַוועגלעכער פּלאַטפֿאָרמע נאָך אַן ענגלענדער, אַ פֿעטער, אַ הויכער, מיט אַ קלאָרער הויט, און אַ פּאָר רויטע באַקן. ער רעדט געלאַסן; טוט פֿון צייט צו צייט אַ וויש אָפּ ס׳פּנים מיטן קלאָרן נאָז־טיכל, טוט אַ שמייכל מיט די העל־בלויע, גלאַנציקע, געזונטע אויגן און פּרעדיקט נאַציאָנאַליזם. ער רעדט מיט אַ געזונט קול. ער ווייזט אויף, אַז עס איז אַ הייליקער חוב פֿון יעדן ווירדיקן ענגלענדער אָנצושליסן זיך אין דער אַרמיי, צו גיין פֿאַרטיידיקן זיין לאַנד.

— עס איז אייער הייליקע פֿליכט — צעוואַרעמט ער זיך אַביסעלע — צו קעמפֿן ביזן לעצטן מאַן פֿאַר אייער קעניג און פֿאַר אייער לאַנד, אויב איר ווילט זיין ווירדיק געווג, בכלל צו טראָגן דעם נאָמען ענגלענדער. גערענקט אין נעלסאָנען!

ער קוקט מיט נצחון אין די אויגן און מיט אַ שמייכעלע אַזאַס, וואָס פֿרעגט:

— אדרבה, קען עמיץ קומען זאָגן, אַז כ׳בין ניִשט גערעכט?

ווידער אַ געפּאַטשעריי, ווידער אַ „היער, היער” און אַ „נידער”.

דער פּאַציפֿיסט בעט זיינעם אַ מענטשן, ער זאָל זען מאַכן דאָרט אַ שטיקל טומל, ניִשט לאָזן דעם קאָנקורענט רעדן.

אָפּגערוקט אַביסל רעדט אַ יינגער אינדישער דאָקטער. ער שמייכלט מיטן טונקעלן פּנים, מיט די פֿולע, קיילעכיקע שוואַרצאַפּלען און אויסטערליש־קלאָרע ווייסלען. ער באַווייזט אַ מויל ווייסע, גלייכע ציין און ער פּרוווט אויפֿווייזן, אַז עס איז דער חוב פֿון אַלע גוטע אינדיער אויסצונוצן דעם מאָמענט און אָנגיין העלדיש מיטן קאַמף פֿאַר אינדיעס באַפֿרייאונג.

אַביסעלע ווייטער רעדט אַ יידישער יינגערמאַן מיט אַ פּאָר גאָלדענע פּענסנע אויף אַ דיקלעך־ווייסער נאָז. ער רעדט מער מיט דער האַנט, ווי מיט די דיקלעכע מיידליש־רויטע ליפּן. דער יינגערמאַן פּרוווט אויפֿקלערן ווי וויכטיק ס׳איז פֿאַרן כלל ישראל צו האָבן אַן אייגענעם יידישן לעגיאָן.

און ס׳רעדט אַ גלח מיט אַ קיילעכיקן, גלאַנציקן קאָלנער מכוח דעם,

אז אין אזא צייט, מלחמה־צייט, דאַרפֿן מענטשן זען גיין אַפֿטער אין קירכע אַריין.

און ס׳רעדט אַ גלחטע אין שוואַרצע קליידער, אין אַ שוואַרצן הוט, מיט אַ שוואַרץ־געראָנצלט פּנים. און ס׳רעדט איינער מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, ווייל דווקא אויפֿווייזן, אַז ער שטאַמט פֿון די עשרת־השבטים, אַז ער איז אַ ייד, כאָטש ער איז נישט קיין ייד.

— מיר — טענהט ער — זענען ערשט די אמתע יידן.

און ער נעמט זיין אָרעמע, טונקל־גרויע באָרד, וואָס גרייכט אים ביזן גאַרטל, אין ביידע ביינערדיקע הענט אַריין פֿאַר אַן עדות.

און עס רעדט מיסעס פאַנקהערסט, אַרומגערינגלט מיט הונדערטער פֿרויען און עטלעכע מענער, שטייט זי און רייסט זיך ס׳האַרץ אויס:

— מיר וועלן נישט רוען, מיר וועלן נישט שווייגן, מיר וועלן אַזוי לאַנג רעדן, אַגיטירן, נישט לאָזן רוען און אַליין נישט רוען, ביז מען וועט אונדז, פֿרויען, נישט געבן קיין גלייכבאַרעכטיקונג. אירט געזען, ווי די פֿריינדן אונ־זערע האָט זיך געוואָרפֿן פֿאַר די פֿערד, איז צעטראָטן געוואָרן כדי צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַר אונזער זאַך? אַ סך, אַ סך קרבנות זענען מיר נאָך גרייט צו ברענגען, כדי צו באַפֿרייען די פֿרויען און מיר וועלן זיי באַפֿרייען!

ס׳הערן זיך קולות:

— הייער! הייער!!!

— גוט אָלד מיסעס פאַנקהערסט!!!

קאַפּיטל 32

ס׳איז געווען אַ ווינטער פֿאַרן וואַפֿנשטילשטאַנד. אַ גאַנצן ווינטער זענען די נעפּלען געלעגן איבער דער שטאָט. טיילמאָל געלע און שיטערע, טיילמאָל — גרויע, געדיכטע, טיילמאָל — שוואַרצע ווי סאַזשע. קיין הימל האָט מען יענעם ווינטער כלל נישט אַרויסגעזען. און האָט ער זיך אַמאָל באַ־פֿרייט פֿון די נעפּלען, דער הימל, האָט ער אויסגעזען ווי אַ שווער שטיק אייזן, וואָס וועט אָט־אָט אַראָפּפֿאַלן איבער שטאָט און מענטש און אַ תּל מאַכן פֿון ביידע.

בערמאַן האָט שוין געהאַט איינגעקויפֿט אַ סך סחורה. ער האָט ביי זיך

אָפּגעמאַכט, אַחוץ גאָר זעלטענע מציאות, מער נישט צו קויפֿן. אויך נישט צו פֿאַרקויפֿן. אָפּוואַרטן און זען — האָט ער זיך געזאָגט. געזאָרגט האָט ער נישט. וואָס עס זאָל נישט געשען, ווי שטאַרק סחורה זאָל נישט פֿאַלן, האָט ער מיט זיין „וואָרע" קיין מורא נישט. נאָר לעבן ברייט טאָר ער נישט און ס'לוינט נישט.

אַ צופֿרידענער מיט דער וואַרעמער שטוב, וואָס האָט נאָך אויסגעזען וואַרעמער און באַקוועמער צוליב די כסדרדיקע שלעכטע וועטערן דרויסן, צו טון איז נישט געווען וואָס, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַרבעט פֿון אונטער דער ערד. גאַנצע אָוונטן אַרומגעדרייט זיך אין ווייסן כאַלאַט און זיך גע־פּאָרעט. ר'האָט אַליין געקאָכט די מיטאָגן אויף מאָרגן, ער האָט זיך אפילו אויסגעלערנט פֿונעם גוישקן שכן אויפֿן ערשטן שטאָק שיך פֿאַרריכטן.

האָט ער זיך איינגעקויפֿט מכשירים און זיך געפּאָרעט. אַז ס'איז נישט געווען קיין שיך צו פֿאַרריכטן, האָט ער געפּרוווט אַריינקוקן אין אַ ספֿרל אַריין. אָבער עפּעס האָט ער אין דעם קיין טעם נישט געפֿונען. אין אַנט־ווערפֿן, ווען די קינדער זענען נאָך אין דער היים געווען, מענטשן פֿלעגן קומען און גיין, און ר'האָט געהאַט טויזנט געשעפֿטן אויפֿן קאָפּ, האָט ער ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספרל סכנת־נפֿשות. עס פֿלעגט אים באַרואיקן.

איצט איז שוין צו רואיק. אַזוי רואיק, אַז מען הערט אַ פֿליג זשומען. די רגע, וואָס ער נעמט אַריינקוקן אין ספרל, ווערט דאָס גרילן אינעם שוואַרצן, אייזערנעם אויוון שטילער, שטילער. דער קאָפּ בויגט זיך פֿון זיך אַליין און עס דערהערט זיך אַ כראָפּן איבערן גאַנצן הויז. דער איינציקער איבעררייס פֿון אַזאַ געשמאַקן שלאָף אויפֿן טיש, איז אָפּט דאָס פּייפֿן און די אויסרופֿן „טעיק קאַווער".

בערמאַנען איז דאָסדאָזיקע פּייפֿן גוט באַקאַנט. ער טוט אַ רייב די אויגן, אַ שטעל אָן אַ פֿאַרחידושטן בליק און אַ רגע שפּעטער זיצט ער שוין אין זיין אויסדערוויילט ווינקל מיט ביידע הענט אין ביידע ברייטע אַרבל פֿונעם וואַרעמען שלאָף־ראָק, די ברייטע יאַרמולקע טיף אַראָפּגערוקט איבערן קאָפּ, די נאָז פֿאַרשפּיצט און בלאַס, די אויגן ווערן אויסגעקוילערט און מאַט, ווי ביי אַן אָפּגעשטאַנענעם פֿיש. דער שונא פֿאַרביי, פֿאַרטריבן. מען קען שוין ווידער אַרויפֿגיין די עטלכע טרעפּלעך פֿון קעלער אין שלאָף־חדר אַריין.

זיצט בערמאַן נאָך אַלץ אַ צערודערטער, מיט שרעק אין די שוואַרצע

אויגן, מיט אַ צעווייטיקטן גוף, ווי ס'וואָלט אים עמיץ גוט דיביינער אָנגעבראָכן. רחל וועקט אים:

— גדליהו, ס'איז אַריבער, גאָט צו דאַנק!

ער קריכט אַרויף די עטלעכע טרעפּלעך, זעצט זיך אויפֿן בעט. מיטן ברייטן, וואָלענעם טלית־קטן צעלייגט איבערן גאַנצן בויך, לייענט ער אָפּ קריאת־שמע, זאָגט מיט גרויס ערנסטקייט „ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל" און גייט שלאָפֿן.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער ווינטער. ס'איינציקע ביסעלע תענוג, וואָס איז אים נאָך איצט פֿאַרבליבן, בערמאַנען, איז אַ פֿאַרדינסטל, אַמאָל אין אַ יובל, אינדערוואָכן, און טיילמאָל אַ שפּאַציר איבער ווייטשעפּל רויד, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג. אין אַזעלכע זונטיקס האָט זיך רחל געמוזט אָנטון דעם טייערן שוואַרצן פֿוטער־מאַנטל מיטן גרויסן, ברוינעם סקאַנקסענעם קאָלנער, מיט דער ברייטער פֿוטערנער זוים אַרום, מיט די טיפֿע מאַנזשעטן אַרום די הענט. אינעם דאָזיקן מאַנטל איז איצט רחל אַרומגעשוווּמען ממש. דאָס פּנים איז ביי איר געוועזן גרוי און פּיצל. אויף די דאַרע הענט — אַ פּאָר צו לויזע ווייסע לעדערנע הענטשקעס, מיט אַ ברייטן הוט אויפֿן שייטל, האָט מען זי אַליין כמעט נישט אַרויסגעזען.

בערמאַן, אין זיין טייערן, שוואַרצן אויבער־מלבוש, מיטן גוטן ביבערנעם קאָלנער און אונטערשלאָק, מיט דער רייכער באָרד, האָט אויסגעזען ווי אַ מאַנאַרך, בשעת ער האָט אַזוי פֿאַרביישפּאַצירט צווישן אַ סך יידן און יידענעס, וואָס האָבן זיך פּונקט ווי בערמאַן אַרויסגעלאָזט איבער דער ברייטער גאַס, אויף אַ זונטיק־נאָכמיטיקדיקן שפּאַציר.

עפּעס האָבן די אַלע יידן, ברייטע, פּעט־בייכיקע, מיט גוטע ווינטער־מאַנטלען אויף מאַסיווע גופים, אויסגעזען וואָכעדיק אין פֿאַרגלייך מיט בערמאַנען.

בערמאַנס מאַנטל איז געוועזן פֿאַרקנעפּלט, זייערער — אָפֿן. פֿון די בייכער אַראָפּ האָבן אַראָפּגעגלאַנצט דיקע קייטן מיט נאָכבאָמבלענדיקע, גאָלדענע מטבעות, אַ טייל — מיט מגן דודס. פֿון די ברייטע קראַוואַטן האָבן אַראָפּגעגלאַנצט דימענטענע שפּילקעס, פֿון די קלעצלדיקע פֿינגער — דיקע, גאָלדענע סיגנעטן. פֿאַרט האָט זיי געפֿעלט דער שטעמפּל פֿון עשירות. עפּעס האָבן זיי אַלע אויסגעזען ווי אויפֿגעקומענע קבצנים, וואָס ווילן זיך באַווייזן מיטן פֿאַרמעגן. אפילו די ווייבער מיט די הויכע גורדערס, אויך אין

שוואַרצע פֿוטער־מאַנטלען, אויך באַנייטע מיט סקאָנקס, וואָס האָבן זיך גע־וויגט אויף דיקע פֿיס און צו־ענגע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן, געהאַלטן די הענטשקעס אין די הענט, כדי נישט צו פֿאַרשטעלן די דיקע רינגען אויף די אויסגעהאָרעוועטע פֿינגער, וואָס זענען געווען צעשעקעט פֿון אַ סך קאַר־טאָפֿל שיילן און פֿיש „פֿרייען” (פּרעגלען), האָבן אויסגעזען ווי אויפֿגעקומענע דינסטן לעבן דער איינגעשרומפּענער רחלען.

ביסלעכווייז האָבן די שטענדיקע זונטיקדיקע שפּאַצירער פֿון ווייטשעפּל אָנגעהויבן נאָכקוקן די בערמאַנס. נישט געקענט דערגיין, וואָס פֿאַראַ סאָרט מענטשן דאָס זענען. האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז זיין אַ געוועזענער פּעטערבורגער רב און זיי האָבן אים אָנגעהויבן רופֿן:

— ראַביי!

— דער ראַביי גייט! — האָבן זיך ווייבער געטוליעט נענטער צו זייערע מענער, כדי צו מאַכן אָרט פֿאַר די בערמאַנס.

בערמאַן האָט נישט געוווסט, אַז מען מיינט עס אים און ער האָט מיט רחלען אַוועקשפּאַצירט צו אירס אַ פּלימעניצע, וואָס ער, בערמאַן, האָט דאָ אויסגעפֿונען. די פּלימעניצע האָט זיי אויפֿגענומען מיט אַברייטן שמייכל אויפֿן שמאַלציקן פּנים. זי האָט געהאַט אַ סך נחת און אַ סך כבוד פֿון בער־מאַנס באַזוכן. זי האָט זיי מיט פֿאַרגעניגן צוגעטראָגן די צוויי פּאָרציעס הייסע פּעקל־ברוסט, מיט די גלאַנציקע שטיקער זויערע אוגערקע. זי האָט ממש געשיינט.

— זאָלן זיי עסן געזונטערהייט:

נאָכן עסן האָט זי צוגעשיקט מיטן קעלנער צוויי גרויסע שטיקער עפּל־פֿלאָדן, רויטע, לויטערע קאָכעדיקע טיי אין פֿינקלענדיקע גלעזער. ווו זי האָט נאָר געפּאַקט אַ ליידיקע מינוט, האָט זי זיך אַליין צוגעכאַפּט אַ שמועס טון, אַ פֿרעג טון צי מען וויל נאָך, געבעטן זיי זאָלן איר צוליב טון און פֿאָרט נאָך עפּעס עסן.

די עסערס אַרום די טישלעך האָבן צווישן זיך געפּרוווט טרעפֿן ווער די צוויי אויבן ביים פּריוואַטן טישל זענען, נישט אויפֿגעהערט אַריבערוואַרפֿן אויגן. און די אייגנטימערן פֿונעם רעסטאָראַן, רחלס פּלימעניצע, האָט זיי נישט גע־לאָזט לאַנג וואַרטן.

— דאָס איז מיין אָנקל מיט מיין „אַנטע”! ער איז שטיין־רייך, זייער, זייער רייך!

— איז עס אמת, אַז ער איז אַ ראַביי? — האָבן די געסט געוואָלט וויסן.

— ר'איז געווען פאַר דער מלחמה! — האָט די אייגנטימערין נישט לאַנג געטראַכט און אים געמאַכט פאַר אַ רב, בערמאַנען, זאָל זיין אַ טאָפּלטער יחוס פאַר אירע אומזיסטע וועטשערעס.

לאַנג פלעגט בערמאַן נישט בלייבן זיצן ביי דער פלימעניצע.

— וואָס איילט זיך די אַנטע? זאָל נאָך דער אָנקל זיצן אַביסל.

נאָר בערמאַן האָט זיך אַהיימגעאיילט.

— מען טאָר זיך נישט מאַכן ביליק!

און אַז די פלימעניצע האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט, האָט ער געהאַט אַ תירוץ—דער טאַטע, הגם דעם פאָטער פלעגט ער גאָר יעדן זונטיק נאָכמיטאָג אַריינפירן צו אַ שכן, אַ ייד, וואָס האָט אוועקגעגעבן די גאַנצע וועלט מיט אַליץ, וואָס זי פאַרמאָגט, פאַר אַ קערטל. דער ייד האָט יעדן זינטיק אַרויסגעשיקט ס'ווייב מיט די קינדער, ס'זענען זיך אָנגעקומען חברה, מ'האָט פאַרשאַרצט די אַרבל און זיך גענומען צו אַן אָקע, אָדער אַ זעקס און זעכציק, אַזוי אַריינגעטון זיך אין דער אַרבעט, אַז זיי האָבן לגמרי פאַרגעסן דעם אַלטן ר' חיים יוספן, וואָס פלעגט זיצן ביים אויוון און אַרייַנקוקן אין אַ ספר, אָדער דרימלען.

רחל פלעגט שטאַרק חשק האָבן צו בלייבן לענגער אינעם פרייַלעכן, העל־באַלויכטענעם רעסטאָראַן, צוקוקן זיך ווי מענטשן גייען, מענטשן קומען און פאַרגעסן זיך אַביסל. נאָר בערמאַן האָט זיך געאיילט, פלעגט זי תמיד מוזן אַהיימגיין גראָד דעמאָלט, ווען אין ווייטשעפּל פלעגט זיך אָנהויבן דאָס אמתע לעבן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיטן פון די שמאָלע געסלעך — די יוגנט. ווען פון די חושכדיקע, געבויגענע אָרעמע הייזקעס, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן, שיעור נישט איינגעפאַלן און באַגראָבן אונטער זיך ס'גאַנצע ביסל יידישע אָרעמקייט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יינגעלייט און מיידלעך, אויסגעפּוצטע, רווישנדיקע, זשומענדיקע און פאַרהילכן די גאַס מיט זייער פריילעכן געלעכטער, בלענדן די אויגן מיט זייער אָנטועכץ, מיט זייער ביליקער שמינקע.

בערמאַן פֿלעגט פֿאַרקרימען מיט דער נאָז. ס'איז אים אַ האָר נישט געפֿאַלן געוואָרן זייערע לאַנגע באַל־קליידער, וואָס האָבן אויסגעקערט די ווײַטשעפּל־רויד. נישט די צו־ענגע קאָסטיומען, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעטון, כּדי אויסצוזען שלאַנק... ער איז געווען אַ גוטער מבֿין אויף זייערע זילבער־פֿוקסן... ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן די יינגעלייט אין די ענגע מאַנטלען מיט די לאַקירטע שיך, מיט די געלע, זאַמישענע הענטשקעס, און דיקע איינגעוויקלטע שירעמס, אַלאַ פּרינץ אָף וויילס.

— זיי מיינען, זיי נאַרן אָפּ די וועלט! — האָט ער געזאָגט צו רחלען.

— ביזט שוין אַמאָל געוועזן אין זייערע געסלעך? אסור, צי ס'קען דאָרט אַ מענטש דורכגיין! טפֿו זאָל עס ווערן. לאָזן זיך אַרויס אין די גאַסן, רייסן אויף גויים די אויגן אין אַזאַ צייט... — האָט בערמאַן פֿאַרגעסן, אַז ער מיט זיין ווייב שפּאַצירן אויך, אויסגעפּוצטע אין די גאַסן.

רחלען איז די גאַס גראָד זייער שיין געפֿאַלן געוואָרן. סיי די גאַס, סיי אַלץ, וואָס איז דאָרט געוועזן. — די ליכטיקע געשעפֿטן וואָס שטייען אַלע אָפֿן און אין די שוי־פֿענצטער גיסט זיך ליכט און גלאַנץ צוזאַמען. די שילדלעך אין די ברייטע, גרויסע שיך־געשעפֿטן, שטייען אויסגעשטעלט אַזוי חנוודיק. זיי רעדן ממש צו די מענטשן: „קומט אַריין, מעסט אָן". גלאַנציקע מעבל־געשעפֿטן, מיט שלאָף־חדרים, עס־חדרים און סאַלאָנען, וואָס וואָלטן זיך פֿאַר מאָנאַרכן געפּאַסט. און צווישן די שטיקער מעבל — גיסט זיך רויטער און גרינער סאַמעט און זייד, פּרעכטיק־דראַפּירט, נישט ערגער ווי אין די שענסטע געשעפֿטן פֿון דער וועסט־ענט. די חנוודיקע וואַקסענע פֿיגורן אין די קליידער־געשעפֿטן זענען אָנגעטון אין טייערע באַל־קליידער, פּעלצן, אַלערליי געבלימלטע זיידענע קליידער, וואָס דערמאָנען אָן זומער, אָן בלומען־בייטן. מענערישע אויבערהעמדער, קראַוואַטן און הענטשקעס — אַלץ זעט אויס גוט, רייך. פּונקט אַזוי רייך זעט אויס דער וואַקסענער, שוואַרץ־האָריקער יונגערמאַן מיטן אָנגעפּאָמאַדירטן קאָפּ, אינעם טונקל־רויטן זיידענעם שלאָפֿראָק, וואָס זיצט זיך ברייטלעך אין שוי־פֿענצטער, שמייכלט אַזוי זאָרגלאָז־עלעגאַנט, רופֿט קונים אָן ווערטער.

רחל קוקט און פֿאַרגעסט אַוויילע — אפילו אין דורן. בערמאַן קוקט און חידושט זיך:

— ווער קויפֿט אָט די אַלע טייערע זאַכן? אַז בסך־הכל זענען די אַלע

געסלעך, וואָס שלענגלען זיך אַרום דער הויפּט־גאַס, אָנגעפּיקעוועט מיט דלות, יידישן דוֹלת און גוישקן דלות.

אויסגעפּוצטע יידן און יידינעס, וואָס האָבן זיך צוליב דער מלחמה אַביסל אַרויפֿגעאַרבעט, האָבן פֿאַר די שילינגס, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט ביי שווערער, ביטערער אַרבעט גאַנצע טעג און האַלבע נעכט, אַביסל צירונג איינגעקויפֿט, פֿאַר אַ שטיקל תכלית געזאָרגט, „זאָל עפּעס ליגן פֿאַר אַ רעגנדיקן טאָג". האָבן זיי זיך דערווייל אויסגעפּוצט אין דעם, אָנגעטון די רינגלעך אויף די דיקע פֿינגער, די בראָשעס אויף די אַלטע דעקאָלטן און אין ענגשאַפֿט געשטופּט זיך, אַלע אויף דעם איינעם טראָטואַר. אַקעגנאיבער איז געשטאַנען אַ ברייטער טראָטואַר אינגאַנצן ליידיק, טונקל און מרה־שחורה'דיק. די עטלעכע קראָמען זענען דאָרט געווען אַריינגערוקט אַזוי, אַז מ'האָט זיי כמעט נישט אַרויסגעזען. דעם סאַמע אויבנאָן האָט פֿאַרנומען אַ גרויסע, שוואַרצע קירכע, געבויט אין גאָטישן סטיל, מיט אָן אַ שיעור שפּיצן און שפּיצלעך, מיט לאַנגע שאָטנס, וואָס האָבן זיך כסדר געשפּרייט, פֿאַרשלינגען אַלץ אַרום זיך אין שוואַרצקייט אַריין, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע אויסגעדאַרטע טויבן, וואָס האָבן דאָ נעסטן זיך געמאַכט. מיט אַ שפּיץ, וואָס האָט זיך אין סאַמע הימל אַריין געשניטן, אַ פּחד אָנגעוואָרפֿן, עפּעס ווי אַ סודותדיקן ווונדער געטראָגן.

אפֿילו נאָרמאַלע „טרעמפּס" האָבן אויסגעמיטן יענע זייט גאַס. אינעם גאַנצן געזעמל פֿון מענטשן האָט מען אָפֿט געזען דורכשאַרן זיך — אַ פּאָר אָנגעצינדענע אויגן, אַ געשוואָלן, גאַווערדיק מויל און אַ בינטל קאָלטנס אַרום אַ שוואַרצער, צעקנייטשטער שמאַטע, אָנשטאָט אַ פּנים. מיט אַ פּאָר אַלטע צייטונגען אַרומגעוויקלט אַרום די לענדן, מיט אַ ברודיקן שטריק פֿאַרפֿעסטיקט, שאַרן זיי זיך אַדורך, אָדער שטעלן זיך אָפּ כדי אויפֿצוהייבן אַ פּיצל פּאַפּיראָס, אַ שטיקל איינגעוויקלט פּאַפּיר, אפשר וועלן זיי דאָרט עפּעס געפֿינען. גאָרנישט נישט געפֿונען, שאַרן זיי זיך ווייטער איבער דעם העל־באַלויכטענעם טראָטואַר, כדי ערגעץ אונטער אַ בריק צו פֿאַרכאַפּן אַ שטיקל אָרט אויף אַוועקלייגן דאָס פּעקל אַלטע צייטונגען, דאָס בעטגעוואַנט זייערס, אָנגרייטן זיך אַ נאַכט־לאַגער.

צווישן די אויסגעפּוצטע מענטשן זעען זיי אויס אַזוי ווי בערגלעך מיסט, וואָס אַ גאַסן־קערער האָט דאָ און דאָרט צוזאַמענגעשאַרט, געלאָזט ליגן, און זיי האָבן זיך פּלוצלונג גענומען באַוועגן.

בערמאַן קוקט זיי נאָך און ס'פֿאַלט אים איין, אַז דוד וואָלט אויף דער עלטער געוואָרן אַזאַ, ווען ער, בערמאַן, וואָלט נישט געווען געטראַכט וועגן אַ תּכלית, נישט פֿאַרזאָרגט אים, נאָר ער וועט אים אם ירצה השם יאָ פֿאַרזאָרגן. אַזוי גיך, ווי ער וועט אַהיימקומען, וועט ער אים נעמען צו זיך, ער וועט פּרוּוון מיט גוטן, ער וועט אים נאָך מאַכן פֿאַר אַ מענטשן. און אין דער צוואה וועט ער אים אויך פֿאַרזאָרגן. זאָל ער נאָר אַהיימקומען, וועט ער אים מיטן אויבערשטנס הילף מאַכן פֿאַר אַ לייט, ער וועט נאָך מיטן אויבערשטנס הילף זיין אַ סוחר.

פֿון אָט דער מחשבה ווערט אים אַזוי גוט אויפֿן האַרצן, אַזוי גרינג, אַז ער דערפֿילט זיך פּלוצלונג די גוטסקייט אַליין און פֿון גרויס צופֿרידנקייט הויבט ער אָן אָפּלויבן פֿאַר רחלען די פּלימעניצע אירע.

— אַ פֿיינע פֿרוי, — הערט רחל מיט פֿאַרגעניגן, ווי ער לויבט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן עמיצן פֿון איר משפּחה.

קאַפּיטל 33

דער ווינטער האָט זיך גערוקט. בײַ רחלען אין קיך האָט זיך דאָס פֿירעקעכדיקע שטיקל זון אויפֿן דיל אויסגעברייטערט. פֿון טאָג צו טאָג גרעסער געוואָרן. די שאָטנס אין די ווינקלען — קלענער. דער איינגעמויערטער אייזערנער אויוון האָט געגלאַנצט קאַלט, שוואַרץ און איבעריק.

ס'איז געווען אַ וואַרעמער פֿאַר־פּסח.

רחלס פּנים האָט, פּונקט ווי דער אויוון מיט יעדן העלן טאָג אַלץ שוואַרצער אויסגעזען. אָן איבעריקע, האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער די שטובן, דער פּסח איז איר קנאַפּ־וואָס אָנגעגאַנגען. אחוץ דעם אַלטן שווער, האָט זי נישט געהאַט מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן.

בערמאַן איז שוין ווידער געווען פֿאַרנומען מיט זיינע געשעפֿטן. און אַז ער איז אינאָווענט אַהיימגעקומען, האָט זי נישט געטאָרט ברענגען דודס נאָמען פֿאַרן מויל. און אחוץ מכּוח דודן, האָט זי איצט בכלל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט רעדן.

פֿלעגט זי זיך אַמאָל אַריינכאַפּן צו דער טאָכטער, האָט איר די פֿרייִלעכקייט געבייזערט. זשאַנעט האָט אויסגעפּוצט די דינסט אין אַ שוואַרץ, אַט־

לעסן קלייד, געקויפט איר דאָס קלענסטע באַטיסטענע פֿאַרטוכל, וואָס אַ דינסט האָט ווען עס איז אָנגעטון. דאָס פֿיינסטע מושלינענע קעלנערל מיט מאַנקעטלעך. דאָס שענסטע טשיפּיקל, וואָס לאָנדאָן האָט פֿאַרמאָגט. יעדן נאָכמיטאָג, די רגע, וואָס זי איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, די דינסט, האָט זי זיך געמוזט אויספּוצן, אפילו די נעגל מאַניקירן, אַזוי האָט געוואָלט זשאַנעט. און אַ הינטעלע האָט זי זיך געקויפֿט, זשאַנעט, אַ קליינס, אַ קודלעוואַטע, פּונקט אַזאַס ווי ס'האָבן געהאַט די העלדינס פֿון אירע פֿראַנצויזישע ראָמאַנען.

אַליין האָט זי זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט אין אַלעראַליי אויכטערלישע שלאָפראָקן, פֿון זייד, אַטלאַס און סאַמעט, מיט אויסגעהאַפֿטענע הינטלעך, מאַלפּעס, כינעזער, וואָס רויכערן אָפּיום, אַראַבערינס מיט לאָגלס וויין אויף די קעפּ און פֿראַנצויזישע טענצערינס.

מיט דער דינסט איז זי געווען חבר־לאַפּ. די דינסט פֿלעגט זיך אַזש פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַ דינסט. די באַלעבאָסטע פֿלעגט איר אָנדערציילן מעשיות. זי — דער באַלעבאָסטע. צוזאַמען האָבן זיי געשטיפֿט און געלאַכט, געשפּילט זיך מיטן הינטל. טיילמאָל פֿלעגט איר, אין מיטן בעסטן שפּילן זיך, באַפֿאַלן אַ „משוגעת", פֿלעגט זי זיך צעשרייען אויף דער דינסט. אַזוי באַצאָלן איר, אַז די דינסט האָט די גאַנצע קיך מיט טרערן אויסגעווייקט. פּונקט אַזוי פּלוצלונג פֿלעגט זי איר צוריק אַריינרופֿן, איבערבעטן זי, פֿאַרענטפֿערן זיך, אַז זי איז נערוועז און ס'איז ווידער געווען פֿריילעך.

רחל פֿלעגט כמעט נישט קומען צו דער טאָכטער. און אַז זי איז אַמאָל יאָ געקומען, פֿלעגט זי אַ קוק טון, אַ טראַכט טון, אַז זי איז נאָך מער משוגע ווי געוועזן. דערמאָנען זיך אין דער גאַנצער מעשה און וועלן צוריק אַנטלויפֿן. ס'איז איר דאָ נישט גוט געוועזן, ס'איז איר אין דער היים נישט גוט געוועזן. אָבער ס'איז איר שוין ליבער געוועזן אין איר קיך מיטן אַלטן געלייכטן שווער, איידער דאָ.

נאָר אַז די טאָכטער האָט פֿאַרשפּאַרט די טיר, געשווירן, אַז זי טוט זיך שוין אָן, אַז נאָר היינט איז זי אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אין שלאָפראָק, געבעטן דער מאַמען זיצן, אפילו אַרויסגעשיקט די דינסט עפּעס קויפֿן איר מכבד צו זיין, האָט רחל געכאַפּט אַ בליק אין אַלע שפּיגלען מיטאַמאָל, זיך דערזען מער טויט ווי לעבעדיק, און אויפֿגעהערט גלויבן, אַז זי האָט נאָך גאָר כוח אַהיימצוגיין.

— איי, מאַמע, עסטו פֿון זיך מאַכן אַ תּל! — האָט זשאַנעט יעדעס מאָל באַגעגנט די מוטער מיטן פּאַסיקסטן וואָרט, וואָס זי האָט געפֿונען.

— איך דאַרף נישט מאַכן, מען האָט שוין געמאַכט! דער דאָקטער זאָגט, אַז ס׳איז גאָרנישט, דאָס האַרץ איז מיר שוואַך, זאָגט ער, ווייטער גאָרנישט. איך אָבער פֿיל, אַז לאַנג וועל איך שוין נישט אָנטרייבן. נאָר מילא, זאָל איך כאָטש אויסלייזן מיין קינד דערמיט, בין איך גרייט.

פֿלעגט זיך רחל באַגיסן מיט גרויסע קאָכעדיקע טרערן פֿון רחמנות צו דורן און צו זיך אַליין.

אַז זשאַנעט האָט זיך גענומען בייזערן אויף דער מוטער, געוואָלט אַזוי אַרומעט פֿאַרטרייבן די מרה־שחורה, דעם דריקנדיקן געפֿיל, וואָס האָט רחלען געפּרעסט סיי בייטאָג סיי ביינאַכט, האָט זי זיך נאָכמער צעוויינט, קוים אַרויסגעכליפּעט די עטלעכע ווערטער, וואָס זשאַנעט האָט שוין געקענט אויף אויסנווייניק:

— הלוואי זאָל איך בלייבן אַ ליגנער! נאָר ס׳האַרץ זאָגט מיר קיין גוטס נישט צו!

אויבן, אויפֿן ערשטן שטאָק, איבער די בערמאַנס, האָט געוווינט אַ פֿאַמיליע. האָט דאָרט געטראָפֿן דאָס, וואָס עס האָט געטראָפֿן אַ סך פֿאַמיליעס. אַ זון איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, אַ פֿריילעכער, אַ געזונטער און אַהיימגעקומען איז אַ פּעקל מלבושים, אַ צוויי־דריי מעדאַלן און אַ לויב־געזאַנג פֿונעם קריגס־מיניסטעריום, אַז ער האָט געקעמפֿט ווי אַ העלד און איז געשטאָרבן ווי אַ העלד.

ווען די פֿאַמיליע האָט זיך פּלוצים אָנגעטון אין שוואַרצן, האָט רחל ביי יעדן קלאַפּ אין טיר — דערזען דעם פּאָסט־טרעגער מיט אַ קאָנווערט, גערעמט אין שוואַרצן. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן קיין טרייסטן, קיין רעדן, קיין געבן איר צו פֿאַרשטיין, צום טויזנטסטן מאָל, אַז ס׳קומען אַהיים מער סאָלדאַטן, ווי ס׳פֿאַלן, אַז דאָס איז פּונקט ווי אַלצדינג אין דער וועלט „אַ מזל זאַך“, אַז אויב מען האָט יאָרן, קומט מען אַהיים צוריק אפילו פֿון יענער וועלט, אַז טאָמער נישט, קען מען חלילה אַזוי אויך קראַנק ווערן און שטאַרבן.

רחל האָט אַלץ אויסגעהערט, מסכים געווען, אַליין אויך פֿאַרשטאַנען, אַז אויב ס׳האָט זיי אויבן געטראָפֿן, איז נישט קיין סימן, אַז עס מוז איר אויך טרעפֿן. זי האָט צום טויזנטסטן מאָל אויסגעשפּיגן, געטריבן פֿון זיך די בייזע מחשבות, נאָר פֿון איין ווינקל מוח האָט זי זיי פֿאַרטריבן און אין

אַנדערן האָבן זיי זיך באַזעצט און גענאָגט און געעקבערט און דער שטיין אויפֿן האַרצן האָט זיך נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט.

ווען דער איידעם האָט זי נאָכדעם, וואָס ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, אַהיימגעפֿירט, האָט זי אים געבעטן ער זאָל זי נישט טרייסטן, אַז דאָס מאַכט איר נאָכמער נערוועז. זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיקע איבער די שטילע גאַסן פֿון דער „נאָרד אָף לאָנדאָן”, האַרטנעקיק געשוויגן. יעדער טריט האָט אָפּגעהילכט אויף די ליידיקע טראָטואַרן. די הייזער זענען געשטאַנען פּונקט אַזעלכע שטילע, אַלע פֿענצטער פֿאַרהאָנגענע מיט פֿיינע פֿאַרהאַנגען, מיט שווערע פּאָרטיערן. פֿון די פֿראָנט־גערטנער האָבן זיך שוין געטראָגן אַלער־אַליי ריחות פֿון פֿרילינג. טוליפּן האָבן שוין געגרינט אויף די בייטן, ביימער זענען שוין געווען אָנגעטרונקען מיט זאַפֿט און לעבן, גרייט יעדער רגע אָנצוהויבן בליען. טייל האָבן שוין געהאַט שווערע קנאָספּן אויף זיך, אַפּילו קליינינקע ,העל־גרינע בלעטעלעך, פּיצינקע, ווי די שפּילקע־קעפּלעך.

רחלען האָט דער ריח פֿונעם אויפֿגייענדיקן לעבן געררייצט. עפּעס ווי זי וואָלט נישט פֿאַרגינען די ביימער זייער אויפֿקום, זייער נײַ לעבן. זי האָט גענומען גיין גיכער, געוואָלט וואָס גיכער זיין אין שטוב מיטן שוואַרצן אויוון, מיטן אַלטן, געליימטן שווער. דאָס געפּישטשעריי פֿון די פֿייגל האָט איר אין די אויערן געגרילצט, זי האָט טיפֿער אַראָפּגערוקט דעם הוט, אויפֿ־געשטעלט דעם קאָלנער פֿון מאַנטל, כדי עס נישט צו הערן.

— ס׳איז אייך קאַלט, שוויגער?

— ניין, ניין! — האָט די שוויגער, וואָס איז געווען יאָרן יינגער פֿונעם איידעם, נערוועז אָפּגעהאַקט.

בערמאַן האָט אַליין אָנגעגרייט דעם פּסח. אַליין באַשטעלט מצות, אַליין אויסגעקליבן ביים קצב עטלעכע הינער, אַליין באַשטעלט וויין און אַלעראַליי געטראַנקען, אַליין געכשרט און געררוימט, געקאָכט און געפּרעגלט, גאַנצע אָוונטן אַרומגעדרייט זיך אינעם וויסן כאַלאַט, געוויזן רחלען די איינגע־האַנדלטע פּסחדיקע זאַכן, געוואָלט זי זאָל באַטאַפּן די הינער, פֿאַרמאַכט איין אויג און מיטן אַנדערן דורכגעקוקט די לויטערקייט פֿון די אייער — געקוקט מיטן אייגענעם אינטערעס ווי בשעת ער קוקט דורך די לויטערקייט פֿון די דימענטן.

רחל האָט זיך נישט צוגערירט, זי האָט אויף אַלעם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געחלשט צו זאָגן דעם מאַן, ער זאָל איר צורו לאָזן.

פּסח, צום ערשטן סדר, איז אין דער פּראָנט־שטוב געשטאַנען דער לאַנ־גער טיש מיט אַ ווייס־אָנגעקראָכמאַליעט טישטוך, מיט דריי בוקעטן בלומען, וואָס זשאַנעט האָט צוגעשיקט מיט דער דינסט. דאָס גאַנצע זילבער אַרויס־גענומען, אויסגעשפּרייט איבער דער לענג פֿון טיש. די גאָלדענע כוסות אויף אַ גאָלדענער טאַץ אַרום אַ פֿונקלדיקער קאַראַפֿינקע גליענדיקן וויין. עטלעכע פֿאַרבלאָטיקטע ראשון־לציון־פֿלעשער דערלעבן. אינעם אָפֿענעם קאַמין האָט געברענט אַ העל פֿייער, געשפּרייט אַ ליבע, אינטימע וואַרעמקייט צוזאַמען מיט אַ נגידישער רחבות. אינעם לאָמפּ האָבן אַלע טיילן געברענט, העל און לויטער געברענט. אין די גרויסע, זילבערנע לייכטער האָבן גרויסע ליכט גע־ברענט, יום־טובדיקער געמאַכט דעם יום־טוב.

בערמאַן איז געזעסן אויבנאָן אין אַ ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער, זילבער־באַנייטער יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ, קעגנאיבער — דער פֿאָטער אויך אין אַ ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער, זילבער־באַנייטער יאַרמולקע אויפֿן אַלטן קאָפּ, האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי מלכים, איינער אַ ייִנגערער, פֿון אַ גרעסער לאַנד, וואָס האָט פֿאַרבעטן אַן עלטערן מלך פֿון אַ קלענערער מדינה, אַ שכנותדיקע, צו זיך צוגאַסט. אַרום טיש — דער איידעם מיט דער טאָכטער.

רחל — אַ פֿאַרצאָגטע, אין אַ יום־טובדיק קלייד, מיט כלל נישט קיין יום־טובדיק פּנים, זשאַק — לעבן פֿאָטערס רעכטער זייט, גרייט צו פֿרעגן די קשיות. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטילער קלאַפּ אין טיר און עס איז אַריינגעקומען די שכנה פֿון ערשטן שטאָק, איינגאַנצן איינגעהילט אין שוואַרצן, מיט אַ דיקער, שוואַרצער קרעפּע, טיף אַראָפּגערוקט איבערן הוט, איבערן פּנים, מיט אַ קאָשיק אין אַ שוואַרץ־באַהענטשקעטער האַנט און אַ בריוו — אין דער אַנדערער. די פֿרוי האָט אַביסל פֿאַרהויבן די קרעפּע איבערן בלאַסן פּנים, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איידער זי האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויס־צופֿאַרען, האָט זיך רחל אויפֿגעשטעלט, אַ לאָז געטון זיך מיט אויסגעשפּרייטע הענט נאָכן בריוו און נישט באַוויזן צוצוקומען נאָענט גענוג, כדי אים איבער־צונעמען. זי האָט אַ שלוכץ געטון, אַ געשריי געטון: „אַ בראָך איז צו דער מאַמען”, אַ שטילן זאָג געטון „ס'איז מיר נישט גוט”, אַ וואַקל געטון זיך און אַ פֿאַל אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע, מיט אַ שווערקייט פֿון אַ שטיין. ס'איז

געוואָרן אַ געוואַלד, מ'האָט גענומען שרייען, רייסן זי, גיסן איר בראָנפֿן אין פֿאַרהאַקטן מויל אַריין, מ'האָט איר געקניפּט, געריסן פֿון איר שטיקער.

פֿון ערשטן שטאָק איז אַראָפּגעקומען צולויפֿן דער שכן, אַלע קינדער נאָך אים, אַלע אין שוואַרצן.

דער אַלטער ר' חיים־יוסף האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז געליימט, ר'האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער שנור, אַליין שיעור נישט אַוועקגעפֿאַלן און מיטגעשלעפּט דאָס טישטוך מיט זיך. ס'האָבן זיך גענומען שיטן כּלים מיט אַ זילבערנעם געקלאַטער. ס'האָט זיך געגאָסן דער וויין פֿון די גאָלדענע כּוסות. ס'טישטוך האָט אָנגעהויבן ברענען אויף דער ערד, לעבן דער טויטער.

די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. זשאַנעטס דינסט האָט געבראַכט צושלעפּן אַ טאָפּ וואַסער פֿון קיך, געפּרוווט לעשן די שׂרפֿה. זשאַק איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געדענקט, אַז מען דאַרף אָנקלינגען נאָכן דאָקטער, וואָס האָט געוווינט אין שכנות.

דער דאָקטער איז אינגאַנצן מבולבל געוואָרן. אַ מאָדנע בילד האָט ער דאָ פֿאַר זיך געהאַט: צוויי ייִדן אינגאַנצן אין ווייסן, אַ גאַנצע משפּחה אין שוואַרצן, גאָלדענע און זילבערנע כּלים וואַלגערן זיך אויף דר'ערד, אין דער נעץ ליגט.דער טויטער גוף, אַרום איר ברענט. די לעבעדיקע, וואָס זעען אויך אויס ווי טויטע, רייסן פֿון איר שטיקער. טייל רייסן שטיקער פֿון זיך אַליין. אַ קליינע פֿרוי אין שוואַרצן נאָר שטייט אין אַ ווינקל ווי אַ גיפּסענע פֿיגור, קוקט אויף איין אָרט מיט פֿאַרגלייזטע אויגן און זעט אויך אויס ווי אַ טויטע זאַך.

דער דאָקטער האָט בלויז געקענט פֿעסטשטעלן, אַז זי איז טויט, רחל. און אַז לויט זיין מיינונג איז זי געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג.

אַ גאַנצן יום־טוב איז דאָס הויז געווען פֿול מיט גוטע פֿריינט. זשאַנעט האָט אַלע רגע איבערגעשראָקן די אַזוי אויך צום טויט דערשראָקענע שטובמענטשן מיט אירע כּמעט חלשות־אָנפֿאַלן. דער אַלטער ר' חיים־יוסף האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און איז דאָרט געלעגן ווי אַ שטיק צעיורן טייג. ער האָט נישט גערירט מיט קיין אבר. ר'איז אינגאַנצן געליימט געוואָרן. אַחוץ דאָס לשון, וואָס ער האָט נישט פֿאַרלוירן. ער האָט פֿאַרגעסן, אַז דער דאָקטער האָט געזאָגט: זי איז טויט — און האָט געהאַלטן אין איין נאָכפֿרעגן זיך:

— נו, וואָס מאַכט זי? וואָס מאַכט רחל?

— בעסער! — האָט מען אַ ברום געטון און אָפּגעקערט זיך.

— בעסער? געלויבט השם יתברך דערפאַר! — האָט דעם אַלטנס גע־שטאָרבענער שמייכל אין די אויסגעלאָשענע אויגן, מיט זיין געל, צעקנאָדערט פּנים, אַ פּחד אָנגעוואָרפן.

עס האָט אויסגעזען ווי דער טויט אַליין וואָלט דאָ געשמייכלט.

אַ שטיק צייט שוין נאָך דער לויה האָט בערמאַן געפונען דעם בריוו, וואָס די פרוי האָט דעמאָלט גראָד צוגענומען ביים פּאָסט־טרעגער, מחמת זי איז גראָד אָנגעקומען פון גאַס.

בערמאַן האָט נישט געוווסט און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז אָט דער בריוו האָט גורם געווען רחלס טויט און דעם פּאָטערס געליימט ווערן.

ער האָט צום צענטן מאָל איבערגעדרייט דעם קאָנווערט, צום צענטן מאָל געזען אויף אים דעם נאָמען. ס'איז אים אַדורך אַ שווידער דורכן לייב, ווען ער האָט אים געעפנט. דער בריוו האָט בסך־הכל געהאַלטן די דאָזיקע עטלעכע שורות:

„זייער געערטער הער בערמאַן!

ביטע מיר זאָפאָרט צו באַנאַכריכטן מכוח דעם פּרייז פון קאַראַט. אויב זי שטימען איין, צו מיין אָנגעבאָטענעם פּרייז, איז די „פּאַרטיי" זאָ גוט אַלס פאַרקאַפט. אויב נישט — מעכטע איך אירן פּרייז וויסן. איך ביטע זאָפאָרט אַנטוואָרטן. גריסען זי אירע פראַו, ווינטשע אינען איין כשרן אונד איין פריי־לעכן יום־טוב.

האָכאַכטונגספאָל,

יוליוס שאַפּירא."

קאַפּיטל 34

ווען בערמאַן איז נאָך דער מלחמה צוריק אַהיימגעקומען, האָט די שטאָט געשמעקט מיט ליים, קאַלך, ציגל און קאָנקריט. כמעט אַלע הייזער זענען געווען פאַרשטעלט מיט רושטאַוואַניעס. ס'איז געווען אין מיט זומער. די שטאָט האָט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש, אויסגעברייטערט און העלער. דער הימל — אָן אַ שיעור העכער ווי אין לאָנדאָן און ווי, דאַכט זיך, אפילו אין אַנטווערפּן, ווען עס איז פריער.

אַרבעטער, אין ווייסע כאַלאַטן, באַשפּריצט מיט כלערליי פאַרבן און קאַלך, האָבן געטינקעוועט, געפאַרבט, געפּוצט. אַנדערע האָבן אַרויפגעוואָרפן ציגל אויף די רושטאָוואַניעס. די מענטשן אויבן האָבן זיי קונציק אונטער־געכאַפּט. ס'האָבן זיך געטראָגן קולות פון אונטן אַרויף, פון אויבן אַראָפּ, פריילעך אָפּגעהילכט. אַ נײַ לעבן האָט זיך געבויט.

בערמאַן האָט געלאָזט עפענען זײַן הויז. אַ ריח פון שימל און קבר האָט אים אַ זעץ געטון אין דער נאָז אַרײַן. די פינצטערקייט האָט אויף אים אַ פּחד אָנגעיאָגט.

ער האָט צעעפנט לאָדנס, פענצטער און טירן — אַ רואינע, נישט קיין היים. די טעפּיכער זענען געווען אויסגעטרעטן, צעריסן, מיט אויסגעברענטע לעכער פון סיגאַרעטן און לחלוטין אָן שום קאָליר. די פּליושענע זאָפעס און שטולן—אויסגעלעגן, איינגעפאַלן, אָפּגעקראָכן, דראָטן און פלאַקס האָבן פון זיי אַרויסגעסטאַרטשעט. דער טיש — צעראַצט, די פּיאַנע איז אינגאַנצן נישט געווען. די ווענט — אָפּגעשיילט, פאַרפעטסט, ערטערווייז — באַדעקט מיט גרינעם שימל. די קאַכליעס אין קיך — ברוין־ברודיק, אַ סך אַרויסגעפאַלן. אויף זייער אָרט — גרויע לעכער. דאָס געשיר — צעבראָכן, און אומעטום — שטויב, שטויב, שטויב. שטויב און שפּינוועבס.

אינעם שפּינוועבס האָבן זיך בייכיקע פליגן געוואַלגערט. שפּינען האָבן זיך כסדר פרישע נעצן געוועבט.

— פּאַפּאַ, איך על דאָ נישט זײַן, איך האָב מורא! — האָט זשאַק, וואָס האָט שוין ווי אַ גאַנצער מאַנספּאַרשוין אויסגעזען, געגערדט צום פּאָטער, ווי ער וואָלט אַ קליין קינד נאָך געווען — בררר...!

בערמאַן האָט זיך דערווייל גענומען אַ דירה. ר'האָט זיך אײַנגעגעבן באַ־רואיקט, אַ כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַדוואָקאַטן געפירט, אַזוי לאַנג גע־שריבן און געלאָפן, און געאַרבעט מעשים, ביז ער האָט אַ פיינעם שאָדן־ער־זאַץ באַקומען. איצט ערשט האָט ער גענומען אויפבויען צוריק זײַן הויז.

ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, איז געקומען צופאָרן פון לאָנדאָן זשאַנעט. דערזען דאָס הויז אינגאַנצן ווײַס, אינגאַנצן נײַ, האָט זי אַ געשריי געטון:

— פּאַפּאַ, זאָלסט נישט דערוועגן אײַנצוקויפן קיין מעבל אָן מיר! יעצט איז דאָ מאָדערנע מעבל, אינגאַנצן אַנדערש ווי אַמאָל. דו ווייסט נישט וויסן וואָס צו קויפן, הערסט, פּאַפּאַ? זאָלסט זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף מיר.

דוד איז אַהיימגעקומען, אַ געעלטערטער, ווייסע פּאַסמעס האָבן זיך אויסגעשײַלט פֿון זײַנע זשעט־שוואַרצע האָר. די רונצלען אין פּנים, ווי ביי אַן עלטערן מענטשן, האָבן אים גורם געווען אַן ערנסטן און אַ וואָגיקן אויסזען. ער איז צום פֿאָטער אין הויז נישט אַריין. ר'האָט זיך אַוועקגעצויגן קיין בריסל. אין עסטרייך, וווּ ער איז אַ צייט־לאַנג אַ געפֿאַנגענער געווען, האָט ער זיך אַ פֿאַך אויסגעלערנט, אַן עלעקטראָ־טעכניקער געוואָרן.

וויפֿל בריוו גיטעלע האָט אים נישט געשריבן, האָט ער געהאַט איין ענטפֿער:

— פֿאַרן קינד וועל איך צאָלן! צווישן אונדז איז אַלץ אויס!

אין אַ זונטיק אינדערפֿרי איז זשאַק אַריבערגעקומען צו דודן און זיך געבעטן רחמים ער זאָל אים צונעמען צו זיך.

— כ'קען דאָרט נישט זײַן! ס'טרייבט מיך פֿון דאָרטן! אַ שרעק איז אין די שטיבן דאָרטן. אַלץ איז נײַ. די משוגענע האָט אָנגעקויפֿט פֿון שענסטן און פֿון בעסטן, אַ קלאָג צו איר שכל! זי האָט שוין פֿאַרגעסן אין דער מאַמען, ווי אין אַ בייזן חלום. האַלט זיך אין איין קושן מיט אים.

— מיט וועמען?

— מיטן טאַטן!

— קענסט דאָ בלײַבן מיט פֿאַרגעניגן, זשאַק! קענסט שוין בלײַבן, דאַרפֿסט גאָר נישט צוריק אַהיימפֿאָרן — האָט זיך דוד דערפֿרייט מיטן ברודער. ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן די איינזאַמקייט.

דוד האָט געמאַכט טיי און געבעטן זשאַקן ער זאָל אים צום הונדערטסטן מאָל דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען, ווי אַזוי איז זי געשטאָרבן, די מאַמע.

זשאַק האָט דערציילט און דערציילט. נישט נאָר ווי אַזוי זי איז געשטאָרבן, נאָר ווי אַזוי זי האָט געלעבט זינט דוד איז אַוועק. ביידע ברידער האָבן זיך אַזויערנאָך צום הונדערטסטן מאָל פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַרשטאָרבענער מאַמען, פֿאַר וועמען זיי האָבן אַ טיפֿע ליבשאַפֿט און אַ טיפֿן דרך־ארץ געהאַט. אַ פֿייכטער גלאַנץ האָט אין ביידנס גרויסע, שוואַרצע אויגן אַ שימער געטון. אַ טרער האָט אַ ציטער געטון. ביידע האָבן זיי אַן ווערטער געשוווירן נישט צו האָבן קיין מגע־ומשא מיטן פֿאָטער, נישט מיט אים און נישט מיט זײַן געלט.

בערמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין איבערן הויז. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן. ער האָט צום הונדערטסטן מאָל באַקוקט די שטיקער מעבל, די פֿיינע, טאַפּעצירטע ווענט, די שפּיגלען, וואָס האָבן אים געוויזן, אַז ער איז אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ווייסער באָרד. ער האָט דערפֿילט, אַז ער פּאַסט זיך דאָ קנאַפּ וואָס אַריין.

אַלץ איז איצט אַזוי ניי, אַזוי אַנדערש און נישט נאָר זיין הויז איז ניי, די גאַנצע שטאָט שטייט אַ נייע, אַ ווייסע, אַ ציכטיקע, אפילו די יידישע געטאָ איז ווייס און ניי. ס׳איז נישטאָ קיין זכר פֿונעם אַמאָליקן חושך. די נייקייט האָט אים גערייצט, בערמאַנען. ער האָט זי נישט געליטן.

איז ער געקומען אין דער „פֿאָרטונע״ אַריין, האָבן זיי אפילו דאָ אַלץ געענדערט. עפּעס האָט מען אַריינגעשטעלט מאָדנע מאַשינען. גאַנצע טעג שטייען יינגעלייט, סוחרים, וואָרפֿן אַריין מטבעות, ס׳נעמען זיך קייקלען אַלעראַליי קאָלירטע באַלעכלעך. די מענטשן, ווי זיי וואָלטן אַלע משוגע גע־וואָרן, שטייען קעפּ אויף אַקסל, מיט אָנגעשטרענגטע, נארישע אויגן, קוקן נאָך וואָהין דאָס אַלמעכטיקע באַלעכל וועט זיך דערקייקלען, ווי דאָס וואָלט זייער איינציקער צוועק אין לעבן געווען.

ס׳טרייבט אים צוריק אַהיים. ער זעצט זיך אַוועק. רחל טוט אים אָ שוועב פֿאַרביי די אויגן. אָה, ווי זי האָט עס אים אָפּגעהיטן אביסל, אַ קייזער איז ער דאָך ביי איר געוועזן. און איצט?

— אוי! ס׳איז פּאַסקודנע צו זיין אַליין! די זין ווילן אים נישט קענען, די טאָכטער איז ערגעץ אין לאָנדאָן, ביים אַלטן. אַ תכלית!

אַ רחמנות נעמט אים אַרום אויף זיך אַליין. נאָר פֿאַר די אויגן טוט אים אַ שוועב פֿאַרביי ר׳ ביינִיש דער שדכן מיטן קאַראַקולענעם קעלנערל.

— יאָ, ער פֿילט זיך נאָך ברוך־השם ביי די כוחות. יאָ, ז׳ איז אַ גאַנץ ווילע פֿרוי, גיטעלע. אַ גט פֿון רוסלאַנד איז היינטיקע צייטן קיי־און־שפּיי. יאָ!

און ער זעצט זיך אַוועק און ער שרייבט אַן אַ בריוול צו ר׳ ביינישן. קיין לאָנדאָן וועט ער אים שיקן, דעם שדכן. עס ווערט אים אביסל פֿריילעכער אויפֿן האַרצן. זי וועט זיך דאָס אביסל פֿרייען. אין אַזאַ עשירות פּלוצלונג אַריינפֿאַלן.

אַוועקגעשיקט דאָס בריוול צום שדכן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער

דעם עלעגאַנטן, מאָדערנעם עס־חדר. אַ דינער שמייכל האָט זיך אַריינגעכאַפּט און באַהאַלטן צווישן די גרויע וואָנסעם.

יאָ, ער וועט נאָך מיטן אויבערשטנס הילף אָנהויבן אַ ניי לעבן!

און אַזוי צופֿרידן מיט דעם נייעם לעבן, וואָס דאַרף זיך פֿאַר אים אָנהויבן, איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ער דאַרף — ניין, נישט ער דאַרף — נאָר טאַקע באַלד מאָרגן אינדערפֿרי איה״ש וועט ער שיקן נאָכן מצבה־קריצער און ער וועט באַשטעלן מצבות, סיי פֿאַר רחלען, סיי פֿאַרן פֿאָטער. יאָ, דאָס וועט ער אם ירצה השם טון, איידער ער האָט חתונה. און נאָך עפּעס: ער וועט נישט קוקן דערויף, וואָס דוד ברוגזט זיך. ער וועט שיקן נאָך אים און נאָך זשאַקן. ער וועט זיי בײדע געבן געלט אויף אָנצוהויבן האַנדלען, אָנצוהויבן אויפֿסניי — זאָל זיי אויך גוט זיין.

דער דינער שמייכל צווישן די וואָנסעם האָט זיך אויסגעברייטערט, אַריינגעכאַפּט זיך אין דער באָרד אַריין, אין די אויגן. נישט קיין שמייכל, נאָר אַ געלעכטער, אַ פֿרייד האָט אים אַרומגענומען. און אַזוי צופֿרידן מיט זיך, און מיט זיינע מעשים, איצט, האָט ער גענומען זוכן צווישן דעם פֿאָטערס זאכן, וואָס מען האָט אים געהאַט צוגעשיקט פֿון דער „האָם אָף רעסט" פֿאַר אַלטע לייט אין לאָנדאָן. עס איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ס'איז גאָר מעגלעך, דאָס דער פֿאָטער האָט אפשר קראַנקערהייט אָנגעשריבן אַ שטיקל צוואה. ער וואָלט געוואָלט אויספֿירן דעם פֿאָטערס ווילן ביז אַ האָר. און ער האָט טאַקע געפֿונען.

אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר איז עס געווען. דאָס כתב זיג־זאַגיק, די אותיות — צעבראָכענע, טייל גרויסע און אומגעלומפּערטע, טייל — קליינע און רונדיקע, ווי עס איז געווען דעם פֿאָטערס האַנטשריפֿט בשעת ער איז נאָך געזונט געווען.

בערמאַן האָט געקוקט אויפֿן שטיקל צעקנייטשטן פּאַפּיר, געמאַטערט זיך דורכצולייענען עס. וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ פֿינצטערער איז זיין פּנים געוואָרן. אַלץ בולטער — די אויגן, גרעסער און מרה־שחורה'דיקער.

— איך בעט דיך, טו מיין לעצטן ווילן! זאָלסט למען־השם נישט שטעלן מיר קיין מצבה. איך וויים, און באַוויין דעם טאָג, וואָס כ'בין צו דיר אַריבערגעקומען. כ'וויל נישט קיין מצבה פֿון אַזאַ געלט.

חיים יוסף בן רבקה.

ב ר י ל י אַ נ ט ן

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך בערמאַן אַרומגעדרייט אַהין און צוריק איבערן רייכן, מאָדערנעם עס־חדר, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. ער האָט אפילו נישט געטראַכט פֿון גיין שלאָפֿן. ער האָט בכלל נישט געטראַכט. דאָס שטיקל צעקנייטשטע פּאַפּיר איז געלעגן אויפֿן גלאַנציקן טיש און ווי אים נאָכגעקוקט יעדער טריט. ערשט פֿאַרטאָג איז ער אַן אויסגעמאַטערטער אַריינגעפֿאַלן אינעם טיפֿן, פּליושענעם פֿאָטעל און איז אַיינגעשלאָפֿן. ווען ער האָט זיך אינדערפֿרי אויפֿגעכאַפּט, איז־דאָס שטיקל פּאַפּיר נאָך אַלץ געלעגן אויפֿן גלאַנציקן טיש, ברודיק, צעקנייטשט, ווי געווען. ער האָט אַ קוק געטון דאַרויף. עס האָט אויסגעזען נישט ווי אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר, נאָר ווי אַ ברודיק צעקנאָדערט לעבן וואָלט דאָרטן געלעגן און געטריבן בערמאַנען פֿון הויז אַרויס. עה האָט געכאַפּט דעם הוט, אַרויפֿגעזעצט אים אויפֿן גרויען קאָפּ און אַוועקגעלאָזט זיך איבער די אַנטוועריפענער גאַסן און געסלעך. דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט אים נישט אָפּגעלאָזט פֿון אויג.

אסתר קרייטמאַן גרייט צו צום דרוק אַ בוך דערציילונגען און סקיצן; אַ סך פֿון זיי זענען פֿונעם לאָנדאָנער לעבן, פֿאַר — און אינעם משך פֿון דער איצטיקער מלחמה.

באמערקטע דרוק־גרייזן

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין :
30		סינדיקאַט	„באַנד״ (טרייד יוניאָן)
67	5	מגא ומישא	מגע ומישא
68	15	טירחא	טרחה
29	12	מנבל	מנוול
93	24	רציאות	רציעות
137	32	על	אל
160	10	לחתחילה	לכתחילה
109		אַרומגעדרייט	אַרומגעקריגט
122	5	גוים	גויה׳ס
234	7	אַריינגעפּאַלן אַ פֿרעמדער זאַץ	
244	4	כלאכר יד	כלאחר יד
255	16	בתחלית	בתכלית
258	30	אָפּגעשפילט	אָפּגעשפּיגלט
262	14	אָליוו קאַלטען	אָליוו קאָלירטן
263	9	אַרום האַלדז	אַרום אין האַלדז
270	9	שיפּצען	שפּיצען
278	4	מאטראן	מאָטאָרען
278	9	אונפּאַרשטענדליכער זאַץ	דורכלאָזן אַ שטאָך

זייט 30 און וואו ס׳שטייט דאָס וואָרט „סינדיקאַט״ דאַרף זיין „באַנד״ (טרייד יוניאָן).